STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04940

VIDERGEBURT

Leo Tolstoy

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Mark & Helen Cohen
in memory of
Uncle Sheftel Mager

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב פרוזמון
לון - מאסס,

ל ע ו ו ט אָ ל ס ט אָ י

אַלע קינסטלערישע ווערק

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

לעוו טאָלסטאָי

ווידערגעבורט

ראָמאַן אין צוויי טיילן

יידיש שרה רייזען

ערשטער טייל

ווילנע — 1930
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

איבערגעזעצט מיט די אלע צוגאבן און אויס־
בעסערונגען לויט דער לעצטער אקאדעמישער
אויסגאבע פון רוסלענדישן מלוכה־פארלאג פון 1928.

PRINTED IN POLAND

Lew Tołstoj — „Widergeburt“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

Gift to the Workmen's Circle
in Memory of Jacob Freedman
147 So. Wetherly Dr.
Los Angeles, Ca.

דערנאָך איז פעטרוס צו אים צוגעקומען און האָט געזאָגט: „האַר! וויפיל מאָל זאָל מיין ברודער קעגן מיר זינדיקן און איך זאָל אים פאַרגעבן? ביז זיבן מאָל?“ — און ישו האָט געזאָגט צו אים: „איך זאָג דיר: נישט ביז זיבן מאָל, נייערט ביז זיבעציק מאָל זיבן“.

(עוואַנגעליום, מתיא, XVIII, 21—22)

און פאַרוואָס זעסטו דעם שפּאָן, וואָס איז אין דיין ברודערס אויג און באַטראַכסט נישט דעם באַלקן, וואָס איז אין דיין אויג?

(עוואַנגעליום, מתיא, VII, 3)

דער וואָס איז אָן זינד צווישן אייך, זאָל דער ערשטער דעם שטיין אויף איר וואַרפן.

(עוואַנגעליום, יוחנן, VIII, 7)

דער תּלמיד איז נישט איבער זיין רבין. איטלעכער, וואָס איז פולקאָם, וועט זיין ווי זיין רבי.

(עוואַנגעליום, לוקאַס, VI, 40)

ערשטע טייל

I.

וויפיל די מענטשן האָבן זיך נישט געמיט, פאַרזאַמלענדיק זיך אין עטלעכע הונדערט טויזנטער אויף איין קליינעם שטח, צו פאַרמיאוסן די ערד, אויף וועלכער זיי האָבן זיך צונויפגעשטיקט, וויפיל זיי האָבן זיך

ניִשט געמיט צו באַפּלאַסטערן די ערד מיט שטיינער, אויף איר זאָל גאָרניִשט וואַקסן. וויפיל זיי האָבן זי ניִשט אויסגערייניקט פון יעדן גרעזל, וואָס האָט אויף איר אַרויסגעשפּראָצט, וויפיל זיי האָבן זי ניִשט פאַררויכערט מיט שטיינקוילן און נאַפט. וויפיל זיי האָבן ניִשט אַרומגעשניטן אירע ביימער און ניִשט אַרויסגעיאָגט אַלע חיות און פייגל, — איז פרילינג געווען פרילינג אפילו אויך אין שטאָט. די זון האָט געוואַרעמט, דאָס גראָז, אויפלעבנדיק, איז געוואַקסן און געגרינט אומעטום, ווו מען האָט עס נאָר ניִשט אויסגעראָטן, ניִשט נאָר אויף די גאַזאָנען, פון בולווארן, נאָר אויך אפילו צווישן די אַספאַלט-שטיינער, און די בעריאָזעס, טאָפּאָלן און דער פויגל-בוים האָבן פונאַנדערגעלאָזט זייערע קלעפּיקע און דופטענדיקע בלעטער, די לינדן-ביימער האָבן אָנגעגאָסן די פּלאַצנדיקע קנאָספּן; די באַרג-קראָען, שפּערלעך און טויבן האָבן פרילינגדיק פריילעך געגרייט שוין זייערע נעסטן, און די פליגן האָבן געזשומעט בא די ווענט, דערוואַרעמטע פון דער זון. עס זענען געווען פריילעך אי די געוויקסן, אי די פייגל, אי די אינזעקטן, אי די קינדער. נאָר די מענטשן, די גרויסע, די דערוואַקסענע מענטשן — האָבן ניִשט אויפגעהערט צו גענאַרן און פייניקן זיך און איינעם דעם אַנדערן. די מענטשן האָבן געהאַלטן, אַז הייליק און וויכטיק איז ניִשט דערדאָזיקער פרילינגס-פרימאָרגן; ניִשט דידאָזיקע שיינקייט פון גאָטס וועלט, וואָס איז געגעבן געוואָרן פאַרן גליק פון אַלע באַשעפענישן,... דידאָזיקע שיינקייט, וואָס דאַרף דערוועקן שלום, אחדות און ליבע, נאָר הייליק און וויכטיק איז דאָס, וואָס זיי האָבן אַליין אויסגעטראַכט, כדי צו הערשן איינער איבער דעם אַנדערן.

אַזוי האָט זיך אין דער קאַנצעלאַריע פון דער גובערניאַלער טורמע גערעכנט פאַר הייליק און וויכטיק ניִשט דאָסדאָזיקע, וואָס אַלע ברואים און מענטשן איז געגעבן געוואָרן די לייטזעליקייט און פרייד פון פרילינג, נאָר ס'האָט זיך גערעכנט פאַר הייליק און וויכטיק דאָס, וואָס נעכטן האָט זיך באַקומען אַ פּאַפּיר, נומערירט מיט אַ שטעמפּל און אויפשריפט וועגן דעם, אַז 9 אַ זייגער אינדערפרי זאָלן אין דעם הייניטיקן טאָג — דעם 28-סטן אַפּריל — צוגעשטעלט ווערן אין קרייז-געריכט צו דער אויספאָרשונג דריי אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער טורמע. צוויי פרויען און איין מאַנסביל. איינע פון דידאָזיקע פרויען, אַלס די שווערסטע פאַרברעכערין, דאַרף ווערן צוגעשטעלט איזאָלירט. און דעריבער, אויף דעם סמך פון דערדאָזיקער פאַראָרדנונג, איז דעם 28-סטן אַפּריל אין דעם פינצטערן, שטינקענדיקן קאָרידאָר פון

דער פרויען-אפטיילונג 8 א זייגער אינדערפרי, אריינגעקומען דער עלט-סטער אויפזעער. נאך אים איז אריין אין קארידאר א פרוי מיט אן אויס-געמאטערט פנים, מיט געקרייזלטע גרויע האר, אנגעטון אין א קאפטע מיט ארבל, ארומגעניייטע מיט גאלאנעס און ארומגעגארטלט מיט א פאס מיט א בלויען קאנט. דאס איז געווען די אויפזעערין.

— איר דארפט מאסלאווען ? — האט זי געפרעגט, צוגייענדיק מיט דעם דיזשורנעם אויפזעער צו איינער פון די קאמערן, וואס זענען ארויס-געגאנגען אין קארידאר.

דער אויפזעער, קלינגענדיק מיט די אייזנס, האט אפגעשלאסן דאס שלאס, און אויפעפענענדיק די טיר פון דער קאמער, פונוואנען ס'האט א שטראם געטון נאך א מער שטינקענדיקע לופט, ווי אין קארידאר, האט ער אויסגעשריגן !

— מאסלאווא, אין געריכט ! — און האט ווידער פארמאכט די טיר, בלייבנדיק ווארטן.

אפילו אויפן הויף פון דער טורמע איז געווען די פרישע קוויקנ-דיקע לופט פון די פעלדער, וואס דער ווינט האט געבראכט אין שטאט. אבער אין קארידאר איז געשטאנען די דריקנדיקע טיפוס-לופט, דורכגע-זאפט מיט עיפוש, דזשעגעכץ און טוכלעקייט, וואס האט גלייך אריינגע-בראכט אין מרהשחורה און אומעט יעדן ניי-אנגעקומענעם מענטש. דאס האט אויך אויף זיך דערפילט די אויפזעערין, וואס איז אריינגעקומען פון דרויסן, נישט געקוקט אויף דעם, וואס זי איז שוין געווען געוווינט צו דער שלעכטער לופט. זי האט פלוצלינג, אריינגייענדיק אין קארידאר, דערפילט א מידקייט, און איר האט זיך פארוואלט שלאפן.

אין קאמער האט זיך דערהערט א גערויש : פרויען-שטימען און טריט פון בארוועסע פיס.

— דו הערסט, מאסלאווא, וואס מען זאגט דיר, גיב זיך דארט א ביסל גיכער א קער ! — האט דער עלטסטער אויפזעער אריינגעשריגן אין טיר פון קאמער.

אין א מינוט צוויי ארום איז מיט פעסטע טריט ארויס פון טיר, זיך שנעל אויסגעדרייט און זיך אוועקגעשטעלט לעבן אויפזעער נישט קיין הויכע א פול-ברוסטיקע יונגע פרוי אין א גרויען כאלאט, וואס זי האט געטראגן אויף א ווייס רעקל און ווייס קליידל. אויף די פיס האט די פרוי געטראגן פאדעמענע זאקן, אויף די זאקן ארעסטאנטסקע שיך. דער קאפ איז געווען פארבונדן מיט א ווייס טיכל, פון אונטער וועלכן

מ׳האָט ווי מיט אַ כּוונה אַרויסגעלאָזט קליינע גרייזלעך פון שוואַרצע האָר. דאָס גאַנצע געזיכט פון דער פרוי איז געווען פון יענער אויסערגעוויינלעכער ווייסקייט, וואָס עס טרעפט אויף די פּנימער פון די מענטשן, וואָס זענען געווען אַ לאַנגע צייט פאַרשפּאַרט, און דידאָזיקע ווייסקייט האָט דערמאַנט אָן די וואָרצלען פון קאַרטאָפל אין אַ קעלער. פון אַזאַ קאָליר זענען אויך געווען די נישט גרויסע, ברייטע הענט און דער ווייסער פולער האַלז, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פון דעם גרויסן קראַגן פון כאַלאַט. אין דעמדאָזיקן פּנים האָבן פאַרוווּנדערט די שוואַרצע, פינקלענדיקע, אויפגעלעבטע, עטוואָס אונטערגעשוואָלענע אויגן. אויף איין אויג האָט זי געשיקלט. זי האָט זיך געהאַלטן זייער גלייך, אויסשטעלנדיק די פולע ברוסט. אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר, האָט זי, עטוואָס פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ אויף הינטער, גלייך אַריינגעקוקט דעם אויפזעער אין די אויגן, און איז שטיין געבליבן אין דער גרייטקייט צו טון אַלץ, וואָס מען וועט פון איר פאָדערן. דער אויפזעער האָט געוואָלט שוין פאַרשליסן די טיר, בעת פון דאָרט האָט זיך אַרויסגערוקט אַ בלייך שטרענג־גערונצלט פּנים פון אַ גרויער אַלטער מיט אַ גלאַט פאַרקעמטן קאָפּ. די אַלטע האָט געוועזט געוואָלט עפּעס זאָגן מאַסלאָוען. אָבער דער אויפזעער האָט צוגעדריקט מיט דער טיר דער אַלטערס קאָפּ, און דער קאָפּ האָט זיך אָפּגערוקט. אין קאַמער האָט זיך צעלאַכט אַ פרויען־שטימע. מאַסלאָוואַ האָט אויך אַ שמייכל געטון און האָט זיך אויסגעדרייט צום קליינעם קראַטן־פענצטערל, וואָס איז געווען אין דער טיר. די אַלטע איז פון יענער זייט צוגעפאַלן צום פענצטערל און מיט אַ הייזעריקער שטים אַרויסגערעדט:

— מער פון אַלץ היט זיך פון צופיל פּלאַפּלען. האַלט זיך באַ איינס און פאַרטיק.

— ס׳איז אַלציינס, — ערגער ווי שלעכט וועט נישט זיין. — האָט מאַסלאָוואַ געזאָגט און אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ.

— נו, געוויס, ס׳וועט זיין דאָס, וואָס וועט זיין, — האָט זיך דער עלטסטער אויף זיכער אָפּגערופן מיט אַ הערשערישער זיכערקייט אין זיין אייגענער חכמה. — מאַרש נאָך מיר!

דאָס אויג פון דער אַלטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון פענצטערל איז פאַרשוווּנדן. און מאַסלאָוואַ האָט זיך געלאָזט גיין אויפן מיטן קאָרידאָר מיט שנעלע און קליינע טריט, און איז אַוועק נאָך דעם עלטסטן אויפזעער. זיי האָבן זיך געלאָזט אַראָפּ איבער די געמויערטע טרעפּ און

זענען דורכגעגאַנגען פאַרביי די נאָך מער עיפּושדיקע און טומלדיקע מענער-קאַמערן, פון וועלכע זיי האָבן אומעטום באַגלייט אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון די קליינע טיר-פענצטערלעך. זיי האָבן זיך געלאָזט גיין אין דער תפיסה-אַדמיניסטראַציע, ווו עס זענען שוין געשטאַנען צוויי וואַך-זעלנער מיט ביקסן. דער שרייבער, וואָס איז דאָרט געזעסן, האָט געגעבן איינעם פון די זעלנער אַ דורכגעווייקט מיט טאַבאַק-רויך פּאַפּיר און, אָנווייזנדיק אויף דער אַרעסטאַנטין, געזאָגט: „נעם!“ דער זעלנער — אַ פּויער פון ניזשני-נאָווגאָראָד מיט אַ רויט געשטופּלט פּנים — האָט אַריינגעלייגט דאָס פּאַפּיר אונטער דעם מאַנקעט פון מאַנטל-אַרבל און, שמייכלענדיק, צוגעווונקען אויף דער אַרעסטאַנטקע זיין חבר — אַ ברייטפּנימדיקן טשוואַש. די זעלנער מיט דער אַרעסטאַנטקע זענען אַראָפּ פון די טרעפּ און זיך געלאָזט צום הויפּט-אַרויסגאַנג.

אין די טויערן פון הויפּט-אַרויסגאַנג האָט זיך אויפגעעפנט אַ טירל, און איבערשפּרייזנדיק איבער דער שוועל פון טירל אויפן הויף, זענען די זעלנער מיט דער אַרעסטאַנטקע אַרויס פון דער פאַרצוימונג און זיך געלאָזט גיין מיט דער שטאָט אין מיטן די בּרוקירטע גאַסן.

דראָשקער, קרעמער, קעכינס, אַרבעטער, באַאַמטע פלעגן שטיין בלייבן און מיט נייגיריקייט אַרומגעקוקט די אַרעסטאַנטין; אייניקע האָבן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און פאַר זיך געטראַכט: „אָט צוואָס עס ברענגט אַ שלעכטער וועג“. קינדער האָבן מיט אימה געקוקט אויף דער גזלנטע, באַרויקטע בלויז דערמיט, וואָס נאָך איר גייען נאָך זעלנער און איצטער קאָן זי גאָרנישט טון. איינער אַ דאָרפישער פּויער, וואָס האָט פאַרקויפט קוילן און זיך אָנגעטרונקען מיט טיי אין שענק, איז צו איר צוגעגאַנגען, זיך איבערגעצלמט און איר דערלאַנגט אַ קאָפּיקע. די אַרעסטאַנטין איז רויט געוואָרן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און עפּעס אַרויסגערעדט.

פילנדיק אויף זיך די אָנגעשטעלטע בליקן, האָט זי אומבאַמערקט, נישט אָפּקערנדיק דעם קאָפּ, געקוקט קרימלעך אויף די יעניקע, וואָס האָבן זי אָנגעקוקט און דידאָזיקע אויף איר אָנגעווענדטע אויפמערקזאַמקייט האָט זי פריילעך געמאַכט. ס'האָט זי אויך געפרייט די ריינע, אין פאַרגלייך מיט דער טורמע, פרילינגס-לופט. אָבער די פיס, וואָס זענען געווען אָנגעטון אין די אומגעלומפּערטע אַרעסטאַנטן-שיך, און וואָס זענען געווען אָפּגעוווינט פון גיין, האָבן וויי געטון פון דעם שטיינערנעם בּרוק. און זי האָט געקוקט אונטער די פיס און זיך באַמיט צו טרעטן ווי מעג-

לעך לייכט. פאַרבייגייענדיק אַ מעל-קראַם, לעבן וועלכער עס זענען, וויגנדיק זיך און פון קיינעם נישט געטריבן, אַרומגעגאַנגען טויבן, האָט די אַרעסטאַנטין שיער נישט אָנגעטרעטן אויף איינער אַ גרויער טויב, וועלכע האָט זיך אויפגעהויבן און, פלאַטערנדיק מיט די פליגל, איז זי דורכגעפלויגן באַם סאַמע אויער פון דער אַרעסטאַנטין, באַרירנדיק זי מיטן ווינט פון איר פליי. זי האָט אַ שמייכל געטון און דערנאָך זיך שווער אָפגעזיפצט, דערמאַנענדיק זיך אָן איר לאַגע.

II.

די געשיכטע פון דער אַרעסטאַנטין מאַסלאָוואַ איז געווען אַ גאַר געוויינלעכע געשיכטע. מאַסלאָוואַ איז געווען אַ טאָכטער פון אַן אומפאַרהייראַטער לייב-אייגענער פרוי. האָט געוווינט מיט איר מוטער אין דאָרף אַלס שטאַל-דינסט באַ פריילינס-גוטסבאַזיצערינס.

דידאָזיקע אומפאַרהייראַטע פרוי האָט יעדעס יאָר געבוירן. און ווי דער שטייגער איז אין דאָרף האָט מען דאָס קינד געטויפט — דערנאָך אָבער פלעגט די מוטער נישט דערנערן דאָס נישט געבעטענע, איבעריקע קינד, וואָס האָט נאָר געשטערט די אַרבעט; און עס פלעגט שטאַרבן פון הונגער.

אַזוי זענען צעשטאָרבן פינף קינדער. מען האָט זיי אַלע געטויפט, דערנאָך נישט געשטילט, און זיי זענען צעשטאָרבן. דאָס זעקסטע, וואָס איז געקומען פון אַ דורכפאָרנדיקן ציגיינער, איז געווען אַ מיידעלע, און איר גורל וואָלט אויך געווען אַזאַ, אָבער ס'האָט פּאַסירט אַזוי, אַז גראָד איז איינע פון די צוויי אַלטע פריילינס אַריין אין קיען-שטאַל, כדי צו מאַכן אַן אויסרייד די פי-דינסטן פאַר דעם שמאַנט, וואָס האָט געשמעקט מיט בהמה. אין קיען-שטאַל איז געלעגן די געווינערין מיט אַ שיין געזונט קינד. די אַלטע פריילין האָט געמאַכט אַן אויסרייד אי פאַר דעם שמאַנט, אי דערפאַר, וואָס מען האָט אַריינגעלאָזט די געווינערין אין שטאַל, און זי האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, אָבער ווי זי האָט אָנגעקוקט דאָס קינד איז זי געוואָרן גערירט און האָט זיך אַרויסגערופן צו זיין אַ טויף-מוטער פון קינד. און זי האָט געטויפט דאָס מיידעלע, און דערנאָך, האָבנדיק מיטלייד מיט דעם קינד, האָט זי געגעבן דער מוטער

מילך און געלט, און דאָס מיידעלע איז געבליבן לעבן. די אַלטע פריילינס האָבן זי אַזוי גערופן „די געראַטעוועטע".

דאָס קינד איז אַלט געווען דריי יאָר, בעת איר מאַמע איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. פאַר דער באָבען — דער פּי-היטערין — איז דאָס אייניקל געווען צו לאַסט, און דעמאָלט האָבן די אַלטע פריילינס גענומען דאָס מיידעלע צו זיך. דאָס שוואַרץ-אויגיקע מיידעלע האָט זיך איינגעגעבן זייער אַ לעבעדיקס און פול חן, און די אַלטע פריילינס האָבן פון איר נחת געהאַט.

אַלטע פריילינס זענען געווען צוויי: די יינגערע, אַ בעסערע — סאָפיאַ איוואַנאָוונאַ, האָט עס געטויפט דאָס מיידעלע, און די עלטערע, אַ שטרענגערע — מאַריאַ איוואַנאָוונאַ. סאָפיאַ איוואַנאָוונאַ האָט געקליידט דאָס מיידעלע, זי געלערנט און געוואָלט פון איר מאַכן אַ געבילדעט מיידל. מאַריאַ איוואַנאָוונאַ האָט געטענהט, אַז דאָס מיידל דאַרף מען מאַכן פאַר אַן אַרבעטערין, אַ גוט שטוב-מיידל, און דעריבער איז זי געווען שטרענג, פלעגט אפילו זי שלאָגן, ווען זי פלעגט זיין שלעכט געשטימט. אַזוי, אַ דאַנק דידאָזיקע צוויי איינפלוסן, איז פון דעם מיידעלע, בעת זי איז אויסגעוואַקסן, אַרויסגעקומען אַ האַלב דינסטמיידל, אַ האַלבגעלערנטע. אפילו גערופן האָט מען זי מיט דעם דורכשניטלעכן נאָמען — נישט פשוט קאַטיקאַ, אָדער קאַטיענקאַ, נאָר קאַטיושאַ. זי האָט גענייט, צוגעקליבן די צימערן, געפוצט מיט קרייד די הייליקע בילדער, האָט געקאָכט, געמאָלן און דערלאַנגט קאַווע, האָט אַמאָל געוואַשן צוביסלעך וועש און אַמאָל פלעגט זי אויך זיצן מיט די פריילינס און זיי פאַרלייענען.

מען האָט זיך צו איר געשדכנט, אָבער זי האָט פאַר קיינעם נישט געוואָלט חתונה האָבן, פילנדיק, אַז דאָס לעבן מיט די יעניקע אַרבעטערלייט, וועלכע האָבן זיך צו איר געשדכנט, וועט זיין שווער פאַר איר, וואָס איז געווען פאַראיידלט מיט דער זיסקייט פון דעם פריצישן לעבן.

אַזוי האָט זי אָפּגעלעבט ביז 16 יאָר. ווען זי איז שוין אַלט געוואָרן 16 יאָר, איז צו אירע פריילינס — די פריצהטעס, געקומען צו פאָרן זייערער אַ פלימעניק, אַ סטודענט אַ רייכער, און קאַטיושאַ, נישט וואַגנדיק אין דעם זיך מודה זיין נישט אים, נישט אפילו זיך, האָט זיך אין אים איינגעליבט. דערנאָך, אין צוויי יאָר אַרום, איז דערדאָזיקער זעלבער פלימעניק פאַרפאָרן צו זיינע מומעס, פאָרנדיק אויף דער מלחמה. ער האָט בא זיי פאַרבראַכט פיר טעג, האָט אָפּגענאַרט און פאַרפירט קאַטיושען

און אַרײַנגערוקט איר דעם לעצטן טאָג אַ הונדערטער און ער איז אָפּ־געפֿאָרן. אין פֿינף חדשים אַרום נאָך זײַן אָפּפֿאָרן האָט זי זיך דערוווּסט אויף זיכער, אַז זי איז שוואַנגער.

פֿון דער צײַט אָן איז איר לעבן פֿאַראומערט געוואָרן, און זי האָט נאָר געטראַכט וועגן אײנס, ווי זאָל זי אויסמײַדן די שאַנדע, וועלכע האָט זי דערוואַרט. און זי האָט אָנגעהויבן נישט נאָר נישט פֿלײַסיק, נאָר אַפּילו שלעכט צו דינען די אַלטע פֿריצהטעס, אָבער, — זי האָט אַלײן נישט געוווּסט ווי אַזוי ס'האָט פּאַסירט, פּלוצלינג האָט עס זי פֿאַרבראָכן. זי האָט אָנגערעדט די פֿרײַלינס גראָבקײַטן, אויף וועלכע זי האָט שפּעטער אַלײן חרטה געהאַט, און האָט געבעטן אַ רעכנונג — אַז זי וויל אַוועק־גײן. און די פֿרײַלינס, זײַער נישט צופֿרידענע מיט איר, האָבן זי אָפּגעלאָזט. פֿון זײ איז זי אָנגעקומען אַלס שטובֿ־מײדל צום קרײַז־קאָמיסאַר, אָבער דאָרטן האָט זי זיך אויך געקאָנט האַלטן בלויז דרײַ חדשים, ווײַל דער קרײַז־קאָמיסאַר, אַ 50־יעריקער אַלטער, האָט צו איר גענומען צושטײן, און אײנמאָל, ווען ער איז געוואָרן באַזונדערס אַקטיוו, איז זי געוואָרן אויפֿ־געבראַכט, האָט אים אָנגערופֿן שוטה און אַלטער שד, און האָט אים אַזאַ שטויס געטאָן אין האַרץ. אַז ער איז אַנידערגעפֿאַלן. מ'האָט זי אַרויסגע־יאָגט פֿאַר איר גראָבקײַט. אָנקומען אויף אַ שטעלע איז געווען שוין אוממעגלעך, זי איז געווען אויף דער צײַט. און זי האָט זיך באַזעצט בײַ אַ דאָרפֿישער אלמנה אַ הײבאַם, וואָס האָט געהאַנדלט מיט בראָנפֿן. דאָס קינד האָט זי גרינג געהאַט. אָבער די הײבאַם, וואָס האָט צוגענומען אַ קינד אין דאָרף בײַ אַן אַנדער קראַנקער פֿרוי, האָט אָנגעשטעקט מאַסלאָ־ווען מיט קימפּעט־פֿיבער, און דאָס קינד, אַ ייִנגעלע, האָט מען אַוועק־געשיקט אין אַ פֿינדל־הויז, ווו דאָס עופֿהלע, לויט ווי ס'האָט דערצײלט די אַלטע, וועלכע האָט אים אַוועקגעפֿירט, איז גלײַך בײַם קומען גע־שטאָרבן.

סך־הכּל האָט קאַטיושאַ געהאַט געלט, בעת זי האָט זיך באַזעצט בײַ דער הײבאַם, 127 רובל : 27, וואָס זי האָט אַלײן פֿאַרדינט און הונ־דערט, וואָס איר האָט געגעבן איר פֿאַרפֿירער. בעת זי איז אַוועק פֿון איר, איז בײַ איר אײַנגאַנצן איבערגעבליבן זעקס רובל. זי האָט נישט געקאָנט האַלטן קײן געלט. אי זי האָט פֿאַר זיך אויסגעגעבן, אי זי האָט געגעבן אַלעמען, ווער ס'האָט נאָר געבעטן. די הײבאַם האָט בײַ איר גענומען פֿאַר איר אויסקומעניש — עסן און פֿאַר טײ — פֿאַר צוויי חדשים 40 רובל, 25 רובל איז אַוועק אויף אַוועקשיקן דאָס עופֿהלע, 40

רובל האָט די באָבע באַ איר אויסגעבעטן אַ גמילת־חסד אויף צו קויפן אַ בהמה, אַרום 20 רובל איז זיך באַ איר צעגאַנגען — אויף קליידער, אויף מתנות, קורץ, ווען קאַטיושאַ איז געזונט געוואָרן האָט זי קיין געלט נישט געהאַט און האָט געמוזט זוכן אַן אָרט. זי האָט געפונען אַן אָרט באַ אַ וואַלד־וועכטער. דער וועכטער איז געווען אַ חתונה־געהאַטער, אָבער פונקט ווי דער קרייז־קאָמיסאַר האָט ער פון ערשטן טאָג גענומען צושטיין צו קאַטיושען. זי האָט צו אים געהאַט אַ געפיל פון עקל, און זי האָט זיך באַמיט אים אויסצומיידן, אָבער ער איז געווען דערפאַרענער און געשייטער פון איר; דער עיקר, ער איז געווען דער באַלעבאָס, וואָס האָט זי געקאָנט שיקן, ווו ער האָט געוואָלט, און אויסנוצנדיק אַ מינוט, האָט ער זי גענומען. דאָס ווייב האָט זיך דערוווסט און געכאַפט איינמאָל איר מאַן מיט קאַטיושען אַליין אין צימער, האָט זי זיך אויף קאַטיושען געוואָרפן שלאָגן. קאַטיושאַ האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, און ס'איז געוואָרן אַ געשלעג. דער סוף דערפון איז געווען, אַז מען האָט זי אַרויסגעטריבן, נישט באַצאָלנדיק, וואָס איר איז געקומען. דאַן איז קאַטיושאַ אַוועק אין שטאָט און איז פאַרפאָרן צו אירס אַ מומען. דער מומעס מאַן איז געווען אַן איינבינדער, וועלכן אַמאָל איז געגאַנגען גוט, אָבער איצט האָט ער פאַרלוירן זיין קונדשאַפט און האָט געשיכורט, פאַרטרינקענדיק אַלץ, וואָס אים איז געקומען אונטער דער האַנט.

די מומע האָט געהאַלטן אַ קליינע וועשעריי, האָט דערפון געצויגן די חיונה פאַר זיך און די קינדער און נאָך אונטערגעהאַלטן דעם מאַן, דעם שיכור. זי האָט פאָרגעלייגט מאַסלאָווען, זי זאָל אָנקומען צו איר פאַר אַ וועשין, אָבער, אָנזעענדיק דאָס שווערע לעבן, וואָס ס'האָבן געפירט די פרויען, די וועשינס, וועלכע האָבן געוווינט באַ דער מומען, האָט מאַסלאָוואַ אויף דעם זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן און האָט געזוכט אין די קאַנטאָרן אַן אָרט פאַר אַ דינסט און זי האָט געפונען אַן אָרט באַ אַ דאַמע, וואָס האָט געהאַט צוויי זין גימנאַזיסטן. אין אַ וואָך אַרום נאָך איר אָנקומען, האָט דער עלטערער, אַ גימנאַזיסט פון דער זעקסטער קלאַס מיט וואָנסעס, אַוועקגעוואָרפן דאָס לערנען און נישט געלאָזט צורו מאַסלאָווען, צושטייענדיק צו איר. די מוטער האָט אין אַלץ באַשולדיקט מאַסלאָווען און איר אָפּגעזאָגט. קיין ניי אָרט האָט זיך נישט געמאַכט, אָבער ס'האָט פאַסירט אַזוי, אַז קומענדיק אין קאַנטאָר, וועלכע האָט צוגעשטעלט דינסטן, האָט מאַסלאָוואַ דאָרט געטראָפן אַ דאַמע מיט פינגערלעך און בראַסלעטן אויף די פוכיקע נאַקעטע הענט.

רידאָזיקע דאַמע, דערוויסנדיק זיך וועגן מאַסלאָוועס לאַגע, אַז זי זוכט אַן אָרט, האָט איר געגעבן איר אַדרעס און זי פאַרבעטן צו זיך. מאַסלאָווא איז צו איר אַריינגעגאַנגען. די דאַמע האָט זי זייער פריינטלעך אויפגענומען, זי מכבד געווען מיט לעקעך און זיסן ווייַן און האָט צוגעשיקט ערגעץ איר דינסטמיידל מיט אַ צעטעלע. אינאָוונט איז אין צימער אַריינגעקומען אַ הויכער מאַן מיט לאַנגע האָר, וואָס האָבן געהאַלטן אין גרוי ווערן, און מיט אַ גרויער באָרד; דער אַלטער האָט זיך גלייך צוגעזעצט צו מאַסלאָווען און האָט גענומען מיט איר שטיפן. די באַלעבאָסטע האָט אים אַריינגערופן אין אַ צווייטן צימער, און מאַסלאָווא האָט געהערט, ווי די באַלעבאָסטע האָט געזאָגט: „אַ פרישינקע, אַ דאָרפישע". דערנאָך האָט די באַלעבאָסטע אַרויסגערופן מאַסלאָווען און האָט איר געזאָגט, אַז דערדאָזיקער איז אַ שריפטשטעלער, וועלכער פאַרמאָגט אַ סך געלט און וועלכער וועט גאָרנישט קאַרגן, אויב זי וועט אים געפעלן ווערן. זי איז געפעלן געוואָרן, און דער שריפטשטעלער האָט איר געגעבן 25 רובל, צוזאָגנדיק אָפט זיך מיט איר צו טרעפן. דאָס געלט איז זייער שנעל אַוועק אויף צו באַצאָלן פאַר דעם עסן בײַ דער מומען, אויף אַ ניי קלייד, אַ היטעלע און באַנד. אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער שריפטשטעלער נאָך איר געשיקט אַ צווייט מאָל. זי איז געגאַנגען. ער האָט איר געגעבן נאָך 25 רובל און האָט איר פאַרגעלייגט איבערצופאָרן אויף אַ באַזונדערער דירה.

ווינענדיק אין דער ווינונג, וואָס איר האָט געדונגען דער שריפטשטעלער, האָט מאַסלאָווא ליב באַקומען אַ פריילעכן אָנגעשטעלטן, וואָס האָט געוווינט אויף דעם זעלבן הויף. זי האָט וועגן דעם אַליין אָנגעזאָגט דעם שריפטשטעלער, און איז אַריבער אויף אַ באַזונדערער קלענער ווינונג. דער אָנגעשטעלטער, וואָס האָט איר צוגעזאָגט חתונה האָבן, איז, איר גאָרנישט מודיע זייענדיק, אָבער, וואָרשיינלעך, אַוועקוואַרפנדיק זי, אָפגעפאָרן קיין ניזשני, און מאַסלאָווא איז געבליבן אַליין. זי האָט געוועזט געוואָלט פאַרבלייבן אַליין אויף דער דירה, אָבער מ'האָט איר נישט דערלויבט. אין דער באַצירק-פאָליציאַנט האָט איר געזאָגט, אַז זי קאָן פאַרבלייבן נאָר דאַן, ווען זי וועט באַקומען אַ געלן בילעט און וועט זיך אונטערוואַרפן דער קאָנטראָל. דאַן איז זי צוריק אַוועקגעגאַנגען צו דער מומען. די מומע, דערזעענדיק אויף איר אַ ניי קלייד, אַ טאַלמע און אַ הוט, האָט זי אויפגענומען מיט רעספּעקט און האָט שוין נישט געהאַט די העזה איר פאָרצולייגן אָנצוקומען אַלס וועשין, האַלטנדיק, אַז איצט האָט

זיך מאַסלאָווא געשטעלט אויף אַ העכערן שטאַפּל אין לעבן. פאַר מאַסלאָ־ווען איז שוין איצט גאָרנישט געשטאַנען די פראַגע וועגן דעם, זי זאָל אָנקומען אָדער נישט אָנקומען אַלס וועשין. זי האָט מיט מיטגעפיל גע־קוקט איצט אויף דעם שווערן לעבן, וואָס האָבן געפירט אין די ערשטע חדרים די בלייכע וועשינס מיט די אויסגעמאַטערטע הענט. די וועשינס, וואָס צווישן זיי זענען אַ סך געווען שוין שווינדזיכטיקע, וואַשנדיק און פּרעסנדיק באַ היץ פון 30 גראַד, ווינטער און זומער באַ אָפענע פענצ־טער, אין זייפיקן דאַמפּ, און אַ ציטער האָט זי אַרומגענומען באַם גע־דאַנק, אַז אויך זי האָט געקאָנט אַריינפאַלן אויף דערדאָזיקער קאַטאָרגע. און גראָד אין דערדאָזיקער צייט, וואָס איז געווען זייער קלאָגעדיק פאַר מאַסלאָווען, ווייל ס'האָט זיך נישט געמאַכט קיין איין אונטערשטיצער, האָט מאַסלאָווען אויפגעזוכט אַ פּרוי, וואָס פלעגט צושטעלן מיידלעך אין די „הייזלעך".

מאַסלאָווא האָט שוין לאַנג גערייכערט, אָבער אין דער לעצטער צייט פון איר ראָמאַן מיט דעם אָנגעשטעלטן און דערנאָך, אַז ער האָט זי אָוועקגעוואָרפן, האָט זי זיך אַלץ מער און מער איינגעוויינט צו שיכורן. דער ווייז האָט זי געלאָקט נישט בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט איר אויסגעוויזן צו זיין געשמאַק, נאָר מער צוליב דעם, וואָס ער האָט איר געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרגעסן אינגאַנצן אָן דעם פּיינלעכן, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, און ער האָט איר צוגעגעבן אַ מונטערקייט און זיכערקייט אין איר ווירדע, וואָס אָן ווייז האָט זי עס נישט געהאַט. אָן ווייז איז איר שטענדיק געווען אומעטיק און שענדלעך. די מעקלערין האָט געמאַכט אַ כּיבוד פאַר דער מומען און, אָנשיכּורנדיק מאַסלאָווען, האָט זי איר פאָרגעלייגט אָנצוקומען אין אַ הייזל — דאָס בעסטע אין שטאָט. האָט איר פאָרגעשטעלט אַלע גליקן פון דערדאָזיקער לאַגע. מאַסלאָווא האָט באַדאַרפט אויסקלויבן: אָדער די שפּלדיקע לאַגע פון אַ דינסט, אין וועלכער די מענער וועלן זי ווידער געוויס פאַרפאָלגן, מאַכן צייטווייליקע געהיימע ליבעס, אָדער אַ לאַגע, אַ געזיכערטע, אַ רויקע און אָן אָפענע, דערלאָזטע דורך דעם געזעץ און אַ גוט באַצאָלטע, — אַ לאַגע פון שטענדיקן זנות, און זי האָט געמאַכט דעם אויסוואַל. דערצו האָט זי דערמיט געהאָפט צו נעמען נקמה פון איר פאַרפירער, פון דעם אָנגעשטעלטן און פון די אַלע לייט, וואָס האָבן איר געטון שלעכטס. ס'איז געווען אויך אַ גרויסער נסיון און איינע פון די סיבות פון איר ענדגילטיקן באַשלוס, וואָס די מעקלערין האָט איר געזאָגט, אַז קליידער

וועט זי זיך קאָנען באַשטעלן, וועלכע זי וועט נאָר ווען, — סאַמעטענע. ריפּסענע, זיידענע, בעלער-קליידער מיט אַנטבלויזטע אַקסלען און הענט. און בעת מאַסלאָוואַ האָט זיך פאָרגעשטעלט אין אַ פאַרביק-געלן זיידן קלייד, מיט שוואַרצן סאַמעט געפּוצט — דעקאָלטע, האָט זי נישט געקאָנט באַשטיין דעם נסיון און האָט אָפּגעגעבן דעם פּאַס. און אין דעם זעלבן אָוונט האָט די מעקלערין גענומען אַ דראָזשקע און זי אַוועקגעפירט אין הייזל פון דער קיטאַיעוואַ.

און פון דאַן אָן האָט זיך פאַר מאַסלאָווען אָנגעהויבן דאָס לעבן פון שטענדיקן עובר זיין אויף די געטלעכע און מענטשלעכע געבאָטן, אַ לעבן, וואָס ווערט געפירט פון הונדערטער און טויזנטער פרויען נישט נאָר מיט דער דערלויבעניש פון דער רעגירונגס-מאַכט, נאָר אויך אונטער איר שוץ; פון דער רעגירונגס-מאַכט, וועלכע זאָרגט פאַר דער טובה פון אירע בירגער, אַ לעבן, וואָס פאַר ניין פרויען פון צען ענדיקט זיך עס מיט פּייַנלעכע קראַנקייטן, מיט פריצייטיקער אַלטקייט און טויט.

אינדערפרי און באַטאָג אַ שווערער שלאָף נאָך די נאַכט-אָרגיעס. אַ זייגער דריי-פיר דאָס פאַרמאַטערטע אויפשטיין פון דעם שמוציקן בעט. דאָס טרינקען סעלצער-וואַסער צו שטילן די שיכּרות, קאַווע. דאָס פוילע אַרומשלעפּן זיך איבער די צימערן אין די פּעניוארן, קאָפטעס און שלאָפראָק, דאָס אַרויסקוקן פון הינטער די פאָרהענגלעך אין די פענצטער, די פוילע זידלערייען איינע מיט די אַנדערע; דערנאָך הייבט זיך אָן דאָס וואַשעניש, דאָס שמירן זיך, דאָס פאַרפומירן דאָס לייב, די האָר; דערנאָך הייבט מען אָן מעסטן די קליידער. קריגט מען זיך צוליב די קליידער מיט דער באַלעבאָסטע. דערנאָך דאָס שטיין באַם שפּיגל. דאָס שמינקען דאָס געזיכט. די ברעמען. דערנאָך הייבט זיך אָן דאָס עסן. די פעטע, זיסע שפּייז; דערנאָך דאָס אָנטון זיך אין העלע זיידענע קליידער, וואָס אַנטבלויזן דעם קערפּער; דערנאָך דער אַרויסגאַנג אין דעם אויסגעצירטן העל-באַלויכטענעם זאַל. דערנאָך קומען זיך צו פאָרן די געסט: מוזיק און טענץ, צוקערקעס, וויין, דאָס רייכערן. און זנות מיט יונגע, מיט מיטעלע, מיט האַלב-קינדער און הרובע זקנים, מיט באַווייבטע, מיט סוחרים, מיט אָנגעשטעלטע, מיט אַרמענער, מיט יידן, מיט טאָטערן, מיט רייכע, מיט אָרימע, מיט געזונטע, מיט קראַנקע, מיט שיכּורע, מיט ניכטערע, מיט פּרעכע, מיט צאַרטע, מיט מיליטער-לייט, מיט ציווילע, מיט סטודענטן, מיט גימנאַזיסטן — פון אַלע מעגלעכע שטאַנדן, עלטער און

כאַראַקטערן. און געשרייען, און שטיפעריייען, און געשלעגן, און מוזיק, און טאַבאַק און ווײן, און ווײן און טאַבאַק, און מוזיק פון אָוונט ביז פאַרטאָג. און נאָר צו מאָרגן די דערלייזונג און דער שווערער שלאָף. און אַזוי יעדן טאָג, אַ גאַנצע וואָך. סוף וואָך אָבער אַ נסיעה אין אַ מלוכה-אַנשטאַלט — אין צירקל, ווו די באַאַמטע פון דער מלוכה, דאָקטוירים-מענער, אַמאָל ערנסט און שטרענג און אַמאָל מיט אַ לייכטער פריילעכ-קייט, צעשטערנדיק די שאַנדע, וואָס איז געגעבן געוואָרן פון דער נאַ-טור נישט נאָר מענטשן, נאָר אויך חיות, כּדי צו פאַרהיטן פון פאַר-ברעכנס, — פלעגן באַקוקן דידאָזיקע פרויען און זיי אַרויסגעבן אַ פּאַ-טענט אויף ווייטער צו באַגיין די זעלבע פאַרברעכנס מיט זייערע מיט-העלפער אין פאַרלויף פון דער קומענדיקער וואָך. און ווייטער נאָך אַזאַ וואָך. און אַזוי יעדער טאָג, אין זומער, אין ווינטער, אינדערוואָכן און אין יום-טוב.

אַזוי האָט אָפּגעלעבט מאַסלאָוואַ זיבן יאָר. פאַר דערדאָזיקער צייט האָט זי איבערגעביטן צוויי הייזער, און איינמאָל געווען אין שפּיטאָל. אויפן זיבעטן יאָר פון איר אויפהאַלטן זיך אין הייזל, און אויף דעם אַכטן יאָר נאָך דעם ערשטן מאָל פאַלן, ווען זי איז איצט אַלט געווען 26 יאָר, האָט מיט איר פּאַסירט אַזוינס, פאַרוואָס מען האָט זי אַריינגע-געזעצט אין טורמע און איצט געפירט צום געריכט, נאָך זעקס חדשים אָפּזיין אין תּפיסה מיט גזלנים און גנבטעס.

III.

אין דער צייט, ווען מאַסלאָווא, אויסגעמאַטערט פון דעם לאַנגן וועג, איז צוגעגאַנגען מיט איר קאָנוואָי-וואַך צום בנין פון קרייז-געריכט, איז דער זעלבער פּלימעניק פון אירע דערציערינס, דער פירשט דמיטרי איוואַנאָוויטש נעכליודאָוו, וואָס האָט זי פאַרפירט, נאָך געלעגן אויף זיין הויך פרעגזשינע-בעט מיט די פּוך-קישנס און, אָפּשפּילענדיק דעם קאָל-נער פון זיין האָלענדער ריינעם נאַכט-העמד מיט פאַרפרעסטע קנייטשע-לעך אויף דער ברוסט, גערייכערט אַ פּאַפּיראָס. ער האָט מיט שטאַרע

איינן געקוקט פאַר זיך און געקלערט וועגן דעם, וואָס ער האָט היינט צו טון, און וואָס איז געווען נעכטן.

דערמאָנענדיק זיך דעם נעכטיקן אָוונט בײַ די קאָרטשאַקינס, מענטשן רייכע און אַדעליקע, וואָס מיט זייער טאָכטער, ווי אַלע האָבן געמיינט, וועט ער חתונה האָבן, האָט ער אַ זיפץ געטון, און אָוועקוואַרפנ־דיק דעם אויסגערייכערטן פּאַפּיראָס, געוואָלט אַרויסנעמען פון זילבער־נעם פּאָרטציגאַר אַן אַנדערן פּאַפּיראָס, האָט אָבער חרטה געקריגן און אַראָפּלאָזנדיק פון בעט די גלאַטע ווייסע פיס, געפונען מיט זיי די שטעק־שיך, אַרויפגעוואָרפן אויף די דיקע אַקסלען אַ זיידענעם שלאָפראָק און האַסטיק און שווער טרעטנדיק איז ער אַריין אין דערבײַיאיקן טואַלעט־צימער, וואָס איז געווען אינגאַנצן דורכגעזאַפּט מיט אַ קינסטלעכן ריח פון עליקסיר, אָדעקאָלאָן, פיקסטואַרן, פּערפומען. דאָרט האָט ער אויסגע־רייניקט מיט אַ ספּעציעלן בראַשעק די ציין, וואָס זענען געווען פּלאָמבירט אין אַ סך ערטער, אויסגעשווענקט זיי מיט אַן אַראָמאַטיש מיטל, דערנאָך גענומען זיך וואַשן פון אַלע זייטן, און אויסווישן זיך מיט פאַרשידענע האַנטיכער. אויסגעוואַשן מיט אַ שמעקעדיקן זייף די הענט, גוט אויסגעריי־ניקט מיט בערשטלעך די לאַנגע נעגל און אָפּוואַשנדיק בײַ אַ מאַרמאָר־נעם וואַש־טישל דאָס פּנים און דעם דיקן האַלז, איז ער אַוועק נאָך אין אַ דריטן צימער, וווּ ס'איז געווען צוגעגרייט אַ דוש. אָפּגעוואַשן דאָרט מיט קאַלט וואַסער דעם מוסקולדיקן, פעטן, ווייסן גוף און אויסגעווישט זיך מיט אַ האָריק לײַלעך, האָט ער אָנגעטון אויסגעפּרעסטע וועש, ווי שפּיגל אויסגערייניקטע שיך און זיך געזעצט פונאַנדערקעמען מיט צוויי בערשטלעך די נישט גרויסע שוואַרצע געקרייזלטע באָרד און די שיטע־רע האָר, וועלכע האָבן זיך געקרייזלט אויף דעם פאָדערשטן טייל פון קאָפּ.

אַלע טואַלעט־זאַכן, וואָס ער האָט באַנוצט: וועש, קליידינג, שיך, שניפּסן, שפּילקעס, זאַפּינקעס — זענען געווען פון ערשטן און טייערסטן מין, פּשוטע, שטאַרקע און ווערטפולע.

אויסגעקליבן פון אַ צענדליק שניפּסן און שפּילקעס די, וואָס זענען די ערשטע אים געקומען אונטער דער האַנט, — אַ־מאָל איז עס אים געווען נײַ און אינטערעסאַנט — איצט אַלצייגס, האָט נעכליודאָוו זיך אָנגעטון אין די אויסגערייניקטע קליידער, וואָס זענען געהאָנגען צוגע־גרייט אויף דער שטול און, הגם נישט אינגאַנצן קיין אָפּגעפרישטער, אָבער אַ ריינער און אַ שמעקעדיקער, איז ער אַרויס אין דעם לאַנגן

עסצימער, ווו דריי פויערים האָבן נעכטן אויסגעפּוצט דעם פּאַרקעטן־דיל. אין עסצימער איז געשטאַנען אַ מוראדיק גרויסער בופעט און אויך אַזאַ מין גרויסער טיש, וואָס האָט זיך פונאַנדערגענומען. דער טיש האָט אויסגעזען זייער פייערלעך מיט זיינע ברייט פונאַנדערגעשטעלטע געשניצטע פיס אין דער פאָרם פון לייבן־לאַפּעס. אויפן טיש, וועלכער איז געווען באַדעקט מיט אַ דין אָנגעקראָכמאַלעט טישטוך מיט הערבן־מאָנאָגראַמען, זענען געשטאַנען: אַ זילבערן קאַווע־קריגל מיט שמעקעדיקער קאַווע, אַ זילבערנע צוקער־פּושקע, אַ שמאַנט־קרוג מיט זודיקן שמאַנט, אַ קערבל מיט פרישן קוילעטש, מיט סוכאַרקעס און ביסקוויט. לעבן סערוויז זענען געלעגן די פּאָסט־צייטונגען און אַ ניי ביכל „Revue des deux Mondes”. נעכליודאָוו האָט שוין געוואָלט זיך נעמען פאַר די בריוו, ווי פון דער טיר, וואָס האָט געפירט אין קאָרידאָר, איז אַרויסגעשווומען אַ דיקע באַיאָרנטע פרוי אין טרויער־קלייד מיט אַ הייבל אויפן קאָפּ. דאָס איז געווען אַגראַפענאַ פּעטראָוונאַ. די קאַמער־דינערין פון נעכליודאָווס זעליגער מוטער, וואָס איז דאָ אין דער זעלבער ווינונג געשטאָרבן. אַגראַפענאַ פּעטראָוונאַ איז פאַרבליבן באַ דעם זון אַלס עקאָנאָמקע.

אַגראַפענאַ פּעטראָוונאַ האָט אַ יאָר צען אין פאַרשידענע צייטן פאַרבראַכט מיט נעכליודאָווס מוטער אין אויסלאַנד און האָט געהאַט אַן אויסזעען און מאַנירן פון אַ פריצהטע. זי האָט געוווינט באַ נעכליודאָוון אין הויז פון קינדווייז אויף און האָט געקענט דמיטרי איוואַנאָוויטשן נאָך אַלס מיטינקע.

— אַ גוט מאָרגן אייך, דימיטרי איוואַנאָוויטש.

— גוט מאָרגן, אַגראַפענאַ פּעטראָוונאַ. וואָס הערט זיך עפּעס נייעס? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט שפּאַסעדיק.

— פאַראַן אַ בריוו, פון דער פירשטין, די פון איר טאָכטער. דאָס קאַמער־מיידל האָט שוין לאַנג געבראַכט. זי וואַרט דאָרט באַ מיר, — האָט אַגראַפענאַ פּעטראָוונאַ געזאָגט און דערלאַנגט דעם בריוו מיט אַ פילבאַדייטנדיקן שמייכל.

— גוט, באַלד, — האָט געזאָגט נעכליודאָוו, גענומען דעם בריוו, און באַמערקנדיק אַגראַפענאַ פּעטראָוונעס שמייכל, זיך אָנגעבּרוגזט.

אַגראַפענאַ פּעטראָוונעס שמייכל האָט באַטייט, אַז דער בריוו איז געווען פון דער פירשטין קאָרטשאַגינאַס טאָכטער, מיט וועלכער נעכליודאָוו האָט, לויט דער מיינונג פון אַגראַפענאַ פּעטראָוונען, געדאַרפט חתונה

האָבן און אָט די השערה, וואָס זי האָט אויסגעדריקט מיט איר שמייכל, איז נעכליודאָוון געווען אומאָנגענעם.

— וועל איך זי הייסן צוואַרטן, — און מיטגענומען דאָס טישבערשטל, וואָס איז נישט געלעגן אויף אַן אָרט און עס אַוועקגעלייגט ווו מען דאַרף, איז אַגראַפענאַ פּעטראָוונאַ אַרויסגעשווומען פון עסצימער.

געעפנט דעם פּאַרפומירטן בריוו, וואָס אַגראַפענאַ פּעטראָוונאַ האָט דערלאַנגט, האָט נעכליודאָוו אים אָנגעהויבן צו לייענען:

„אויספירנדיק דאָס התחייבות, וואָס איך האָב אויף זיך גענומען, — צו זיין אייער זכרון, — איז אויפן בויגן גרויען דיקן פּאַפּיר מיט נישט גלייכע ברעגן, געשטאַנען געשריבן מיט אַ שאַרף אָבער האַסטיק כתב: — דערמאָן איך אייך, אַז איר דאַרפט היינט, דעם 28־סטן אַפּריל, זיין אין געריכט פון געשווירענע און דעריבער קאָנט איר מיט אונז און קאָלאָסאָוון נישט פאָרן באַקוקן די בילדער, ווי איר האָט מיר נעכטן צוגעזאָגט מיט דער פאַר אייך כאַראַקטעריסטישער לייכטזיניקייט; à moins que vous ne soyez disposé à payer à la cour d'assisez les 300 roubles d'amende que vous vous repusez pour votre cheval*) דערפאַר, וואָס איר זענט נישט געקומען צו דער צייט. איך האָב זיך דאָס דערמאָנט באַלד, ווי איר זענט אַוועק. אַלזאָ, פאַרגעסט נישט.

פירשטין מ. קאָרטשאַגינאַ"

אויף דער צווייטער זייט איז געווען צוגעגעבן:

„Maman vous fait dire que votre couvert vous attendra jusqu'a la nuit. Venez absolument, à quelle heure que cela soit.**)

פירשטין מ. ק."

---

*) סיידן איך איז נישט קיין שאָד צו באַצאָלן דעם געריכט די שטראָף פון 300 רובל, וואָס איר זשאַלעוועט אויף צו קויפן אַ פערד.

**) די מאמע בעט א"ך איבערצוגעבן, אַז אייער פּלאַץ באַם טיש וועט אויף אייך וואַרטן ביז נאַכט. קומט אומבאַדינגט צו פאָרן, צו יעדער שעה.

נעכליודאָוו האָט זיך אַ קרים געטון. דאָס צעטעלע איז געווען אַ המשך פון דער קונציקער אַרבעט, וואָס די פירשטין קאָרטשאַגינאַ האָט שוין געטון דעם צווייטן חודש און וועלכע איז באַשטאַנען דערין, מיט אומגעזעענע פעדעם אַלץ מער און מער צו פאַרבינדן אים מיט איר. און דערווייל איז אַ חוץ דער געוויינלעכער אומאַנטשלאָסנקייט חתונה צו האָבן, וואָס מערקט זיך בײַ מענטשן נישט זייער קיין יונגע און נישט קיין ליידנשאַפטלעך פאַרליבטע, געווען בײַ נעכליודאָוון נאָך אַ וויכטיקע סיבה, צוליב וועלכער ער האָט נישט געקאָנט איצט מאַכן קיין פאָרשלאָג, אויב ער וואָלט זיך אפילו דעצידירט. די סיבה דערפון איז נישט געווען, וואָס ער האָט מיט צען יאָר צוריק פאַרפירט קאַטיושען און זי צוועקגעוואָרפן: דאָס האָט ער פאַרגעסן אינגאַנצן און ער האָט דאָס נישט געהאַלטן פאַר אַ מניעה חתונה צו האָבן; די סיבה איז געווען, וואָס ער איז געשטאַנען אין נאָענטע באַציונגען מיט אַ פאַרהייראַטער פרוי, און הגם ער האָט דידאָזיקע באַציונגען איבערגעריסן, האָט זי דאָס נאָך נישט אָנערקענט.

נעכליודאָוו איז געווען זייער שעמעוודיק מיט פרויען, אָבער דווקא זיין שעמעוודיקייט האָט בײַ דער פאַרהייראַטער פרוי אַרויסגערופן אַ פאַרלאַנג אים צו באַהערשן. זי איז געווען דאָס ווייב פון דעם קרייז-מאַרשאַל, וואָס אויף זיינע וואַלן איז נעכליודאָוו געפאָרן. און די פרוי האָט אים אַריינגעצויגן אין באַציונגען, וואָס זענען פאַר נעכליודאָוון פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ מער לאָקנדיק און גלייכצייטיק אַלץ מער און מער אָפּשטויסנדיק. לכתחילה האָט נעכליודאָוו נישט געקאָנט ביישטיין דעם יצר-הרע, דערנאָך, פילנדיק זיך שולדיק לגבי איר, האָט ער נישט געקאָנט איבעררייסן אָן איר הסכם. אָט דאָס איז געווען די סיבה, צוליב וועלכער נעכליודאָוו האָט געמיינט, אַז ער האָט נישט קיין רעכט, אויב ער וואָלט אפילו געוואָלט מאַכן אַ פאָרשלאַג דער פירשטין קאָרטשאַגינאַ. אויפן טיש איז גראָד געלעגן איר מאַנס בריוו. דערזעענדיק די האַנטשריפט און שטעמפּל, איז נעכליודאָוו רויט געוואָרן און גלייך דערפילט דעם צופלוס פון ענערגיע, וואָס ער פלעגט אַלעמאָל דערשפירן בײַ אַ נאָענט געפאַר. זיין אויפרעגונג איז אָבער געווען אַן אומזיסטע: איר מאַן, דער אַדל-מאַרשאַל פון דעם זעלבן קרייז, אין וועלכן ס׳האָבן זיך געפינען די גרעסטע טייל פון נעכליודאָווס גיטער, האָט מודיע געווען נעכליודאָוון, אַז אויף סוף מאַי איז באַשטימט אַן עקסטרע זעמסטווע-פאַרזאַמלונג, און אַז ער בעט נעכליודאָוון אומבאַדינגט קומען צו פאָרן און donnerun

*coup d'épaul) אויף דער פאַרזאַמלונג אין די פּאַרשטייענטיקע וויכטיקע פראַגן וועגן די שולן און בייוועגן, וואָרים באַ דידאָזיקע פראַגן דערוואַרט מען אַ שטאַרקע קעגנווירקונג מצד דער רעאַקציאָנערער פּאַרטיי.

דער אַדל-מאַרשאַל איז געווען אַ ליבעראַלער מענטש און ער האָט צוזאַמען מיט נאָך אייניקע אידעע-חברים געקעמפט קעגן דער רעאַקציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אונטער אַלעקסאַנדער דעם III, און ער איז געווען אינגאַנצן פאַרנומען מיט דעמדאָזיקן קאַמף און האָט גאָרנישט נישט געוווּסט וועגן זיין אומגליקלעכן פאַמיליען-לעבן.

נעכליודאָוו האָט זיך דערמאַנט אַלע פּיינלעכע מינוטן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט צוליב דעמדאָזיקן מענטש: זיך דערמאַנט, ווי איין מאָל האָט ער געמיינט, אַז דער מאַן האָט זיך דערוווּסט, און האָט זיך געגרייט צו אַ דועל מיט אים, און זיך געקליבן אויסצושיסן אין דער לופטן; זיך דערמאַנט אין דער שרעקלעכער סצענע מיט איר, בשעת זי איז אַ פאַרצווייפלטע אַרויסגעלאָפן אין סאָד צו דער סאַזשעלקע, געוואָלט זיך טרינקען, און ער איז אַרומגעלאָפן זי זוכן.

„איך קאָן איצטער נישט פאָרן און קאָן גאָרנישט נישט אונטערנעמען, ביז זי וועט מיר נישט ענטפערן", האָט נעכליודאָוו אַ טראַכט געטון. ער האָט מיט אַ וואָך צוריק איר אָנגעשריבן אַן אַנטשלאָסענעם בריוו, אין וועלכן ער האָט זיך אָנערקענט פאַר שולדיק, גרייט אויף אַלץ, אויסצוקויפן זיין שולד, נאָר דאָך האָט ער געהאַלטן פאַר איר בעסער, אַז זייערע באַציונגען זאָלן זיך אויף אַלע מאָל איבעררייסן. אָט אויף דעם בריוו האָט ער געוואַרט און נישט באַקומען קיין ענטפער. דאָס, וואָס קיין ענטפער האָט זיך נישט באַקומען, איז טיילווייז געווען אַ גוטער סימן. אויב זי וואָלט נישט מסכים געווען אויף איבערצורייסן די באַציונגען, וואָלט זי שוין לאַנג אָנגעשריבן, אָדער זי וואָלט אפילו אַליין געקומען, ווי זי פלעגט דאָס טון פריער. נעכליודאָוו האָט געהערט, אַז דאָרטן איז געווען עפּעס אַן אָפיציר, וואָס האָט געפלירטעוועט מיט איר און דאָס האָט אים געמאַכט אייפערזיכטיק, אָבער גלייכצייטיק געפרייט מיט דער האָפנונג, אַז ער וועט זיך באַפרייען פון דער ליגנט, וואָס האָט געמאַטערט.

---

*) אונטערשטיצן.

דער צווייטער בריוו איז געווען פון דעם הויפּט־פּאַרוואַלטער פון זיינע גיטער. דער פּאַרוואַלטער האָט געשריבן, אַז ער, נעכליודאָוו, מוז אַליין קומען צו פאָרן, כּדי צו באַוואָרענען די ירושה־רעכט און, אגב, אַנטשיידן די פראַגע, ווי אַזוי צו פירן די ווירטשאַפט: אָדער אַזוי ווי ס'האָט זיך געפירט פאַר דער זעליגער פירשטין, אָדער אַזוי ווי ער האָט דאָס איר פאָרגעלייגט און איצט לייגט ער דאָס פאָר דעם יונגן פירשט, — פאַרגרעסערן דעם אינווענטאַר און אַליין באַאַרבעטן די גאַנצע ערד, וואָס מען גיט אַוועק די פויערים. דער פּאַרוואַלטער האָט געשריבן, אַז אַזאַ עקספּלואַטאַציע וועט טראָגן אַ סך מער. דערביי האָט דער פּאַרוואַלטער זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער האָט זיך עטוואָס פאַרשפּעטיקט מיטן אַרויסשיקן די 3.000 רובל, וועלכע האָבן געדאַרפט לויטן פּלאַן אָנקומען דעם ערשטן. דאָס געלט וועט ער אַרויסשיקן מיט דער ערשטער פּאָסט. פאַרשפּעטיקט האָט ער מיט דעם אַרויסשיקן דערפאַר, ווייל די פויערים האָבן נישט געוואָלט צאָלן און מען האָט זיך געמוזט ווענדן צו דער מאַכט, אויפצומאָנען דאָס געלט. דער בריוו איז פאַר נעכליודאָוון געווען אי אָנגענעם אי אומאָנגענעם. אָנגענעם איז געווען צו פילן די מאַכט איבער אַ גרויס אייגנטום און אומאָנגענעם איז געווען, וואָס אין דער יוגנט איז ער געווען אַ באַגייסטערטער אָנהענגער פון הערבערט ספּענסער און איבערהויפּט אַליין זייענדיק אַ גרויסער ערדבאַזיצער, איז ער געווען איבעראַשט פון ספּענסערס הנחה אין "Social statics„, אַז די גערעכטיקייט דערלאָזט נישט קיין פּריוואַט־אייגנטום אויף ערד. מיט דער ראַדיקאַלקייט און אַנטשלאָסנקייט פון דער יוגנט האָט ער נישט נאָר גערעדט דאַן, אַז די ערד טאָר נישט זיין קיין פּריוואַט־אייגנטום, און נישט נאָר אין אוניווערזיטעט געשריבן אַן אַרבעט וועגן דעם; ער האָט אויך ווירקלעך אָפּגעגעבן אין יענער צייט די פויערים אַ קליינע טייל ערד, וואָס האָט געהערט נישט צו זיין מוטער, נאָר בירושה פון פאָטער; געטון האָט ער דאָס, ווייל ער האָט נישט געוואָלט גיין קעגן זיינע איבערצייגונגען. איצט, צוליב דער ירושה, איז ער געוואָרן אַ גרויסער ערדבאַזיצער, האָט ער געדאַרפט אויסקלייבן: אָדער אָפּזאָגן זיך פון זיין אייגנטום, ווי ער האָט דאָס געמאַכט מיט צען יאָר צוריק מיט די 200 דעסיאַטין פון דעם פאָטערס ערד, אָדער שווייגנדיק אָנערקענען, אַז אַלע זיינע פריערדיקע געדאַנקען זענען געווען געגרייזטע און פאַלשע.

דאָס ערשטע האָט ער נישט געקאָנט טון, ווייל חוץ דער ערד האָט ער נישט געהאַט קיין שום מיטלען צו עקזיסטירן. דינען האָט ער נישט

געוואָלט און דערווייל האָט ער זיך איינגעלעבט מיט די לוקסוס-געוויינהייטן, פון וועלכע ער האָט געדאַלטן, אַז ער קאָן זיך נישט אָפּזאָגן. און ער האָט עס אויך נישט געדאַרפט, ווייל בּאַ אים האָט געפעלט אי די קראַפט פון איבערצייגונג אי די אַנטשלאָסנקייט, אי די גאווה אי דער פאַרלאַנג צו איבערראַשן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין דער יוגנט. אָבער אויב דאָס צווייטע — אָפּזאָגן זיך פון די קלאַרע און בּפירושע אַרגומענטן וועגן דער אומגעזעצלעכקייט פון ערד-באַזיץ, וואָס ער האָט דאַן אויסגעלייענט אין ספּענסערס „סאָציאַלער סטאַטיק" און די גלענצנדיקע באַשטעטיקונג, וואָס ער האָט געפונען דערנאָך, שוין אַ סך שפּעטער, אין די ווערק פון הענרי דזשאָרדזש, — אָפּזאָגן זיך האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט.

און דעריבער איז דעם פאַרוואַלטערס בריוו געווען אים אומאָנגענעם.

IV.

אויסגעטרונקען די קאַווע, איז נעכליודאָוו אַוועק אין קאַבּינעט אַ קוק טון דאָס צעטל, וואָס איז אָנגעקומען פון געריכט, ווען ער דאַרף דאָרטן זיין, און אָנשרייבן אַן ענטפער דער פירשטין. אין קאַבּינעט אַריין האָט מען געדאַרפט דורכגיין די אַטעליע. אין אַטעליע איז געשטאַנען אַ מאָל-ברעט מיט אַן אָנגעהויבן, איבערגעקערט בּילד און ס'זענען געווען אויסגעהאָנגען עטיודן. דער אָנבליק פון דעם בילד, אויף וועלכן ער האָט זיך געמאַטערט צוויי יאָר, דער אָנבליק פון די עטיודן און פון דעם גאַנצן צימער — האָבן אין אים אַרויסגערופן דאָס געפיל פון הילפלאָזיקייט צו גיין ווייטער אין מאָלעריי. פון דעמדאָזיקן געפיל האָט ער אײַבערהויפּט געליטן די לעצטע צייט. ער האָט דאָס דערקלערט מיט זיין צו ראַפינירטן עסטעטישן חוש, אָבער אַט דאָס באַוווסטזיין איז אים געווען זייער אומאָנגענעם.

מיט זיבן יאָר צוריק האָט ער אַוועקגעוואָרפן זיין דינסט, באַשליסנדיק, אַז ער האָט אַ באַרוף צו מאָלעריי, און פון דער הייך פון זיין קינסטלערישער טעטיקייט האָט ער געקוקט מיט אַ שטיקל פאַראַכטונג אויף אַלע איבעריקע באַשעפטיקונגען. איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז

ער האָט דערויף נישט געהאַט קיין רעכט. און דעריבער איז יעדע דערמאַנונג וועגן דעם געוועזן אומאַנגענעם. ער האָט מיט אַ שווער געפיל אַ קוק געטון אויף די אַלע פּראַכטפולע מכשירים פון אַטעליע און איז אין אַן אומעטיקער שטימונג אַריין אין קאַבינעט. דער קאַבינעט איז געווען אַ זייער גרויס, הויך צימער מיט אַלערליי באַפּוצונגען, איינריכטונגען און באַקוועמלעכקייטן.

אין שופלאָד פון דעם גרויסן טיש, אין דער אָפּטיילונג „פּאַר וויכטיקע פּאַפּירן" האָט ער גלייך געפונען די אַרויספאָדערונג פון געריכט. אין וועלכן ס'איז געשטאַנען, אַז אין געריכט האָט מען געדאַרפט זיין עלף אַ זייגער, האָט זיך נעכליודאָוו געזעצט שרייבן דער פירשטין, אַז ער דאַנקט איר פאַר דער איינלאַדונג און וועט זיך באַמיען קומען צו פאָרן צום מיטאָג. אָבער אָנגעשריבן דאָס צעטעלע, האָט ער עס צעריסן: ס'איז געווען צו אינטים; אָנגעשריבן אַ צווייטס — איז עס געווען קאַלט, כמעט באַליידיקנדיק. ער האָט עס ווידער צעריסן און אַ דריק געטון אין וואַנט אַ קנעפּעלע. אין טיר איז אַריין אַן עלטערער דינער אין אַ גרויען קאַלענקאָרענעם פאַרטוך, אַ ראַזירטער, אין באַקנבערד, מיט אַ מרה־שחורהדיקן אויסזען.

— שיקט, געפעליקס, נאָך אַ דראָזשקע.

— גרייט צו פאָלגן.

— און גיט איבער, ווייל מען וואַרט דאָ פון די קאָרטשאַגינס, אַז איך דאַנק, איך וועל זיך באַמיען צו זיין.

— גרייט צו פאָלגן.

„נישט איידל, אָבער איך קאָן נישט שרייבן. אַלצאיינס וועל איך זיך מיט איר היינט זען", — האָט נעכליודאָוו אַ טראַכט געטון און איז זיך אַוועק אָנטון.

ווען ער האָט זיך אָנגעטון, אַרויס אויפן גאַניק, האָט שוין געוואַרט אויף אים אַ באַקאַנטער דראָזשקאַזש מיט גומע־אָפּאָנעס.

— און נעכטן, איז ווי איר זענט נאָר אַוועקגעפאָרן פון פירשט קאָרטשאַגין, — האָט דער דראָזשקאַזש געזאָגט, אויסדרייענדיק צו אים זיין פעסטן פאַרברענטן האַלז, אין דעם ווייסן העמד־קאָלנער — בין איך נאָך אייך געקומען, אָבער דער שווייצאַר האָט מיר געזאָגט: „נאָר־וואָס אַרויסגעגאַנגען".

„אפילו דער פורמאַן ווייסט פון מיינע באַציונגען צו די קאָרטשאַגינס", — האָט נעכליודאָוו אַ טראַכט געטון, און די נישט געלייזטע

פראַגע, וואָס האָט אים די לעצטע צייט נישט אָפּגעלאָזט — צי ער דאַרף חתונה האָבן מיט פירשטין קאָרטשאַגין, אָדער נישט, אָט די פראַגע האָט זיך פאַר אים ווידער געשטעלט, און ער האָט זי בשום אופן נישט געקאָנט באַשליסן, ווי די אַלע אַנדערע פראַגן, וואָס זענען בּאַ אים אַנטשטאַנען אין דער לעצטער צייט.

הייראַטן וואָלט לוינען, ערשטנס, שוין דערפאַר, ווייל די הייראַט, אויסער די פאַרגעניגנס פון דער היימישער נעסט, גיבן די מעגלעכקייט צו פירן אַ מאָראַליש לעבן, באַזייטיקט די אומנאָרמאַלע געשלעכטלעכע באַציונגען. און צווייטנס, און דאָס איז געווען דער עיקר, וואָס נעכליודאָוו האָט געהאָפט, אַז די פאַמיליע, די קינדער וועלן צוגעבן אַ זין זיין איצטיקן אינהאַלטסלאָזן לעבן. דאָס איז געווען פאַר חתונה האָבן בכלל. די אַרגומענטן קעגן חתונה זענען געווען, ערשטנס, די כאַראַקטעריסטישע מורא פון אַלע נישט יונגע בחורים צו פאַרלירן די פרייהייט און, צווייטנס, די אומבאַוווּסטזיניקע מורא פאַר דעם געהיימנישפולן וועזן: ווייב. חתונה האָבן דווקא מיט מיסי (די פירשטין קאָרטשאַגינאַ האָט מען גערופן מאַריאַ און, ווי אין אַלע פאַמיליעס פון דעם קרייז, האָט מען זי פאַרצויגן מיסי) — איז געווען גוט דערמיט, וואָס, ערשטנס, איז זי געווען ראַסיק און אין אַלץ, פון דער קליידונג ביז דעם אופן רעדן, גיין, לאַכן, האָט זי זיך אויסגעטיילט פון געוויינלעכע מענטשן, אויסגעטיילט נישט מיט עפּעס אויסערגעוויינלעכס, נאָר מיט דער „אָנשטענדיקייט”, — ער האָט נישט געוווּסט קיין אַנדערן אויסדרוק פאַר דערדאָזיקער אייגנשאַפט און האָט געשעצט דידאָזיקע אייגנשאַפט זייער הויך; צווייטנס, נאָך דאָס, וואָס זי האָט העכער פון אַלעמען אים געשטעלט, אַלזאָ, לויט זיינע באַגריפן, אים פאַרשטאַנען. און דאָס פאַרשטיין אים, דאָס הייסט אָנערקענען זיינע גרויסע מעלות, האָט עדות געזאָגט, פאַר נעכליודאָוון, אויף איר קלוגשאַפט און ריכטיקייט פון אורטיילן. קעגן דער חתונה דווקא מיט מיסי איז געווען, וואָס ס'איז געווען זייער מעגלעך, אַז מען זאָל קאָנען געפינען אַ מיידל מיט אַ סך מער מעלות, ווי מיסי, און וועלכע וואָלט דעריבער געהאַט אַ זכיה צו זיין זיין ווייב, און צווייטנס, וואָס זי איז אַלט געווען 27 יאָר, און געוויס האָט זי שוין פריער געהאַט אַנדערע ליבעס,— דערדאָזיקער געדאַנק איז געווען פּיינלעך פאַר נעכליודאָוון. זיין שטאָלץ האָט נישט געקאָנט שלום ווערן דערמיט, וואָס זי האָט אפילו אין דער פאַרגאַנגענהייט געקאָנט ליבן אַן אַנדערן און נישט אים. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט נישט געקאָנט וויסן, אַז זי וועט אים טרעפן. נאָר דער איי-

נער געדאַנק, אַז זי האָט אַמאָל געקאָנט ליבן אַ צווייטן, האָט אים באַ-לײדיקט.

אַזוי אַרום זענען געווען פּונקט אַזוי פיל טעמים פאַר, וויפיל קעגן; לכל הפּחות לויט זייער איבערצייגונגס-קראַפט זענען דידאָזיקע טעמים געווען גלייך, און נעכליודאָוו, לאַכנדיק אַליין פון זיך, פּלעגט זיך אַליין אָנרופן דאָס בורידאַנישע אייזל. און דאָך פּלעגט ער פאַרבלייבן אַזאַ און נישט געוווסט, צו וועלכער פון די, פון די צוויי בינטלעך, ער זאָל זיך צוכאַפּן.

„איבעריקנס, האָב איך נישט קיין ענטפער פון מאַריאַ וואַסיליעוו-נאַ, פון קרייז-מאַרשאַלעקס ווייב. נישט האָבנדיק פאַרענדיקט דערמיט אינ-גאַנצן, קאָן איך גאָרנישט פאָרנעמען", האָט ער זיך געזאָגט.

און דערדאָזיקער באַוווסטזיין, אַז ער מוז און דאַרף נישט כאַפּן מיטן ענטפער, איז אים געווען אָנגענעם „איבעריקנס, וועל איך דאָס אַלץ באַטראַכטן שפּעטער", האָט ער זיך געזאָגט, ווען די דראָזשקע זיינע איז גאָר שטיל צוגעפאָרן צו די אַספאַלטענע פאַראַד-טרעפּ פון געריכט.

„איצט דאַרף מען געוויסנהאַפט, ווי איך טו דאָס תמיד און האַלט עס פאַר נייטיק צו דערפילן דעם געזעלשאַפטלעכן חוב. דערצו נאָך טרעפט, אַז עס איז אויך אינטערעסאַנט", האָט ער זיך געזאָגט און איז אַדורך פאַרביי דעם שווייצאַר אין וועסטיבול פון געריכט.

אין די קולוארן פון געריכט איז געווען אַ שטאַרקע באַוועגונג, ווען נעכליודאָוו איז אַהין אַריין.

די געריכטס-דינער זענען דאָ שנעל געגאַנגען, דאָ אפילו געלאָפן, נישט אויפהייבנדיק די פיס פון פאָדלאָגע, נאָר שאַרנדיק מיט זיי, געלאָפן הין און צוריק מיט פּאַפּירן. געריכטס-קאָמיסאַרן, אַדוואָקאַטן און באַאַמטע פון געריכט האָבן געשפּרייזט הין און אַהער; פּעטענטן, אָדער באַשול-דיקטע אָן וואַך, האָבן זיך אומעטיק אַרומגעשלעפּט באַ די ווענט, אָדער געזעסן, וואַרטנדיק.

— וווּ איז דאָס קרייז-געריכט? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט באַ איינעם פון די דינער.

— וואוהין דאַרפט איר? ס'איז פאַראַן אַ ציווילע-אָפּטיילונג און אַן אַפּעלאַציע-געריכט.

— איך בין אַ געשווירענער.

— די קרימינעלע אָפּטיילונג. אזוי האָט איר גלייך באַדאַרפט זאָגן. דאָ רעכטס, דערנאָך לינקס אין דער צווייטער טיר.

נעכליודאָוו איז אוועק לויט דער אָנווייזונג.

לעבן דער אָנגעוויזענער טיר זענען געשטאַנען צוויי מענער און האָבן געוואַרט. איינער איז געווען אַ סוחר, אַ הויך-געוואַקסענער גוטמוּטיקער מענטש, וועלכער האָט שוין קענטיק געמאַכט אַ כּוסה און גוט צוגעביסן און זיך געפונען אין דער בעסטער שטימונג. דער צווייטער איז געווען אַ האַנדלס-אָנגעשטעלטער, פון יידישער אָפּשטאַמונג. זיי האָבן געהאַלטן אין שמועסן וועגן די מקחים איבער וואָל, בעת צו זיי איז צוגעקומען נעכליודאָוו און געפרעגט צי דאָ איז דאָס צימער פון די געשווירענע.

— דאָ, מיין הער, דאָ. אויך איינער פון אונזעריקע, אַ געשווירענער? — האָט דער סוחר פריילעך אונטערגעווונקען און גוטמוטיק געפרעגט.

— נו, וועלן מיר זיך צוזאַמען באַמיען, — האָט ער געענטפערט אויף נעכליודאָווס צושטימענדיקן ענטפער; — איך בין באַקלאַשאָוו פון דער צווייטער גילדע, — האָט ער געזאָגט, דערלאַנגענדיק זיין ווייכע ברייטע האַנט, וואָס איז געווען שווער צוזאַמענצודריקן; — מיר פון אונזער זייט דאַרפן אונזער מי נישט זשאַלעווען. מיט וועמען האָב איך דעם כּבוד?

נעכליודאָוו האָט זיך אָנגערופן און איז אוועק אין צימער פון די געשווירענע.

אין דעם קליינעם צימער פון די געשווירענע האָבן זיך געפונען אַ מאַן צען, מענטשן פון פאַרשידענע שיכטן, וואָס זענען באַר-וואָס געקומען אַהער. אייניקע זענען געזעסן, אַנדערע זענען אַרומגעגאַנגען הין-און-הער, באַטראַכט איינע די אַנדערע און געמאַכט באַקאַנטשאַפט. איינער איז געווען אין אוניפאָרם, אַ מיליטער-מאַן אויף עמעריטור, די איבעריקע זענען געווען אָנגעטון ציוויל, נאָר איינער איז געווען אין אַ „פּאַדיאַווקע“.

הגם די דאָזיקע זיצונג האָט אַ סך אָפּגעריסן פון דער אַרבעט און איז אַ סך אפשר געווען צו לאַסט, דאָך האָבן אַ סך געטראָגן דעם שטעמפּל פון געוויסער צופרידנקייט דורך דעם באַוווסטזיין, אַז זיי דערפילן אַ געוויסע בירגערלעכע פליכט. פון די געשווירענע האָבן זיך אייניקע באַקאַנט, אייניקע האָבן זיך אַליין אָנגעשטויסן, ווער יענער איז, האָבן צווישן זיך געשמועסט וועגן וועטער, וועגן פריען פרילינג, וועגן פאַרשטייענדיקע עסקים. די, וואָס זענען נישט געווען באַקאַנט, האָבן זיך

געאײַלט צו באַקענען מיט נעכליודאָוון. און האָבן דאָס אָנגענומען פאַר אַ גרויסן כּבֿוד. און נעכליודאָוו, געפינענדיק זיך צווישן אומבאַקאַנטע, פלעגט דעמדאָזיקן כּבֿוד אָננעמען, ווי אַ זאַך, וואָס אים קומט. אויב מען וואָלט אים געפרעגט, פאַרוואָס האַלט ער זיך העכער פון אַנדערע, וואָלט ער נישט געקאָנט ענטפערן אויף דער פראַגע, ווייל זיין גאַנץ לעבן האָט נישט געקאָנט אויפווייזן וועלכע נישט איז באַזונדערע פאַרדינסטן, וואָס ער האָט געהאַט אַ גוטע אויסשפּראַך אויף ענגליש, פראַנצויזיש און דייטש, וואָס ער האָט געטראָגן פון בעסטן סאָרט וועש, קליידער, שניפּסן און זאַפּינקעס, — האָט ער אַליין פאַרשטאַנען, אַז דאָס קאָן נישט זיין די סיבה, אַז דערפון זאָל ער זיך האַלטן העכער. און ער האָט פאָרט געהאַלטן, אַז ער איז נישט גלייך מיט אַלעמען און פלעגט אָננעמען דעם כּבֿוד, וואָס מען פלעגט אים אַרויסווייזן, ווי אַ זאַך, וואָס אים קומט, און פלעגט זיך באַליידיקן, אַז ער פלעגט נישט האָבן דעמדאָזיקן כּבֿוד. אין צימער פון די געשווירענע איז אים אויסגעקומען צו ליידן פון דעם אומאָנגענעמען געפיל, וואָס מען האָט אים נישט אַרויסגעוויזן קיין אכטונג. צווישן די געשווירענע האָט זיך געפונען נעכליודאָוס אַ באַקאַנטער. דאָס איז געווען פּיאָטר געראַסימאָוויטש (נעכליודאָוו האָט קיינמאָל נישט געוווּסט און האָט זיך אַ ביסל אויסגעפיינט דערמיט, וואָס ער ווייסט נישט זיין פאַמיליע) — אַ געוועזענער לערער פון די קינדער פון זיין שוועסטער. פּיאָטר געראַסימאָוויטש האָט געענדיקט דעם קורס און איז איצט געווען אַ לערער פון אַ גימנאַזיע. נעכליודאָוו פלעגט אים קיינמאָל נישט קאָנען אַריבערטראָגן צוליב זיין פאַמיליאַריטעט, צוליב זיין זעלבסטצופרידענעם געלעכטער, בכלל צוליב זיין „קאָמונישקייט", ווי נעכליודאָווס שוועסטער פלעגט עס אָנרופן.

— אָבער אויך איר זענט אַריינגעפאַלן, — האָט פּיאָטר געראַסימאָוויטש מיט אַ הויך געלעכטער באַגעגנט נעכליודאָוון. — זיך נישט אויסגעדרייט.

— איך האָב אפילו נישט געטראַכט זיך אַרויסצודרייען, — האָט נעכליודאָוו שטרענג און אָן שמייכל געזאָגט.

— נו, דאָס איז בירגערלעכע גבֿורה, אָבער וואַרט אויף, אַז איר וועט זיך אויסהונגערן און מען וועט נאָך דערצו נישט לאָזן שלאָפן, דעמאָלט וועט איר שוין אַנדערש זינגען! — האָט פּיאָטר געראַסימאָוויטש אַרויסגערעדט, נאָך שטאַרקער לאַכנדיק.

„דערדאָזיקער זון פון גלח וועט מיך באַלד אָנהייבן דוצן", האָט

נעכליודאָוו אַ טראַכט געטון און האָט אויסגעדריקט אויף זיין פּנים אַזאַ טרויער, פּונקט ווי ער וואָלט זיך דערוווסט איצט ערשט וועגן דעם טויט פון אַלע זיינע קרובים, און ער איז פון אים אָפּגעגאַנגען און זיך דער-בענטערט צו אַ רעדל מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום אַ הויכן, ראַזירטן, סאָלידן הער, וועלכער האָט לעבעדיק עפּעס דערציילט. דער הער האָט דערציילט וועגן פּראָצעס, וואָס איז איצט פאָרגעקומען אין דער ציווילער אָפּטיילונג, ווי וועגן אַ זאַך, וואָס איז אים גוט באַקאַנט, אָנרופנדיק די ריכטער און באַרימטע אַדוואָקאַטן בײַ די נעמען און פאָטערנאָמען. ער האָט גערעדט וועגן דער אויסערגעוויינלעכער ווענדונג, וואָס האָט געגעבן דעם פּראָצעס אַ באַרימטער אַדוואָקאַט, און אַ דאַנק וועמען וועט איינער פון די צדדים, אַן אַלטע בריצהטע, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי איז געווען אינגאַנצן גערעכט, מוזן באַצאָלן דעם צד שכנגד פיל געלט.

— אַ געניאַלער אַדוואָקאַט! — האָט ער געזאָגט.

מען האָט אים געהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און אַנדערע האָבן זיך באַמיט אַריינשטעלן זייערע באַמערקונגען, אָבער ער פלעגט אַלעמען איבעררייסן, פּונקט ווי ער אַליין נאָר וואָלט געוווסט וועגן אַלץ.

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס נעכליודאָוו איז געקומען פרי, איז אים דאָך אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן. די זאַך איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דורך דעם, וואָס איין מיטגליד פון גערעכט איז ביז אַהער נאָך אַלץ נישט געקומען.

VI.

דער פאָרזיצער פון גערעכט איז געקומען אין גערעכט פרי. דער פאָרזיצער איז געווען אַ הויכער, דיקער מאַן מיט גרויסע גרויוערנדיקע באַקנבערד. ער איז געווען פאַרהייראַט, אָבער ער האָט געפירט אַן אויס-געלאַסן לעבן, פּונקט ווי זיין ווייב. זיי האָבן איינע די אַנדערע נישט געשטערט. אין דעמדאָזיקן פרימאָרגן האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו פון אַ גוווערנאַנטין — אַ שווייצערין, וואָס האָט זומער פאַרבראַכט בײַ זיי אין הויז און וואָס איז איצט דורכגעפאָרן פון דרום-רוסלאַנד קיין פּעטערבורג. זי האָט אים געשריבן, אַז זי וועט זיין אין שטאָט צווישן דריי

און זעקס אַ זייגער און וועט אויף אים וואַרטן אין האָטעל „איטאַליע“, דעריבער האָט זיך אים געוואָלט אָנהייבן און ענדיקן די זיצונג פון הייַנטיקן טאָג פריער, כּדי ביז זעקס אַ זייגער באַווייזן צו באַזוכן דידאָזיקע געלינקע קלאַרא וואַסיליעוונאַ, מיט וועלכער ער האָט פּאַראַיאָרן אויף דער זומערוווינונג פאַרפירט אַ ראָמאַן.

אַרייַנגעגאַנגען אין קאַבינעט, האָט ער פאַרריגלט די טיר, האָט אַרויסגענומען ביכער פון אַלמער, פון דער אונטערשטער פּאָליצע צוויי געוויכטן און געמאַכט צוואַנציק באַוועגונגען אַרויף, פאַרויס, אין אַ זייט און אַרונטער. און דערנאָך האָט ער דריי מאָל זיך צוגעזעצט אויף די קני, האַלטנדיק דאָס געוויכט איבערן קאָפּ.

„קיין זאַך קרעפטיקט נישט אַזוי, ווי קאַלטע דושן און גימנאַסטיק“, האָט ער אַ טראַכט געטון, טאַפּנדיק מיט דער לינקער האַנט מיט דעם גילדערנעם רינג דעם פעסטן ביצעפּס פון דער רעכטער האַנט. ער האָט נאָך באַדאַרפט מאַכן אַ ראָד (ער האָט שטענדיק געמאַכט דידאָזיקע צוויי באַוועגונגען פאַר דעם לאַנגן זיצן אויף דער סעסיע), בעת די טיר האָט זיך אַ טרייסל געטון. עמעצער האָט זי געוואָלט עפענען. דער פּאָרזיצער האָט שנעל אַנידערגעשטעלט דאָס געוויכט אויפן אָרט און האָט אויפגעמאַכט די טיר.

— אַנטשולדיקט, — האָט ער געזאָגט.

אין צימער איז אַרייַנגעקומען איינער פון די מיטגלידער פון געריכט אין גילדערנע ברילן, נישט קיין הויכער, מיט אויפגעהויבענע אַקסלען און אַן אַנגעברוגזט פּנים.

— מאַטוויי ניקיטיטש איז ווידער נישטאָ, — האָט געזאָגט דער געריכטס-מיטגליד אומצופרידן.

— נאָך נישטאָ, — האָט דער פּאָרזיצער געענטפערט און אָנגעטון דעם מונדיר. — אייביק פאַרשפּעטיקטער.

— אַ חידוש, ווי אַזוי שעמט ער זיך נישט, — האָט דער געריכטס-מיטגליד געזאָגט און בעסדיק זיך אַנידערגעזעצט, אַרויסנעמענדיק אַ פּאַפּיראָס.

דערדאָזיקער מיטגליד פון געריכט, גאָר אַ פּינקטלעכער מענטש, האָט הייַנט אינדערפרי געהאַט אַ זייער אומאָנגענעמען צוזאַמענשטויס מיט דעם ווייַב דערפאַר, וואָס דאָס ווייַב האָט אויסגעגעבן פריער פאַר דער צייַט דאָס געלט, וואָס ער האָט איר געגעבן אויף אַ גאַנצן חודש. זי האָט געבעטן, אַז ער זאָל איר געבן פאָרויס, אָבער ער האָט געזאָגט,

אַז ער וועט זיך האַלטן באַ זיינס. איז אַרויסגעקומען אַ סצענע. דאָס ווייב האָט געמאָלדן, אַז אויב אַזוי, וועט נישט זיין קיין מיטאָג, און ער זאָל נישט האָפן אויף קיין מיטאָג אינדערהיים. דערמיט איז ער אַוועקגעפאָרן, האָבנדיק מורא, אַז זי וועט האַלטן וואָרט, ווייל אויף איר האָט מען זיך אַלץ געקאָנט ריכטן. — „אָט פיר אַ גוט מאָראַליש לעבן, — האָט ער געטראַכט, קוקנדיק אויף דעם שיינענדיקן, געזונטן, פריילעכן און גוטמוטיקן פאָרזיצער, וועלכער האָט, ברייט פונאַנדערשפרייטנדיק די עלנבויגנס, מיט די שיינע ווייסע הענט געפירט איבער די געדיכטע און לאַנגע גרויווערנדיקע באַקנבערד: — ער איז שטענדיק צופרידן און פריילעך, און מיר איז קלאָגעדיק".

ס'איז אַריין דער סעקרעטאַר און געבראַכט פראָצעס-אַקטן.

— איך דאַנק אייך זייער, — האָט געזאָגט דער פאָרזיצער פון געריכט און פאַררייכערט אַ פאַפּיראָס. — וועלכער פראָצעס זאָל איצט פאָרקומען?

— איך רעכן וועגן דער פאַרגיפטונג, — האָט דער סעקרעטאַר כלומרשט ווי גלייכגילטיק געזאָגט.

— נו, גוט, פאַרגיפטונג, זאָל זיין פאַרגיפטונג, — האָט דער פאָרזיצער איינגעשטימט, באַרעכענענדיק, אַז מיט דעמדאָזיקן ענין קאָן מען פאַרטיק ווערן ביז אַ זייגער 4, און דערנאָך אַוועקפאָרן.

— און מאַטווי ניקיטיטש איז נאָך נישטאָ?

— אַלץ נאָך נישטאָ.

— און ברעווע איז פאַראַן?

— פאַראַן. — האָט דער סעקרעטאַר געענטפערט.

— טאָ גיט אים איבער, אויב איר וועט אים טרעפן, אַז מיר הייבן אָן פון דער פאַרגיפטונג.

ברעווע איז געווען דער גהילף-פּראָקוראָר, וואָס האָט באַדאַרפט באַשולדיקן אויף דערדאָזיקער סעסיע.

אַרויסגייענדיק אין קאָרידאָר, האָט דער סעקרעטאַר באַגעגנט ברעווען. אויפגעהויבן הויך די אַקסלען אין אַ פאַרשפּיליעטן מונדיר, האָט ער מיטן פאָרטפעל אונטערן אָרעם שיער נישט מיט אַ געלויף, אונטערקלאַפּנדיק מיט די קנאַפּל, געשפרייזט איבערן קאָרידאָר, פאָכענדיק מיט דער פרייער האַנט אַזוי, אַז זי איז געווען פּערפּענדיקולער צו דער ריכטונג פון זיין גאַנג.

— מיכאיל פעטראָוויטש האָט געבעטן געוויר ווערן, צי איר זענט גרייט? — האָט דער סעקרעטאַר אַ פרעג געטון.

— פאַרשטייט זיך, איך בין אַלעמאָל גרייט, — האָט דער געהילף־פּראָקוראָר געזאָגט. — וועלכער פּראָצעס איז דער ערשטער?

— פאַרגיפטונג.

— אויסגעצייכנט, — האָט דער געהילף־פּראָקוראָר געענטפערט; אָבער ער האָט עס גאָרנישט איינגעפונען פאַר אויסגעצייכנט; ער איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. זיי האָבן באַגלייט אַ חבר, אַ סך געשיכורט און געשפּילט ביז צוויי אַ זייגער אין קאָרטן, דערנאָך זענען זיי אַוועקגעפאָרן צו פרויען, אין דעם זעלבן שאַנד־הויז, וווּ מיט זעקס חדשים צוריק האָט זיך נאָך מאַסלאָווא געפונען; אַזוי אַרום איז ער נאָך נישט געווען באַקאַנט מיטן פּראָצעס וועגן דער פאַרגיפטונג, און איצט געוואָלט אים דורכלויפן. דער סעקרעטאַר, וויסנדיק, אַז ער איז נישט באַקאַנט מיטן פּראָצעס, האָט בכיוון געראָטן דעם פאָרזיצער לאָזן גיין צוערשט דעמדאָזיקן פּראָצעס. דער סעקרעטאַר איז געווען אַ ליבעראַלער און אפילו אַ ראַדיקאַלער מענטש; ברעווע איז גראָד געווען אַ קאָנסערוואַטאָר; און אַזוי ווי אַלע דייטשן, וואָס זענען געווען אין רוסלאַנד באַאַמטע — איז ער געשטאַנען פאַר דער אָרטאָדאָקסיע. דער סעקרעטאַר האָט אים נישט ליב געהאַט און איז אים סתם מקנא געווען מיט זיין שטעלע.

— און וואָס הערט זיך מיט די סקאָפּצעס — האָט דער סעקרעטאַר אַ פרעג געטון.

— איך האָב געזאָגט, אַז איך קאָן נישט, — האָט דער געהילף־פּראָקוראָר געענטפערט: — צוליב דעם, ווייל עס פעלן עדות. אַזוי וועל איך אויך מעלדן דעם געריכט.

— ס'איז דאָך אָבער אַלצייגס...

— איך קאָן נישט, — האָט געזאָגט דער געהילף־פּראָקוראָר, און, פאָכענדיק ווידער מיט דער האַנט, איז ער אַדורכגעלאָפן צו זיך אין קאַבינעט.

ער האָט אָפּגעלייגט דעם פּראָצעס פון די סקאָפּצעס, ווייל ס'האָט געפעלט אַ גאָרנישט וויכטיקער און נישט קיין נייטיקער עדות. געטון האָט ער עס בלויז צוליב דעם צוזאַמענשטעל פון די געשווירענע, וואָס זענען געווען אינטעליגענט און האָבן געקאָנט אַרויסטראָגן אַ באַפרייונגס־

אורטייל. לויטן אָפּמאַך מיטן פאָרזיצער פון געריכט האָט מען דעמדאָזיקן פּראָצעס באַדאַרפט איבערטראָגן אויף אַ סעסיע אין קרייז־שטאָט, ווו עס וועלן זיין מער פויערים און במילא מער שאַנסן פאַר דער באַשולדיקונג.

די באַוועגונג אין די קולוואַרן איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. דער גרעסטער עולם האָט זיך געשפּאַרט לעבן דער ציווילער אָפּטיילונג, ווו ס'איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס, וועגן וועלכן ס'האָט דערציילט פאַר די געשווירענע דער סאָלידער הער, דער גרויסער ליבהאָבער פון משפטים. אויף דער הפסקה איז פון דעם זאַל אַרויס די זעלבע אַלטיטשקע, באַ וועלכער דער געניאַלער אַדוואָקאַט האָט געקאָנט צונעמען איר פאַרמעגן לטובת דעם שווינדלער, וואָס האָט נישט געהאַט אויף דעמדאָזיקן פאַרמעגן קיין שום רעכט: דאָס האָבן געוווסט די ריכטער און נאָך בעסער דער מאָנער און זיין אַדוואָקאַט; אָבער דער אַדוואָקאַט האָט געמאַכט אַזאַ דריידל, אַז מען האָט געמוזט צונעמען באַ דער אַלטיטשקער איר פאַרמעגן און אָפּגעבן דעם שווינדלער. די אַלטיטשקע איז געווען אַ דיקע פרוי אין אַ יום־טובדיק קלייד און מיט גרויסע משונהדיקע בלומען אויפן הוט. אַרויסגייענדיק פון טיר, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אין קאָרידאָר און מאַכנדיק מיט אירע קורצע דיקע הענט, אַלץ געטענהט, זיך געווענדט צו איר אַדוואָקאַט: „וואָס וועט עס זיין, האָט רחמנות! וואָס טוט זיך דאָ?" דער אַדוואָקאַט האָט געקוקט אויף די בלומען פון איר הוט און האָט זיך נישט צוגעהערט, וואָס זי האָט צו אים גערעדט, עפּעס טראַכטנדיק.

נאָך דער אַלטיטשקער איז פון זאַל פון דער ציווילער אָפּטיילונג שנעל אַרויס, שיינענדיק מיטן ווייסן זשילעט און מיטן זעלבסטצופרידענעם פּנים, דער באַרימטער אַדוואָקאַט, וועלכער האָט געמאַכט אַזוי, אַז די אַלטיטשקע מיט די בלומען איז געבליבן באַ גאָרנישט. אָבער דער שווינדלער, וואָס האָט אים געגעבן 10 טויזנט, האָט באַקומען מער פון 100 טויזנט. אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדט אויפן אַדוואָקאַט, און ער, פילנדיק עס, האָט מיט זיין גאַנצן אויסזעען ווי געזאָגט: — „מען דאַרף נישט קיין שום אויסדרוקן פון איבערגעגעבנקייט". און איז שנעל אַדורך פאַרביי אַלעמען.

VII.

ענדלעך איז אויך געקומען צו פאַרן מאַטווי ניקיטיטש; און דער געריכטס־קאָמיסאַר, אַ דאַרער מיט אַ לאַנגן האַלז, מיט אַ קרוי־מען גאַנג, מיט אַ פאַרקרימטער ליפּ, איז אַריין אין צימער צו די געשוווירענע.

דערדאָזיקער געריכטס־קאָמיסאַר איז געווען אַן ערלעכער מאַנמיט אוניווערזיטעט־בילדונג, אָבער ער האָט זיך ערגעץ נישט געקאָנט איינ־האַלטן אויף אַן אָרט, ווייל ער האָט אָן אויפהער געשיכורט. מיט דריי חדשים צוריק האָט איינע אַ גרעפין — וואָס האָט מקרב געווען זיין פרוי, אים איינגעאָרדנט אויף דעם פּלאַץ, און ער האָט זיך נאָך דאָ אַלץ גע־האַלטן, און איז געווען דערמיט צופרידן.

— אַלזאָ, מיינע הערן, אַלע זענען דאָ ? — האָט ער געזאָגט, אָנגעטון פּענסנע און געקוקט דורך זיי.

— דאַכט זיך, אַז אַלע — האָט געזאָגט דער פריילעכער סוחר.

— אָט וועלן מיר זען, — האָט געמאָלדן דער געריכטס־קאָמי־סאַר און אַרויסגענומען אַ בויגן־פּאַפּיר, גענומען אויסרופן, קוקנדיק אויף די געשוווירענע דאָ אַריבער די פּענסנע, דאָ אַדורך זיי.

— שטאַטס־ראַטגעבער אי. מ. ניקיפאָראָוו.

— איך, — האָט זיך אָפּגערופן אַ סאָלידער הער, וועלכער איז געווען באַהאַוונט אין אַלע געריכטס־כּללים.

— פּולקאָווניק איוואַן סעמיאָנאָוויטש איוואַנאָוו.

— דאָ, — האָט זיך אָפּגערופן אַ מאָגערער מענטש אין אַ מונ־דיר, וואָס האָט באַצייכנט, אַז ער איז אין דימיסיע.

— סוחר פון צווייטער גילדע פּיאָטר באַקלאַשאָוו ?

— פאַראַן, — האָט דער גוטמוטיקער סוחר, ברייט שמייכלענדיק זיך אָפּגערופן, — מיר זענען פאַרטיק.

— אָפיציר פון גוואַרדיע — פירשט דמיטרי נעכליודאָוו.

— איך, — האָט נעכליודאָוו געענטפערט.

דער געריכטס־קאָמיסאַר האָט באַזונדערס העפלעך און אָנגעגעם,

קוקנדיק אַריבער די פענסטער, זיך אַ נייג געטון, ווי ער וואָלט דורך דעם וועלן אים אויסטיילן.

— קאַפּיטאַן יורי דמיטריעוויטש דאַנטשענקאָ, סוחר גריגאָרי יעפימאָוויטש קולעשאָוו א. אז. וו. א. אז. וו.

אַלע, חוץ צוויי, זענען געווען פאַרזאַמלט.

— איצט ביטע, מיינע הערן, אין זאַל, האָט דער געריכטס-קאָמיסאַר געזאָגט און מיט אַן אָנגענעמען זשעסט אָנגעוויזן אויף דער טיר.

אַלע האָבן זיך געלאָזט גיין און, דורכלאָזנדיק איינער דעם אַנדערן, זענען זיי אַריין אין קאָרידאָר און פון קאָרידאָר אין זיצונגס-זאַל.

דער זאַל פון געריכט איז געווען אַ גרויס לאַנג צימער מיט אַ טריבונע, צו וועלכער ס'האָבן געפירט דריי טרעפּלעך. אויף דער מיט פון דער טריבונע איז געשטאַנען אַ טיש, באַדעקט מיט גריגעם געוואַנט, פון וועלכן עס זענען אַראָפּגעהאָנגען טונקל-גרינע פרענדז. הינטער דעם טיש זענען געשטאַנען דריי שטולן מיט זייער הויכע געשניצטע דעמבענע ווענטלעך. און הינטער די שטולן איז געהאָנגען אין אַ גילדערנער ראַם אַ פאַרביק בילד פון קיסר אין גאַנצן וווקס. דאָס בילד האָט פאָרגעשטעלט דעם קיסר, ווי ער שטעלט אַרויס די פיס און האַלט זיך פאַר דער שווערד. רעכטס, אין ווינקל איז געהאָנגען אַ בילד פון קריסטוסן מיט אַדאָרן-קראַנץ און ס'איז געשטאַנען אַן אַנאַלאַי, און רעכטס איז אויך געשטאַנען דעם פּראָקוראָרס שרייב-פולט. פון דער לינקער זייט, אַנטקעגן דעם שרייב-פולט, טיפער איז געווען דעם סעקרעטאַרס טישל און נענטער צום פּובּליקום אָפּגעצוימט מיט דעמבענע שטאַכעטן, איז געשטאַנען די באַשולדיקונגס-באַנק, נאָך אַ פּרייע. פון דער רעכטער זייט אויף דער טריבונע זענען געשטאַנען צוויי רייען שטולן אויך מיט הויכע ווענטלעך, פאַר די געשוווירענע, אונטן טישן פאַר די אַדוואָקאַטן. דאָס אַלץ האָט זיך געפונען אין דער פאָדערשטער טייל פון זאַל, וואָס די שטאַכעטן האָבן געטיילט אויף דער העלפט. די הינטערשטע טייל פון זאַל איז אינגאַנצן געווען פאַרנומען מיט בענק, וואָס זענען רייענווייז געגאַנגען איינע העכער פון דער אַנדערער ביז צו דער וואַנט. אין דער הינטערשטער טייל פון זאַל, אויף די פאָדערשטע בענק זענען געזעסן פיר פרויען, וואָס זענען געווען ענלעך צו פאַבריק-פרויען, אָדער צו דינסטן, און צוויי מאַנסבילן, ביידע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך, משמעות, געפילט אונטערדריקט פון דער

פראַכט פון דעם פאַרפוצטן זאַל און האָבן דעריבער ציטערדיק שטיל גערעדט איינער מיטן צווייטן.

גלייך נאָך די געזווירענע, איז דער געריכטס-קאָמיסאַר מיט זיין קרומען גאַנג אַרויס אויפן מיטן זאַל און מיט אַ הויכער שטים, פונקט ווי ער וואָלט וועלן דערשרעקן דעם עולם, האָט ער אויסגעשריגן :

— דאָס געריכט גייט !

אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט, און אויף דער טריבונע זענען אַרויף די ריכטער: דער פאָרזיצער מיט זיינע מוסקולן און שיינע באַקנבערד. דערנאָך דער מרה-שחורהדיקער מיטגליד פון געריכט אין די גאָלדענע ברילן, וועלכער איז געווען איצט נאָך מרה-שחורהדיקער דערפאַר, ווייל פאַר דער זיצונג האָט ער באַגעגנט זיין שוואָגער, אַ געריכטס-קאַנדידאַט, וועלכער האָט אים מודיע געווען, אַז ער איז געווען בא דער שוועסטער, און די שוועסטער האָט אים געמאָלדן, אַז קיין מיטאָג וועט נישט זיין.

— נו. איז וואָס ? וועלן מיר אַ פאָר טון אין אַ שענקל אָפּעסן אַ מיטאָג — האָט דער שוואָגער געזאָגט לאַכנדיק.

— ס'איז נישטאָ פון וואָס צו לאַכן, — האָט דער מרה-שחורהדיקער מיטגליד פון געריכט געזאָגט און איז געוואָרן נאָך פינצטערער.

און לסוף דער דריטער מיטגליד פון געריכט, דער זעלבער מאַטוויי ביקיטיטש, וואָס פלעגט שטענדיק פאַרשפּעטיקן. — דערדאָזיקער מיטגליד פון געריכט איז געווען אַ בערדיקער מענטש, מיט גרויסע אַראָפּגעהאַנגענע גוטע אויגן. דערדאָזיקער מיטגליד פון געריכט האָט געליטן אויף מאָגן-קאַטאַר און פון היינטיקן פרימאָרגן אָן האָט ער, לויט דער פאַרשריפט פון דאָקטאָר, אָנגעהויבן אַ נייעם רעזשים. און דערדאָזיקער נייער רעזשים האָט אים פאַרהאַלטן אינדערהיים לענגער, ווי שטענדיק. איצט, ווען ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער טריבונע, האָט ער געהאַט אַ קאָנצענטרירטן אויסזעען דערפאַר, ווייל ער פלעגט האָבן אַ געוווינהייט אויסצוּוואַרפן גורל מיט כלערליי מיטלען אויף פראַגן, וואָס ער פלעגט זיך אַליין שטעלן. איצטער האָט ער אויסגעוואָרפן, אַז אויב די צאָל טריט פון דער טיר פון קאַבינעט ביז צו דער שטול וועט זיך טיילן גלייך אויף דריי, וועט דער נייער רעזשים אים אויסהיילן פון זיין קאַטאַר, אויב אָבער ס'וועט זיך נישט טיילן — וועט עס נישט העלפן. ס'איז אויסגעקומען 26 טריט, אָבער ער האָט געמאַכט נאָך אַ קליין טריטעלע און פונקט אויף דעם 27-סטן טריט איז ער צוגעגאַנגען צו דער שטול.

די געשטאַלטן פון דעם פאָרזיצער און פון די מיטגלידער פון געריכט, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער טריבונע אין זייערע מונדירן מיט די קראַגנס אויסגענייט מיט גאָלד, זענען געווען זייער אימפּאָזאַנט. זיי האָבן דאָס געפילט אַליין און אַלע דריי, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען פאַרשעמט פון זייער אייגענער גרויסקייט, האָבן שנעל און באַשיידן אַראָפּגעלאָזט די אויגן, זיך אַנידערגעזעצט אויף זייערע אויסגעשניצטע שטולן, פאַר דעם מיט גרינעם געוואַנט באַדעקטן טיש, אויף וועלכן ס׳האָבן זיך געפונען אַ דרייעקיקער מכשיר מיט אַן אָדלער, גלעזערנע וואַזעס, אין וועלכע מען האַלט צוקערקעס אין די בופעטן; ס׳איז געשטאַנען אַ טינטער, און ס׳זענען געלעגן פעדערס, ריין פּאַפּיר און פריש אָפּגעשניצטע בלייפעדערס פון פאַרשידענער גרייס. צוזאַמען מיט די ריכטער איז אַריין דער געהילף פון פּראָקוראָר. אויך שנעל, מיט דער טעקע אונטערן אָרעם און אויך אַזוי מאַכנדיק מיט דער האַנט, איז ער צוגעגאַנגען צו זיין אָרט באַם פענצטער און האָט זיך גלייך פאַרטיפט אין לייענען און איבערקוקן די פּאַפּירן, אויסנוצנדיק יעדע מינוט אויף צוצוגרייטן זיך צום פּראָצעס. דערדאַזיקער פּראָקוראָר האָט בלויז דאָס פערטע מאָל באַשולדיקט. ער איז געווען ערגייציק און האָט פעסט באַשלאָסן צו מאַכן אַ קאַריערע, און דעריבער געהאַלטן פאַר נויטווענדיק צו ווירקן, אַז די באַשולדיקטע זאָלן ווערן פאַרמשפּט אין די אַלע פּראָצעסן, אין וועלכע ער טרעט אַרויס. דעם תוך פון פּראָצעס וועגן דער פאַרגיפטונג האָט ער געוווּסט אין אַלגעמיינע שטריכן און האָט שוין צונויפגעשטעלט דעם פּלאַן פון דער רעדע, אָבער ער האָט נאָך באַדאַרפט האָבן נאָך אייניקע דאַטן, און דידאָזיקע דאַטן האָט ער איצטער אייליק אויסגעשריבן פון די פּאַפּירן.

דער סעקרעטאַר איז געזעסן אויף דער אַנדערער זייט פון דער טריבונע און צוגרייטנדיק די אַלע פּאַפּירן, וואָס האָבן געקאָנט זיין נייטיק אויף פאָרצולייענען, האָט ער דורכגעקוקט אַן אומלעגאַלע בראָשור, וואָס ער האָט געקריגן און זי אויך געלייענט נעכטן. אים האָט זיך געוואָלט אַ שמועס טון וועגן דערדאָזיקער בראָשור מיט דעם מיטגליד פון געריכט מיט דער גרויסער באָרד. ער האָט געהאַט מיט אים די זעלביקע אָנשויונגען, אָבער פאַרן שמועס האָט ער געוואָלט אַליין זיך באַקענען מיט דער בראָשור.

VIII.

איבערגעקוקט די פּאַפּירן, האָט דער פֿאָרזיצער געשטעלט עטלעכע פֿראַגן דעם געריכטס־קאָמיסאַר און דעם סעקרעטאַר, און, באַקומענדיק פּאָזיטיווע ענטפֿערס, האָט ער פֿאַראָרדנט אַריינצוברענגען די באַשולדיקטע. גלייך האָט זיך די טיר הינטער די קראַטן אויפֿגעעפֿנט. און ס'זענען אַריין צוויי זשאַנדאַרמען אין היטלען, מיט אַנטבלויזטע שווערדן, און נאָך זיי האָט זיך באַוויזן איין באַשולדיקטער, אַ רויטער מאַנספּאַרשוין מיט זומערשפּרענקעלעך, — און צוויי פֿרויען. דער מאַנספּאַרשוין איז געווען אָנגעטון אין אַן אַרעסטאַנטיש מלבוש, וואָס איז געווען אויף אים צו ברייט און צו לאַנג. אַריינגייענדיק אין געריכט, האָט ער געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די הענט און מיט די גרויסע צעשפּרייטע אָנגעשטרענגט אויסגעצויגענע פֿינגער אונטערגעהאַלטן די צו לאַנגע אַרבל. נישט באַמערקנדיק די ריכטער און די צושויער, האָט ער אויפֿמערקזאַם געקוקט אויף דער באַנק, וואָס ער איז פֿאַרבייגעגאַנגען. באַם ברעג באַנק האָט ער זיך פֿאָרזיכטיק אַוועקגעזעצט, איבערלאָזנדיק אַן אָרט פֿאַר אַנדערע, אָנגעשטעלט די אויגן אויפֿן פֿאָרזיצער. ווי עפּעס שעפּטשענדיק, האָט ער אָנגעהויבן צו באַוועגן מיט די מוסקולן פֿון די באַקן. נאָך אים איז אַריין אַן עלטערע פֿרוי, אויך אין אַן אַרעסטאַנטיש מלבוש. דער קאָפּ איז באַ איר געווען אַרומגעבונדן מיט אַן אַרעסטאַנטיש טיכל, דאָס פּנים גרוי־ווייס, אָן ברעמען און וויעס, נאָר מיט רויטע אויגן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די פֿרוי איז אינגאַנצן רויק. בשעת זי איז געגאַנגען אויף איר אָרט, האָט זיך דער כאַלאַט באַ איר פֿאַרטשעפּעט אָן עפּעס, זי האָט אים זאָרגעוודיק אָפּגעטשעפּעט און זיך אַוועקגעזעצט.

די דריטע באַשולדיקטע איז געווען מאַסלאָוואַ.

ווי זי איז נאָר אַריין, האָבן זיך די אויגן פֿון אַלע מאַנספּילן, וואָס זענען געווען אין זאַל, געווענדט אויף איר און לאַנג האָבן זיי זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פֿון איר ווייסן פּנים מיט די שוואַרצע גלאַנציק־בלישטשענדיקע אויגן און פֿון דער הויכער ברוסט, וואָס האָט אויסגעפּוקלט דעם כאַלאַט. אפֿילו דער זשאַנדאַרם, וואָס פֿאַרביי אים איז זי אַדורך,

האָט, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, געקוקט אויף איר, ביזוואַנען זי איז אַדורכגעגאַנגען און זיך געזעצט, און דערנאָך, ווען זי האָט זיך שוין אַוועקגעזעצט, האָט ער, ווי אָנערקענענדיק זיך פאַר שולדיק, זיך שנעל אָפּגעקערט און אויסגלייכנדיק זיך, האָט ער גענומען שטאַרן אין פענצטער אַריין.

דער פאָרזיצער האָט געוואַרט, ביז די באַשולדיקטע האָבן פאַרנומען זייערע פּלעצער און ווי נאָר מאַסלאָוואַ האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָט ער זיך געווענדט צום סעקרעטאַר.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן די געוויינלעכע פּראָצעדור: מ'האָט אויסגערופן די געשווירענע בייזיצער, באַטראַכט וועגן די נישט געקומענע, אַרויפגעלייגט אויף זיי שטראָפן — אַרויסגעטראָגן אַ באַשלוס וועגן דייעניקע, וועלכע האָבן זיך אָפּגעבעטן און פאַרביטן די נישט-געקומענע דורך רעזערווירטע. דערנאָך האָט דער פאָרזיצער פון געריכט צוזאַמענגעוויקלט קליינע צעטעלעך, אַריינגעלייגט זיי אין אַ גלעזערנער וואַזע און גענומען אַרויסנעמען צו איין צעטעלע, פונאַנדערוויקלענדיק און לייענענדיק. געטון האָט ער דאָס מיט העוויות פון אַ קונצנמאַכער, און עטוואָס פאַרשאַרצנדיק די אויסגענייטע אַרבל פון מונדיר, האָט ער אָפּגעדעקט די מיט האָר געדיכט באַוואַקסענע הענט. דערנאָך האָט דער פאָרזיצער אַראָפּגעלאָזט די אַרבל און האָט פאָרגעלייגט דעם גלח צוצוטרעטן צו באַשווערן די בייזיצער.

לאַנגזאַם שלעפּנדיק די אָנגעשוואָלענע פיס, איז דער אַלטינקער גלח מיטן אָנגעשוואָלענעם געל-בלייכן פּנים אין דער ברוינער פּריסטערקליידונג מיטן גאָלדענעם צלם אויף דער ברוסט און מיט נאָך עפּעס אַ קליינינקען אָרדן, צוגעשפּיליעט אָן אַ זייט, צוגעגאַנגען צום אַנאַלאָי, וואָס איז געשטאַנען אונטערן הייליקן בילד.

די געשווירענע האָבן זיך שטופּנדיק אַ לאָז געטון צום אַנאַלאָי.

— ביטע, — האָט דער גלח געזאָגט, אָננעמענדיק מיט דער וויי־כער האַנט זיין צלם אויף דער ברוסט און וואַרטנדיק, ביז אַלע געשווירענע וועלן צוקומען. גלח איז ער שוין געווען 46 יאָר, און ער האָט זיך געקליבן אין דריי יאָר אַרום פייערן זיין יובילייי, אַזוי ווי דאָס האָט נישט לאַנג געטון דער קאַטעדראַלער־פּראָטאָיערעי. אין קרייז־געריכט האָט ער געדינט זינט די געריכטן זענען געוואָרן און זיין שטאָלץ איז געווען, וואָס די פּראָצעדור פון שווערן האָט ער דורכגעפירט עטלעכע צענדליק

טויזנט מאָל, און וואָס טראָץ זיין טיפער עלטער אַרבעט ער נאָך פאַר דער קירך, פאַרן פאָטערלאַנד און פאַר דער פאַמיליע, וועלכער ער וועט איבערלאָזן, אַ חוץ אַ הויז, נאָך אַ קאַפּיטאַל, נישט ווינציקער פון 30 טויזנט רובל אין פּראָצענט-פּאַפּירן. אים איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז זיין אַרבעט אין געריכט איז אין סתירה צום עוואַנגעליום, וואָס פאַר־באָט בפירוש צו שווערן; און זיין באַשעפטיקונג איז אים נישט נאָר נישט געווען אומאָנגענעם, נאָר ער האָט זי אפילו ליב געהאַט, אָפּט באַ־קענענדיק זיך דערביי מיט פיינע לייט. איצט האָט ער זיך מיט פאַרגע־ניגן באַקענט מיט דעם באַרימטן אַדוואָקאַט, פאַר וועלכן ער האָט געהאַט גרויס דרך-ארץ בלויז דערפאַר, וואָס יענער האָט פאַר איין פּראָצעס נאָר פון דער אַלטיטשקער מיט די גרויסע בלומען באַקומען צען טויזנט רובל.

ווען אַלע געשווירענע זענען אַרויף אויף דער טריבונע, האָט דער גלח, אַנבייגנדיק אָן אַ זייט זיין פליכיקן און גרויען קאָפּ, דורכגערוקט אים אין דעם פאַרשמאָלצענם לאָך פון דער עפּיטראַכיל און, אַ פיר געבנדיק איבער די שיטערע האָר, האָט ער זיך געווענדט צו די גע־שווירענע:

— הייבט אויף די רעכטע האַנט און די פינגער לייגט אויף אָט אַזוי, — האָט ער פאַמעלעך געזאָגט מיט אַ שטים פון אַ זקן. ער האָט אויפגעהויבן די דיקלעכע ווייכע האַנט מיט די גריבעלעך איבער יעדן פינגער און אויפגעלייגט די פינגער אַזוי, פונקט ווי ער וואָלט גענומען אַ שמעק טאַבאַק. — איצטער זאָגט וואָרט באַ וואָרט, — האָט ער גע־הייסן, און אָנגעהויבן: — איך זאָג צו און שווער מיטן אַלמעכטיקן גאָט, פאַר זיין הייליקן עוואַנגעליום און לעבנס-שאַפנדיקן צלם פון האַר, אַז אין משפּט, אין וועלכן... — האָט ער גערעדט, מאַכנדיק אַ הפסקה נאָך יעדער פראַזע. — לאָזט נישט אַראָפּ די האַנט, האַלט אַזוי, — האָט ער זיך געווענדט צו אַ יונגמאַן, וואָס האָט אַראָפּגעלאָזט זיין האַנט... — אַז אין משפּט, אין וועלכן...

דער סאָלידער הער מיט די באַקנבערד, דער פּאָלקאָווניק, דער סוחר און אַנדערע האָבן געהאַלטן די הענט מיט די אויפגעלייגטע פינ־גער אַזוי, ווי דאָס האָט געפאָדערט דער גלח, און, ווי זיי וואָלטן דאָס געטון מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן, נאָכזאָגנדיק וואָרט באַ וואָרט. אַנ־דערע האָבן דאָס געטון מיט אַ קלענערן חשק. אייניקע האָבן נאָכגעזאָגט די ווערטער צו הויך, פונקט ווי זיי וואָלטן דורך דעם געוואָלט דער־

חייזן: און איך וועל פונדעסטוועגן רעדן און רעדן; די צווייטע ווידער האָבן נאָר געפּליסטערט, פּלעגן אָפּשטיין פון גלח און דערנאָך, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך דערשראָקן אים אָנצוקוקן נישט אין דער צייט; ס'זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פעסט צוגעדריקט די אויפגעלייגטע פינגער, אַז מ'האָט געקאָנט מיינען, אַז זיי האָבן מורא עפּעס אַרויסלאָזן פון זיי. אַנדערע פּלעגן די פינגער אָפּלאָזן און דערנאָך זיי ווידער צוגעפּלייגן. אַלע האָבן זיך געפילט קרעמפּירט און בלויז דער אַלטינקער גלח איז געווען איבערצייגט, אַז ער טוט אַ נוצלעכע און וויכטיקע זאַך. נאָך דער שבועה האָט דער פאָרזיצער פאָרגעלייגט די געשווירענע, אַז זיי זאָלן אויסקלויבן אַן עלטסטן. די געשווירענע האָבן זיך אויפגעשטעלט און, שטופּנדיק זיך, זענען זיי אַריין אין באַראַטונגסצימער, וווּ זיי האָבן אַלע כמעט אַרויסגענומען פּאַפּיראָסן און אָנגעהויבן צו רייכערן. עמעצער האָט פאָרגעלייגט אויסצוקלייבן פאַר אַן עלטסטן דעם סאָלידן הער. אַלע האָבן גלייך איינגעשטימט און זיך אומגעקערט אין זאַל, פאַרלעשנדיק און אַוועקוואַרפנדיק די פּאַפּיראָסן. דער אויסגעווילטער פאַרן עלטסטן האָט מודיע געווען דעם פאָרזיצער, ווער ס'איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַן עלטסטן און אַלע שפּרייזנדיק איינער לעבן דעם צווייטן איבער די פיס, האָבן זיך אויסגעזעצט אין צוויי רייען אויף די שטולן מיט די הויכע ווענטלעך.

אַלץ איז געגאַנגען גלאַטיק, שנעל און ס'האָט אויך נישט געפעלט קיין פייערלעכקייט און אָט דידאָזיקע רעגלמעסיקייט, סיסטעמאַטישקייט און פייערלעכקייט האָבן, משמעות, פאַרשאַפט פאַרגעניגן די אָנטיילנעמער, באַשטעטיקנדיק אין זייער באַוווסטזיין, אַז זיי דערפילן אַן ערנסטע און וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע פליכט. אויך נעכליודאָוו האָט געהאַט דאָסדאָזיקע געפיל. ווי די געשווירענע האָבן זיך נאָר אויסגעזעצט, האָט דער פאָרזיצער פאַר זיי געהאַלטן אַ רעדע וועגן זייערע רעכט, פליכטן און פאַראַנטוואָרטלעכקייט. האַלטנדיק די רעדע, האָט דער פאָרזיצער נאָכאַנאַנד געביטן זיין פּאָזע: דאָ האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער לינקער, דאָ אויף דער רעכטער האַנט, דאָ האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אויף דעם ווענטל, דאָ אויף די הענטלעך פון שטול, דאָ האָט ער אויסגעגלייכט דעם בּרעג פון בויגן, דאָ געגלעט דאָס מעסער אויף צו שניידן פּאַפּיר, דאָ געטאַפּט די בלייפעדער.

זייערע רעכט, לויט דעם פאָרזיצערס ווערטער, זענען באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי קאָנען אויספרעגן די באַשולדיקטע דורכן פאָרזיצער,

קאָנען האָבן אַ בלייפעדער מיט פּאַפּיר און קאָנען באַקוקן די זאַכלעכע באַווייזן. זייער פליכט איז געווען די, אַז זיי דאַרפן משפטן נישט פאַלש, נאָר יושרדיק. זייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אויב זיי וועלן אַרויסגעבן די געהיימניש פון די באַראַטונגען, וועלן אָנקניפּן באַציונגען מיט זייטיקע מענטשן, וועלן זיי באַשטראָפט ווערן.

אַלע האָבן געהאָרכט מיט אַ גרויסער אויפמערקזאַמקייט. דער סוחר, פאַרשפּרייטנדיק אַרום זיך אַ ריח פון וויין און אייַנהאַלטנדיק אַ הויכן גרעפּץ, האָט אויף יעדער פראַזע פון פאָרזיצער איינשטימיק גע־שאָקלט מיטן קאָפּ.

IX.

געענדיקט זיין רעדע, האָט דער פאָרזיצער זיך געווענדט צו די באַשולדיקטע.

— סימאָן קאַרטינקין, שטעלט זיך — האָט ער געזאָגט.

סימאָן איז נערוועז אויפגעשפּרונגען, די מוסקולן פון די באַקן האָבן זיך באַוועגט נאָך שנעלער.

— אייער נאָמען ?

— סימאָן פּעטראָוו קאַרטינקין, — האָט ער גיך אַרויסגערעדט מיט אַ גרילצענדיק קול, מסתמא פון פריער צוגרייטנדיק זיך צום ענטפער.

— פון וואָס פאַרא שטאַנד זענט איר ?

— מיר זענען פּויערים.

— פון וועלכער גובערניע און קרייז ?

— פון טולער גובערניע. פון קראַפּיווענער קרייז, פון קופּיאַנער גמינע, פון דאָרף באָרק.

— וויפיל זענט איר אַלט ?

— פיר און דרייסיקסטער, געבוירן אין טויזנט אַכט הונדערט...

— פון וועלכן גלויבן ?

— פון רוסישן גלויבן, רעכטגלויביקע.

— באַווייבט ?

— ניין.

— מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך?

— מיר האָבן געדינט אין האָטעל „מאַוריטאַניאַ".

— פריער האָט איר זיך ווען געמשפּט?

— קיינמאָל זיך נישט געמשפּט. ווייל ווי מיר האָבן פריער גע־וווינט...

— קיינמאָל זיך נישט געמשפּט?

— גאָט זאָל אָפּהיטן, קיינמאָל נישט.

— די קאָפּיע פון באַשולדיקונגס־אַקט האָט איר באַקומען?

— באַקומען.

— זעצט זיך.

— יעפימיאַ איוואַנאָוונאַ באָטשקאָווא, — האָט זיך דער פּאָרזי־צער געווענדט צו אַ צווייטער אָנגעקלאָגטער..

אָבער סימאָן איז נאָך אַלץ געשטאַנען און האָט פאַרשטעלט באָטשקאָווען.

— קאַרטינקין, זעצט זיך!

קאַרטינקין איז נאָך אַלץ געשטאַנען.

— קאַרטינקין, זעצט זיך!

אָבער קאַרטינקין איז נאָך אַלץ געשטאַנען און זיך אַנידערגע־זעצט ערשט דאַן, ווען צו אים איז צוגעלאָפן דער קרייז־קאָמיסאַר, אָנ־געבויגן דעם קאָפּ אויף אַ זייט, און נישט באַטירלעך פונאַנדערעפנענדיק די אויגן, האָט ער אים מיט אַ טראַגישן געפליסטער אַרויסגערעדט: „זיצן, זיצן!"

קאַרטינקין האָט זיך אַזוי שנעל אַנידערגעזעצט, פּונקט ווי ער פלעגט זיך אויפשטעלן, און איינוויקלענדיק זיך אין כאַלאַט, האָט ער ווידער גענומען, אָן קלאַנג, באַוועגן מיט די געזיכטס־מוסקולן.

— אייער נאָמען? — האָט זיך דער פּאָרזיצער מיט אַ זיפץ פון מידקייט געווענדט צו דער צווייטער אָנגעקלאָגטער, נישט קוקנדיק אויף איר, נאָר בלעטערנדיק אין די פּאַפּירן, וואָס זענען פאַר אים געלעגן. ער איז געווען אַזוי איינגעוווינט אין דיזאָזיקע ענינים, אַז ער האָט גע־קאָנט טון צוויי זאַכן פאַר איין מאָל.

באָטשקאָווא איז אַלט געווען 43. זי האָט אָנגעהערט צום קליינבירגער־שטאַנד פון קאָלאָמנע — געווען אַ קאָרידאָר־באַדינערין אין דעם זעלבן האָטעל „מאַוריטאַניאַ", האָט אויף זיך קיינמאָל קיין משפּטים נישט

געהאַט, די קאַפּיע פון דעם באַשולדיקונגס־אַקט האָט זי באַקומען. באַטש־קאָוואַ האָט געענטפערט אויף אַלץ זייער דרייסט און מיט אַזאַ טאָן, גלייך ווי זי וואָלט צו יעדן ענטפער צוגעגעבן: „יאָ, — יעפימיאַ, און באַטשקאָוואַ, די קאָפּיע האָב איך באַקומען, און איך בין דערמיט שטאָלץ, און לאַכן וועל איך קיינעם נישט דערלויבן”. באַטשקאָוואַ נישט געוואַרט, אַז מען זאָל איר זאָגן „זעצן זיך”, האָט זיך גלייך אַני־דערגעזעצט, ווי זי האָט נאָר געענדיקט ענטפערן.

— אייער נאָמען? — האָט זיך דער פּאַרזיצער געווענדט באַזונ־דערס צערטלעך צו דער דריטער אַרעסטאַנטין. — מען דאַרף זיך שטעלן, — האָט ער צוגעגעבן ווייך און פריינדלעך, דערזעענדיק, אַז מאַסלאָוואַ איז געזעסן.

מאַסלאָוואַ האָט זיך מיט אַ שנעלער באַוועגונג אַ שטעל געטון, און אַן אויסדרוק פון באַרייט זיין אַלץ צו פאָלגן איז געוועזן אויף איר גע־זיכט. אויסגעשטרעקט די הויכע ברוסט פאָרויס, שווייגנדיק, האָט זי געקוקט דעם פּאַרזיצער גלייך אין פּנים אַריין מיט אירע שמייכלענדיקע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן עטוואָס געשיקלט.

— ווי רופט מען אייך?

— ליובאָוו, — האָט זי שנעל אַרויסגערעדט.

נעכליודאָוו האָט אָנגעטון די פּענסנע און אין דער זעלבער צייט געקוקט אויף די אָנגעקלאָגטע, בעת מ'האָט זיי אויסגעפרעגט. — „אָבער עס קאָן דאָך נישט זיין”, האָט ער געטראַכט, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון דער אַרעסטאַנטין. — „אָבער ווי קאָן דאָס זיין ליובאָוו”, — האָט ער געטראַכט, — דערהערנדיק איר ענטפער.

דער פּאַרזיצער האָט געוואָלט זי ווייטער אויספרעגן, אָבער דער מיטגליד פון געריכט אין די ברילן האָט עפּעס כעסדיק אַרויסגעברומט און אים אָפּגעשטעלט. דער פּאַרזיצער האָט געגעבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַז ס'הייסט: ער איז מסכים און זיך געווענדט צו דער אָנגעקלאָגטער:

— ווי אַזוי ליובאָוו? איר זענט דאָך פאַרשריבן אַנדערש.

די אָנגעקלאָגטע האָט געשוויגן.

— איך פרעג אייך, ווי איז אייער ריכטיקער נאָמען?

— ווי זענט איר געטויפט? — האָט דער כעסדיקער ריכטער געפרעגט.

— אַמאָל האָט מען מיך גערופן קאַטערינאַ.

„דאָס קאָן נישט זיין”, האָט נעכליודאָוו נישט אויפגעהערט צו־

רעדן צו זיך אַליין, אין דער זעלבער צייט האָט ער שוין אָן צווייפל געוווסט, אַז דאָס איז זי, דאָס זעלבע מיידל — די דינסט, וואָס זיינע מומעס האָבן דערצויגן, אין וועלכער ער איז איין צייט געווען פאַרליבט, יאָ, פאַרליבט, דערנאָך אין אַן אומזיניקן אַנפאַל פון ליידנשאַפט זי אָפּגע- נאַרט און אַוועקגעוואָרפן, שפּעטער זיך קיינמאָל וועגן איר נישט דער- מאָנט, ווייל דאָס דערמאָנען איז געווען צו פּיינלעך, האָט צו בולט אים געמוסרט און דערוויזן, אַז ער, וואָס איז אַזוי שטאָלץ מיט זיין אָנשטענ- דיקייט, האָט נישט נאָר נישט אָנשטענדיק, נאָר נידערטרעכטיק זיך באַ- גאַנגען מיט דערדאָזיקער פרוי.

יאָ, זי איז דאָס געווען. ער האָט געזען איצטער דייטלעך יענע באַזונדערע סודותפולע אינטימקייט, וואָס טיילט אָפּ איין פּנים פון צווייטן, וואָס מאַכט עס אייגנאַרטיק, איינציק, נישט איבערגעחזרט. נישט געקוקט אויף דער אומנאַטירלעכער ווייסקייט און פולקייט פון פּנים, איז די דאָזיקע מילדע, אייגנאַרטיקייט געלעגן אין דעמדאָזיקן פּנים, אין די ליפּן, אין די עטוואָס שיקלדיקע אויגן און, איבערהויפּט, אין דעם נאַיוון שמייכ- לענדיקן בליק און אין דעם אויסדרוק פון באַרייט זיין צו פאָלגן, וואָס איז געלעגן נישט נאָר אין געזיכט, נאָר אין איר גאַנץ געשטאַלט.

— אַזוי האָט איר גלייך באַדאַרפט זאָגן, — האָט דער פאָרזיצער ווידער אַזוי באַזונדערס ווייך אַרויסגערעדט. — ווי איז דעם פאָטערס נאָמען ?

— איך בין אַן אומגעזעצלעך-געבוירענע, — האָט מאַסלאָוואַ געזאָגט.

— דאָך, ווי האָט איר געהייסן לויט אייער טויף-פאָטער ?

— מיכאַילאָוונאַ.

„און וואָס האָט זי געקאָנט טאָן ?“ — האָט נעכליודאָוו ווייטער געטראַכט, קוים אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם.

— אייער פאַמיליע, ווי איז ?

— פאַרשריבן לויט דער מוטער — מאַסלאָוואַ.

— אייער שטאַנד ?

— אַ קליינבירגערין.

— רעכטגלויביק ?

— רעכטגלויביק.

— באַשעפטיקונג ? מיט וואָס האָט איר זיך פאַרנומען ?

מאַסלאָוואַ האָט געשוויגן.

— מיט וואָס האָט איר זיך באַשעפטיקט ? — האָט דער פּאַרזיצער ווידער געפרעגט.

— געווען אין אַן אַנשטאַלט, — האָט זי געזאָגט.

— אין וואָס פאַר אַן אַנשטאַלט ? — האָט דער פּאַרזיצער אין די ברילן שטרענג געפרעגט.

— איר ווייסט אַליין, אין אַ וואָסערן — האָט מאַסלאָוואַ געזאָגט, אַ שמייכל געטון, און שנעל אומקוקנדיק זיך, האָט זי ווידער אַנגעשטעלט אירע בליקן אויף דעם פּאַרזיצער.

עפּעס אַזוינס אומגעוויינלעכס איז געווען אין דעם אויסדרוק פון איר פּנים, עפּעס שרעקלעכס און רחמנותדיקס אין דער באַדייטונג פון אירע ווערטער, וואָס זי האָט אַרויסגערעדט, אין דעמדאָזיקן שמייכל און אין דעם שנעלן בליק, מיט וועלכן זי האָט באַטראַכט דעם זאַל, אַז דער פּאַרזיצער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און אין זאַל איז אַ ווײַלע געוואָרן גאָר שטיל. די שטילקייט האָט עמעצער פון עולם איבערגעריסן מיט אַ געלעכטער. אַ צווייטער האָט אַ פּייף געטון. דער פּאַרזיצער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און פאָרגעזעצט די פראַגן.

— האָט איר געהאַט וועגן אויף זיך משפּטים ?

— ניין, — האָט מאַסלאָוואַ שטיל געזאָגט און אָפּגעזיפצט.

— אַ קאָפּיע פון דעם באַשולדיקונגס-אַקט האָט איר באַקומען ?

— באַקומען.

— זעצט זיך, — האָט דער פּאַרזיצער געזאָגט.

די באַשולדיקטע האָט אויפגעהויבן דאָס קליידל אויף הינטער מיט אַזאַ באַוועגונג, ווי עלעגאַנטע דאַמען פאַרריכטן די שלעפּע, און זיך געזעצט, צוזאַמענלייגנדיק די ווייסע נישט גרויסע הענט אין די אַרבל פון כאַלאַט, און האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון פּאַרזיצער.

מ'האָט אָנגעהויבן ציילן די עדות, באַזייטיקן די עדות, דערנאָך איז געווען דער באַשלוס וועגן דעם דאָקטאָר, דעם עקספּערט און מ'האָט אים איינגעלאַדן אין זאַל פון דער זיצונג. דערנאָך האָט זיך אויפגעשטעלט דער סעקרעטאַר און האָט אָנגעהויבן לייענען דעם באַשולדיקונגס-אַקט. ער האָט געלייענט דייטלעך און הויך, אָבער אַזוי שנעל, אַז זיין שטימע, וואָס האָט נישט ריכטיק אַרויסגערעדט די ל און די ר, האָט געקלונגען ווי אַן אומאויפהערלעך גערויש, וואָס האָט ווי פאַרשלעפּערט. די ריכטער האָבן זיך אָנגעשפּאַרט דאָ אויף איינס, דאָ אויף דעם אַנדערן הענטל פון שטול, דאָ אויפן טיש, דאָ אויפן ווענטל, דאָ האָבן זיי צוגעמאַכט די

אויגן, דאָ אויפגעעפנט און זיך איינע מיט די אַנדערע געסודעט. איין זשאַנדאַרם האָט עטלעכע מאָל פאַרשטיקט די קראַמפּן פון געגעצן, וואָס ס'האָבן זיך באַ אים אַנגעהויבן.

פון די באַשולדיקטע האָט קאַרטינקין אָן אויפהער אַלץ געשאָקלט מיט די געזיכטס-מוסקולן. באָטשקאָווא איז געזעסן איינגאַנצן רויק און גלייך, פון צייט-צו-צייט געגעבן אַ קראַץ מיטן פינגער די פּאַטילניצע פון אונטער דעם טיכל.

מאַסלאָווא איז דאָ געזעסן רויק, הערנדיק דעם לייענער, און געקוקט אויף אים, דאָ פלעגט זי אויפציטערן, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט אָפּלייקענען, וואָס מ'האָט געליינט, פלעגט רויט ווערן, דערנאָך שווער אָפּגעזיפצט, דערנאָך איבערגעביטן די לאַגע פון די הענט, זיך אַרומגעקוקט און ווידער אַנגעשטעלט די אויגן אויפן לייענער.

נעכליודאָוו איז געזעסן אין דער ערשטער ריי, אויף זיין הויכער שטול, די צווייטע פון ברעג און, נישט אַראָפּנעמענדיק די פּענסנע, האָט ער געקוקט אויף מאַסלאָווען, און באַ אים אין האַרץ איז פאָרגעקומען אַ פאַרוויקלטער און פיינלעכער קאַמף.

X.

דער באַשולדיקונגס אַקט איז געווען אַזאַ: אין יאָר 188..., דעם 17 יאַנואַר האָט דער באַלעבאָס פון דעם האָטעל „מאַווריטאַניאַ", וואָס האָט זיך געפונען אין שטאָט, געמאָלדן דער פּאָליציי, אַז באַ אים אין אַנשטאַלט איז פּלוצלינג געשטאָרבן אַ גאַסט, וואָס איז געקומען צו פאָרן פון סיביר — דער סוחר פון 2-טער גילדע — פעראַפּאָנט סמעלקאָוו. דער דאָקטאָר פון 4-טן צירקל האָט באַשטעטיקט, אַז סמעלקאָוו איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ-שלאַג, וואָס איז געווען אַרויסגערופן פון צופיל געברויכן שאַרפע משקאות. אויפן דריטן טאָג איז סמעלקאָווס קערפּער באַערדיקט געוואָרן. דערווייל האָט זיך אויפן פערטן טאָג נאָך סמעלקאָווס טויט צוריק אומגעקערט פון פּעטערבורג זיינס אַ לאַנדסמאַן און אַ חבר, דער סיבירער סוחר טימאָכין; דערוווסט זיך פון טויט פון זיין חבר סמעלקאָוו, און וועגן די אומשטענדן, באַ וועלכע דער טויט איז פאָרגעקומען, האָט ער געמאָלדן דער פּאָליציי, אַז סמעלקאָווס טויט איז געווען

אַן אומנאַטירלעכער, און אַז פאַרברעכער האָבן אים פאַרסמט, און האָבן צוגערויבט בײַ אים דאָס געלט און דעם בריליאַנטענעם רינג, ווייל בײַם אָפּשרייבן זײַן פאַרמעגן האָט מען דידאָזיקע זאַכן נישט געפונען, און צוליב דעם האָט מען געמאַכט אַן אונטערזוכונג, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אָט וואָס: ערשטנס, אַז דער בעלעבאָס פון האָטעל „מאַוריטאַניאַ" און דער אָנגעשטעלטער בײַם סוחר סטאַריקאָוו, מיט וועלכן סמעלקאָוו האָט, קומענדיק אין שטאָט, געהאַט געשעפטן, האָבן געוווּסט, אַז סמעלקאָוו האָט באַדאַרפט בײַ זיך האָבן געלט אַ 3800 רובל, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון באַנק, אָבער, אַז מען האָט געמאַכט אַ רעוויזיע נאָך סמעלקאָווס טויט בײַ אים אין זײַן פאַרחתמעטן טשעמאָדאַן און אין זײַן טייסטער, האָט מען געפונען סך-הכּל 312 רובל און 16 קאָפּיקעס. צווייטנס, אַז פאַר זײַן טויט האָט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט סמעלקאָוו פאַרבראַכט מיט דער גאַסן-פרוי ליובקע, וואָס איז געווען בײַ אים צוויי מאָל אין האָטעל. דריטנס, אַז דידאָזיקע גאַסן-פרוי האָט פאַרקויפט דער בעלעבאָסטע איר בריליאַנטענעם רינג, וועלכער האָט געהערט צו סמעלקאָוון. פערטנס, אַז דאָס דינסט-מיידל יעפימיאַ באָטשקאָווא — האָט אויפן צווייטן טאָג פון דעם טויט פון סוחר סמעלקאָוו אײַנגעלייגט אין קאָמערץ-באַנק אויף דעם לויפיקן רעכענונג 1800 רובל. און, אין פינפטן, אַז לויט דער דערקלערונג פון דער גאַסן-פרוי ליובקע, האָט דער קאָרידאָר-באַדינער קאַרטינקין איבערגעגעבן דער גאַסן-פרוי ליובקע אַ פּראָשעק, געהייסן, אַז זי זאָל דעם פּראָשעק אַרײַנשיטן אין דעם ווײַן און געבן דעם סוחר סמעלקאָוו, וואָס די גאַסן-פרוי ליובקע האָט געטון, לויט ווי זי האָט זיך דערין מודה געווען.

די אויסגעפרעגטע אַלס באַשולדיקטע, די גאַסן-פרוי, וואָס מ'האָט זי גערופן ליובקע, האָט דערקלערט, אַז בעת דער סוחר סמעלקאָוו איז געווען אין שאַנדהויז, ווו זי האָט געאַרבעט, לויט איר אויסדרוק האָט דער סוחר סמעלקאָוו זי ווירקלעך געשיקט צו זיך אין נומער — אין „מאַוריטאַניאַ", אַז זי זאָל ברענגען דעם סוחר זײַן געלט, און אַז, אויפשליסנדיק דעם טשעמאָדאַן מיט דעם שליסעלע, וואָס ער האָט איר געגעבן, האָט זי אַרויסגענומען בלויז 40 רובל, ווי ער האָט זי געהייסן, אָבער מער קיין געלט האָט זי נישט גענומען. אין דעם קאָנען עדות זאָגן סימאָן קאַרטינקין און יעפימיאַ באָטשקאָווא. אין זייער אָנוועזנהייט האָט

זי אויפגעשלאָסן און פאַרשלאָסן דעם טשעמאָדאַן און גענומען דאָס געלט.

וואָס איז שייך דער פאַרגיפטונג פון סמעלקאָוו, האָט די גאַסן־פרוי ליובאַ דערקלערט, אַז זי האָט ווירקלעך, ווען זי איז צום דריטן מאָל געקומען אין נומער פון האָטעל מיטן סוחר סמעלקאָוו, אים אין ווייַן אַרייַנגעשאָטן פּראָשקעס, ווי ס'האָט זי אָנגערעדט סימאָן קאַרטינקין, אָבער זי האָט געמיינט, אַז דידאָזיקע פּראָשקעס זענען נאָר צום פאַרשלעפערן, זי האָט עס געטון מיט דער כוונה, אַז דער סוחר זאָל איינשלאָפן און זי שנעלער אָפּלאָזן, אָבער קיין געלט האָט זי נישט גענומען. דעם רינג האָט ער איר געשענקט אַלס מתנה, ווען ער האָט זי אָנגעשלאָגן און זי האָט געוואָלט פון אים אַוועקפאָרן.

דעם אויספאָרשונגס־ריכטער האָט די באַשולדיקע יעפימיאַ באָטשקאָוואַ דערקלערט, אַז זי ווייסט נישט פון קיין שום פאַרפאַלענע געלטער, און אַז זי איז אפילו נישט אַרייַנגעגאַנגען אין צימער פון סוחר, און אַז דאָרט האָט געבאַלעבאַטעוועט נאָר איין ליובקע. און אויב באַם סוחר האָט מען וואָס ס'איז צוגערויבט, האָט דאָס געטון ליובקע, ווען זי איז געקומען צו פאָרן מיטן סוחרס שליסל נאָך דעם געלט.

ווען מען האָט איבערגעלייענט דאָסדאָזיקע אָרט אין באַשולדיקונגס־אַקט, האָט מאַסלאָוואַ אַ ציטער געטון, געעפנט דאָס מויל און זיך אומגעקוקט אויף באָטשקאָוואַן.

בעת מען האָט געוויזן יעפימיאַ באָטשקאָוואַן איר באַנק־בילעט אויף דער סומע פון 1800 רובל, — האָט דער סעקרעטאַר ווייטער געלייענט: — און מען האָט באַ איר געפרעגט, ווי קומט צו איר אַזוי פיל געלט, האָט די אָנגעקלאָגטע דערקלערט, אַז זי האָט עס אָנגעקליבן אין משך פון 12 יאָר צוזאַמען מיט סימאָנען, מיט וועלכן זי האָט זיך געקליבן חתונה צו האָבן.

דער באַשולדיקטער סימאָן קאַרטינקין האָט באַ זיינע ערשטע דערקלערונגען זיך מודה געווען, אַז ער האָט צוזאַמען מיט באָטשקאָוואַן, לויט דער עצה און די אָנווייזונגען פון מאַסלאָוואַן, וואָס איז געקומען צו פאָרן פון שאַנדהויז מיטן שליסעלע, צוגערויבט דאָס געלט און עס צעטיילט צווישן זיך. ער האָט זיך אויך מודה געווען אין געבן מאַסלאָוואַן די פּראָשקעס, כדי איינצושלעפערן דעם סוחר. בעת זיינע צווייטע באַווייזן, האָט ער אָפּגעלייקנט זיין אָנטייל אין רויב און איבערגעבן די פּראָשקעס מאַסלאָוואַן, אַרויפוואַרפנדיק אַלץ אויף איר.

זיינע אָפּגעגעבענע באַווייזן וועגן דעם געלט, וואָס באַטשקאָווא האָט אַריינגעלייגט אין באַנק, האָבן געשטימט מיט אירע, ער האָט געזאָגט, אַז דאָס געלט האָט זי אָנגעקליבן צוזאַמען מיט אים אין פאַרלויף פון די 18 יאָר, וואָס זי האָט געדינט אין האָטעל און זיי האָבן באַקומען טיי־געלט.

כדי גענויער אויפקלערן די אומשטענדן פון מאָרד, האָט מען געפונען פאַר נייטיק אונטערזוכן דעם סוחר סמעלקאָווס קערפּער; מען האָט אַרויס־געגעבן אַ פאַראָרדנונג וועגן אויסגראָבן סמעלקאָווס טויטן קערפּער, כדי אויסצופאָרשן, וואָס האָט זיך געפונען אין זיין אינגעווייד, ווי אויך זעען די ענדערונגען אינם אָרגאַניזם. די אויספאָרשונג פון דעם אינגעווייד האָט באַוויזן, אַז סמעלקאָוו איז געשטאָרבן פון פאַרגיפטונג. דערנאָך זענען געגאַנגען אין באַשולדיקונגס־אַקט די באַשרייבונגען פון די קאָנפראָנ־טאַציעס און די באַווייזן פון עדות. דער שלוס פון באַשולדיקונגס־אַקט איז געווען אַ פאָלגנדיקער:

דער סוחר פון דער צווייטער גילדע סמעלקאָוו, וואָס האָט זיך אַריינגעלאָזט אין שיכּרות און האָט געהאַט באַציונגען מיט דער פּראָסטי־טוטקע ליובקע פון קיטאַיעווער שאַנדהויז, וואָס דידאָזיקע פּראָסטיטוטקע האָט ער ליב געהאַט מיט אַ גרויסער תּאווה, האָט אין יאָר 188... דעם 17־טן יאַנואַר, געפינענדיק זיך אין קיטאַיעווער שאַנדהויז, געשיקט די אויבנדערמאַנטע פּראָסטיטוטקע ליובקע מיט דעם טשעמאָדאַן־שליסל אין זיין האָטעל־צימער, כדי זי זאָל נעמען אין טשעמאָדאַן דאָס געלט — 40 רובל, וואָס ער האָט באַדאַרפט האָבן אויף מכבד צו זיין די פרוי. געקו־מען צו פאָרן אין נומער, איז יעקאַטערינאַ מאַסלאָווא, אַרויסנעמענדיק דאָסדאָזיקע געלט, אַריינגעטרעטן אין אַן אָפּמאַך מיט באַטשקאָווען און קאַרטינקינען וועגן דעם, אַז זיי זאָלן אַוועקרויבן דעם סוחר סמעלקאָווס גאַנצע געלט און ווערטפולע חפצים און צעטיילן צווישן זיך, וואָס זיי האָבן אויסגעפירט (ווידער האָט מאַסלאָווא אויפגעציטערט, איז אפילו אויפגעשפּרונגען און איז ברוין־רויט געוואָרן). — דערביי האָט מאַסלאָווא באַקומען אַ בריליאַנטענעם רינג, — האָט דער סעקרעטאַר ווייטער גע־לייענט, — און אויך, מעגלעך, אַ קליינע סומע געלט, וואָס זי האָט אָדער פאַרבאַהאַלטן, אָדער פאַרלוירן, ווייל זי איז געווען שיכּור. כדי צו פאַר־ווישן די שפּורן פון דעם פאַרברעכן, האָבן די אָנטיילנעמער באַשלאָסן צו פאַרנאַרן דעם סוחר סמעלקאָוון צוריק אין האָטעל און אים דאָרטן פאַר־סמען מיט אַרשעניק, וואָס קאַרטינקין האָט געהאַט. מיט דעם ציל האָט

זיך מאַסלאָוואַ אומגעקערט אין שאַנדהויז, ווו זי האָט איינגערעדט דעם סוחר סמעלקאָוון צו פאָרן מיט איר צוריק אין האָטעל „מאַוריטאַניאַ“. ווען סמעלקאָוו האָט זיך אומגעקערט אין האָטעל, האָט מאַסלאָוואַ, באַקומענדיק פון קאַרטינקינען די פּראָשקעס, זיי אַריינגעשאָטן אינם ווייַן און דעם וויין געגעבן אויסצוטרינקען סמעלקאָוון. דערפון איז סמעלקאָוו געשטאָרבן.

אין אַנבאַטראַכט פון דעם אַלעם, וואָס איז פריער באַשריבן געוואָרן — ווערן די אָנגעקלאָגטע: דער פויער פון דאָרף באָרקי, סימאָן קאַרטינקין, 33 יאָר אַלט, די אָנגעהעריקע צום קליינבירגער-שטאַנד יעפימיאַ איוואַנאָוונאַ באָטשקאָוואַ, 43 יאָר אַלט, און די אָנגעהעריקע צום קליינבירגער-שטאַנד יעקאַטערינאַ מיכאַילאָוואַ מאַסלאָוואַ, 27 יאָר אַלט, באַשולדיקט, אַז דעם 17-טן יאַנואַר ...188 האָבן זיי געמיינזאַם צוגערויבט דאָס געלט פון סוחר סמעלקאָוו, אויף אַ סומע פון 2500 רובל, און האָבנדיק אַ פּלאַן אים אומצובריינגען, כדי צו פאַרווישן די שפּורן פון זייער פאַרברעכן, האָבן זיי אים אַריינגעגעבן סם, פון וועלכן ער איז געשטאָרבן.

דאָס פאַרברעכן איז פאָרויסגעזען לויטן אַרטיקל 1455 פון שטראָף-קאָדעקס. דעריבער און אויפן סמך פון אַרטיקל 201 און 202 פון שטראָף-קאָדעקס ווערן געמשפּט דורכן קרייז-געריכט מיטן אָנטייל פון געשווירענע בייזיצער, דער פויער סימאָן קאַרטינקין, יעפימיאַ באָטשקאָוואַ און די אָנגעהעריקע צום קליינבירגער-שטאַנד יעקאַטערינאַ מאַסלאָוואַ.

אַזוי האָט דער סעקרעטאַר געענדיקט לייענען דעם לאַנגן באַשולדיקונגס-אַקט, אויפגעלייגט די בויגנס, זיך געזעצט אויף זיין אָרט, פאַרריכטנדיק מיט ביידע הענט די לאַנגע האָר. אַלע האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט באַ דעם באַוווּסטזיין, אַז איצטער וועט זיך אָנהייבן די אויספאָרשונג, באַלד וועט אַלץ קלאָר ווערן און ס'וועט זיגן די גערעכטיקייט. איין נעכליודאָוו האָט נישט געהאַט דאָסדאָזיקע געפיל. אַן אימה האָט אים אַרומגעכאַפּט פון דעם אַלעם, וואָס מאַסלאָוואַ האָט געטון, דידאָזיקע מאַסלאָוואַ, וועלכע ער האָט געקענט מיט צען יאָר צוריק אַלס אומשולדיק און מילד מיידעלע.

XI.

ווען מ'האָט געענדיקט לייענען דעם באַשולדיקונגס-אַקט, האָט דער פּאַרזיצער, נאָך אַ קורצער באַראַטונג מיט די געריכטס-מיטגלידער, זיך געווענדעט צו קאַרטינקינען מיט אַזאַ אויסדרוק, וואָס האָט דייטלעך געמיינט, אַז איצטער וועלן מיר אַלץ אויף גענוי געוווּיר ווערן.

סימאָן קאַרטינקין האָט זיך אויפגעהויבן, אַראָפּגעלאָזט די הענט אויף די הויזן-נעט. אויסבייגנדיק זיך פאָרויס מיטן גאַנצן קערפּער, האָט ער נישט אָן אויפהער באַוועגט מיט די באַקן-מוסקולן.

— איר ווערט באַשולדיקט דערין, אַז דעם 17-טן יאַנואַר, אין יאָר 188... האָט איר צוזאַמען מיט יעפימיאַ באָטשקאָוואַ און יעקאַטערינאַ מאַסלאָוואַ אַרויסגעגנבעט פון טשעמאָדאַן געלט, וואָס ס'האָט געהערט צום סוחר סמעלקאָוו און דערנאָך האָט איר געבראַכט אַרשעניק און אָנגערעדט יעקאַטערינאַ מאַסלאָווען געבן דעם סוחר סמעלקאָוון אין ווייַן אויסטרינקען סם, פון וואָס סמעלקאָוו איז געשטאָרבן. צי אָנערקענט איר זיך שולדיק? — האָט דער פּאָרזיצער געזאָגט און זיך אָנגעבויגן אויף רעכטס.

— ס'איז גאָר אוממעגלעך, ווייל אונזער זאַך איז צו באַדינען די געסט.

— וועגן דעם וועט איר שפּעטער רעדן. אָנערקענט איר זיך שולדיק?

— חלילה. איך האָב נאָר...

— דאָס וועט איר שפּעטער זאָגן. צי אָנערקענט איר זיך שולדיק? — האָט דער פּאָרזיצער רויק אָבער פעסט ווידער אַמאָל געפרעגט.

— דאָס קאָן איך נישט, ווייל....

ווידער איז דער קרייז-קאָמיסאַר אונטערגעלאָפן צו סימאָן קאַרטינקין און מיט אַ טראַגישן געמורמל אים אָפּגעשטעלט.

דער פּאָרזיצער, מיט אַ מינע, אַז דער ענין איז שוין פאַרענדיקט, האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט דעם עלנבויגן, וואָס אין דער האַנט האָט ער

געהאַלטן דאָס פּאַפּיר, אויף אַ צווייט אָרט, און זיך געווענדט צו יעפימיאַ באָטשקאָווא.

— יעפימיאַ באָטשקאָווא, איר ווערט באַשולדיקט דערין, אַז דעם 17־טן יאַנואַר, אין יאָר ...188, האָט איר אין האָטעל „מאַוריטאַניאַ" צוזאַמען מיט סימאָן קאַרטינקין און קאַטערינאַ מאַסלאָווא אַרויסגעגנבעט באַם סוחר סמעלקאָוו פון זיין טשעמאָדאַן געלט און אַ רינג און, זיך צעטיילט צווישן זיך מיט דעם רויב, האָט איר איינגעגעבן סם דעם סוחר סמעלקאָוו, כדי צו באַהאַלטן די שפּורן פון אייער פאַרברעכן, וואָס פון דעם סם איז דער סוחר סמעלקאָוו געשטאָרבן. אָנערקענט איר זיך שולדיק?

— איך בין אין קיין זאַך נישט שולדיק, — האָט די באַשולדיקטע אַרויסגערעדט פרעך און דרייסט. — מיין פוס איז אפילו אין נומער נישט געווען... און אַזוי ווי דידאָזיקע פּאַסקודע איז אַהין אַריין, האָט זי דאָס אַלץ אָפּגעטון.

— איר וועט שפּעטער רעדן, — האָט דער פּאָרזיצער געזאָגט, ווידער אַזוי צאַרט און פעסט. — בכן אָנערקענט איר זיך נישט שולדיק?

— נישט איך האָב גענומען דאָס געלט, נישט איך האָב איינגעגעבן סם דעם סוחר סמעלקאָוו, מיין פוס איז אויך אין נומער נישט געווען, ווען איך וואָלט געווען, וואָלט איך זי אַרויסגעשליידערט.

— איר אָנערקענט זיך אַלזאָ נישט שולדיק?

— קיינמאָל נישט.

— זייער גוט.

— יעקאַטערינאַ מאַסלאָווא, — האָט דער פּאָרזיצער אָנגעהויבן, ווענדנדיק זיך צו דער דריטער באַשולדיקטער: — איר ווערט אָנגעקלאָגט אין דעם, אַז קומענדיק פון שאַנדהויז אין האָטעל „מאַוריטאַניאַ" מיט דעם סוחר סמעלקאָווס טשעמאָדאַן־שליסעלע, האָט איר אָוועקגערויבט פון דעמדאָזיקן טשעמאָדאַן געלט מיט אַ רינג. — האָט ער אַרויסגערעדט ווי אַן אויסגעלערנטע לעקציע און דערווייל האָט ער איינגעבויגן דאָס אויער צום געריכטס־מיטגליד, וועלכער האָט געזאָגט, אַז לויטן צעטל פון די זאַכלעכע באַווייזן פעלט אַ פלעשעלע... — האָט איר אָוועקגערויבט פון טשעמאָדאַן געלט מיט אַ רינג, — האָט דער פּאָרזיצער איבערגעחזרט: — אַז איר האָט זיך דערמיט צעטיילט, און קומענדיק שפּעטער מיטן סוחר סמעלקאָוו צוריק אין האָטעל „מאַוריטאַניאַ". האָט איר דאָרטן געגעבן

אויסטרינקען סמעלקאָוון פאַרסמטן ווייַן, פון וואָס ער איז געשטאָרבן. אנערקענט איר זיך פאַר שולדיק?

— איך בין אין גאָרנישט נישט שולדיק, — האָט זי שנעל אַרויס־גערעדט: — ווי איך האָב פריער געזאָגט, אַזוי זאָג איך איצטער: נישט גענומען, נישט גענומען און נישט גענומען, דעם רינג האָט ער מיר אַליין געגעבן.

— איר אַנערקענט זיך נישט שולדיק, אַז איר האָט צוגערויבט 2600 רובל? — האָט דער פאָרזיצער געפרעגט.

— איך זאָג, אַז חוץ די 40 רובל האָב איך גאָרנישט נישט גע־נומען.

— און אַז איר האָט איינגעגעבן דעם סוחר סמעלקאָוון פּראָשקעס אין דעם ווייַן — זענט איר זיך מודה.

— איך בין זיך מודה, אָבער איך האָב געמיינט, לויט ווי מ'האָט מיר געזאָגט, אַז זיי זענען צום שלאָף, אַז זיי קאָנען נישט שאָדן. איך האָב נישט געמיינט און נישט געוואָלט. איך שווער פאַר גאָט, אַז איך האָב נישט געוואָלט, — האָט זי געזאָגט.

— אַלזאָ, זענט איר זיך נישט מודה אין צורויבן דאָס געלט און דעם רינג, — האָט דער פאָרזיצער געזאָגט, — אָבער אין געבן פּראָשקעס זענט איר זיך מודה?

— אין דעם, הייסט דאָס, בין איך זיך מודה, נאָר איך האָב גע־מיינט, אַז זיי זענען צום איינשלעפערן. איך האָב זיי געגעבן נאָר דערפאַר, כדי ער זאָל אַנטשלאָפן ווערן און מער האָב איך גאָרנישט געמיינט.

— זייער גוט, — האָט דער פאָרזיצער געזאָגט, זייענדיק מסתמא צופרידן מיט די דערגרייכטע רעזולטאַטן. — טאָ דערציילט אַלץ, ווי ס'איז געווען, — האָט ער געבעטן, אָנלייגנדיק זיך אויפן ווענטל פון דער־שטול און אָוועקגעלייגט ביידע הענט אויפן טיש. — דערציילט אַלץ. אויב איר וועט זיך אָפנהאַרציק מודה זיין, וועט איר דערמיט זיך אַ סך העלפן.

מאַסלאָווא האָט אַלץ געשוויגן און געקוקט גלייך אין פּנים דעם פאָרזיצער.

— דערציילט, ווי איז עס אַלץ פאָרגעקומען.

— ווי ס'איז פאָרגעקומען? — האָט פּלוצלינג מאַסלאָווא האַסטיק אָנגעהויבן. — איך בין געקומען צו פאָרן אין האָטעל, האָט מען מיך

אויפֿגעפֿירט אין זיין נומער, דאָרט איז ער געווען און שוין זייער א שיכּורער, — זי האָט מיט א באַזונדערן אויסדרוק פֿון מורא, ברייט עפֿענענדיק די אויגן, אַרויסגערעדט דאָס וואָרט: ע ר. — איך האָב גע־וואָלט אָוועקפֿאָרן, האָט ער נישט געלאָזט.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל פֿאַרלוירן דעם פֿאָדעם פֿון אירע געדאַנקען, אָדער זיך דערמאַנט וועגן עפּעס אַנדערש.

— נו, און דערנאָך ?

— וואָס דערנאָך ? איך בין א ווײַלע געבליבן און בין אָוועקגע־פֿאָרן אַהיים.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך דער געהילף פּראָקוראָר עטוואָס אויפֿגעהויבן פֿון אָרט און האָט זיך אומנאַטירלעך אָנגעלענט אויף איין עלנבויגן.

— איך ווילט שטעלן א פֿראַגע, — האָט דער פֿאָרזיצער געזאָגט, און באַקומענדיק פֿון געהילף־פּראָקוראָר א פּאָזיטיוון ענטפֿער, האָט ער מיט א ווונק אים באַוויזן, אַז ער קאָן פֿרעגן.

— איך וואָלט געוואָלט שטעלן די פֿראַגע: צי איז די אָנגע־קלאָגטע געווען באַקאַנט מיט סימאָן קאַרטינקינען פֿון פֿריער ? — האָט געזאָגט דער געהילפֿס־פּראָקוראָר, נישט קוקנדיק אויף מאַסלאָווען.

דער פֿאָרזיצער האָט דידאָזיקע פֿראַגע איבערגעחזרט. מאַסלאָווא האָט דערשראָקן געקוקט אויף דעם געהילפֿס־פּראָקוראָר.

— מיט סימאָנען ? יאָ, — האָט זי געזאָגט.

— איך וואָלט וועלן וויסן אין וואָס איז באַשטאַנען די באַקאַנט־שאַפֿט פֿון דער אָנגעקלאָגטער מיט קאַרטינקינען ? צי האָבן זיי זיך אָפֿט געטראָפֿן ?

— אין וואָס איז באַשטאַנען די באַקאַנטשאַפֿט ? ער פֿלעגט מיך נאָר איינלאַדן צו די געסט, ס'איז נישט געווען קיין נאָענטע באַקאַנט־שאַפֿט, — האָט מאַסלאָווא אַרויסגערעדט, אירע בליקן האָבן זיך אומ־רויק אָפּגעשטעלט דאָ אויף דעם פּראָקוראָר און דאָ אויף דעם פֿאָר־זיצער.

— איך וואָלט וועלן וויסן, פֿאַרוואָס האָט קאַרטינקין דווקא איינגע־לאַדן צו די געסט נאָר מאַסלאָווען און נישט קיין אַנדערע מיידלעך, — האָט געזאָגט דער געהילפֿס־פּראָקוראָר מיט א מעפֿיסטאָפֿעלישן שמייכל און פֿאַרזשמורעט די אויגן.

— איך ווייס נישט. פֿונוואַנען זאָל איך וויסן, — האָט מאַסלאָווא

געענטפערט און דערשראָקן געקוקט אַרום זיך, אין אויף אַ רגע האָט זיך איר בליק אָפּגעשטעלט אויף נעכליודאָוון: — וועמען ער האָט געוואָלט, יענע האָט ער איינגעלאַדן.

„האָט זי מיך דערקענט?" האָט נעכליודאָוו אַ טראַכט געטאָן, פּילנדיק, ווי דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטון אין פּנים אַריין; אָבער מאַסלאָוואַ האָט אים נישט אויסגעטיילט פון די אַנדערע געשווירענע, זי האָט זיך גלייך אָפּגעקערט און האָט ווידער מיט אַ דערשראָקענעם בליק גענומען קוקן אויפן געהילפס־פּראָקוראָר.

— די אָנגעקלאָגטע לייקנט. הייסט עס, אַז זי זאָל האָבן געהאַט וועלכע נישט איז באַזונדערע באַציונגען מיט קאַרטינקינען? זייער גוט. מער קיין פראַגן האָב איך נישט.

און דער געהילף־פּראָקוראָר האָט גלייך אַראָפּגענומען דעם עלנבויגן פון טישל און האָט זיך גענומען ווי עפּעס פאַרשרייבן. אָבער אין דער אמתן האָט ער גאָרנישט נישט פאַרשריבן. ער האָט נאָר אַרומגעפירט מיט דער פעדער די אותיות פון זיין צעטעלע, ווייל ער האָט געזען, אַז די פּראָקוראָרן און די אַדוואָקאַטן טוען דאָס: בעת אַ געלונגענער פראַגע, שרייבן זיי אַריין אין זייער רעדע אַ רעמאַרקע, וועלכע דאַרף מנצח זיין דעם קעגנער.

דער פאָרזיצער האָט זיך נישט גלייך געווענדט צו דער אָנגעקלאָגטער, ווייל ער האָט פריער געפרעגט דעם מיטגליד פון געריכט אין די ברילן, צי איז יענער מסכים אויף דער שטעלונג פון די פראַגן, וועלכע זענען שוין פאָרויס געווען צוגעגרייט און אויסגעשריבן.

— וואָס איז ווייטער געווען? — האָט דער פאָרזיצער זיך ווידער געווענדט צו מאַסלאָווען.

— איך בין געקומען אַהיים, — האָט מאַסלאָוואַ פאָרגעזעצט, שוין דרייסטער און געקוקט שוין בלויז אויפן פאָרזיצער. — האָב איך דאָס געלט אָפּגעגעבן דער באַלאַבאָסטע און זיך געלייגט שלאָפן. ווי איך בין נאָר אַנטשלאָפן געוואָרן, ערשט אונזער מיידל בערטע וועקט מיך. „גיי, דיין סוחר איז ווידער דאָ". איך האָב נישט געוואָלט אַרויסגיין. אָבער די מאַדאַם האָט געהייסן. דאָ האָט ער — זי האָט דאָס וואָרט „ער" ווידער אַרויסגערעדט מיט אַ שרעקלעכער אימה, — ער האָט נישט אויפגעהערט מכבד צו זיין אונזערע מיידלעך מיט וויין. שפּעטער האָט ער געוואָלט ווידער שיקן נאָך וויין, אָבער ס'איז בײַ אים אויסגעגאַנגען דאָס געלט. די באַלעבאָסטע האָט אים נישט געוואָלט באָרגן. דאַן האָט ער מיך

געשיקט צו אים אין נומער און געזאָגט, ווו דאָס געלט ליגט און וויפיל איך זאָל נעמען. בין איך געפאָרן נאָך דעם געלט.

אין דער צייט האָט זיך דער פאָרזיצער וועגן עפּעס געסודעט מיט דעם מיטגליד פון געריכט פון לינקס און האָט נישט געהערט. וועגן וואָס מאַסלאָוואַ האָט גערעדט, אָבער כדי צו באַווייזן, אַז ער האָט אַלץ גע- הערט, האָט ער איבערגעחזרט אירע לעצטע ווערטער.

— זענט איר געפאָרן נאָך דעם געלט? נו, און וואָס איז ווייטער געווען? — האָט ער געפרעגט.

— איך בין געקומען צו פאָרן און געטון אַזוי, ווי ער האָט גע- הייסן. איך בין אַריין אין נומער. אַליין בין איך אין נומער נישט אַריינ- געגאַנגען, אָבער איך האָב גערופן אי סימאָן מיכאַילאָוויטשן, אי זי, — האָט מאַסלאָוואַ געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף באָטשקאָווען.

— זי לייגט, מיין פוס איז דאָרטן נישט געווען. — האָט באָטש- קאָוואַ געוועוט אָנגעהויבן, אָבער מ'האָט זי אָפּגעשטעלט.

— פאַר זיי אין די אויגן האָב איך גענומען די 4 צענרובלדיקע, — האָט מאַסלאָוואַ ווייטער דערציילט, אָנגעברוגזט און נישט געקוקט אויף באָטשקאָווען.

— נו, האָט אפשר די אָנגעקלאָגטע באַמערקט וויפיל איז דאָרט געווען געלט, בעת זי האָט אַרויסגענומען די 40 רובל? — האָט דער פּראָקוראָר ווידער געשטעלט אַ פראַגע.

מאַסלאָוואַ האָט אַ ציטער געטון, ווי נאָר דער פּראָקוראָר האָט זיך צו איר געווענדט. זי האָט נישט געוווּסט, ווי און וואָס. אָבער זי האָט געפילט, אַז ער וויל איר שלעכטס טון. — איך האָב נישט געציילט, גע- זען, אַז דאָרטן זענען בלויז געווען הונדערט-רובלדיקע.

— די אָנגעקלאָגטע האָט געזען הונדערט-רובלדיקע; — מער האָב איך נישט וואָס צו פרעגן.

— נו, אַלזאָ, האָט איר געבראַכט דאָס געלט? — האָט דער פאָרזיצער פאָרגעזעצט זיינע פראַגן, קוקנדיק אויפן זייגער.

— געבראַכט.

— נו, און שפּעטער? — האָט דער פאָרזיצער געפרעגט.

— און שפּעטער האָט ער מיך ווידער גענומען צו זיך, — האָט מאַסלאָוואַ געזאָגט.

— נו, און ווי אַזוי האָט איר אים געגעבן אין דעם וויין דעם פּראָ- שעק? — האָט דער פאָרזיצער געפרעגט.

— איך האָב אים אַריינגעשאָטן אין דעם ווייַן און אַזוי גע־געבן.

— צוליב וואָס אָבער האָט איר אים געגעבן?

זי האָט נישט געענטפערט, נאָר שווער און טיף אָפּגעזיפצט.

— ער האָט מיך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט, — האָט זי ווידער דער־ציילט נאָך אַ ווײַלע שווייגן. — איך בין מיד געוואָרן מיט אים. בין איך אַרויס אין קאָרידאָר און זאָג צו סימאָן מיכאַילאָוויטשן: „וואָלט ער מיך כאָטש אָפּגעלאָזט, איך בין מיד". און סימאָן מיכאַילאָוויטש זאָגט: „אונז האָט ער אויך דערעסן. מיר ווילן אים איינגעבן פּראָשקעס צום איינשלעפערן; ער וועט אַנטשלאָפן ווערן, וועסטו דאַן אַוועקגיין". זאָג איך: „גוט". איך האָב געמיינט, אַז דאָס זענען נישט שעדלעכע פּראָשקעס. און סימאָן האָט מיר געגעבן דאָס פּאַפּירל. איך בין אַרייַן, און סמעלקאָוו איז געלעגן הינטער דער שירמע און גלייך געהייסן דערלאַנגען אים קאָניאַק. האָב איך גענומען פון טיש די פלאַש פון שאַמפּאַנער, אָנגעגאָסן אין צוויי גלעזער — אים און זיך, און אין זיין גלאָז האָב איך אַריינגע־שאָטן דעם פּראָשעק און אים געגעבן צו טרינקען. צי דען וואָלט איך אים געגעבן, ווען איך וואָלט געוווּסט?

— נו, און ווי אַזוי האָט מען בײַ אייך געפונען דעם רינג? — פרעגט דער פּאָרזיצער.

— דעם רינג האָט ער מיר אַליין געגעבן.

— ווען האָט ער אייך אים געגעבן?

— ווי מיר זענען נאָר אָנגעקומען אין נומער, האָב איך געוואָלט אַוועקגיין, האָט ער מיר געגעבן אַ האַק איבערן קאָפּ, מיין קאַם צעבראָכן. איך בין אין כעס געוואָרן, געוואָלט אַוועקפאָרן. האָט ער אַראָפּגענומען דעם רינג פון פינגער און מיר אַוועקגעשענקט, אַז איך זאָל נישט אַוועק־פאָרן, — האָט זי געזאָגט.

דערווייל האָט דער געהילף־פּראָקוראָר זיך אויפגעשטעלט און אַלץ מיט דער זעלבער געמאַכטער נאַיווער מינע געבעטן אַ דערלויבעניש צו שטעלן נאָך אייניקע פראַגן. באַקומען די דערלויבעניש, האָט ער אָנגע־בויגן דעם קאָפּ אויף דעם אויסגענייטן קראַגן און געפרעגט:

— איך וואָלט וועלן וויסן, וויפיל צייט האָט פאַרבראַכט די אָנגע־קלאָגטע אין נומער פון דעם סוחר סמעלקאָוו?

ווידער איז אויף מאַסלאָוואַן אָנגעפאַלן אַ פחד, און זי האָט שנעל

אַרויסגערעדט, איבערלויפנדיק מיט די אויגן פון געהילף-פּראָקוראָר אויפן פאַרזיצער:

— איך געדענק נישט, וויפיל צייט.

— און געדענקט נישט אַמאָל די אָנגעקלאָגטע, צי זי איז ערגעץ אַריינגעגאַנגען אין האָטעל, אַרויסגייענדיק פון סוחר סמעלקאָוו.

מאַסלאָוואַ האָט אַ טראַכט געטון.

— איך בין אַריין אין אַ דערבייאיקן נומער, אין אַ ליידיקן, — האָט זי געזאָגט.

— צוליב וואָס זענט איר אַריינגעגאַנגען, — האָט דער געהילף-פּראָקוראָר געפרעגט, אַריינגייענדיק אין עקסטאַז און ווענדנדיק זיך צו איר.

— איך בין אַריינגעגאַנגען, כדי זיך ברענגען אין אָרדנונג און צוואַרטן אויף אַ דראָזשקע.

— און קאַרטינקין איז געווען אין נומער מיט דער אָנגעקלאָגטער אָדער נישט?

— ער איז אויך אַריינגעגאַנגען.

— צוליב וואָס איז ער אַריין?

— דער סוחר האָט איבערגעלאָזט פון שאַמפּאַנער, האָבן מיר צוזאַמען אויסגעטרונקען.

— אַהאַ, צוזאַמען אויסגעטרונקען. זייער גוט.

— האָט די אָנגעקלאָגטע גערעדט מיט סימאָנען? און וועגן וואָס?

מאַסלאָוואַ איז גלייך געוואָרן בייז און שטאַרק רויט אין פּנים. שנעל האָט זי געזאָגט: — וואָס זאָל איך רעדן? איך האָב גאָרנישט גערעדט! וואָס ס'איז געווען, האָב איך אַלץ דערציילט. און מער ווייס איך גאָרנישט. וואָס איר ווילט, קאָנט איר מיט טון. איך בין נישט שולדיק, און גאָר.

— מער קיין פראַגן האָב איך נישט צו שטעלן, — האָט דער פּראָקוראָר געזאָגט דעם פאָרזיצער און, אומנאַטירלעך אויפהייבנדיק די אַקסלען, האָט ער שנעל געצומען פאַרשרייבן אין דעם פּלאַן פון זיין רעדע, דאָס מודה זיין זיך פון דער אָנגעקלאָגטער אַליין, אַז זי איז אַריינגעגאַנגען מיט סימאָנען אין דעם ליידיקן נומער.

ס'איז אַ ווײַלע געוואָרן שטיל.

— מער האָט איר גאָרנישט וואָס צו זאָגן?

— איך האָב אַלץ געזאָגט, — האָט זי אַרויסגערעדט, אָפּגעזיפּצט און זיך אַנידערגעזעצט.

נאָך דעם אַלעם האָט דער פּאָרזיצער פאַרשריבן עפּעס אויף אַ פּאַפּיר און, אויסהערנדיק די מעלדונג, וואָס דער מיטגליד פון געריכט, וואָס איז געזעסן לינקס, האָט אים שטילערהייט געמאַכט, האָט ער אויסגערופן אויף 10 מינוט אַ הפסקה פון דער זיצונג, און זיך שנעל אויפגעהויבן, און איז אַרויס פון זאַל. דאָס סודען זיך צווישן דעם פאָרזיצער און דעם מיטגליד אויף לינקס, וואָס איז געווען אַ הויכער, אַ בערדיקער, מיט גרויסע גוטע אויגן, איז געווען צוליב דעם, וואָס דערדאָזיקער געריכטס-מיטגליד האָט דערפילט אַ לייכטע מאָגן-פאַרדאַרבונג, און האָט געוואָלט גיין מאַכן מאַסאַזש און איינעמען טראָפּנס. וועגן דעם האָט ער געמאָלדן דעם פאָרזיצער און לויט זיין ביטע איז געווען געמאַכט די הפסקה.

נאָך די ריכטער האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער די געשווירענע, די אַדוואָקאַטן, די עדות און, מיט אַ געפיל פון צופרידנקייט, וואָס זיי האָבן שוין אָפּגעטון אַ טייל פון דער וויכטיקער זאַך, האָבן זיי זיך צעלאָזט איבערן זאַל.

נעכליודאָוו איז אַריין אין צימער פון די געשווירענע און זיך געזעצט באַם פענצטער.

XII

יאָ, דאָס איז געווען קאַטיושאַ.

די באַציונגען פון נעכליודאָוון צו קאַטיושען זענען געווען אָט וועלכע:

צום ערשטן מאָל האָט נעכליודאָוו דערזעען קאַטיושען, ווען ער איז געווען אויפן דריטן קורס פון אוניווערזיטעט. גרייטנדיק זיין דיסערטאַציע וועגן ערד-אייגנטום, האָט ער פאַרבראַכט אַ זומער באַ זיינע מומעס. געוויינלעך פלעגט ער מיט זיין מוטער און שוועסטער זומער וווינען אין זיין מוטערס גרויסן גוט, וואָס האָט זיך געפונען הינטער מאָסקווע. אָבער אין דעמדאָזיקן יאָר האָט זיין שוועסטער חתונה געהאַט, און די מוטער איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד אין די בעדער. נעכליודאָוו

אָבער האָט באַדאַרפט שרייבן די דיסערטאַציע, האָט ער באַשלאָסן צו פאַרברענגען דעם זומער בא די מומעס. בא זיי, אין זייער העק, איז גע-ווען שטיל. עס זענען נישט געווען קיין פאַרגעניגנס; די מומעס האָבן האַרציק ליב געהאַט זייער פּלימעניק און יורש. און ער האָט זיי ליב גע-האַט, האָט ליב געהאַט זייער אַלטמאָדישקייט און איינפאַכקייט פון לעבן.

נעכליודאָוו האָט אין יענעם זומער, זייענדיק בא די מומעס, אי-בערגעלעבט דעמדאָזיקן באַגייסטערטן צושטאַנד, וואָס א יונגער מענטש לעבט איבער דאָס ערשטע מאָל אַליין, אָן פרעמדע אָנווייזונגען, ווען ער באַגרייפט די גאַנצע שיינקייט און וויכטיקייט פון לעבן, און די גאַנצע באַדייטונג פון דער זאַך, וואָס דעם מענטש שטייט אין לעבן פאָר, ער זעט די מעגלעכקייט פון דער אומענדלעכער פאַרפולקאָמונג, סיי פון זיך, סיי פון דער גאַנצער וועלט און גיט זיך אָפּ דערדאָזיקער פאַרפולקאָמונג נישט נאָר מיט האָפנונג, נאָר מיט א פולער זיכערקייט, אז ער וועט דערגרייכן די שלימות, וועלכע ער שטעלט זיך פאָר. אין דעמדאָזיקן יאָר, נאָך זייענדיק אין אוניווערזיטעט, האָט ער איבערגעלייענט ספּענ-סערס „סאָציאַלע סטאַטיק". און ספּענסערס גדאַנקען וועגן ערד-אייגנטום האָבן געמאַכט אויף אים א גרויסן רושם. איבערהויפּט דערפאַר, וואָס ער אַליין איז געווען א זון פון א גרויסער ערד-באַזיצערין. זיין פאָטער איז געווען נישט רייך. אָבער זיין מוטער האָט באַקומען אַלס נדן 10 טויזנט דעסיאַטין ערד. ער האָט דאָס ערשטע מאָל דאַן פאַרשטאַנען די גאַנצע גרויזאַמקייט און אומגערעכטיקייט פון פריוואַטן ערד-אייגנטום, און אַזוי ווי ער איז געווען איינער פון די נאַטורן, וואָס פאַר זיי איז ברענגען א קרבן אין נאָמען פון עטישע פאָדערונגען דאָס העכסטע גייסטיקע פאַר-גניגן, האָט ער באַשלאָסן זיך נישט צו באַנוצן מיט דער רעכט אויף זיין אייגנטום און האָט אָוועקגעשענקט די פויערים דאַן די ערד, וואָס ער האָט באַקומען אַלס ירושה פון זיין פאָטער. אויף דערדאָזיקער טעמע האָט ער געשריבן זיין דיסערטאַציע.

זיין לעבן אין דעמדאָזיקן יאָר אין דאָרף איז געפלאָסן אַזוי: ער פלעגט אויפשטיין זייער פרי, אָפט 3 א זייגער. און פאַרטאָג פלעגט ער זיך גיין באָדן אין טייך הינטערן באַרג. אָפט פלעגט ער נאָך גיין, ווען איבערן טייך איז נאָך געלעגן דער פאַרטאָג-נעפּל, און פלעגט זיך צוריק-קערן, ווען דער טוי איז נאָך געלעגן אויף גראָז און בלומען. אָפט אין די פרימאָרגנס, אָפּגעטרונקען קאַווע, פלעגט ער זיך זעצן שרייבן זיין דיסערטאַציע, אָדער לייענען די ביכער, וועלכע ער האָט באַדאַרפט צו

זיין ווערק. אָבער זייער אָפט, אַנשטאָט לייענען אָדער שרייבן, פֿלעגט ער ווידער אַוועקגיין פֿון שטוב און פֿלעגט בלאָנדזשען איבער די פֿעלדער און וועלדער. פֿאַר מיטאָג פֿלעגט ער איינשלאָפֿן ערגעץ אין גאָרטן, דער-נאָך, צו מיטאָג, פֿלעגט ער ווילן און פֿריילעך מאַכן די מומעס מיט זיין לוסטיקייט. דערנאָך פֿלעגט ער פֿאָרן רייטנדיק, אָדער זיך שיפֿן אויף א שיפֿל, אין אינגוונט פֿלעגט ער אָדער לייענען, אָדער זיצן מיט די מומעס, פֿונאַנדערלייגנדיק א פּאַסיאַנס. אָפֿט באַנאַכט, איבערהויפּט אין די לבנה-נעכט, פֿלעגט ער נישט קאָנען איינשלאָפֿן בלויז דערפֿאַר, וואָס ער איז געווען איבערפֿולט מיט א צו גרויסער לעבנס-פֿרייד און, אַנשטאָט שלאָפֿן, פֿלעגט ער אָפֿט ביז פֿאַרטאָג שפּאַצירן איבערן גאָרטן מיט זיינע טרוימען און געדאַנקען.

אַזוי גליקלעך און רויק איז אַריבער דער ערשטער חודש פֿון זיין לעבן בא די מומעס. און ער האָט גאָרנישט באַמערקט די האַלב-דינסט-מיידל, האַלב-געבילדעטע, שוואַרצאויגיקע, שנעלפֿיסיקע קאַטיושען.

נעכליודאָוו, וואָס האָט זיך דערצויגן אונטער דער מאַמעס פֿליגל, איז צו 19 יאָר געווען נאָך אינגאַנצן אַן אומשולדיק בחורל. ער האָט געטרוימט וועגן א פֿרוי, ווי וועגן א ווייב. אָבער אַלע פֿרויען, וועלכע האָבן נישט געקאָנט, לויט זיין באַגריף, זיין זיין פֿרוי, זענען געווען פֿאַר אים נישט פֿרויען, נאָר מענטשן. אָבער ס'האָט פּאַסירט, אַז אין דעמדאָ-זיקן זומער איז צו די מומעס געקומען צו פֿאָרן זייערס א שכנטע מיט אירע קינדער: מיט צוויי פֿריילינס, מיט א גימנאַזיסט און מיט זייערס א גאַסט, א יונגן קינסטלער, וואָס האָט געשטאַמט פֿון פּויערים.

נאָך טיי טרינקען האָט מען גענומען שפּילן אין יאָגעניש אויף דער אָפּגעשניטענער לאָנקע, וואָס איז געווען באַם הויז. אין שפּיל האָט מען אויך גענומען קאַטיושען. נעכליודאָוו האָט באַדאַרפֿט לויט דעם שפּיל לויפֿן מיט איר. נעכליודאָוו איז שטענדיק געווען אָנגענעם צו זען קאַטיושען, אָבער אים איז גאָר אויפֿן זינען נישט אַרויפֿגעקומען, אַז צווישן אים און קאַטיושען קאָנען זיין וועלכע נישט איז באַזונדערע באַציונגען.

— נו, איצטער וועסטו דידאָזיקע בשום אופֿן נישט כאַפּן, — האָט דער „צעפּלאַמטער" פֿריילעכער קינסטלער געטענהט, וואָס איז זייער שנעל געלאָפֿן אויף זיינע קורצע און קרומע, אָבער שטאַרקע פּויערישע פֿיס.

— איר וועט אָבער זי נישט כאַפּן.

— איינס, צוויי, דריי!

מ׳האָט אָפּגעציילט דריי קלעפּ מיט די הענט. קוים איינגעהאַלטן זיך פון לאַכן, האָט קאַטיושאַ זיך שנעל איבערגעביטן מיט נעכליודאָוון מיט די ערטער, און אַ דריק געגעבן מיט איר פעסטער שאָרסטקער קליינער האַנט זיין גרויסע האַנט, האָט זי זיך געלאָזט לויפן לינקס, רוישנדיק מיט איר אָנגעקראָכמאַליעט קליידל.

נעכליודאָוו איז געלאָפן שנעל, און אים האָט זיך נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן דעם קינסטלער, און ער האָט זיך געלאָזט לויפן מיט אַלע כּוחות. אַז ער האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער דערזעען דעם קינסטלער, וועלכער האָט זיך געיאָגט נאָך קאַטיושען, אָבער זי האָט שנעל געשפּרייזט מיט די פעסטע יונגע פיס, האָט זיך נישט געלאָזט כאַפּן, לויפנדיק אויף לינקס. פאָרויס זענען געוואַקסן ביימלעך בעז. אַהער איז קיינער נישט געלאָפן, אָבער קאַטיושאַ, דערזעענדיק נעכליודאָוון, האָט אים אַ ווונק געטון, אַז זיי זאָלן זיך באַהאַלטן הינטער דעם בעז. ער האָט פאַרשטאַנען איר ווונק און איז צוגעלאָפן צו די ביימלעך. אָבער דאָ הינטער די ביימלעך איז געווען אַ גרובן. פון וועלכן ער האָט נישט געוווסט. דערדאָזיקער גרובן איז געווען באַוואַקסן מיט קראָפּיווע; ער האָט זיך אויסגעגליטשט און איז אַריינגעפאַלן אין אים, אָפּגעברענט די הענט מיט קראָפּיווע און באַנעצנדיק זיי מיט דער אָוונט־טוי, האָט ער זיך אויפגעהויבן, לאַכנדיק אַליין פון זיך, געבראַכט זיך אין אָרדנונג און איז אַרויסגעלאָפן אויפן פרייען פעלד.

קאַטיושאַ, לייכטנדיק מיט איר שמייכל און מיט די שוואַרצע אויגן, ווי פייכטע סמאָראָדינע, איז אים געלאָפן אַנטקעגן. זיי זענען צוגעלאָפן איינער צום אַנדערן און זיך אָנגעכאַפּט פאַר די הענט.

— איך גלייב, אַז איר האָט זיך צעברענט, — האָט זי געזאָגט און האָט מיט דער פרייער האַנט פאַרריכט דעם צאָפּ, וואָס האָט זיך צעפלאָכטן. זי האָט שווער געאָטעמט און שמייכלענדיק פון אונטן אַרויף האָט זי געקוקט אים גלייך אין פּנים אַריין.

— איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז דאָ איז אַ גרובן, — האָט ער געזאָגט, אויך שמייכלענדיק און נישט אַרויסגעלאָזט איר האַנט.

זי האָט זיך צוגערוקט נאָך נענטער צו אים, און ער, אַליין נישט וויסנדיק, ווי אַזוי ס׳איז פאָרגעקומען, האָט צוגערוקט צו איר זיין געזיכט; זי האָט זיך נישט אָפּגעקערט, ער האָט שטאַרקער זי אַ דריק געטון פאַר דער האַנט און איר אַ קוש געטון אין די ליפּן.

— אַט האָסטו דיר! — האָט זי אַרויסגערעדט און, אַרויסרייסנדיק מיט אַ שנעלער באַוועגונג איר האַנט, האָט זי זיך געלאָזט לויפן.

צוגעלאָפן צו די ביימלעך בעז, האָט זי אַראָפּגעריסן צוויי צווייגלעך, וואָס האָבן זיך שוין געהאַלטן אין אַראָפּשיטן, און האָט מיט זיי גענומען פּאַטשן איבער איר צעהיצטן געזיכט. זי האָט זיך אומגעקוקט אויף נעכליודאָװן, און שטאַרק װאַרפנדיק פאָרויס מיט די הענט, האָט זי זיך געלאָזט גיין צוריק צו די געסט.

פון דערדאָזיקער צייט זענען די באַציונגען צווישן קאַטיושען און נעכליודאָװן אַנדערש געוואָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן זיי די באַגענטקייט, וואָס טרעפט צווישן אַן אומשולדיקן יונגן בחור און אויך אַזאַ אומשולדיק מיידל, וואָס עס ציט זיי איינס צום אַנדערן...

ווי נאָר קאַטיושאַ פלעגט אַריינגיין אין צימער, אָדער נעכליודאָװ פלעגט דערזעען פונדערווייטנס איר ווייס שירצל, דאַן פלעגט אַלץ פאַר אים אַזוי ווי באַשטראַלט ווערן מיט זון, אַלץ פלעגט ווערן אינטערעסאַנטער, פריילעכער, וויכטיקער, דאָס לעבן פלעגט ווערן מיט מער פרייד. אויך זי פלעגט פילן דאָס זעלבע. נאָר נישט בלויז קאַטיושעס אַנוועזנהייט און נאָענטקייט פלעגן מאַכן דידאָזיקע ווירקונג אויף נעכליודאָװן; דידאָזיקע ווירקונג פלעגט מאַכן דאָס באַוווסטזיין אַליין, אַז ס'איז פאַראַן דידאָזיקע קאַטיושאַ, און פאַר איר, אַז ס'איז פאַראַן נעכליודאָװ.

פלעגט באַקומען נעכליודאָװ אַ אומאָנגענעמען בריוו פון זיין מאַמען, אָדער זיין דיסערטאַציע האָט זיך נישט געשריבן, אָדער עפּעס סתם אַזוי, איז דאָס האַרץ פול געווען מיט דער יוגנטלעכער בענקשאַפט — פלעגט ער זיך נאָר דערמאָנען וועגן דעם, אַז ס'איז פאַראַן קאַטיושאַ און ער וועט זי זעען, און דער טרויער פלעגט פאַרשווינדן.

קאַטיושאַ האָט געהאַט פיל אַרבעט אין הויז, אָבער זי פלעגט אַלץ באַוויזן צו טון. און אין די פרייע מינוטן פלעגט זי לייענען. און נעכליודאָװ פלעגט איר געבן די ווערק פון דאָסטאָיעווסקין און טורגעניעוון, וועלכע ער האָט אַליין נאָר-וואָס געהאַט איבערגעלייענט. מער פון אַלץ איז איר געפעלן געוואָרן טורגעניעווס „אַ שטיל לעבן”. די שמועסן צווישן זיך פלעגן זיי פירן אין פרייער צייט, ווען זיי פלעגן

זיך טרעפן אין קאָרידאָר, אָדער אויפן באַלקאָן, אויפן הויף און אָפט אין צימער פון די מומעס אַלטער דינסט מאַטריאָנאַ פּאַוולאָוונאַ, מיט וועלכער קאַטיושאַ האָט געוווינט צוזאַמען, און צו זיי אין צימער פלעגט אַמאָל נעכליודאָוו קומען טרינקען טיי. און די דאָזיקע שמועסן, אין דער געגנוואַרט פון מאַטריאָנאַ פּאַוולאָוונאַ, זענען געווען די סאַמע אַנגענעמסטע. שמועסן צווישן זיך, בעת זיי זענען געווען אַליין, איז געווען פיל שווערער. גלייך פלעגן די אויגן אָנהייבן זאָגן עפּעס גאָר אַנדערע זאַכן, אַ סך וויכטיקערע, ווי וואָס עס האָבן גערעדט די ליפּן, און די ליפּן פלעגן זיך קנייטשן, און ס'פלעגט ווערן עפּעס פּיינלעך, און זיי פלעגן זיך שנעל פונאַנדערגיין.

אַזעלכע באַציונגען צווישן קאַטיושען און נעכליודאָוון זענען געווען די גאַנצע צייט פון זיין ערשטן אָנקומען צו זיינע מומעס. די מומעס האָבן באַמערקט די דאָזיקע באַציונגען און האָבן אפילו וועגן דעם אָנגעשריבן קיין אויסלאַנד נעכליודאָווס מוטער, דער פירשטין יעלענאַ איוואַנאָוונאַ. די מומע מאַריאַ איוואַנאָוונאַ האָט געהאַט מורא, אַז דמיטרי זאָל זיך נישט פאַרבונדן מיט קאַטיושען. נאָר איר מורא איז געווען אומזיסט. נעכליודאָוו, אַליין נישט וויסנדיק דערפון, האָט ליב געהאַט קאַטיושען, ווי עס ליבן אומשולדיקע נאַטורן, און זיין ליבע איז געווען די גרעסטע שוץ פון פאַלן סיי פאַר אים און סיי פאַר איר. ער האָט נישט גאָרנישט געהאַט קיין פאַרלאַנג זי צו באַזיצן פיזיש. נאָר אַ שרעק פלעגט אים באַפאַלן באַם געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט פון אַזאַ באַציונג צו איר. די געפאַר, וואָס די פּאַעטישע סאָפיאַ איוואַנאָוונאַ האָט איינגעזען דערין, אַז דמיטרי מיט זיין גאַנצן אַנטשלאָסענעם כאַראַקטער זאָל, ליב באַקומענדיק קאַטיושען, מיט איר חתונה האָבן, נישט געקוקט אויף איר יחוס און לאַגע, די געפאַר איז געווען אַ סך באַגרינדעטער. ווען נעכליודאָוו וואָלט דאַן קלאָר פאַרשטאַנען זיין ליבע צו קאַטיושען, און איבערהויפּט, ווען מ'וואָלט אים גענומען איבערצייגן אין דעם, אַז ער טאָר בשום אופן נישט פאַרבינדן זיך מיט דעמדאָזיקן מיידל, איז זייער מעגלעך, אַז ער וואָלט מיט איר חתונה געהאַט, ווייל ער מיט זיין גלייכער נאַטור אין אַלץ וואָלט נישט געהאַלטן פאַר קיין שטערונג חתונה צו האָבן מיט אַ מיידל, ווער דאָסדאָזיקע מיידל זאָל נישט זיין, אויב ער האָט זי נאָר ליב. אָבער די מומעס האָבן אים נישט דערציילט פון זייער מורא, און דערווייל איז ער אָפּגעפאָרן, און האָט זיך מודה געווען אין זיין ליבע צו קאַטיושען.

ער איז געווען זיכער, אַז זיין געפיל צו קאַטיושען איז נאָר איין געפיל פון אַ סך געפילן, מיט וועלכע ס'איז דאַן געווען איבערפולט זיין גאַנץ וועזן, אַ גרויס געפיל פון לעבנספרייד, וואָס דאָס מילדע פריילעכע מיידל האָט מיט אים געטיילט. ווען אָבער ער איז אָפּגעפאָרן, און קאַטיושאַ, שטייענדיק אויפן גאַניקל מיט די מומעס, האָט אים באַגלייט מיט אירע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן עטוואָס געשיקלט און זענען דערביי געווען פול מיט טרערן, האָט ער דאָך דאַן דערפילט, אַז ער פאַרלאָזט עפּעס הערלעכס און טייערס, וואָס ער וועט נאָך אַמאָל שוין נישט טרעפן, און אים איז געוואָרן זייער אומעטיק.

— זיי געזונט, קאַטיושאַ, אַ דאַנק פאַר אַלץ, — האָט ער געזאָגט איבערן הייבל פון סאָפיאַ איוואַנאָוונאַ און זיך געזעצט אין דראָזשקע.

— פאָרט געזונט, דמיטרי איוואַנאָוויטש, — האָט זי געזאָגט מיט איר אָנגענעם צאַרט קול און, פאַרבאַהאַלטנדיק די טרערן, וואָס האָבן פול געמאַכט אירע אויגן, איז זי אַנטלאָפן אין פאָרהויז, וווּ זי האָט געמעגט זיך פריי אויסוויינען.

XIII.

פון דער צייט אָן, אין משך פון דריי יאָר, האָט נעכליודאָוו זיך נישט געזעען מיט קאַטיושען. זיי האָבן זיך ווידער געטראָפן, ווען נעכליודאָוו איז נאָר-וואָס געוואָרן אָפיציר, און פאָרנדיק אויף דינסט אין דער אַרמיי — איז ער פאַרפאָרן אויפן וועג צו זיינע מומעס, אָבער ס'איז שוין געווען גאָר אַן אַנדערער נעכליודאָוו, נישט דעריעניקער, וועלכער האָט פאַרבראַכט בײַ זיי דעם זומער מיט דריי יאָר צוריק.

דאַן איז ער געווען ערלעך, גרייט אויף אָפּפערן מיט זיך; זיך אָפּגעבן מיטן גאַנצן וועזן פאַר יעדער גוטער זאַך; איצט איז ער געווען אַן אויסגעלאַסענער, ראַפינירטער עגאָיסט, וועלכער האָט בלויז ליב געהאַט זיינע פאַרגעניגנס. דאַן האָט זיך אים גאָטס וועלט פאָרגעשטעלט, ווי אַ סוד, וועלכן ער האָט מיט פרייד און התלהבות געוואָלט אַנטפּלעקן. איצטער איז אים אַלץ אין לעבן געווען פשוט און קלאָר און האָט זיך געלאָזט דערקלערן מיט די באַדינגונגען, אין וועלכע ער האָט זיך געפונען. פריער איז אים פאַר געווען וויכטיק און נייטיק די באַרירונג מיט דער נאַ-

טור און מיט די מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט און געדענקט און געפילט פריער פאַר אים, (ווי די פילאָזאָפן, פּאָעטן) איצט זענען נייטיק און וויכטיק געווען די געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן און די צוזאַמענטרעפונג מיט גוטע ברידער. דאַן איז פאַר אים די פרוי געווען אַ הערלעך וועזן פול מיט סודות, איצט איז יעדער פרוי, חוץ זיינע קרובים, און די פרויען פון זיינע פריינט, געווען אַ גאַנץ באַשטימט וועזן — אַ געוויער פון פאַרגעניגס, וועלכע ער האָט שוין פאַרזוכט. דאַן האָט ער נישט באַדאַרפט קיין געלט — און מ׳האָט געקאָנט נעמען בא דער מאַמען אַ דריטל פון דעם, וואָס זי האָט אַליין געגעבן, מ׳האָט זיך געקאָנט אָפּזאָגן פון דעם פאַטערס גוט און אַוועקשענקען דאָס גוט די פויערים, — איצט האָט נישט געקלעקט די 1500 רובל אַ חודש, וואָס די מוטער האָט געגעבן. און מיט איר פלעגט פאַרקומען בא אים נישט קיין אַנגענעמע שמועסן וועגן געלט. דאַן האָט ער פאַר זיין עכטן „איך" גערעכנט זיין גייסטיק וועזן, — איצט האָט ער געהאַלטן זיין געזונטן, מונטערן, חיהשן „איך" העכער פון אַלץ.

און די דאָזיקע גאַנצע שרעקלעכע פאַרענדערונג איז אין אים פאַרגעקומען בלויז צוליב דעם, וואָס ער האָט אויפגעהערט צו גלייבן זיך, און גענומען גלייבן אַנדערע. אויפגעהערט צו גלייבן זיך און גענומען גלייבן אַנדערע האָט ער דערפאַר, ווייל ס׳איז געווען זייער שווער צו לעבן, גלייבנדיק זיך אַליין. גלייבנדיק זיך, האָט מען יעדע פראַגע געמוזט לייזן נישט שטענדיק לטובת זיין חיהשן איך, וואָס זוכט לייכטע תּעניגים, נאָר שטענדיק כמעט קעגן אים; גלייבנדיק אַנדערע, האָט מען גאָרנישט באַדאַרפט באַשליסן, — אַלץ איז שוין געווען געלייזט און געלייזט שטענדיק קעגן דעם גייסטיקן, אָבער לטובות דעם חיהשן איך. נאָך מער, גלייבנדיק זיך: — האָבן די מענטשן וועגן אים שטענדיק שלעכטס גערעדט, גלייבנדיק אַנדערע, האָט ער פון די לייט, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, געקריגן אַ הסכמה פון זיין אויפירונג.

אזוי בעת נעכליודאָוו האָט געדענקט, געלייענט, גערעדט וועגן גאָט, וועגן אמת, וועגן רייכקייט, וועגן אָרימקייט, — האָבן די אַלע, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט, דאָסדאָזיקע געהאַלטן פאַר נישט פּאַסיק, און אפילו פאַר קאָמיש, און סיי די מוטער — סיי די מומע האָבן מיט אַ גוטמוטיקער איראָניע אים גערופן notre cher philosophe*), אָבער

*) אונזער טייערער פילאָזאָף.

ווען ער האָט געלייענט ראָמאַנען און פלעגט דערציילן וואָלגאַרע וויצן, פלעגט פאָרן אין פראַנצויזישן טעאַטער אויף לוסטיקע וואָדעווילן און פלעגט זיי פרייליך איבערדערציילן, האָבן אים אַלע געליבט און אים נאָך צוגעגעבן מער חשק. ווען ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק מאַכן קלעבער זיינע אויסגאַבן, האָט געטראָגן אַן אַלט מאַנטל און נישט געטרונקען קיין וויינען, האָבן אַלע עס געהאַלטן פאַר משוגעת, פאַר עפעס אַ באַרימערישע אָריגינאַליטעט, אָבער ווען ער האָט פאַרשווענדט גרויסע געלטער אויף יאַגד, אָדער אויף איינצואָרדענען פאַר זיך אַ הערלעך־שיינעם קאַבינעט, האָבן אַלע גערימט זיין געשמאַק און אים געבראַכט שיינע מתנות. בעת ער האָט נישט געקענט קיין פרויען, און זיין נשמה איז געווען ריין און אַזעלכער האָט ער געוואָלט פאַרבלייבן ביז דער חתונה, האָבן זיך זיינע קרובים באַאומרויקט פאַר זיין געזונט; און זיין מוטער האָט זיך גאָרנישט מצער געווען, נאָר פאַרקערט, זי איז צופרידן געווען, בעת זי האָט זיך דערוווסט, אַז ער איז געוואָרן אַן עכטער מאַנספאַרשוין און האָט אָפגעשלאָגן עפעס אַ פראַנצויזישע דאַמע פון זיינס אַ חבר. וועגן דעם עפיזאָד מיט קאַטיושען, — און וועגן דעם, אַז אים האָט געקאָנט קומען אויפן געדאַנק מיט איר חתונה צו האָבן, — האָט זיין מוטער, די פירשטין, נישט געקאָנט אַ קלער טון אָן אַ שוידער.

דאָס זעלבע איז אויך געווען, בעת נעכליודאָוו איז געוואָרן פוליעריק און האָט זיין קליין גוט, וואָס ער האָט באַקומען ירושה פון פאָטער, צוועקגעשענקט די פויערים. ער האָט עס געטון דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַלטן נישט פאַר יושרדיק צו באַזיצן ערד, — דערדאָזיקער טאַט זיינער האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף זיין מוטער און זיינע קרובים, און מען האָט וועגן דעם נישט אויפגעהערט צו רעדן, נישט אויפגעהערט צו שפאַסן פון אים און אים פאַרצוואַרפן. מ'האָט נישט אויפגעהערט אים צו דערציילן וועגן דעם, אַז די פויערים, וועלכע האָבן באַקומען ערד, זענען נישט נאָר נישט רייך געוואָרן, נאָר אָרים געוואָרן, זיי האָבן געעפנט דריי שענקען און האָבן אינגאַנצן אויפגעהערט צו אַרבעטן. ווען נעכליודאָוו האָט, אָנקומענדיק אין דער גוואַרדיע, מיט זיינע הויכגעשטעלטע חברים פאַרלעבט און פאַרשפילט אין קאָרטן אַזוי פיל געלט, אַז יעלענאַ איוואַנאָוונאַ האָט באַדאַרפט אַרויסנעמען פון איר גרונט־קאַפיטאַל, האָט זי כמעט זיך נישט מצער געווען דערפון, אויסרעכענענדיק, אַז דאָס איז נאַטירלעך און אפשר גאָר אַ מעלה, אַז דידאָזיקע פאָקן נעמען זיך צו אין דער יוגנט און אין אַ גוטער געזעלשאַפט.

פון אָנהייב האָט נעכליודאָוו געקעמפט, אָבער קעמפן איז געווען צו שווער, ווייל דאָס אַלץ, וואָס ער, גלייבנדיק זיך, האָט געהאַלטן פאַר גוט, האָבן אַנדערע געהאַלטן פאַר שלעכטס, און, פאַרקערט, אַלץ וואָס ער האָט, גלייבנדיק זיך, געהאַלטן פאַר שלעכטס, האָט זיך גערעכנט פאַר גוטס דורך די אַלע, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט. און ס'האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס נעכליודאָוו האָט זיך אונטערגעגעבן. האָט אויפגעהערט צו גלייבן זיך און האָט געגלייבט אַנדערע. אין דער ערשטער צייט איז דידאָזיקע אַנטזאָגונג פון זיך אַליין געווען נישט אָנגענעם, אָבער דאָסדאָזיקע אומאָנגענעמע געפיל האָט געדויערט זייער נישט לאַנג, און זייער שנעל האָט נעכליודאָוו אויפגעהערט צו פילן דאָסדאָזיקע אומאָנגענעמע געפיל, ער האָט אפילו דערשפירט אַ גרויסע דערלייכטערונג. ער האָט אָנגעהויבן צו רייכערן, טרינקען וויין.

און נעכליודאָוו האָט מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט פון זיין נאַטור זיך אָפגעגעבן דעמדאָזיקן נייעם אַרט לעבן, וואָס אויף דעם האָט ער געקריגן די הסכמה פון די אַלע, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט און האָט אינגאַנצן פאַרטויבט אין זיך יענע שטים, וועלכע האָט געפאָדערט עפּעס אַנדערש. אָנגעהויבן האָט זיך עס נאָכדעם, ווי ער איז געקומען קיין פּעטערבורג און פאַרענדיקט האָט זיך עס מיט זיין אָנקומען אין מיליטער-דינסט.

דאָס מיליטער-דינסט בכלל דעמאָראַליזירט די מענטשן. די יעניקע, וועלכע לעבן אין מיליטער, זענען באַפרייט פון מענטשלעכע פליכטן. אַנשטאָט דידאָזיקע פליכטן פאָדערט מען בײַ זיי אָפּצוהיטן דעם אָנגענומענעם כבוד פון פּולק, מונדיר און פאָן. פון איין זייט האָבן זיי אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט איבער אַנדערע מענטשן, פון דער צווייטער זייט — מוזן זיי קנעכטיש זיין אונטערטעניק די, וועלכע זענען איבער זיי. אין זייער גאַנצער סביבה איז פרעמד דער באַגריף פון נוצלעכער, פּאַרנונפּטיקער אַרבעט, נאָר ווען צו דער דעמאָראַליזירונג פון מיליטער-דינסט מיט איר כבוד, מונדיר, פאָן און מיטן לעגאַלן געוואַלט און הריגה קומט נאָך צו די באַציִונג מיט דער קייזערלעכער פאַמיליע, ווי דאָס טרעפט אין די אויסדערוויילטע גוואַרדייאישע פּולקן, אין וועלכע עס דינען בלויז רייכע און בכבודיקע אָפיצירן, דאַן גרייכט דידאָזיקע דעמאָראַליזאַציע בײַ די מענטשן ביז פולן עגאָיזם-משוגעת.

אין אַזאַ עגאָיזם-משוגעת האָט זיך געפונען נעכליודאָוו, זינט ער

איז אָנגעקומען אין מיליטער־דינסט און האָט אָנגעהויבן צו לעבן אַזוי, ווי ס'האָבן געלעבט זיינע חברים.

ער הזָט נישט געהאַט קיין אַנדערע אַרבעט, ווי זיך צו קליידן אין דעם הערלעכן מונדיר, וואָס אַ צווייטער האָט געפּוצט פאַר אים, קיין אַנדערע אַרבעט,- ווי אָנצוטון זיין העלם, מיטן געווער, וואָס אַנדערע האָבן עס געמאַכט, געפּוצט פאַר אים און אים דערלאַנגט; דערנאָך איז ער געפאָרן אויף די מיליטער־איבונגען, אָדער אויף אַ פּאַראַד אויף זיין הערלעכן פערד, וואָס אַנדערע האָבן עס געהאָדעוועט, אויסגעדרעסירט און אויסגעכאָליעט. — און דאָרטן האָט ער מיט אַזעלכע לייט, ווי ער, געגאַלאָפּירט, געפאָכעט מיט די שווערדן, געשאָסן און געלערנט דאָסדאָזיקע אויך אַנדערע מענטשן צו טון. קיין אַנדערע אַרבעט האָט ער נישט געהאַט, און די סאַמע היכגעשטעלטע פּערזאָנען: יונגע, אַלטע, דער קיסר, זיינע נאָענטע האָבן נישט נאָר געגעבן אַ הסכמה אויף דערדאָזיקער אַרבעט, נאָר האָבן אפילו פאַר דערדאָזיקער באַשעפטיקונג געלויבט און געדאַנקט. חוץ דעם האָט זיך גערעכנט פאַר גוט און וויכטיק דאָס אַרויסוואַרפן געלטער, וועלכע ווער ווייסט פון וואַנען מ'האָט באַקומען, און זיך צוזאַמענקומען און עסן, דער עיקר טרינקען, אין די אָפיצירישע קלובן, אָדער אין די סאַמע טייערסטע שענקען; דערנאָך טעאַטער, אָונט, פּרויען, און דערנאָך ווידער דאָס פאָרן אויף פערד, דאָס פאָכען מיט די שווערדן, דאָס גאַלאָפּירן, און ווידער געלט־פאַרשווענדעריי און ויינען, קאָרטן, פרויען.

איבערהויפּט ווירקט דעמאָראַליזירנדיק אויף די מיליטער־לייט אַזאַ לעבן, ווייל אויב נישט קיין מיליטער־מאַן פירט זיך אויף אַזוי, איז בּאַ זיך טיף אין האַרץ מוז ער געוויס זיך דערמיט שעמען. די מיליטער־לייט אָבער האַלטן, אַז אַזוי דאַרף עס זיין, באַרימען זיך און גרייסן זיך מיט אַזאַ מין לעבן, איבערהויפּט אין מלחמה צייט. אַזוי אויך איז עס געווען מיט נעכליודאָוון, ווען ער איז אָנגעקומען אין מיליטערדינסט, ווי נאָר ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה מיט טערקיי. „מיר זענען גרייט מקריב זיין אונזער לעבן אויף דער מלחמה, און דעריבער איז אַזאַ זאָרגלאָז, פרייליך לעבן נישט נאָר דערלאָזבאַר, נאָר אפילו נייטיק פאַר אונז. פירן מיר אַזאַ לעבן".

אַזוי טיילווייז האָט נעכליודאָוו געטראַכט אין דעמדאָזיקן פּעריאָד פון זיין לעבן; געפילט האָט ער אין דערדאָזיקער צייט אַן עקסטאַז פון באַפרייונג פון אַלע מאָראַלישע מחיצות, וועלכע ער האָט זיך פריער

געשטעלט, און אָן אויפהער האָט ער זיך געפונען אין דעם כראָנישן צו־שטאַנד פון עגאָיזם־משוגעת.

אין אַזאַ צושטאַנד האָט ער זיך אויך געפונען. בעת ער איז נאָך דריי יאָר צייט ווידער געקומען צו פאָרן צו זיינע מומעס.

XIV.

נעכליודאָוו איז פאַרפאָרן צו די מומעס זיינע דערפאַר, ווייל זייער גוט איז געווען באַם וועג, ווו פאַרויס איז אַדורך זיין פולק, און דערפאַר, ווייל זיי האָבן אים זייער געבעטן, אָבער דער עיקר דערפאַר, ווייל ער האָט געגאַרט צו זעען קאַטיושען. עס קאָן זיין, אַז טיף אין האַרץ האָט ער געהאַט אַ בייזע כוונה קעגן קאַטיושען, וואָס דער אויסגעלאַסענער און צעיושעטער איך זיינער האָט אים אָנגערעדט, אָבער ער האָט זיך נישט מודה געווען אין דערדאָזיקער כוונה, און פשוט אים האָט זיך געגלוסט ווידער באַזוכן יענע ערטער, ווו אים איז געווען אַזוי גוט, און ווידער זעען די עטוואַס קאָמישע, אָבער ליבע און גוטמוטיקע מומעס, וועלכע האָבן אומבאַמערקט פאַר אים אַליין אַרומגערינגלט אים מיט אַן אַטמאָ־ספערע פון ליבע און אַנטציקונג, און ווידער זעען זיין ליבע קאַטיושען, וועגן וועלכער ער האָט פאַרבאַהאַלטן אַזאַ אָנגענעמע דערינערונג.

געקומען צו פאָרן צו זיינע מומעס איז ער סוף מערץ, פאַר פסח, ווען די וועגן לאָזן. ס'איז געווען אַ שלאַקס־רעגן, אַזוי אַז געקומען איז ער ביז אַ זויב דורכגענעצט און דערפרוירן. אָבער געווען איז ער אַ מונ־טערער, אַ פריילעכער, ווי ער האָט בכלל זיך געפילט אין דערדאָזיקער צייט. „צי איז זי נאָך באַ זיי?“ האָט ער געטראַכט, ווען ער איז אַרויפ־געפאָרן אויף דעם באַקאַנטן הויף, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן מיט אַראָפּ־געפאַלענעם שניי פון די דעכער. ס'איז געווען אַן אַלטפרענקישער פריצישער הויף, אַרומגעצוימט מיט אַ ציגל־וואַנט. ער האָט געוואַרט, אַז אָט וועט זי אַרויסלויפן אויפן גאַניק אויף דעם קלונג פון זיין גלעקל, אָבער אויפן גאַניק פון די דינער זענען בלויז אַרויס צוויי באָרוועסע פויערטעס, וואָס האָבן געוואַשן, קענטיק, די דילן. זיי זענען געווען אין פאַרקאַשערטע קליידלעך מיט עמערס אין די הענט. זי איז אויך נישט אַרויסגעגאַנגען אויף דעם פאַראַדנעם גאַניק; ס'איז נאָר אַרויס טיכאָן

דער לאָקיי, אין אַ פאַרטוך, אויך, מסתמא, געווען פאַרנומען מיט רייניקן. אין פאָדערצימער האָט זיך באַוויזן סאָפיאַ איוואַנאָוונאַ, אין אַ זיידן קלייד און אין אַ הייבל.

— אָט איז אַ ביסל שיין פון דיר. וואָס דו ביסט געקומען! — האָט סאָפיאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט, זיך צעקושט מיט אים. — מאַשענקאַ איז עפּעס נישט אינגאַנצן. אַ ביסל צו פיל געשטאַנען אין קלויסטער.

— איך גראַטולירן אייך, מומע סאָניע, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט און געקושט די האַנט פון סאָפיאַ איוואַנאָוונאַ: — אַנטשולדיקט, איך האָב אייך איינגענעצט.

— גיי אין דיין צימער. דו ביסט אינגאַנצן נאַס. און וואָנסעס האָסטו שוין אַזוינע... קאַטיושאַ! קאַטיושאַ! גיכער, גיב אים קאַווע.

— גלייך, — האָט זיך דערהערט אַ באַקאַנטע אָנגענעמע שטימע פון קאָרידאָר. און נעכליודאָווס האַרץ האָט פריילעך אַ שפרונג געטון. „דאָ!“ און פונקט ווי די זון וואָלט אַרויסגעקוקט פון די וואָלקנס. נעכליודאָוו איז פריילעך אַוועק מיט טיכאָנען צו זיך אין זיין אַמאָליקן צימער זיך איבערטון.

נעכליודאָוון האָט זיך געוואָלט פרעגן בײַ טיכאָנען וועגן קאַטיושען: וואָס איז מיט איר? וואָס מאַכט זי? צי האַלט זי נישט בײַ חתונה האָבן? אָבער טיכאָן איז געווען אַזוי העפלעך און אין דער זעלבער צייט אַזוי שטרענג, האָט מיט אַזאַ פעסטקייט זיך איינגעשטעלט, אַז ער וועט אים אַליין אויפגיסן פון וואַשבעקן אויף די הענט דאָס וואַסער, אַז נעכליודאָוו האָט נישט געקאָנט בײַ זיך פועלן צו פרעגן וועגן קאַטיושען, ער האָט בלויז געפרעגט וועגן זיינע אייניקלעך, וועגן זיין אַלטן ברודערס פערד, וועגן דעם הונט פּאָלקאַנען. אַלע זענען געווען פריש און געזונט, חוץ פּאָלקאַנען, וועלכער איז משוגע געוואָרן פאַראַיאָרן זומער.

אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די נאַסע בגדים און נאָר-וואָס זיך אָנגעהויבן אָנצוטון, האָט נעכליודאָוו דערהערט שנעלע טריט, און מ'האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. נעכליודאָוו האָט דערקענט אי די טריט, אי דעם קלאַפּ אין טיר. אַזוי איז געגאַנגען און פלעגט אָנקלאַפּן נאָר זי.

ער האָט אויף זיך אַרויפגעוואָרפן דאָס נאַסע מאַנטל און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— אַריין.

דאָס איז געווען זי — קאַטיושאַ. אַלץ די זעלבע, — נאָך מיל-

דער ווי פריער. אויך אַזוי האָבן געקוקט פון אונטן אַרויף די שמייכלענ־דיקע נאַיווע עטוואָס שיקלדיקע שוואַרצע אויגן. זי איז אויך, ווי אַמאָל, געווען אָנגעטון אין אַ ריין ווייס שירצל. זי האָט געבראַכט פון די מו־מעס אַ שטיקל שמעקעדיקן זייף, וואָס מ׳האָט נאָר־וואָס אַרויסגענומען פון פאַפיר און צוויי האַנטיכער: אַ גרויס רוסישס און אַ האָריקס. און דער זייף, מיט די אָפּגעשטעמפּלטע אותיות, וואָס קיינער האָט נאָך נישט גע־נוצט, און די האַנטיכער, און זי אַליין — דאָס אַלץ איז געווען גלייך ריין, פריש און נישט גערירט, אָנגענעם. די ליבע, פעסטע, רויטע ליפּן אירע האָבן אַלץ זיך אַזוי געקנייטש, ווי אַמאָל, בעת זי האָט אים דער־זען. ס׳איז געווען פון פרייד, וואָס זי האָט נישט געקאָנט פאַרבאַ־האַלטן.

— מיט ליב אייער קומען, דמיטרי איוואַנאָוויטש! — האָט זי קוים אַרויסגערעדט, און איר פּנים האָט זיך באַגאָסן מיט אַ רויטקייט.

— וואָס מאַכסטו... וואָס מאַכט איר. — האָט ער נישט געוווסט, צי ער זאָל מיט איר זיין אויף „דו" אָדער אויף איר. און איז אויך אַזוי ווי זי רויט געוואָרן. — וואָס מאַכט איר, ווי לעבט זיך?

— דאַנק גאָט... די מומע האָט אייך געשיקט דעם ראָזן זייף, וועלכן איר האָט ליב, — האָט זי געזאָגט און אַוועקגעלייגט דעם זייף אויפן טיש און די האַנטיכער אויף די הענטלעך פון שטול.

— זיי האָבן אייגענעם זייף, — האָט טיכאָן מיט גדלות געזאָגט, וועלנדיק אויפווייזן די זעלבסשטענדיקייט פון זיין גאַסט און ער האָט אָנגעוויזן אויף נעכליודאָווס אָפענעם גרויסן נעסעסער מיט די זילבערנע דעקלעך. אין אים זענען געלעגן אַ מאַסע פלעשלעך, בערשטעלעך, פּיקסאַ־טואַרן, פּאַרפומען און אַלערליי טואַלעט־אינסטרומענטן.

— דאַנקט אָפּ דער מומען. איך בין אַזוי צופרידן, וואָס איך בין געקומען, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, פילנדיק, אַז אויפן האַרץ ווערט אים אויך אַזוי ליכטיק און אָנגענעם, ווי אַמאָל איז געווען.

זי האָט בלויז אַ שמייכל געגעבן אַלס ענטפער אויף דידאָזיקע ווערטער און איז אַרויסגעגאַנגען.

די מומעס, וועלכע האָבן תּמיד נעכליודאָוון ליב געהאַט, האָבן דאָס מאָל אים נאָך באַגעגנט מיט גרעסערער פרייד, ווי שטענדיק. דמיטרי איז געפאָרן אויף מלחמה, וווּ ער האָט געקאָנט ווערן פאַרוווּנדעט, דערהרגעט. דאָסדאָזיקע האָט די מומעס גערירט.

נעכליודאָוו האָט אַזוי באַשטימט זיין נסיעה, אַז אים זאָל אויסקו־

מען צו זיין באַ די טאַנטעס נאָר איין מעת-לעת, אָבער דערזעען קאַטיושען, האָט ער איינגעוויליגט צו זיין באַ די מומעס איבער פסח, וואָס האָט באַדאַרפט שוין זיין אין צוויי טעג אַרום. און ער האָט טעלעגראַפירט צו זייַן פריינט און חבר שענבאָק, מיט וועלכן ער האָט זיך געזאָלט צונויפפאָרן אין אָדעס, אַז אויך ער זאָל פאַרפאָרן צו די מומעס.

פון דעם ערשטן טאָג, ווי ער האָט נאָר דערזעען קאַטיושען, האָט נעכליודאָוו דערפילט זיין פריערדיקע ליבע צו איר. פונקט אַזויווי אַמאָל האָט ער אויך איצט נישט געקאָנט אָן אויפרעגונג זעען איר ווייס שירצל, נישט געקאָנט אָן פרייד הערן איר גאַנג, איר שטים. איר געלעכטער, האָט נישט געקאָנט אָן ליבע קוקן אין אירע שוואַרצע אויגן, איבערהויפט נישט געקאָנט רויִק צוזעען, ווי זי פלעגט זיך רויטלען באַ דער באַגעגעניש מיט אים. ער האָט געפילט, אַז ער איז פאַרליבט, אָבער נישט ווי אַמאָל, ווען דידאָזיקע ליבע איז פאַר אים געווען אַ סוד, ווען ער האָט אַליין נישט געוואַגט זיך מודה צו זיין אין דעם, אַז ער ליבט, און דאַן, ווען ער איז געווען זיכער אין דעם, אַז ליבן קאָן מען נאָר איין מאָל; איצט איז ער געווען פאַרליבט, געוווּסט און זיך דערמיט געפרייט, הגם אומקלאָר האָט ער געוווּסט און באַהאַלטן פון זיך אין וואָס עס באַשטייט דידאָזיקע ליבע, און וואָס עס קאָן פון איר אַרויסקומען.

אין נעכליודאָוון, ווי אין אַלע מענטשן, זענען געזעסן צוויי מענטשן: איינער אַ גייסטיקער, וואָס האָט געזוכט פאַר זיך אַזאַ גליק, וואָס זאָל אויך זיין דאָס גליק פון אַנדערע מענטשן, און דער צווייטער אַ חיהשער מענטש, וואָס האָט געזוכט גליק נאָר פאַר זיך, און פאַר דעם גליק איז ער געווען גרייט צו אָפּפערן מיטן גליק פון דער גאַנצער וועלט. אין דעמדאָזיקן פעריאָד פון זיין עגאָיזם-משוגעת, וואָס דאָס מיליטער-לעבן אין פעטערבורג האָט באַ אים אַרויסגערופן, האָט באַ אים געהערשט דער מענטש די חיה, וועלכער האָט אינגאַנצן דערשטיקט דעם גייסטיקן מענטש. אָבער דערזעען קאַטיושען און ווידער פילנדיק צו איר דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געפילט צו איר אַמאָל, האָט דער גייסטיקער מענטש אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט גענומען זיינע רעכט.

הגם ער האָט זיך אין דעם קיים מודה געווען, איז דאָך אָן אויפהער אין פאַרלויף פון דידאָזיקע צוויי טעג ביז פסח אין נעכליודאָוון פאָרגעקומען דער אינערלעכער קאַמף.

טיף באַ זיך אין האַרץ האָט ער גוט געוווּסט, אַז ער וואָלט געטון בעסער, ווען ער פאָרט אַוועק און פאַרלענגערט נישט זיין באַזוך באַ די

מומעס, ער האָט געוווסט, אַז קיין גוטס קאָן דערפון נישט אַרויסקומען, אָבער דאָ איז אים געווען אַזוי פריילעך און אָנגענעם, אַז ער איז פאַרבליבן און האָט זיך ווי געמאַכט נישט ווייסנדיק.

שבת אינאָוונט, ערב דעם אָסטער-זונטיק איז געקומען צו פאָרן דער גלח מיט דעם דיאַק און זיין באַהעלפער, כדי אָפּצוריכטן גאָטעס-דינסט און ווי זיי האָבן דערציילט, זענען זיי קוים דורכגעפאָרן אין שליטנס איבער דעם צעלאָזטן וועג, דורך די קאַלוזשעס און וואַסער, די דריי ווייאָרסט, וואָס ס'איז געווען פון דעם קלויסטער ביז דער מומעס גוט.

נעכליודאָוו איז אָפּגעשטאַנען די גאַנצע צייט, ווען ס'איז געגאַנגען די גאָטעס-דינסט. דאָ זענען געווען די מומעס זייגע, די גאַנצע דינערשאַפט, אויך קאַטיושאַ, וואָס האָט דערלאַנגט דעם גלח די רויך-פאַן. קאַטיושאַ איז געשטאַנען בײַ דער טיר, און... נעכליודאָוו האָט די גאַנצע צייט פון איר נישט אַראָפּגענומען די אויגן. נאָך דעם ווי ער האָט זיך צעקושט מיטן גלח און מיט די מומעס לויט דעם מנהג, האָט ער שוין געוואָלט גיין זיך לייגן שלאָפן, אָבער דעמאָלט האָט ער דערהערט, ווי אין קאָרידאָר קלייבט זיך מאַטריאָנאַ פּאַוולאָוונאַ — מאַריאַ איוואַנאָוונעס אַלטע דינסט — צוזאַמען מיט קאַטיושען אין קלויסטער, אַז דער גלח זאָל דאָרט הייליקן די פּסחדיקע קוילעטשן. „איך וועל אויך אַ פאָר טון", האָט ער אַ קלער געטון.

דער וועג צום קלויסטער איז געווען איצט אוממעגלעך דורכצופאָרן סיי מיט רעדער סיי אין שליטן, דעריבער האָט נעכליודאָוו, וועלכער האָט זיך געפילט בײַ די מומעס, ווי בײַ זיך אינדערהיים, געהייסן אָנזאָטלען דאָס רייט-פערד, דאָס אַזוי גערופענע „ברודער-אָגער", און אָנשטאָט צו לייגן זיך שלאָפן, האָט ער זיך אויסגעפוצט אין זיין גלענצענדן אוניפאָרם, מיט די שמאָלע רייט-הויזן, אָנגעטון דאָס מאַנטל און איז אַוועקגעפאָרן, רייטנדיק אויף דעם אַלטן אָגער, וואָס איז געווען אויסגעפּאַשעט און שווער אויף די פיס, אָבער וועלכער האָט נישט אויפגעהערט צו הירזשען, טראָגנדיק זיך אין דער פינצטער צום קלויסטער דורך קאַלוזשעס און שניי.

XV.

דאָס גאַנצע לעבן האָט נעכליודאָוו געדענקט דאָסדאָזיקע מאָרגן־געבעט. ס'איז געבליבן בײַ אים, ווי אײנע פון זײנע ליכטיקסטע און שטאַרקסטע זכרונות.

אין שוואַרצער נאַכט, װאָס האָט זיך נאָר געווײַסט דאָ און דאָרט מיט דעם פינקלענדיקן שניי, האָט דאָס פערד געפּאַטשט איבער די קאַלוזשעס וואַסער און האָט דערשראָקן געהויבן די אויערן, ווען עס האָט דערזעען די לעמפּעלעך, וואָס האָבן געברענט אַרום און אַרום קלויסטער. ווען נעכליודאָוו איז אַרויפגעפאָרן אויפן הויף פון קלויסטער, האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן די גאָטעס־דינסט.

די פּויערים, וואָס האָבן דערקענט מאַריאַ איוואַנאָוונעס פּלימעניק, האָבן אים באַוויזן אַ טרוקן אָרט, ווו ער זאָל קאָנען אַראָפּקריכן, האָבן גענומען זײַן פערד און צוגעבונדן און האָבן אים באַגלייט אין קלויסטער. דאָס קלויסטער איז געווען געפּאַקט מיט אַ יום־טובדיקן עולם. רעכטס זענען געשטאַנען די פּויערים: אַלטע אין בורקעס פון אייגענער אַרבעט, אין לאַפּטשעס, פאַרוויקלט מיט ווייסע שמאַטעס, און יונגעלייט זענען געווען אָנגעטון אין טוכענע נײַע בגדים, אַרומגעגאַרטלט מיט פאַרביקע פּאַסן, אין שטיוול. לינקס זענען געשטאַנען די ווײַבער אין רויטע זײַדענע טיכעלעך, אין פּליסירטע קאַפּטלעך אָן אַרבל, מיט בונטע רויטע אַרבל, און אין בלויע, גרינע און רויטע פאַרביקע קליידלעך, אין שיך מיט פּאָדקעווע. אַלטע פּויערטעס אין ווייסע טיכלעך און אין גרויע קאַפּטלעך. אין אַלטמאָדישע געפּאַלדעוועטע קליידלעך און אין שיך, אָדער אין נײַע לאַפּטשעס. זיי זענען געשטאַנען באַשיידן הינטער די יונגע ווײַבער; צווישן די אַלטע און יונגע זענען געשטאַנען פאַרפּוצטע קינדער מיט פעטע גלאַנצנדיקע האָר. די פּויערים האָבן זיך טיף געבוקט און האָבן פאַרריכט די האָר, וואָס פלעגן זיך צעוואַרפן. די פרויען, איבערהויפּט די אַלטע, האָבן געשטאַרט מיט פאַרלאָשענע בליקן אויף איין הייליק בילד מיט ברענענדיקע ליכט, האָבן פעסט צוגעדריקט די אויפגעלייגטע פינגער צום טיכל אויפן שטערן, אויף די אַקסלען, צום בויך, און האָבן עפּעס

געמורמלט, זיך געבוקט שטייענדיק אָדער זענען געפאַלן אויף די קני. די קינדער, נאָכמאַכנדיק די גרויסע, האָבן מיט דרך־ארץ מתפּלל געווען, בעת מ'האָט אויף זיי געקוקט. דער גאָלדענער איקאָנאָסטאַס האָט געברענט: פון אַלע זייטן האָבן אים אַרומגערינגלט גרויסע ליכט, וואָס זענען געווען אַרומגעוויקלט מיט גאָלד. און די קרוינלייכטער זענען געווען אָנגעשטעלט מיט ליכט. פון די קלירָאסן האָבן זיך געטראָגן פריילעכע ניגונים פון פרייוויליקן כאָר, וואָס איז באַשטאַנען פון יונגלעך און דערוואַקסענע און וואָס האָט געזונגען מיט גרילצנדיקע באַסן און דינענקע דיסקאַנטן.

נעכליודאָוו איז אַרויף העכער. אינמיטן קלויסטער איז געשטאַנען די אַריסטאָקראַטיע: אַ גוטבאַזיצער מיט זיין פרוי און זון, וואָס איז געווען אָנגעטון אין אַ מאַטראָסן־קורטקע, דער קרייז־קאָמיסאַר, אַ טעלע־גראַפיסט, אַ סוחר אין הויכע שטיוול, דער עלטסטער פון געמיינדע מיט אַ מעדאַל אויף דער ברוסט, און רעכטס פון דעם אַלטאַר, הינטער דער גוטבאַזיצערין, איז געשטאַנען מאַטריאָנאַ פּאַוולאָוונאַ אין אַ לילע קלייד און אין אַ ווייסן שאַל מיט אַ שלאַק, און קאַטיושאַ איז געווען אין אַ ווייס קלייד, דער ליף אין פעלדעלעך, מיט אַ העל־בלויען גאַרטלבאַנד און מיט אַ רויטער שלייף אין די שוואַרצע האָר.

אַלץ איז געווען יום־טובדיק, פייערלעך פריילעך און הערלעך: די גלחים אין זייערע גלאַנצנדע זילבערנע ריזעס, אויסגענייט מיט זילבערנע צלמים, און דער דיאַק און די באַהעלפער אין יום־טובדיקע זילבערנע און גאָלדערנע כאָרהעמדער, און די אויסגעפּוצטע פרייוויליקע זינגער מיט די מיט אייל אָנגעשמירטע האָר, און די פריילעכע טאַנץ־ניגונים פון די יום־טובדיקע לידער, און פון די גלחים דאָס אומאויפהערלעכע בענטשן דאָס פאָלק מיט די דרייפאַכיקע מיט בלומען פאַרפּוצטע ליכט אונטער די אויסגעשרייען, וואָס האָבן זיך אַלץ איבערגעחזרט: „קריסטוס איז ווידער־געבוירן! קריסטוס איז ווידערגעבוירן". אַלץ איז געווען הערלעך, אָבער הערלעכער פון אַלעם איז געווען קאַטיושאַ אין ווייסן קלייד מיט דעם העל־בלויען גאַרטל, מיט דער רויטער שלייף אויפן שוואַרצן קאָפּ און מיט התפּעלות פינקלענזיקע אויגן.

נעכליודאָוו האָט געפילט, אַז זי האָט אים געזען נישט אומקוקנ־דיק זיך. ער האָט עס באַמערקט, ווען ער איז פאַרביי איר געגאַנגען צום אַלטאַר. ער האָט גאָרנישט געהאַט איר איבערצוגעבן, אָבער ער האָט עפּעס צוגעטראַכט און האָט איבערגעגעבן, דורכגייענדיק פאַרביי איר:

„די מומע האָט געזאָגט, אַז זי וועט זיך ערשט אָפּפּאַסטן נאָך דעם מיטאָגס-געבעט".

דאָס יונגע בלוט האָט באַפּאַרבט דאָס חנעוודיקע געזיכט, ווי שטענדיק, ווען זי פּלעגט אים דערזעען. און אירע שוואַרצע אויגן, לאַכנדיק און פרייענדיק זיך, נאַיוו קוקנדיק פון אונטן אַרויף, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף נעכליודאָוון.

— איך ווייס, — האָט זי שמייכלענדיק געזאָגט.

אין דער מינוט איז דער דיאַק אַדורך פאַרביי מיט אַ קופּערנער פּושקע, און שפּאַרענדיק זיך צווישן עולם, איז ער אַדורך פאַרביי קאַטיושען און, נישט קוקנדיק אויף איר, האָט ער זיך מיט איר פאַרטשעפּעט מיט זיין פאָלע פון זיין כאָרהעמד. דער דיאַק, קענטיק, האָט מורא געהאַט פאַרטשעפּען נעכליודאָוון, אויס רעספּעקט פאַר אים, און איז אַדורך פאַרביי קאַטיושען און נישט ווילנדיק זיך מיט איר פאַרטשעפּעט. נעכליודאָוון אָבער איז געווען אַ חידוש, ווי קאָן ער דאָס, דערדאָזיקער דיאַק, נישט פאַרשטיין, אַז אַלץ, וואָס עס עקזיסטירט דאָ און אומעטום אויף דער וועלט, עקזיסטירט בלויז פאַר קאַטיושען, און מען קאָן פאַראַכטן אַלץ אויף דער וועלט, אָבער נישט זי, ווייל זי איז דער מיטלפּונקט פון אַלץ. פאַר איר האָט געפינקלט דאָס גאָלד פון איקאָנאָסטאַס און עס האָבן געברענט דידאָזיקע אַלע ליכטער אין די קרוינלייכטער און אין די לייכטער, פאַר איר האָבן געקלונגען דידאָזיקע פריידיקע געזאַנגען: „פרייט זיך איר מענטשן, דאָס ווידערגעבורט פון קריסטוס!" און אַלץ, וואָס איז נאָר געווען גוטס אויף דער וועלט, איז אַלץ געווען פאַר איר. און קאַטיושאַ פאַרשטייט עס אויך, האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלץ איז פאַר איר. אַזוי האָט זיך געדאַכט נעכליודאָוון, ווען ער האָט געקוקט אויף איר שלאַנקע פיגור, אין ווייסן געפאַלדעוועטן קלייד און אויף איר פאַרטראַכט פריילעך פּנים, וואָס לויט זיין אויסדרוק האָט ער געזעען, אַז דאָס זעלבע, וואָס זינגט אין זיין נשמה, דאָס זעלבע געזאַנג איז אויך אין איר נשמה.

אין דער הפסקה צווישן דער פריערדיקער און שפּעטערדיקער גאָטעס-דינסט, איז נעכליודאָוו אַרויס פון קלויסטער. דער עולם האָט אים געלאָזט דעם וועג און האָט אים באַגריסט. אַנדערע האָבן אים דערקענט, אַנדערע האָבן געפרעגט: „ווער איז ער?" אויף די טרעפּ איז ער שטיין געבליבן. אָרימעלייט האָבן אים אַרומגערינגלט. ער האָט זיי צע-

טיילט דאָס גאַנצע קליין־געלט, וואָס ער האָט געהאַט אין טייסטער, און האָט זיך געלאָזט גיין פון די טרעפּלעך פון קלויסטער־גאַניק.

עס איז שוין געוואָרן ליכטיק אויף אַזוי פיל, אַז מען האָט געקאָנט זעען, אָבער די זון איז נאָך נישט אויפגעגאַנגען. דער עולם האָט זיך צעזעצט אַרום די קברים, וואָס זענען געווען אַרום קלויסטער. קאַטיושאַ איז נאָך פאַרבליבן אין קלויסטער, און נעכליודאָוו איז געבליבן וואַרטן אויף איר.

פון קלויסטער זענען אַלץ אַרויסגעגאַנגען און אַרויסגעגאַנגען מענטשן, וועלכע האָבן זיך צעשפּרייט איבער אַלע זייטן, פון אויפן הויף און איבער דעם צמענטאַר.

אַן אַלטער זקן, מאַריאַ איוואַנאָוונעס בעקער, מיט אַ וואַקלענדיקן קאָפּ, האָט אָפּגעשטעלט נעכליודאָוון, האָט זיך מיט אים דריי מאָל צע־קושט, און זיין פרוי — אַן אַלטיטשקע מיט אַ געראַנצלט פּנים, מיט אַ זיידן טיכל אויפן קאָפּ, האָט אַרויסגענומען פון אַ טיכעלע אַן איי, וואָס איז געווען געפאַרבט מיט זאַפרען, און אים דערלאַנגט. דאָ איז אויך צו אים צוגעגאַנגען אַ יונגער שמייכלענדיקער קרעפּטיקער פּויער, אין אַ נייער בורקע מיט אַ גרינער גאַרטל.

— קריסטוס איז ווידערגעבוירן, — האָט ער געזאָגט, לאַכנדיק מיט די אויגן, און זיך צוגערוקט צו נעכליודאָוון, וועלכער האָט דערשפּירט אַן אַנגענעמען ספּעציפישן פּויער־געריך, און קיצלענדיק נעכליודאָוון מיט זיין קליינער געקרייזלטער באָרד, האָט ער אים דריי מאָל אַ קוש געטון אין סאַמע מיטן מויל מיט זיינע פעסטע פרישע ליפּן.

אין דער צייט, ווען נעכליודאָוו האָט זיך געקושט מיטן פּויער און האָט פון אים גענומען דאָס טונקל־ברוינע איי, האָט זיך אין קלויסטער־טיר באַוויזן מאַטריאָנע פּאַוולאָוונאַ אין איר לילע קלייד, און דאָס מילדע שוואַרצע קעפּל מיט דער רויטער שלייף.

זי האָט אים גלייך דערזעען דורך די קעפּ, וואָס זענען געגאַנגען פאַר איר, און ער האָט דערזעען, ווי אירע אויגן שטראַלן.

זי איז אַרויס מיט מאַטריאָנאַ פּאַוולאָוונאַ אויפן קלויסטער־גאַניק און האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געגעבן אַ נדבה די אָרימעלייט. אַן אָרי־מאַן מיט אַ פאַרהיילטער רויטע ווונד אָנשטאָט אַ נאָז, איז צוגעגאַנגען צו קאַטיושען. זי האָט עפּעס אַרויסגענומען פון איר טיכל און אים דער־לאַנגט, דערנאָך איז זי צו אים צו נעענטער און, נישט אויסדריקנדיק קיין שום עקל, נאָר פאַרקערט, ווי פריער שטראַלנדיק פון פריידן, האָט זי זיך

מיט אים דריי מאָל צעקושט, לויט דעם מנהג פון קריסטלעכן פסח. בעת זי האָט זיך געקושט מיט דעם בעטלער, האָבן זיך אירע אויגן באַגעגנט מיט נעכליודאָווס בליק, ווי זיי וואָלטן באַ אים פרעגן: „צי איז רעכט אַזוי, צי מעג זי אַזוי טון?"

„אַזוי, אַזוי, מיין ליבע, אַלץ איז גוט, אַלץ איז שיין, כ'האָב דיך ליב".

זיי זענען אַראָפּ פון גאַניק, און ער איז צו איר צוגעגאַנגען. ער האָט נישט געטראַכט זיך צו קושן מיט איר. ער האָט נאָר געוואָלט זיין נענטער לעבן איר.

— קריסטוס איז ווידערגעבוירן! — האָט געזאָגט מאַטריאָנע פּאַוולאָוונאַ, מיט אַ שמייכל און מיט אַזאַ טאָן, ווי זי וואָלט געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז היינט זענען אַלע גלייך, און אָפּגעווישט דאָס מויל מיט אַ טיכל, וואָס איז געווען אויפגעלייגט אין אַ מייזעלע, האָט זי אים אויסגעצויגן אירע ליפּן.

— מיט אַן אמת ווידערגעבוירן! — האָט נעכליודאָוו געענטפערט און זיך מיט איר צעקושט.

ער האָט אַ קוק געטון אויף קאַטיושען. זי האָט זיך פאַררויטלט און איז גלייך צו אים צוגעגאַנגען.

— קריסטוס איז ווידערגעבוירן, — דמיטרי איוואַנאָוויטש!

— מיט אַן אמת ווידערגעבוירן, — האָט ער געזאָגט. זיי האָבן זיך צוויי מאָל צעקושט און זיך עפּעס ווי פאַרטראַכט. — צי מען מעג נאָך, און אַזוי ווי זיי וואָלטן באַשלאָסן, אַז מען מעג, האָבן זיי זיך צעקושט אַ דריט מאָל, און ביידע האָבן אַ שמייכל געטון.

— איר וועט נישט גיין צום גלח? — האָט נעכליודאָוו זי געפרעגט.

— ניין, מיר וועלן דאָ, דמיטרי איוואַנאָוויטש, אַ ווייַלע זיצן. — האָט קאַטיושאַ געזאָגט, און האָט שווער, ווי נאָך אַ פריילעכער אַרבעט, מיט דער גאַנצער ברוסט אָפּגעעטעמט, און זי האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין מיט אירע געהאָרכזאַמע, ריינע, צאַרטע אויגן, וואָס האָבן עטוואָס געשיקלט.

אין דער ליבע צווישן מאַן און פרוי איז שטענדיק פאַראַן אַזאַ רגע, ווען עס שטאַרבט אָפּ באַוווסטזיין, שכל און דאָס גשמיותדיקע. אַזאַ מאָמענט איז געווען פאַר נעכליודאָוון דידאָזיקע נאַכט פון דעם הייליקן

אָסטער-זונטיק. ווען ער האָט איצט זיך דערמאָנט אָן קאַטיושען, איז אַלע לאַגעס, אין וועלכע ער האָט זי געזעען, האָט דידאָזיקע מינוט פאַרדעקט אַלע אַנדערע. דאָס שוואַרצע, גלאַטע, גלענצנדע קעפּל, דאָס ווייסע קלייד אין פאַלדן, וואָס האָט אַזוי מיידלש אַרומגענומען איר שלאַנקע פיגור, און די נישט הויכע ברוסט, און דידאָזיקע פאַרב פון געזיכט, און דידאָזיקע צאַרטע, פינקלדיקע שוואַרצע אויגן, און איר גאַנץ וועזן, וואָס האָט פאַרמאָגט צוויי הויפּטשטריכן: די ריינקייט פון איר ליבע נישט נאָר צו אים, — ער האָט עס געוווּסט, — נאָר ליבע צו אַלעמען און צו אַלץ, נישט נאָר צו דעם גוטן, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט, נאָך אויך צו יענעם בעטלער, מיט וועלכן זי האָט זיך צעקושט.

ער האָט געוווּסט, אַז זי האָט פאַרמאָגט דידאָזיקע ליבע, ווייל ער אַליין האָט אין יענער נאַכט און אין יענעם פרימאָרגן זי אויך געפילט און האָט געהאַט דאָס באַוווּסטזיין, אַז אין דערדאָזיקער ליבע האָט ער זיך מיט איר צוזאַמענגעגאָסן אין איינעם.

אַך, ווען אַלץ וואָלט געבליבן אין צושטאַנד פון יענעם געפיל, וואָס ער האָט געהאַט אין יענער נאַכט! „יאָ, דאָס גרויזאַמע איז שוין אָפּגעטון געוואָרן שפּעטער. נאָך דערדאָזיקער ליכטיקער נאַכט פון אָסטער-זונטיק!" האָט ער איצטער געטראַכט, זיצנדיק בײַם פענצטער אין צימער פון די געשווירענע.

XVI.

געקומען צוריק אַהיים פון קלויסטער, האָט נעכליודאָוו צוזאַמען מיט זיינע מומעס זיך אָפּגעפאַסט און, כדי זיך אַ ביסל צו קרעפטיקן, לויט דער געוווינהייט, וואָס ער האָט שוין באַקומען אין פאָלק, האָט ער זיך אָנגעטרונקען מיט בראָנפן און וויין, און איז אַוועק צו זיך אין צימער, ווו ער איז, אָן אָנגעטוענער, איינגעשלאָפן. אים האָט אויפגעוועקט אַ קלאַפּ אין טיר. לויט דעם קלאַפּ האָט ער דערקענט, אַז דאָס איז געווען זי. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט אויסגעריבן די אויגן, האָט זיך אַ ביסל אַ ציִ געטון און איז אויפגעשטאַנען.

— קאַטיושאַ, דו? — קום אַריין, — האָט ער געזאָגט.

זי האָט אויפגעעפנט די טיר.

— מען רופט צום טיש, — האָט זי געזאָגט.

זי איז געווען אין זעלבן ווייסן קלייד, אָבער אָן דעם האָר באַנד. א קוק געגעבן אים אין פּנים אַריין, האָט זי אויפגעשטראַלט, פּונקט ווי זי וואָלט אים מודיע געווען וועגן אָן אומגעווייגלעכער פרייד.

— גלייך גיי איך, — האָט ער געענטפערט און גענומען זיך פאַר דער קאַם, כּדי צו פאַרקעמען די האָר.

זי איז געשטאַנען אָן איבעריקע מינוט. ער האָט עס באַמערקט און, אָוועקוואַרפנדיק די קאַם, האָט ער זיך צו איר א לאָז געטון, אָבער אין דער זעלבער מינוט האָט זי זיך האַסטיק אויסגעדרייט און איז אַרויס מיט אירע לייכטע שנעלע טריט.

„סאַראַ שוטה איך בין, — האָט נעכליודאָוו צו זיך אַליין גע־זאָגט, — פאַרוואָס האָב איך זי נישט אָפּגעהאַלטן".

און ער האָט זיך נאָך איר געלאָזט לויפן און האָט זי דעריאָגט אין קאָרידאָר.

וואָס ער האָט פון איר געוואָלט, האָט ער אַליין נישט געוווּסט. אָבער אים האָט זיך געדאַכט, אַז בעת זי איז אַריין צו אים אין צימער, האָט ער באַדאַרפט טון דאָס, וואָס אַלע טוען בא אַזא פאַל, און ער האָט עס נישט געטון.

— קאַטיושאַ, וואַרט, — האָט ער זי אָנגעיאָגט.

זי האָט זיך אומגעקוקט.

— וואָס איז, — האָט זי א פרעג געטון און זיך אָפּגעשטעלט.

— קיין זאַך נישט, נאָר...

און באַהערשנדיק זיך און געדענקענדיק נאָר ווי אין דידאָזיקע פאַלן זענען זיך נוהג אַנדערע לייט אין זיין לאַגע, האָט ער קאַטיושען אַרומגענומען פאַר דער טאַליע.

זי איז שטיין געבליבן און האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— מען דאַרף נישט, דמיטרי איוואַנאָוויטש, מען דאַרף נישט, — האָט זי אַרויסגערעדט, ביז צו טרערן רויט ווערנדיק, און האָט מיט איר שטאַרקער, שאַרסטקער האַנט אָפּגעשטויסן זיין האַנט, וואָס האָט זי גע־האַלטן אַרומגענומען.

נעכליודאָוו האָט זי אָפּגעלאָזט, און אין דעמדאָזיקן אויגנבליק האָט ער זיך נישט נאָר געפילט אין פאַרלעגנהייט, נאָר אים איז געוואָרן מיאוס און עקלהאַפט פאַר זיך אַליין. ער האָט געוועזט באַדאַרפט גלויבן זיך אַליין, אָבער ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דידאָזיקע פאַרלעגנהייט

און חרפה זענען געווען די בעסטע געפילן פון זיין נשמה, וועלכע האָבן זיך געבעטן ארויס, אָבער אים האָט זיך אויסגעוויזן פארקערט, אַז דאָס רעדט אין אים זיין נארישקייט, אַז ער דאַרף טון, ווי אַלע טוען.

ער האָט זי אַנגעיאָגט נאָך אַמאָל, זי ווידער ארומגענומען און איר אַ קוש געגעבן אין האַלז. דערדאָזיקער קוש איז שוין גאָר נישט געווען דער זעלביקער. ווי יענע צוויי קושן: איינער אַ אומגעריכטער דאָן הינטער די ביימלעך בעז, און דער צווייטער היינט פרי אין קלויסטער.

דער קוש איז געווען שרעקלעך, — און זי האָט עס דערפילט.

— וואָס טוט איר עס? — האָט זי אויסגעשריגן מיט אַזאַ שטים, ווי ער וואָלט צעבראָכן עפּעס אַזוינס אומגעהייער טייערס, וואָס מ'קאָן צוריק נישט קריגן, און זי איז אַוועקגעלאָפן אַזוי שנעל, ווי זי האָט נאָר געקאָנט.

ער איז אַריינגעקומען אין עסצימער. די פּאַרפּוצטע מומעס, דער דאָקטאָר, אַ שכנטע אַ גוטבאַזיצערין זענען שוין געזעסן און געגעסן. אַלץ האָט אויסגעזעען, ווי געוויינלעך, אָבער בּאַ נעכלּיודאָוון אין האַרץ איז געווען אַ גאַנצער שטורעם. ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען פון דעם אַלעם, וואָס מ'האָט צו אים גערעדט, האָט געענטפערט נישט צו דער זאַך און האָט נאָר געטראַכט וועגן קאַטיושען; זיין גאַנץ וועזן איז געווען איבערפולט מיטן בלוט, וואָס דער לעצטער קוש אין קאָרידאָר האָט אין אים אָנגעצונדן. וועגן קיין אַנדערע זאַך האָט ער נישט געקאָנט טראַכטן. ווען זי איז אַריין אין צימער, האָט ער מיט זיין גאַנץ וועזן געפילט, אַז זי איז דאָ, און האָט זיך באַדאַרפט באַהערשן, כדי נישט צו קוקן אויף איר.

נאָך מיטאָג איז ער גלייך אַוועק צו זיך און אין גרויסער אויפ־רעגונג לאַנג געשפּאַנט אויף און אָפּ איבערן צימער, צוגעהערט זיך צו די קלאַנגען פון שטוב, וועלנדיק דערהערן אירע טריט. דער מענטש — די חיה — וואָס האָט אין אים געלעבט, האָט איצטער נישט נאָר אויפ־געהויבן דעם קאָפּ, נאָר האָט אפילו צעטרעטן אונטער זייַנע פיס דעם־יעניקן גייסטיקן מענטש, וואָס ער איז עס געווען אין זיין ערשטן באַזוך, און אפילו היינט אינדערפרי אין קלויסטער, און דערדאָזיקער שרעקלעכער חיהשער מענטש האָט געהערשט איצטער אַליין אין זיין נשמה. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס נעכלּיודאָוו האָט נישט אויפגעהערט צו היטן קאַטיושען, האָט זיך דאָך אים נישט איינגעגעבן אַ גאַנצן טאָג זי כאָטש איינמאָל צו טרעפן אויג אויף אויג. קענטיק, אַז זי האָט אים אויסגע־

מיטן. אָבער אין אָוונט האָט זיך געמאַכט, אַז זי האָט באַדאַרפט גיין אין דעם צימער, וואָס איז געווען לעבן זיינעם. דער דאָקטאָר איז געבליבן נעבטיקן, און קאַטיושאַ האָט באַדאַרפט גיין אויסבעטן דעם גאַסט דאָס בעט. דערהערט אירע טריט, איז נעכליודאָוו, שטיל, פאַרהאַלטנדיק דעם אָטעם, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אָפּטון עפּעס אַ פאַרברעך, אַריין נאָך איר אין צימער.

אירע ביידע הענט האָט זי אַריינגעשטעקט אין ציכל, וואָס זי האָט געהאַלטן אויף אָנציען אויפן קישן, זי האָט אויף אים אַ קוק געטון און געגעבן אַ שמייכל, אָבער דערדאָזיקער שמייכל איז נישט געווען קיין פריילעכער און צופרידענער, ווי אַמאָל, נאָר אַ דערשראָקענער, אַ נעבעכדיקער, דערדאָזיקער שמייכל האָט אַזוי ווי אים געזאָגט, אַז דאָס, וואָס ער טוט — איז שלעכט. אויף אַ ווײַלע איז ער שטיין געבליבן. דאָ איז נאָך געווען די מעגלעכקייט פון קאַמף. הגם שוואַך, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געהערט די שטים פון דער אמתער ליבע צו איר, דידאָזיקע שטים האָט גערעדט וועגן א י ר, וועגן אירע געפילן, וועגן איר לעבן. אַ צווייטע שטים האָט אים געטענהט: געדענק, וועסט אַדורכלאָזן ד יי ן פאַרגעניגן, — ד יי ן גליק. און דידאָזיקע צווייטע שטים האָט דערשטיקט די ערשטע. ער איז אַנטשלאָסן צו איר צוגעגאַנגען. און דאָס שרעקלעכע אומגעצוימטע חיהשע געפיל האָט אים באַהערשט.

נישט אַרויסלאָזנדיק זי פון זיינע אָרעמס, האָט נעכליודאָוו זי אַנידערגעזעצט אויפן בעט און, פילנדיק, אַז מען דאַרף נאָך עפּעס טון, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר.

— דמיטרי איוואַנאָוויטש, ליבער, טייערער, האָט רחמנות, לאָזט מיך, — האָט זי זיך געבעטן. — מאַטריאָנאַ פּאַוולאָוונאַ גייט! — האָט זי געגעבן אַ געשריי און זיך אַרויסגעריסן; און ווירקלעך איז עמעצער געגאַנגען צו דער טיר.

— וועל איך צו דיר קומען באַנאַכט, — האָט נעכליודאָוו אַרויסגערעדט. — דו שלאָפסט דאָך אַליין?

— וואָס רעדט איר? אויף קיין פאַל נישט! מען דאַרף נישט, — האָט זי גערעדט בלויז מיט די ליפּן, ווייל איר גאַנץ וועזן, איר אויפגערעגטקייט און פאַרלעגנהייט האָבן גערעדט עפּעס אַנדערש.

מאַטריאָנאַ פּאַוולאָוונאַ איז ווירקלעך צוגעגאַנגען צו דער טיר. זי איז אַריין אין צימער מיט אַ דעקע אויף דער האַנט. זי האָט אָנגעקוקט

נעכליודאָוון מיט פאָרוואורף, און מיט מעס געמאַכט קאַטיושען אַן אויסרייד, וואָס זי האָט גענומען נישט די דעקע.

נעכליודאָוו איז שווייגנדיק אַרויס. ער האָט זיך אפילו גאָרנישט פאַרשעמט. ער האָט געזעען, לויט מאַטריאָנאַ פּאַוולאָוונעס פּנים, אַז זי פאַראורטיילט אים און אַז זי איז גערעכט, וואָס זי פאַראורטיילט אים, ער האָט געוווסט, אַז דאָס, וואָס ער טוט — איז שלעכט, אָבער דאָס חיהשע געפיל, וואָס האָט זיך צעשפרייט אין אים אָנשטאָט דעם פריערדיקן געפיל — פון עכטער ליבע צו איר, האָט אים באַהערשט און האָט איינגאַנצן געוועלטיקט און האָט נישט געלאָזט קיין בעסערס אָנערקענען. ער האָט געוווסט, וואָס מען דאַרף טון אויף צו באַפרידיקן דאָסדאָזיקע געפיל און האָט געזוכט אַ מיטל, ווי דאָס אויסצופירן.

אַ גאַנצן אָוונט איז ער געווען ווי נישט בײַ זיך; דאָ איז ער געגאַנגען צו די מומעס, דאָ איז ער געגאַנגען צו זיך אויפן גאַניק, און האָט געטראַכט וועגן איינס, ווי זי צו טרעפן איינע אַליין; אָבער זי האָט אים אויסגעמיטן. און מאַטריאָנאַ פּאַוולאָוונאַ האָט זי נישט געלאָזט פון אויג.

XVII.

אַזוי איז אַריבער דער גאַנצער אָוונט און ס'איז געוואָרן נאַכט. דער דאָקטאָר איז אַוועק שלאָפן. די מומעס האָבן זיך אויך געקליבן. נעכליודאָוו האָט געוווסט, אַז מאַטריאָנאַ פּאַוולאָוונאַ איז איצט אין שלאָפצימער בײַ די מומעס און קאַטיושאַ איז איינע אַליין אין צימער פאַר דער מיידל־שטוב. ער איז ווידער אַרויס אויפן גאַניק. אויפן הויף איז געווען פינצטער, פייכט, וואַרעם, און דער ווייסער נעפּל, וואָס צעשמעלצט אין פרילינג דעם לעצטן שניי, דער נעפּל, וואָס קאָן ווערן אויך אַ דאַנק דעם צעגייענדיקן שניי, האָט אָנגעפילט די גאַנצע לופט. פון טייך, וואָס איז געווען הונדערט טריט פון הויז, האָבן זיך געטראָגן מאָדנע קלאַנגען: דאָס האָט זיך געבראָכן דאָס אייז.

נעכליודאָוו איז אַראָפּ פון גאַניק און שפּרייזנדיק דורך די קאַלוזשעס אויפן שניי, וואָס איז געוואָרן ווי אייז, איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער פון דעם צימער פאַר די שטוב־מיידלעך. זיין האַרץ האָט גע-

קלאפט בא אים אין ברוסט אזוי, אז ער האט עס געהערט; זיין אטעם פלעגט זיך אפשטעלן, אדער ארויסרייסן מיט א קרעכץ. אין צימער האט געברענט א קליין לעמפל. קאטיושא איז איינע אליין געזעסן פארטראכט באם טיש און געקוקט פאר זיך. נעכליודאוו האט לאנג נישט באוועגנדיק זיך, געקוקט אויף איר. ער האט געוואלט געוויר ווערן, וואס זי וועט טון, מיינענדיק, אז קיינער זעט זי נישט. א מינוט צוויי איז זי געזעסן אומבאוועגלעך, דערנאך אויפגעהויבן די אויגן, א שמייכל געטון, גע־שאקלט, אזוי ווי מיט א פארוואורף אויף זיך אליין מיטן קאפ, געביטן איר לאגע, האסטיק אוועקגעלייגט ביידע הענט אויפן טיש און גענומען קוקן גלייך פאר זיך.

ער איז געשטאנען און געקוקט אויף איר און נישט ווילנדיק גע־הערט צוזאמען אי דאס קלאפן פון זיין הארץ, אי די מאדנע קלאנגען, וואס האבן זיך געטראגן פון טייך. דארטן, אויפן טייך, אין נעפל איז געגאנגען א כסדרדיקע, לאנגזאמע ארבעט, עפעס האט געקרעכצט, גע־פלאצט, געברעקלט זיך און ווי גלאז האבן געקלונגען די דינע אייז־קריעס.

ער איז געשטאנען, געקוקט אויף קאטיושעס פארטראכט פנים, אויף וועלכן ס'האבן זיך אפגעשפיגלט די אינערלעכע ליידן און ער האט צו איר געפילט א רחמנות, אבער א מאדנע זאך, דאס רחמנות־געפיל האט נאר פארשטארקט זיין תאווה צו איר. די תאווה האט אים באהערשט אינגאנצן.

ער האט א קלאפ געגעבן אין פענצטער. זי האט אויפגעציטערט מיטן גאנצן קערפער אזוי ווי פון אן עלעקטרישן שטויס און איר פנים האט אויסגעדריקט א פחד. דערנאך איז זי צוגעגאנגען צום פענצטער און דערנענטערט איר פנים צום גלאז. דער אויסדרוק פון פחד איז פאר־בליבן אויף איר געזיכט אויך דאן, ווען צולייגנדיק ביידע הענט, ווי קוקערס אויף די אויגן, האט זי אים דערקענט. איר פנים איז געווען אומגעוויינלעך ערנסט, — אזא האט ער קיינמאל נישט געזעען איר פנים. זי האט א שמייכל געטון ערשט דאן, ווען ער האט א שמייכל געטון, זי האט געגעבן א שמייכל, ווי זי וואלט דערמיט זיך אים אונטערגעגע־געבן, אבער אין איר נשמה איז קיין שמייכל נישט געווען, — ס'איז גע־ווען פחד. ער האט איר געמאכט א צייכן מיט דער האנט, כדי זי זאל ארויסגיין אויפן הויף צו אים. אבער זי האט א מאך געטון מיטן קאפ, אז ניין, זי וועט נישט ארויסגיין און איז געבליבן שטיין באם פענצטער.

ער האָט נאָך אַמאָל דערנענטערט זיין פּנים צום גלאָז און געוואָלט איר אַ געשריי טון, אַז זי זאָל אַרויסגיין, אָבער אין דעם מאָמענט האָט זי זיך אויסגעדרייט צו דער טיר, — מסתּמא האָט זי עמעצער אַ רוף געטון. נעכליודאָוו איז אָפּגעגאַנגען פון פענצטער. דער נעפּל איז געווען אַזוי שווער, אַז אָפּגייענדיק אַ פינף טריט פון הויז, האָט נעכליודאָוו שוין נישט געזעען דאָס פענצטער, נאָר בלויז אַ שוואַרצע מאַסע, פון וועלכער ס'האָט אַרויסגעליכטן אַ רויטער פלאַם פון לאָמפּ, וואָס האָט זיך געדאַכט, ,אַז ער איז גוואַלטיק גרויס. פון טייך האָט זיך געטראָגן, ווי פריער, דאָס מאָדנע קרעכצן פון אייז, ס'האָבן זיך געהערט קלאַנגען, ווי ער ברעקלט זיך, פלאַצט און קלינגט. נישט ווייט אין דעם נעפּל אויפן הויף האָט אַ קרייע געטון אַ האָן, ס'האָבן זיך אָפּגערופן אין דער נאָענט אַנדערע, און אויך פון דער ווייטנס פון דאָרף האָט זיך דערהערט דאָס קרייען פון די הענער. אַלץ אַרום, אַ חוץ דעם טייך, איז געווען אינגאַנצן שטיל. די הענער האָבן געקרייעט שוין צום צווייטן מאָל.

דורכגייענדיק אַ מאָל צוויי הין און צוריק פאַר דעם ראָג הויז און עטלעכע מאָל אָנגעטראָפן מיטן פוס אין אַ קאַלוזשע, איז נעכליודאָוו ווידער צוגעגאַנגען צום פענצטער. דער לאָמפּ האָט נאָך אַלץ געברענט, און קאַטיושאַ איז ווידער געווען אַליין באַם טיש, ס'האָט אויסגעזעען, אַז זי איז אין אַ פאַרלעגנהייט. ווי ער איז נאָר צוגעגאַנגען צום פענצטער, האָט זי אויף אים אַ קוק געטון. ער האָט אָנגעקלאַפּט. און, נישט קוקנדיק, ווער ס'האָט אַ קלאַפּ געטון, איז זי גלייך אַרויסגעלאָפן פון צימער. ער האָט געהערט, ווי עס האָט אויפגעפּראַלט די דרויסנדיקע טיר. ער האָט זי שוין אָפּגעוואַרט אין פאָרהויז און זי שווייגנדיק אַרומגענומען. זי האָט זיך צו אים צוגעדריקט, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און האָט מיט אירע ליפּן אָנגענומען זיין קוש. זיי זענען געשטאַנען אויף אַ טרוקן אָרט לעבן פאָרהויז. און ער איז געווען איבערפולט מיט אַ פיינלעכן נישט באַפרידיקטן פאַרלאַנג. פלוצלינג האָט ווידער די טיר אַ סקריפּע געטון— און ס'האָט זיך דערהערט מאַריאַ פּאַוולאָוונעס בייזע שטימע:

— קאַטיושאַ!

זי האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן און איז צוריק אַוועקגעלאָפן אין מיידל־שטוב. ער האָט געהערט, ווי עס האָט זיך פאַרהאַקט דער פאַררוקער. דערנאָך איז אַלץ שטיל געוואָרן, דאָס רויטע אויג אין פענצטער איז פאַרשוווּנדן, עס איז געבליבן בלויז דער נעפּל און דער גערודער אויפן טייך.

נעכליודאָוו איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. קיינער האָט זיך נישט געזען. ער האָט אָנגעקלאַפּט, אָבער ס'איז נישט געקומען קיין ענטפער.

נעכליודאָוו האָט זיך צוריקגעקערט אין הויז דורך דעם הויפּטאַריינגאַנג. אָבער ער איז נישט געגאַנגען שלאָפן. ער האָט אַראָפּגעצויגן די שטיוול און אַ באָרוועסער האָט ער זיך געלאָזט גיין אין קאָרידאָר צו איר טיר, וואָס איז געווען לעבן מאַטריאָנאַ פּאַוולאָוונעס צימער. פון אָנפאַנג האָט ער בלויז געהערט, ווי מאַטריאָנאַ פּאַוולאָוונאַ האָט רויק געכראַפּעט. ער האָט געוואָלט שוין אַריינגיין, אָבער פּלוצלינג האָט זיך די אַלטע מאַטריאָנאַ צעהוסט און זיך אַ קער געטון אויף דעם סקריפּענדיקן בעט. ער איז אַ טויטער געבליבן, און איז אַזוי אין שרעק אָפּגעשטאַנען אַ מינוט פינף, ווען אַלץ איז ווידער שטיל געוואָרן, און ס'האָט זיך ווידער דערהערט אַ רויק כראָפּען, האָט ער זיך געלאָזט גיין אויף די שפּיצפינגער, כדי די דילן, וואָס האָבן נישט געסקריפּעט, זאָלן אים נישט אַרויסגעבן. ער איז צוגעגאַנגען סאַמע צו איר טיר. אַלץ איז געווען שטיל. זי איז, קענטיק, נישט געשלאָפן, ווייל מ'האָט נישט געהערט איר אָטעמען. אָבער ווי ער האָט נאָר אַרויסגעפליסטערט: „קאַטיושאַ!" — איז זי אויפגעשפּרונגען, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָט בייז — אַזוי האָט זיך אים אויסגעוויזן — אים גענומען איינרעדן, ער זאָל אַוועקגיין — ווי זעט עס אויס? נו, ווי קאָן מען עס אַזוי? די טאַנטעס וועלן דערהערן, — האָבן גערעדט אירע ליפּן, אָבער דאָס גאַנצע וועזן האָט גערעדט: „איך בין אינגאַנצן דיינע".

און דאָס דאָזיקע האָט נעכליודאָוו בלויז באַגריפן.

— נו, נאָר אויף אַ רגעלע עפן אויף, איך בעט דיך זייער, — האָט ער גערעדט אומזיניקע רייד.

זי האָט געשוויגן. דערנאָך האָט ער דערהערט אַ שאָרך פון אַ האַנט, וואָס האָט געזוכט דעם פאַררוקער. דער פאַררוקער האָט געגעבן אַ האַק און ער איז אַריין אין דער אָפענער טיר.

ער האָט זי אָנגעכאַפּט, ווי זי איז געווען, אין דעם האַרטן לייוונטענעם העמד מיט די אַנטבלויזטע הענט, האָט זי אויפגעהויבן און אַוועקגעטראָגן.

— אַך, וואָס טוט איר — האָט זי געפליסטערט.

אָבער ער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף אירע ווערטער און האָט זי אַוועקגעטראָגן אין זיין צימער.

— אָך, לאָזט מיך, לאָזט מיך, — האָט זי געבעטען, און אַליין זיך געדריקט צו אים.

. . . .

ווען זי איז שפּעטער אַ ציטערנדיקע און אַ שווייגנדיקע פון אים אוועק, גאַרנישט געענטפערט אויף זיינע ווערטער, איז ער ארויס אויפן גאַניק און איז שטיין געבליבן, וועלנדיק באַנעמען די באַדייטונג פון דעם אַלעם, וואָס איז פאָרגעקומען.

אויפן הויף איז איצט געווען ליכטיקער. אונטן אויפן טייך איז נאָך שטאַרקער געוואָרן דאָס פּלאַצן און דאָס קלינגען, און דאָס קרעכצן פון די קריעס און צו די פריערדיקע קלאַנגען איז נאָך צוגעקומען אַ ריזלען. דער נעפּל האָט זיך גענומען אראָפּלאָזן און פון הינטער דער וואַנט פון נעפּל איז אַרויסגעשווומען אַ קאַרגע לבנה און האָט טריב באַלויכטן עטוואָס שוואַרצס און שרעקלעכס.

„איז וואָס איז דאָס אַזוינס? האָט אַ גרויס גליק אָדער אַ גרויס אומגליק מיט מיר געטראָפן?“ האָט ער זיך אַליין געפרעגט. — „שטענדיק אַזוי, אַלץ אַזוי“, האָט ער זיך געזאָגט און איז אַוועק שלאָפן.

XVIII.

אויף מאָרגן איז דער אויסגעפּוצטער און לוסטיקער שענבאָק פאָרפאָרן נאָך נעכליודאָוון צו די מומעס און האָט זיי אינגאַנצן באַצויבערט מיט זיין עלעגאַנץ, פריינדלעכקייט, לוסטיקייט, מיט זיין ברייטע האַנט און מיט זיין ליבע צו דמיטריען. די ברייטקייט זיינע האָט אפילו זייער אויסגענומען בא די מומעס, אָבער זי האָט זיי אַריינגעבראַכט אין אַ געוויסער פאַרלעגנהייט מיט דער איבערטריבנקייט. בלינדע בעטלערס, וואָס זענען צו זיי געקומען, האָט שענבאָק געגעבן אַ רובל אַ נדבה, די דינער טיי-געלט האָט ער צעטיילט 15 רובל, און ווען סיוזעטקא — סאָפיא איוואַנאָוונעס באַלאָנער הינטל האָט אין זיין אַנוועזנהייט צעדראַפּעט זיך ביז בלוט אַ פוס, האָט ער זיך ארויסגערופן מאַכן עס אַ באַנדאַזש. און אָן ישוב הדעת האָט ער גלייך צעריסן זיין באַטיסט טיכעלע מיטן שלאַק (סאָפיא איוואַנאָוונא האָט גוט געוווסט, אַז אַזעלכע טיכעלעך קאָסטן

נישט ווייניקער ווי 15 רובל אַ טוץ) און ער האָט געמאַכט באַנדאַזשן פאַר סיוזעטקען. די מומעס האָבן נישט געזעען אַזאַ. און האָבן נישט געװוסט, אַז דערדאָזיקער שענבאַק האָט געהאַט 200 טויזנט חובות, וועלכע, ער האָט געוווּסט, וועלן זיך קיינמאָל נישט באַצאָלן, און דעריבער האָט פאַר אים 25 רובל מער אָדער ווייניקער נישט געשפּילט קיין ראָלע.

שענבאַק האָט פאַרבראַכט בלויז איין טאָג און איז אַוועקגעפאָרן אויף דעם קומענדיקן אָוונט צוזאַמען מיט נעכליודאָוו. זיי האָבן נישט געקאָנט לענגער בלייבן, ווייל ס'איז שוין געווען דער לעצטער טערמין זיך צו מעלדן אין פּולק.

אין דעם לעצטן טאָג, וואָס נעכליודאָוו האָט פאַרבראַכט באַ די מומעס, ווען ס'איז נאָך געווען פריש די דערינערונג פון דער נאַכט, האָבן באַ אים אין נשמה געקעמפט צווישן זיך צוויי געפילן: איינס, די ברע־נענדיקע ליידנשאַפטלעכע דערינערונג פון דער חיהשער ליבע, וועלכע האָט אים אפילו נישט געגעבן דאָס, וואָס זי האָט צוגעזאָגט, אָבער ס'איז געווען אַ געוויסע צופרידנקייט פון דערגרייכטן ציל; דאָס צווייטע געפיל, דאָס באַוווּסטזיין, אַז ער האָט אָפּגעטון זייער אַ מיאוסע זאַך, און אַז די מיאוסע זאַך דאַרף מען פאַרריכטן און פאַרריכטן נישט צוליב איר, נאָר צוליב זיך.

אין דעם צושטאַנד פון עגאָיזם־משוגעת, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען, האָט נעכליודאָוו געטראַכט בלויז וועגן זיך — וועגן דעם, וואָס מען וועט וועגן אים זאָגן, און צי וועט מען אים פאַראורטיילן און אויף וויפיל, אַז מען וועט זיך דערוויסן, ווי ער איז זיך מיט איר באַגאַנגען, אָבער וואָס זי פילט און וואָס וועט מיט איר ווערן, וועגן דעם האָט ער זיך נישט געקימערט.

ער האָט געטראַכט, אַז שענבאַק שטויסט זיך אָן וועגן זיינע באַ־ציונגען מיט קאַטיושען און דאָסדאָזיקע האָט אים הנאה געטון.

— אָט איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס דו האָסט אַזוי ליב געקריגן מיטאַמאָל די מומעס, — האָט שענבאַק אים געזאָגט. ווען ער האָט דער־זעען קאַטיושען: — איך זאָג, וואָס דו האָסט אַ גאַנצע וואָך דאָ פאַר־בראַכט? אויף דיין אָרט וואָלט איך אויך נישט אַוועקגעפאָרן. זי איז רייצנד!

ער האָט אויך געטראַכט וועגן דעם, אַז כאָטש ס'איז איצטער אַ שאָד אַוועקצופאָרן, נישט האָבנדיק גענוג זיך אָנגעזעטיקט מיט איר ליבע, איז גוט דער אַוועקפאָר דערמיט, וואָס ער רייסט איבער מיטאַמאָל די־

באַציונגען, וועלכע עס וואָלט געווען שווער אונטערצוהאַלטן. ער האָט נאָך אויך געטראַכט וועגן דעם, אַז מען וועט איר דאַרפן געבן געלט, נישט פאַר איר, נישט דערפאַר, וואָס זי האָט זיך געניייטיקט אין דעמדאָזיקן געלט, נאָר דערפאַר, ווייל אַזוי טוט מען שטענדיק, און אים וואָלט מען געהאַלטן פאַר אַן אומאָרנטלעכן מענטש, ווען ער וואָלט, זיך באַנוצנדיק מיט איר, איר דערפאַר נישט באַצאָלט. האָט ער איר געגעבן אַזוי פיל געלט, וויפיל ער האָט געפונען פאַר אַנשטענדיק לויט זיין און איר לאַגע.

אין טאָג פון אָפּפאָרן, נאָך מיטאָג האָט ער אויף איר געוואַרט אין פאַרהויז. זי האָט זיך פאַררויטלט, דערזעענדיק אים, און האָט געוואָלט אַדורכגיין פאַרביי, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף דער אָפענער טיר פון מיידל-שטוב. אָבער ער האָט זי פאַרהאַלטן:

— איך האָב זיך געוואָלט געזעגענען, — האָט ער געזאָגט, — קנייטשנדיק אין די הענט אַ קאָנווערט מיט אַ הונדערט-רובלדיקע. — אָט האָב איך...

זי האָט פאַרשטאַנען, האָט זיך פאַררויטלט, אַ מאַך געגעבן מיטן קאָפּ אויף ניין, און האָט אָפּגעשטויסן זיין האַנט.

— ניין, נעם! — האָט ער אַרויסגעברומט און איר אַריינגעשטופּט דעם קאָנווערט מיט דעם געלט אין בוזעם. און, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעבריגט, און זיפצענדיק און קרעכצנדיק, איז ער אַוועקגעלאָפן צו זיך אין צימער.

און לאַנג איז ער דערנאָך געגאַנגען אויף און אָפּ איבער זיין צימער, האָט זיך געקנייטשט און אפילו אונטערגעשפרונגען, און האָט אויפן קול געקרעכצט ווי פון אַ פיזישער ווייטיק, ווען ער פלעגט זיך נאָר דערמאָנען אָן דערדאָזיקער סצענע.

אָבער וואָס האָט ער געקאָנט טון? שטענדיק איז שוין אַזוי. דאָס זעלבע האָט געטון שענבאָק מיט זיין גוווערנאַנטין, וועגן וועלכער ער האָט דערציילט; אַזוי האָט אויך געטון דער פעטער גרישאַ; דאָס זעלבע האָט געטון דער פאָטער, בעת ער האָט געוווינט אין דאָרף און בא אים איז געבוירן געוואָרן אַ אומגעזעצלעכער זון מיטענקאַ, וועלכער לעבט נאָך עד-היום. און אויב אַלע טוען אַזוי, הייסט דאָך, אַז אַזוי באַדאַרף זיין. אַזוי האָט ער זיך געטרייסט, אָבער זיך נישט געקאָנט טרייסטן. דידאָזיקע דעריננערונג האָט געבערנט זיין געוויסן.

טיף בא זיך, אין דער סאַמע טיפעניש פון זיין נשמה האָט ער

געוווּסט, אַז ער האָט געהאַנדלט מיאוס, נידערטרעכטיק, גרויזאַם, אַז ער מיט דעם באַוווּסטזיין פון דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטון, קאָן נישט נאָר אַליין זאָגן וועגן עמעצן עפּעס שלעכטס, נאָר ער טאָר נישט קוקן מענטשן גלייך אין די אויגן, שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, אַז ער קאָן זיך נישט האַלטן פאַר אַ גוטן, בראַוון, גרויסמוטיקן יונגנמאַן, וואָס פאַר אַזעלכן האָט ער זיך גערעכנט. אָבער ער האָט זיך געמוזט רעכענען פאַר אַזאַ, כדי צו קאָנען ווייטער אַזוי מוטיק און לוסטיק לעבן. און אויף דעם איז געווען בלויז נאָר איין מיטל: נישט טראַכטן וועגן דעם. און אַזוי האָט ער געטון.

דאָס נייע לעבן, וואָס ער האָט איצט באַדאַרפט אָנהייבן פירן — די נייע ערטער, די חברים, די מלחמה — האָבן דערצו מיטגעווירקט. און וואָס מער ער האָט געלעבט, אַלץ מער האָט ער פאַרגעסן, און לסוף האָט ער, ווירקלעך, אינגאַנצן אָן דעם פאַרגעסן.

בלויז איינמאָל איז עס געווען, ווען נאָך דער מלחמה, איז ער געקומען צו פאָרן צו די מומעס, האָפנדיק זי צו טרעפן, און האָט זיך דערוווּסט, אַז קאַטיושאַ איז שוין נישטאָ, אַז זי איז גלייך נאָך זיין אַוועקפאָר פון זיי אָפּגעטראָטן, זי האָט געדאַרפט געלעגן ווערן, אַז זי האָט געבוירן. און לויט ווי די מומעס האָבן געהערט, איז זי אינגאַנצן אַראָפּ פון וועג. אים האָט עס אַ ריס געטון פאַרן האַרץ. פון דער צייט, וואָס איז פאַריבער, האָט עס געקאָנט זיין זיין קינד, אָבער ס'האָט געקאָנט זיין אויך נישט זיינס. די מומעס האָבן געזאָגט, אַז זי איז אַראָפּ פון וועג און זי איז געווען אַן אויסגעלאַסענע, די זעלבע, ווי די מוטער. און די-דאָזיקע באַשולדיקונג איז אים געווען אָנגענעם, ווייל עס האָט אים ווי פאַרטיידיקט. פון אָנפאַנג האָט ער פונדעסטוועגן געוואָלט אויפזוכן זי און דאָס קינד, אָבער שפּעטער, גראָד דערפאַר, וואָס בא זיך טיף אין האַרץ איז אים געווען צו פיינלעך און שענדלעך צו טראַכטן וועגן דעם, האָט ער נישט געמאַכט די נייטיקע אָנשטרענגונגען זי אויפצוזוכן, און האָט נאָך שטאַרקער פאַרגעסן וועגן זיין עבירה, און האָט פאַרגעסן צו טראַכטן וועגן איר.

נאָר אָט איצט האָט די וווּנדערבאַרע צופעליקייט אים דערמאַנט אַלץ און האָט געפאָדערט ער זאָל זיך מתוודה זיין אין זיין האַרצלאָזיקייט, אכזריות, נידערטרעכטיקייט, וואָס האָבן אים געגעבן די מעגלעכקייט רויק לעבן די גאַנצע דאָזיקע צען יאָר מיט אַזאַ זינד אויף זיין געוויסן. אָבער ער איז נאָך ווייט געווען פון אַזאַ מתוודה זיין זיך. און איצטער

האָט ער בלויז וועגן דעם געטראַכט, עס זאָל זיך חלילה צוליב וועגן דעם נישט דערגיין, אַז זי אָדער דער פּאַרטיידיקער זאָלן וועגן דעם נישט דערציילן און עפנטלעך אים נישט באַדעקן מיט שאַנדע.

XIX.

אין אַזאַ גייסטיקן צושטאַנד האָט זיך נעכליודאָוו געפונען, אַרויס־גייענדיק פון געריכטס־זאַל אין צימער פון די געשווירענע. ער איז גע־זעסן באַם פענצטער, געהערט די געשפּרעכן, וועלכע זענען אַרום אים געגאַנגען, און האָט אָן אויפהער גערייכערט.

דער לוסטיקער סוחר האָט, משמעות, מקנא געווען דעם סוחר סמעלקאָוו. ווי אַזוי יענער האָט פאַרבראַכט זיין צייט.

— נו, ברודער לעבן, דאָס הייסט געזונט געהוליעט, אויף סיבי־רער שטייגער. קענטיק גאָר נישט געווען קיין שוטה, סאַראַ מיידעלע ער האָט זיך אויסגעקליבן.

דער עלטסטער האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די גאַנצע זאַך ווענדט זיך אָן דער עקספּערטיזע. פּיאָטר געראַסימאָוויטש האָט זיך גע־ווי צלט מיטן ייד, דעם אָנגעשטעלטן, און האָבן ביידע געלאַכט. נעכליו־דאָוו האָט איינזילביק געענטפערט אויף די פראַגן, מיט וועלכע מ׳האָט זיך צו אים געווענדט, און האָט געגאַרט בלויז איין זאַך, מ׳זאָל אים לאָזן צו־רו.

ווען דער געריכטס־קאָמיסאַר מיט זיין קרומען גאַנג האָט איינגע־לאַדן ווידער די געשווירענע אין זיצונג־זאַל, האָט נעכליודאָוו דערפילט אַ פחד, גלייך ווי נישט ער וואָלט גיין משפטן, נאָר אים האָט מען גע־פירט צום משפט. טיף באַ זיך אין הארץ האָט ער שוין געפילט, אַז ער איז אַן אויסוואורף, וועלכער דאַרף זיך שעמען צו קוקן מענטשן גלייך אין די אויגן, אָבער פונדעסטוועגן איז ער געגאַנגען מיט זיינע איינגעוויינטע זיכערע טריט אַרויף אויף דער טריבונע און זיך געזעצט אויף זיין אָרט, דער צווייטער נאָך דעם עלטסטן, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און זיך געשפּילט מיטן פענסנע.

די אָנגעקלאָגטע האָט מען געווען אויך ערגעץ אַרויסגעפירט און איצט ווידער אַריינגעפירט.

אין זאַל זענען געווען נייע פּנימער — עדות, און נעכליודאָוו האָט באַמערקט, אַז מאַסלאָווא האָט אייניקע מאָל זיך אומגעקוקט אויף אַ דיקער דאַמע, וואָס איז געווען אויסגעפּוצט אין סאַמעט און אין זיידנס, מיט אַ הויכן הוט מיט ברייטע האַנט־שלייפן. אין האַנט, וואָס איז געווען ביזן עלנבויגן אַנטבלויזט, האָט זי געהאַלטן אַ פיינעם רידיקול. זי איז געזעסן אין דער ערשטער ריי לעבן די קראַטן. מאַסלאָווא האָט אויף איר אָפּט געקוקט, ווי זי וואָלט זיך פון איר נישט געקאָנט אָפּרייסן. שפּעטער האָט זיך נעכליודאָוו דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען אַן עדות, די באַלעבאָסטע פון אַנשטאַלט, וווּ מאַסלאָווא האָט זיך געפונען.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אויספרעגן פון די עדות: נאָמען, גלויבן, א. אַ. וו. דערנאָך, ווען מ׳האָט אָנגעפרעגט די צדדים, ווי אַזוי ווילן זיי פרעגן די עדות אָן אָדער מיט אַ שבועה, — איז ווידער קוים שלעפנדיק די פיס געקומען דער זעלבער אַלטער גלח און האָט ווידער אַזוי ווי פריער, פאַררוכטנדיק דעם גילדענעם צלם אויף דער זיידענער ברוסט, מיט דער זעלבער רויקייט און זיכערקייט אין דעם, אַז ער טוט דורכאויס אַ נוציקע און וויכטיקע זאַך, געגעבן אַ שבועה די עדות און דעם עקספּערט. נאָך דער שבועה האָט מען די עדות אַרויסגעפירט, איבערלאָזנדיק נאָר דעם עדות — די פרוי קיטאַיעווא — די באַלעבאָסטע פון שאַנדהויז. מ׳האָט זי געפרעגט, וואָס זי ווייסט וועגן דעמדאָזיקן ענין; קיטאַיעווא האָט מיט אַ געמאַכטן שמייכל, באַ יעדע פראַזע באַהאַלטנדיק דעם קאָפּ אין איר הוט, מיט אַ דייטשישן אַקצענט אויספירלעך און פּליסיק דערציילט:

— גאָר צום ערשטן איז צו איר אין אַנשטאַלט געקומען דער באַקאַנטער פּאַקטער סימאָן נאָך אַ מיידל פאַר אַ סיבירער סוחר. זי האָט אַוועקגעשיקט ליובאַשען. אין אַ צייט אַרום האָט זיך ליובאַשאַ צוריקגעקערט צוזאַמען מיטן סוחר. דער סוחר איז שוין געווען אין עקסטאַז, — האָט קיטאַיעווא מיט אַ לייכטן שמייכל דערציילט: — און באַ אונז האָט ער ווייטער געטרונקען און האָט מכבד געווען די מיידלעך; אָבער אַזוי ווי אים האָט פאַרפעלט געלט, האָט ער צוגעשיקט צו זיך אין נומער ליובאַשען, צו וועלכער ער האָט באַקומען אַ „פּרעדילעקציע“, — האָט זי געזאָגט און אַ קוק געטון אויף דער אָנגעקלאָגטער.

נעכליודאָוון האָט זיך אויסגעוויזן, אַז באַ דידאָזיקע ווערטער האָט מאַסלאָווא אַ שמייכל געטון, און דערדאָזיקער שמייכל איז אים אויסגע

קומען עקלהאפט. אַ מאָדנע, אומבאַשטימט געפיל פון עקל, געמישט מיט מיטלייד, האָט זיך אין אים דערוועקט.

— און וואָס פאַרא מיינונג האָט איר געהאַט פון מאַסלאָוועןָ? — האָט שעמעוודיק און רויטלענדיק זיך געפרעגט דער געריכטס-קאַנדידאַט, וואָס איז פון געריכט באַשטימט געוואָרן אַלס מאַסלאָוועס פאַרטיידיקער.

— די בעסטע, — האָט קיטאַיעוואַ געענטפערט: — דאָס מיידל איז געבילדעט און עלעגאַנט. זי האָט זיך אויפגעצויגן אין אַ גוטער פאַמיליע, און פראַנצויזיש געקאָנט לייענען. זי האָט אַמאָל געכאַפּט אַן איבעריקן טראָפּן, אָבער קיינמאָל זיך נישט פאַרגעסן. גאָר אַ וווּל מיידל.

קאַטיושאַ האָט געקוקט אויף דער באַלעבאָסטע, נאָר דערנאָך האָט זי פּלוצלינג אַריבערגעפירט די בליקן אויף די געשווירענע און זיי געלאָזט שטיין אויף נעכליודאָוון, און איר פּנים איז געוואָרן ערנסט און אפילו שטרענג. איינס פון אירע שטרענגע אויגן האָט געשיקלט. אַ היפּשע ווײַלע זענען דידאַזיקע צווײ מאָדנע קוקנדיקע אויגן געווען געווענדט אויף נעכליודאָוון און טראָץ דער אימה, וואָס האָט אים באַפאַלן, האָט ער אויך זיין בליק נישט געקאָנט אַוועקנעמען פון דידאַזיקע שיקלדיקע אויגן מיט העל-ווייסע ווייסלען. אים האָט זיך דערמאָנט יענע שרעקלעכע נאַכט מיט דעם אייז, וואָס האָט זיך געבראָכן, מיט דעם נעפּל און דער-הויפּט מיט יענער האַלבער לבנה, וועלכע איז פאַרטאָג אויפגעגאַנגען און באַלויכטן עפּעס שוואַרצס און שרעקלעכס.

„זי האָט דערקענט", האָט ער אַ טראַכט געטון. און נעכליודאָוו האָט זיך עפּעס ווי צוזאַמענגעדריקט, דערוואַרטנדיק אַ קלאַפּ. אָבער זי האָט נישט דערקענט. זי האָט רויק אָפּגעזיפצט און האָט ווידער גענומען קוקן אויפן פאָרזיצער. נעכליודאָוו האָט זיך אויך אָפּגעזיפצט. „אַך, ווען וועט עס שוין נעמען אַ סוף", האָט ער געטראַכט. ער האָט געהאַט אַזאַ געפיל, ווי ער פלעגט אָפּט האָבן אויפן יאַגד, ווען ס'איז אויסגעקומען צו דערשלאָגן אויף טויט אַ פאַרוווּנדעטן פויגל. ס'איז געווען אַ געמיש פון עקל, רחמנות און ערגערניש. דער פויגל, וואָס מ'האָט נישט דערשלאָגן, צאַפּלט זיך נאָך אין יאַגד-טאַש: אי ס'איז דערווידער, אי ס'איז אַ רחמנות, און ס'ווילט זיך וואָס גיכער דערשלאָגן אויף טויט און פאַרגעסן.

אַזאַ געמישט געפיל האָט נעכליודאָוו איצטער געפילט, הערנדיק די עדות.

XX.

אָבער עפּעס ווי אים אויף צו להכעיס האָט זיך דער פּראָצעס געצויגן לאַנג: נאָכן פאַרהער פון די עדות איינציקווייז און פון דעם עקספּערט און נאָך די אַלע אומנייטיקע פראַגן, וואָס דער געהילפס-פּראָקוראָר און די פאַרטיידיקער שטעלן, ווי דער שטייגער איז, מיט אַ וויכטיקער מינע, האָט דער פאָרזיצער פאָרגעלייגט די געשווירענע, זיי זאָלן באַקוקן די זאַכלעכע באַווייזן, וואָס זענען באַשטאַנען פון אַ רינג, אַ משונה גרויסן, מיט אַ ברילִיאַנט, קענטיק וואָס האָט זיך אָנגעטון אויף אַ זייער דיקן צייג-פינגער, און פון אַ פילטער, אין וועלכן מ'האָט אויסגעפרווט דעם סם. די דאָזיקע זאַכן זענען געווען פאַרחתמעט און אויף זיי זענען געווען צוגעקלעפּט קוויטלעך.

די געשווירענע האָבן זיך שוין געגרייט צו באַקוקן די דאָזיקע חפצים, ערשט דער געהילפס-פּראָקוראָר האָט זיך ווידער אויפגעשטעלט און געפאָדערט, אַז איידער מ'וועט באַקוקן די זאַכלעכע באַווייזן, זאָל מען איבערלייענען די מעדיצינישע אונטערזוכונג פון דעם טויטן קערפּער.

דער פאָרזיצער, וועלכער האָט געיאָגט דעם פּראָצעס וואָס גיכער, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן צו זיין שווייצערין, האָט אפילו זייער גוט געוווּסט, אַז דאָס איבערלייענען דאָסדאָזיקע פּאַפּיר קאָן נישט האָבן קיין שום אַנדערן פּועל-יוצא, ווי נאָר לאַנגווייליקייט און פאַרשלעפּונג פון דער מיטאָג-צייט, און אַז דער געהילפס-פּראָקוראָר פאָדערט דאָס צו לייענען נאָר דערפאַר, ווייל ער ווייסט, אַז ער האָט רעכט דאָס צו פאָדערן, האָט פונדעסטוועגן נישט געקאָנט אַנטזאָגן און דערקלערט זיין הסכם. דער סעקרעטאַר האָט אַרויסגענומען דאָס פּאַפּיר און ווידעראַמאָל אָנגעהויבן צו לייענען מיט זיין פאַראומערט קול, וואָס האָט קאַרטאַוועט אויף די אותיות ל. און ר.

לויט דער אויסערלעכער אונטערזוכונג האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז:

1) דער וווּקס פון פּעראַפּאָנט סמעלקאָוו איז 2 אַרשין 12 ווערשאָק.

— אָבער נישקשה פון אַ גבר! — האָט דער סוחר אַ באַזאָרגטער איינגערוימט נעכליודאָוון אויפן אויער.

2) די יאָרן זענען אויפן קוק פעסטגעשטעלט געוואָרן: אומגעפער באַ פערציק.

3) דער קערפּער האָט געהאַט אַן אויפגעשוואָלענעם אויסזען.

4) דער קאָליר פון דער הויט איז אומעטום אַ גרינלעכער, ערטערווייז געשפּרענקלט מיט טונקעלע פלעקן.

5) דאָס הייטל אויף דער איבערפלאַך פון דעם קערפּער האָט זיך אויפגעהויבן אין בלעזלעך פון פאַרשידענער גרייס און ערטערווייז הענגט עס אַראָפּ אין דער פאָרם פון גרויסע פּאַלבן.

6) די האָר טונקל־ברוינע, געדיכטע און באַם באַרירן האָבן זיי זיך לייכט אָפּגעטיילט פון דער הויט.

7) די אויגן זענען אַרויס פון די אויגנלעכער און די האָרנהויט איז געוואָרן טונקל.

8) פון דער נאָז־עפענונג, פון ביידע אויערן און פון דעם מויל־חלל רינט אַ מיט בלוט פאַרמישטע שוימיקע פליסיקייט, דאָס מויל איז האַלב געעפנט.

9) קיין האַלדז איז כמעט נישטאָ צוליב דער אויפגעשוואָלנקייט פון דעם פּנים און דער ברוסט.

א. אַ. וו. א. אַ. וו.

אויף פיר זייטן אין 27 פּונקטן, איז אויף אַט אַזאַ מין אופן געווען מיט אַלע איינצלהייטן באַשריבן דער שרעקלעכער, משונה גרויסער, דיקער און דערצו נאָך אויפגעקוואָלענער, פוילנדיקער בר־מינן פון דעם סוחר, וואָס האָט זיך געלאָזט ווילגיין אין דער שטאָט. דאָס געפיל פון פּיזישן עקל, וואָס נעכליודאָוו האָט געשפּירט, האָט באַם לייענען דידאָזיקע באַשרייבונג פון דעם בר־מינן, זיך נאָך פאַרשטאַרקט. קאַטיושעס לעבן און די מיט בלוט פאַרמישטע שוימיקע פליסיקייט, וואָס איז גערונען פון די נאָזלעכער, און די פון די לעכער אַרויסגעקראָכענע אויגן און זיין האַנדלונג קעגן איר — דאָס אַלץ — האָט זיך אים געדאַכט —

זענען געווען זאַכן פון איין קאַטעגאָריע און ער איז פון אַלע זייטן געוועז אַרומגערינגלט און פאַרשלונגען פון דידאָזיקע זאַכן. ווען מ'האָט סוף־כל־סוף געענדיקט לייענען דעם פּראָטאָקאָל פון דער אויסערלעכער אונטערזוכונג, האָט דער פאָרזיצער אַ שווערן זיפץ געטון און אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אין דער האָפנונג, אַז ס'איז שוין דער סוף, אָבער דער סעקרעטאַר האָט גלייך גענומען לייענען די באַשרייבונג פון דער אינעווייניקסטער אונטערזוכונג.

דער פאָרזיצער האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און, זיך אָנגעלענט אויף דער האַנט, האָט ער פאַרמאַכט די אויגן. דער סוחר, וואָס איז געזעסן לעבן נעכליודאָוון, האָט זיך קוים געקאָנט איינהאַלטן פון אַנטשלאָפן ווערן און זיך פון צייט־צו־צייט אַ וויג געטון; די באַשולדיקטע, פּונקט ווי די זשאַנדאַרמען הינטער זיי, זענען געזעסן אומבאַוועגלעך.

ל'יט דער אינעווייניקסטער אונטערזוכונג האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז:

1) די הויטיקע שיידל־דעקן האָבן זיך לייכט אָפּגעשיילט פון די שיידל־ביינער און קיין בלוט־אויסגוסן האָט מען אין ערגעץ נישט געפונען. 2) די שיידל־ביינער זענען מיטל־גרויס און גאַנץ. 3) אויף דער האַרטער הויט פון מוח זענען פאַראַן צוויי קליינע פּיגמענטירטע פלעקן, די גרייס אַן ערך צו 4 צאָל, די הויט גופא — פון מאַט־ווייסער פאַרב א. א. וו. א. א. וו... נאָך 13 פּונקטן.

דערנאָך זענען געגאַנגען די נעמען פון די עקספּערטן, די חתימות און דער סך הכל פון דעם דאָקטאָר, פונוואַנען עס איז געווען צו זען, אַז די ענדערונגען אין דעם מאָגן, און צום טייל אין די געדערים, וואָס מ'האָט אין די נירן געפונען באַם פאַלמעסן און פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל, גיבן אַ רעכט צו דרינגען **מיט אַ גרויסן גראַד וואַרשיינלעכקייט**, אַז סמעלקאָווס טויט איז געקומען דורך פאַרגיפטונג פון אַ סם, וואָס איז אים אַריינגעקומען אין מאָגן אַריין צוזאַמען מיט ווייַן. לויט די ענדערונגען אין מאָגן און די געדערים צו זאָגן, וואָס פאַר אַ סם איז עס אַריינגעבראַכט געוואָרן אין מאָגן אַריין — איז שווער; אָבער אַז דערדאָזיקער סם איז אַריינגעקומען אין מאָגן אַריין צוזאַמען מיט ווייַן — דאַרף מען משער זיין דערפאַר, ווייל באַ סמעלקאָוון אין מאָגן האָט מען געפונען אַ גרויסן סכום ווייַן.

— געווען משמעות אַ שטאַרקער טרינקער, — האָט ווידער אַ מורמל געטון דער אויפגעוואַכטער סוחר.

דאָס לייענען דעמדאָזיקן פּראָטאָקאָל, וואָס האָט געדויערט באַ אַ שעה צייט, האָט אָבער דעם געהילפס-פּראָקוראָר נישט צופרידנגעשטעלט. אַז מ'האָט דעם פּראָטאָקאָל אָנידערגעלייגט, האָט דער פאָרזיצער זיך גע-ווענדט צו אים:

— איך גלייב, אַז ס'איז איבעריק צו לייענען די אַקטן פון דער אונטערזוכונג פון די אינעווייניקסטע אָרגאַנען.

— איך וואָלט געבעטן איבערצולייענען דידאָזיקע אַקטן, — האָט דער געהילפס-פּראָקוראָר שטרענג געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף דעם פאָר-זיצער, אויפהייבנדיק זיך אַ ביסל מיט אַ זייט און געבנדיק מיט דעם טאָן פון זיין קול צו פילן, אַז די פאָדערונג דאָס צו לייענען איז זיין רעכט און פון דעמדאָזיקן רעכט וועט ער נישט אָפּטרעטן, און דער אָפּזאָג וועט זיין אַ גרונט פאַר אַ קאַסאַציע.

דער מיטגליד פון געריכט מיט דער גרויסער באָרד און מיט די גוטע אַראָפּגעלאָזטע אויגן, וואָס האָט געליטן אויף אַ מאָגן-קאַטאַר, האָט זיך דערפילט זייער אָפּגעשוואַכט און זיך געווענדט צום פאָרזיצער:

— צו וואָס זאָל מען דאָס לייענען? עס פאַרנעמט נאָר אומזיסטע צייט. דידאָזיקע נייע בעזעמער זענען נישט ריינער, נאָר זיי קערן לאַנג-זאַמער.

דער מיטגליד אין די גילדערנע ברילן האָט אויף דעם גאָרנישט געזאָגט און האָט טרויעריק און אַנטשלאָסן געקוקט פאַר זיך, נישט דער-וואַרטנדיק קיין גוטס נישט פון זיין פרוי, נישט פון זיין לעבן.

דער באַשולדיקונגס-אַקט האָט זיך אָנגעהויבן.

„דעם 15-טן פעברואַר פון יאָר ...188 האָב איך, אונטן געחתמע-טער, לויט דעם אויפטראָג פון דער מעדיצינישער אָפּטיילונג, אונטער דעם נומער 638, — האָט דער סעקרעטאַר אָנגעהויבן אַזוי הויך און ענערגיש צו לייענען, ווי ער וואָלט געוואָלט באַ די, וואָס זענען דאָ געזעסן, פאַרטרייבן דעם שלאָף, מיט וועלכן זיי האָבן זיך געראַנגלט, — אין דער אָנוועזנהייט פון דעם געהילף פון דעם מעדיצינישן אינספּעקטאָר, האָב איך געמאַכט די אונטערזוכונג פון די אינעווייניקסטע אָרגאַנען.

1) פון די רעכטע לונגען און הארץ. (אין אַ זעקספונטיקער גלעזערנער כּלי)

2) דעם אינהאַלט פון מאַגן (אין אַ זעקספונקטיקער גלעזער־נער כּלי)

3) דער מאַגן אַליין (אין אַ זעקספונקטיקער גלעזער־נער כּלי)

4) די לעבער, די מילץ און די נירן (אין אַ דרייפונקטיקער גלעזערנער כּלי)

5) די קישקעס (אין אַ פינפפונקטיקער גלעזערנער כּלי)

דער פּאַרזיצער האָט באַם אָנפאַנג פון דעמדאָזיקן לייענען זיך אָנ־געבויגן צו איינעם פון די מיטגלידער און האָט אים עפּעס איינגערוימט, דערנאָך צו אַ צווייטן, און באַקומענדיק אַ פּאָזיטיוון ענטפער, האָט ער איבערגעריסן דאָס לייענען אויף דעמדאָזיקן אָרט.

— דאָס געריכט האַלט פאַר איבעריק צו לייענען דעם באַשולדי־קונגס־אַקט, — האָט ער געזאָגט. דער סעקרעטאַר איז אַנטשוויגן געוואָרן און צונויפגעלייגט די פּאַפּירן; דער געהילף־פּראָקוראָר האָט מיט כּעס גע־נומען עפּעס פאַרשרייבן.

— די הערן געשווירענע קאָנען באַקוקן די זאַכלעכע באַווייזן. — האָט געזאָגט דער פּאַרזיצער.

דער, ווענען מ'האָט אויסגעקליבן פאַר אַן עלטסטן און אייניקע פון די געשווירענע, האָבן זיך אויפגעשטעלט, און נישט וויסנדיק ווי אַזוי צו האַלטן די הענט און פילנדיק זיך דורך דעם אומבאַקוועם, זענען זיי צוגעגאַנגען צום טיש און האָבן איינציקווייז באַקוקט דעם רינג און דאָס סלאָיקל אין דעם פילטער. דער סוחר האָט זאָגאַר אָנגעמאָסטן אויף זיין פינגער דעם רינג.

— נו, איז עס געווען אַ ביסל אַ פינגער, ווי אַן אוגערקע די גרייס — האָט ער געזאָגט. און איז זיך געגאַנגען זעצן צוריק אויף זיין אָרט. און אים האָט געפרייט דער געדאַנק, וואָס דער פּאַרסמטער סוחר איז אוודאי געווען אַ גרויסער גיבור.

XXI

אַז מען האָט געענדיקט באַקוקן די זאַכלעכע באַווייזן, האָט דער פּאָרזיצער געמאָלדן, אַז די געריכטלעכע אונטערזוכונג איז געשלאָסן, און אָן אַ הפסקה, כּדי צו מאַכן עס בקיצור, האָט ער געגעבן דאָס וואָרט דעם געהילפס-פּראָקוראָר, האָפנדיק, אַז דער געהילפס-פּראָקוראָר איז אויך אַ מענטש און וויל אויך רויכערן ווי זיי און עסן מיטאָג, ווי זיי, וועט ער אויף זיי רחמנות האָבן און נישט פּאַרציען לאַנג. אָבער דער געהילפס-פּראָקוראָר האָט נישט רחמנות געהאַט נישט אויף זיי און נישט אויף זיך. דער געהילפס-פּראָקוראָר איז בטבע געווען נישט קיין חכם און דערצו נאָך האָט ער געהאַט דאָס אומגליק צו ענדיקן גימנאַזיע מיט אַ זילבערנעם מעדאַל, און אין אוניווערזיטעט האָט ער באַקומען אַן אויסצייכנונג פאַר זיין ווערק וועגן רוימישן רעכט און וועגן סערוויטוטן, איז ער געווען זיכער און צופרידן מיט זיך (וואָס אין דעם האָט נאָך מיטגעהאָלפן זיין דערפאָלג בײַ פרויען) און זייער פאַרנאַרישט. אַז ער האָט באַקומען דאָס וואָרט, האָט ער זיך פּאַמעלעך אויפגעשטעלט, באַווייזנדיק די גאַנצע הייך פון זיין גראַציעזער פיגור אין דעם שיין אויפגענייטן מונדיר, און אַוועקגעלייגט ביידע הענט אויף זיין פּולט, האָט ער עטוואָס אָנגעבויגן דעם קאָפּ, אַ פיר געטון מיט די אויגן איבערן זאַל, אויסמיידנדיק מיטן בליק די אָנגעקלאָגטע, און האָט אָנגעהויבן זיין רעדע, וועלכע ער האָט צוגעגרייט אין דער צייט, וואָס מ׳האָט געלייענט דעם באַשולדיקונגס-אַקט:

— הערן געשווירענע, דער פאַל, וועגן וואָס איר וועט דאַרפן איצט אַרויסטראָגן אייער אורטייל, איז זייער אַ כאַראַקטעריסטישער, אויב מ׳קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, זייער אַ כאַראַקטעריסטיש פאַרברעכן.

לויט זיין מיינונג, האָט אַ רעדע פון אַ געהילפס-פּראָקוראָר געדאַרפט האָבן אַ געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג, ווי די גלענצנדע רעדעס פון די באַרימטע געוואָרענע אַדוואָקאַטן, הגם אין צושויער-זאַל זענען געזעסן נאָר דריי פרויען: אַ נייטאָרין, אַ קעכין און סימאָנס שוועסטער און איין קוטשער. אָבער דאָס האָט גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן. יענע

באַרימטהייטן האָבן אויך אַזוי אָנגעהויבן. אָבער דער געהילפס־פּראָקוראָר האָט געהאַלטן פאַר אַ כּלל — שטענדיק צו שטיין אויף דער געהעריקער הייך פון זיין לאַגע — דאָס הייסט, אַריינדרינגען אין תּוך פון דער פּסיכאָלאָגישער באַדייטונג פון דעם פאַרברעכן און אַנטבלויזן די ווונדן פון דער געזעלשאַפט.

— איר זעט פאַר זיך, הערן געשוווירענע ריכטער, אַ כאַראַקטעריסטישן פאַרברעך, אויב מ׳קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אַ פאַרברעך פון סוף יאָרהונדערט, וואָס האָט אין זיך, אַזוי צו זאָגן, די ספּעציפישע שטריכן פון יענער טרויעריקער דערשיינונג פון ירידה, וועלכע איז אין אונזער צייט חל אויף די־יעניקע עלעמענטן פון אונזער געזעלשאַפט, וועלכע געפינען זיך אונטער די, אַזוי צו זאָגן, באַזונדערס ברענענדיקע שטראַלן פון דעמדאָזיקן פּראָצעס...

דער געהילפס־פּראָקוראָר האָט גערעדט זייער לאַנג, פון איין זייט געפּלייסט זיך צו דערמאָנען די אַלע קלוגע זאַכן, וואָס ער האָט צוגעטראַכט, און פון דער אַנדערער זייט — און דאָס איז דער עיקר — געפּלייסט זיך נישט אָפּצושטעלן אויף אַ ווײַלע, נאָר מאַכן אַזוי, אַז זיין רעדע זאָל זיך גיסן אָן אַן אויפהער אין משך פון אַ שעה מיט אַ פערטל. בלויז איין מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און גאַנץ לאַנג געשלונגען דעם שווייס, אָבער באַלד אויפן אָרט עס גובר געווען און דידאָזיקע פאַרשפּעטיקונג אָנגעיאָגט מיט אַ פאַרשטאַרקטער עלאָקווענץ. ער האָט גערעדט דאָ מיט אַ צאַרטלעכער, זיסער שטימע, אַריבערטרעטנדיק פון איין פוס אויף דעם אַנדערן, קוקנדיק אויף די געשוווירענע, דאָ מיט אַ שטילן זאַכלעכן טאָן, אַריינקוקנדיק אין זיין נאָטיץ־ביכל, דאָ מיט אַ הויך מוסר־קול, זיך ווענדנדיק באַלד צו די צושויער, באַלד צו די געשוווירענע. בלויז אויף די באַשולדיקטע, וואָס האָבן אַלע זאַלבעדריט זיך איינגעגעסן אין אים מיט די אויגן, האָט ער קיין איין מאָל נישט אַ קוק געטון. די רעדע זיינע האָט געהאַט אין זיך גאָר דאָס לעצטע, וואָס איז דאַן געווען אין אומגאַנג אין זיין קרייז און וואָס מ׳האָט געהאַלטן און מ׳האַלט נאָך איצט אויך פאַר דעם לעצטן וואָרט פון וויסנשאַפטלעכער חכמה. דאָ איז געווען אי ירושהדיקייט, אי איינגעבוירענע פאַרברעכערישקייט, אי לאָמבראָזאָ, אי טאַרד, אי עוואָלוציע, אי דער קאַמף פאַרן קיום, אי היפּנאָטיזם. אי סוגעסטיע, אי שאַרקאָ, אי דעקאַדאַנס.

דער סוחר סמעלקאָוו איז, לויט דעם געהילפס־פּראָקוראָרס דעפיניציע, געווען אַ טיפּ פון דעם מעכטיקן אומבאַרירטן רוסישן מענטש מיט

זיין ברייטער נאַטור, וואָס איז צוליב זיין תמימות און גרויסמוטיקייט געפאַלן אַ קרבן פון טיף־פאַרדאָרבענע פערזענלעכקייטן, אין וועמעס שליטה ער איז אַריינגעפאַלן.

סימאָן קאַרטינקין איז געווען אַן אַטאַוויסטישער פראָדוקט פון דעם לייב־אייגנטום־רעכט, אַ מענטש אַ דערשלאָגענער, אָן בילדונג, אָן פרינציפּן, אָן רעליגיע אפילו. יעווּפימיע איז געווען זיין קעפּסוייב און אַ קרבן פון ירושהדיקייט. אין איר האָט מען געקאָנט דערקענען אַלע סימנים פון אַ דעגענעראַטיווער פערזענלעכקייט. אָבער די וויכטיקסטע טרייבפעדער פון דעם פאַרברעך איז געווען מאַסלאָווא, וועלכע שטעלט פאָר אין די נידעריקסטע פאַרטרעטער אירע אַ דערשיינונג פון דעקאַדאַנס. די דאָזיקע פרוי, — האָט דער געהילפס־פּראָקוראָר געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף איר, — האָט באַקומען בילדונג, מיר האָבן דאָ אין געריכט געהערט דאָס גבית־עדות פון איר באַלעבאָסטע. נישט נאָר זי קען לייענען און שרייבן, זי קען אויך פראַנצויזיש; זי איז אַ יתומה, וועלכע טראָגט משמעות אין זיך די עמבריאָנען פון פאַרברעכערישקייט, איז דערצויגן געוואָרן אין אַן אינטעליגענטער אַדעליקער פאַמיליע און וואָלט געקאָנט לעבן פון ערלעכער מי; זי וואַרפט אָבער אַוועק אירע פאַרזאָרגער, גיט זיך איבער די תאוות אירע און, כדי זיי צו באַפרידיקן, קומט זי אָן אין אַ שאַנדהויז, וווּ זי טיילט זיך אויס צווישן אירע חברטאָרינס מיט איר בילדונג, און דער עיקר, ווי איר האָט דאָ, הערן געשוווירענע ריכטער, געהערט פון איר באַלעבאָסטע, — מיט איר קאָנען ווירקן דורך יענער געהיימנישפולער אייגנשאַפט, וועלכע איז לעצטנס אויסגעפאָרשט געוואָרן דורך דער וויסנשאַפט, בפרט דורך דער שול פון שאַרקאָ, דער אייגנשאַפט, וועלכע איז באַקאַנט אונטערן נאָמען סוגעסטיע. אָט דורך דער דאָזיקער אייגנשאַפט טאַקע באַקומט זי די שליטה איבער דעם רוסישן גיבור, דעם גוטמוטיקן, לייכטגלויביקן ס אַ ד ק אָ, דעם רייכן סוחר פון דער רוסישער פאָלקס־מעשה, און נוצט דידאָקע לייכטגלויביקייט אויס צוערשט אויף צו באַגנבענען אים און דערנאָך אויף אַוועקצורויבן אים אומברחמנותדיק דאָס לעבן.

— נו, דאָ האָט ער שוין, דאַכט זיך, אַ ביסל זיך פאַררעדט, — האָט דער פאָרזיצער מיט אַ שמייכל געזאָגט, צובייגנדיק זיך צו דעם שטרענגן בייזיצער.

— אַ שרעקלעכער שוטה, — האָט דער שטרענגער בייזיצער געזאָגט.

— הערן געשװירע ריכטער, — האָט דער געהילפס־פּראָקוראָר װײַטער גערעדט, גראַציעז אויסבייגנדיק זיין דינע טאַליע. — אין אייער מאַכט ליגט דער גורל פון דידאָזיקע פּערזאָנען, אָבער אויך דער גורל פון דער געזעלשאַפט, אויף װעלכער איר װירקט דורך אייער פּסק־דין, ליגט טײלװײז אין אייער מאַכט. איר װעט אַרײַנדרינגען אין דער באַדייטונג פון דעמדאָזיקן פאַרברעך, אין דער סכנה, װאָס אַזעלכע פּאַטאָלאָגישע, אַזוי צו זאָגן, אינדיװידן, װי מאַסלאָװאַ, שטעלן פאָר פאַר דער געזעלשאַפט, און װעט זי, די געזעלשאַפט, פאַרהיטן פון אָנשטעקונג, װעט די אומשולדיקע, די געזונטע עלעמענטן פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט פאַרהיטן פון אָנשטעקונג און אָפטמאָל אויך פון אונטערגאַנג.

און װי אַליין אונטערדריקט פון דער װיכטיקייט פון דער פאַרשטייענדיקער אַנטשיידונג, האָט דער געהילפס־פּראָקוראָר, באַשײַנפּערלעך, אַנטציקט ביזן לעצטן גראַד פון זיין רעדע, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין שטול.

דער זין פון זיין רעדע איז, מיט דעם אויסנאַם פון די בלימעלעך פון דער מליצה, געװען, אַז מאַסלאָװאַ האָט זיך אַרײַנגעגנבעט אין דעם סוחרס צוטרוי, פאַרהיפּנאָטיזירט אים און, קומענדיק אין נומער מיט די שליסלען נאָך דעם געלט, האָט זי אַלץ געװאָלט צונעמען פאַר זיך, אָבער סימאָן און יעװפימיע האָבן זי געכאַפּט, האָט זי זיך געמוזט צעטיילן מיט זיי, און דערנאָך, כּדי צו באַהאַלטן די שפּורן פון איר פאַרברעך, איז זי װידער געקומען מיט דעם סוחר אין האָטעל און דאָרט אים פאַרסמט.

נאָך דעם געהילפס־פּראָקוראָרס רעדע איז פון דער אַדװאָקאַטן־באַנק אויפגעשטאַנען אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, אין אַ פראַק מיט אַ ברייטן האַלבקרייז פון דער װײַסער אָנגעקראָכמאַליעטער ברוסט און האָט געשיקט געהאַלטן אַ רעדע צו פאַרטיידיקן קאַרטינקינען און באָטשקאָװען. דאָס איז געװען אַ געשװוירענער אַדװאָקאַט, װאָס זיי האָבן געדונגען פאַר 300 רובל. ער האָט זיי ביידע פאַרענטפערט און די גאַנצע שולד אַרויפגעװאָרפן אויף מאַסלאָװען.

ער האָט אָפּגעפרעגט מאַסלאָװעס דערקלערונג, אַז באָטשקאָװאַ און קאַרטינקין זענען געװען מיט איר צוזאַמען, װען זי האָט גענומען דאָס געלט, איז באַשטאַנען דערויף, אַז די דערקלערונג פון אַ דעמאַסקירטער פאַרגיפטערין האָט נישט געקאָנט האָבן קיין װאָג. די 2500 רובל געלט, האָט דער אַדװאָקאַט געזאָגט, האָבן געקאָנט פאַרדינען די צװיי אַרבעט־

זאַמע און ערלעכע מענטשן, וואָס האָבן טיילמאָל באַקומען צו 3 און צו 5 רובל פון די באַזוכער. אָבער דעם סוחרס געלט האָט אַוועקגערויבט מאַסלאָוואַ און מסתמא עמעצן איבערגעגעבן אָדער גאָר אַנגעווירן, ווייל זי איז געווען נישט אין אַ נאָרמאַלן צושטאַנד. די פאַרגיפטיקונג איז באַגאַנגען מאַסלאָוואַ אַליין.

דעריבער האָט ער געבעטן די געשווירענע צו אַנערקענען קאָרטשינקינען און באָטשקאָווע פאַר נישט שולדיק אין אַוועקרויבן דאָס געלט; אויב אָבער זיי וואָלטן זיי יאָ אַנערקענט פאַר שולדיק אין אַוועקרויבן, איז אָן אָנטייל אין דער פאַרגיפטונג און אָן אַ פאָרויס צונויפגעשטעלטן פּלאַן.

צום שלוס האָט דער אַדוואָקאַט, אַ פּיק צו טון דעם געהילפס-פּראָקוראָר, באַמערקט, אַז די גלענצנדע חקירות פון דעם הער געהילפס-פּראָקוראָר וועגן ירושהדיקייט טייטשן טאַקע אויס די וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון ירושהדיקייט, פונדעסטוועגן זענען זיי אין דעמדאָזיקן פאַל נישט אויפן אָרט, ווייל באָטשקאָווא איז אַ טאָכטער פון אומבאַוווסטע עלטערן.

דער געהילפס-פּראָקוראָר האָט מורמלענדיק מיט כעס עפּעס פאַרשריבן באַ זיך אויפן פּאַפּיר און מיט אַ פאַרוווּנדערונג פון ביטול אַ צי געטון מיט די אַקסלען.

דאַן איז אויפגעשטאַנען מאַסלאָוואַס פאַרטיידיקער און ציטערנדיק, פאַרהאַקנדיק זיך געהאַלטן זיין פאַרטיידיקונג. נישט לייקענענדיק, אַז מאַסלאָוואַ האָט זיך באַטייליקט אין אַוועקרויבן דאָס געלט, איז ער נאָר באַשטאַנען דערויף, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין כוונה צו פאַרסמען סמעלקאָוון, און אַ פּראַשעק האָט זי אים געגעבן נאָר דערפאַר, ער זאָל איינשלאָפן. ער האָט געוואָלט דערלאַנגען אַ ביסל כוח-הדיבור, געגעבן אַן איבערבליק פון דעם, ווי אַזוי מאַסלאָוואַ איז אַרייַנגעשלעפּט געוואָרן אין זנות דורך אַ מאַנספּאַרשוין, וועלכער איז געבליבן אומבאַשטראָפט, בשעת ווען זי האָט געמוזט טראָגן די גאַנצע משא פון איר פאַלן. אָבער דידאָזיקע עקסקורסיע זיינע אין דעם געביט פון פּסיכאָלאָגיע איז לחלוטין נישט אַרויסגעקומען, אַזוי אַז אַלע האָבן זיך ווי געשעמט. בשעת ער האָט געשטאַמלט וועגן דער אכזריות פון די מענער און דער אומבאַהאָלפנקייט פון פרויען, האָט דער פאָרזיצער אויס דעם פאַרלאַנג אים צו מאַכן גרינגער געבעטן, ער זאָל זיך האַלטן נענטער צו דעם עצם ענין.

נאָך דעמדאָזיקן פאַרטיידיקער איז ווידער אויפגעשטאַנען דער געהילפס-פּראָקוראָר און פאַרטיידיקט זיין פּאָסטולאַט וועגן ירושהדיקייט קעגן דעם ערשטן פאַרטיידיקער דערמיט, אַז אויב באַטשקאָווא איז טאַקע אַ טאָכטער פון אומבאַוווסטע עלטערן, ווערט די ריכטיקייט פון דער לערע וועגן ירושהדיקייט דורכדעם לגמרי נישט אינוואַלידירט, וואָרים דער געזעץ פון ירושהדיקייט איז אויף אַזוי פיל פעסטגעשטעלט דורך דער וויסנשאַפט, אַז נישט נאָר קאָנען מיר דאָס פאַרברעכן אַרויסדרינגען פון ירושהדיקייט, נאָר אויך די ירושהדיקייט — פון דעם פאַרברעכן. וואָס איז ווידער שייך די השערה פון דער פאַרטיידיקונג, אַז מאַסלאָוואַ זאָל האָבן געוואָרן אויסגעלאַסן דורך אַן אויסגעדאַכטן (ער האָט באַזונדערס גיפטיק געזאָגט: „אויסגעדאַכטן") פאַרפירער, ווייזן אַלע ראיות גיכער דערויף, אַז זי איז געווען די פאַרפירערין פון אַ סך, אַ סך קרבנות, וואָס זענען דורכגעגאַנגען דורך אירע הענט. אָפּגעזאָגט דאָס, האָט ער זיך טריומפירנדיק אַוועקגעזעצט.

דערנאָך האָט מען פאָרגעלייגט די באַשולדיקטע, זיי זאָלן זיך פאַרענטפערן.

יעפימיאַ באָטשקאָווא האָט איבערגעחזרט, אַז זי האָט פון גאָרנישט נישט געוווסט און אין קיין זאַך זיך נישט באַטייליקט, און האָט איינגע-שפאַרטערהייט אָנגעוויזן אויף מאַסלאָווען אַלס דער שולדיקער אין אַלצ-דינג. סימאָן האָט בלויז איבערגעחזרט עטלעכע מאָל:

— ווי אייער ווילן איז, אַבי אומשולדיק, אומזיסט-אומנישט.

מאַסלאָוואַ ווידער האָט קיין זאַך נישט געזאָגט. אויף דעם אָנמוט פון דעם פּאָרזיצער צו זאָגן, וואָס זי האָט זיך צו פאַרענטפערן, האָט זי בלויז אויפגעהויבן צו אים די אויגן, אַלעמען באַקוקט אַזוי ווי אַ געהעצטע חיה און באַלד זיי אַראָפּגעלאָזט און זיך צעוויינט, צוכליפּענדיק הויך אויף אַ קול.

— וואָס איז מיט אייך? — האָט געפרעגט דער סוחר, וועלכער איז געזעסן לעבן נעכליודאָוון, דערהערנדיק אַ משונהדיקן קלאַנג, וואָס נעכליודאָוו האָט פּלוצלינג אַרויסגעגעבן. דערדאָזיקער קלאַנג איז געווען אַ פאַרהאַלטענער שלוכץ.

נעכליודאָוו האָט נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען די גאַנצע באַדייטונג פון זיין איצטיקער לאַגע און דאָס קוים איינגעהאַלטענע כליפּען און די טרערן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן, האָט ער צוגעשריבן דער שוואַכקייט פון זיינע נערוון. ער האָט אָנגעטון די פּענסנע, צו באַהאַלטן

די טרערן, דערנאָך אַרויסגענומען דאָס טיכל און אָנגעהויבן זיך שנייצן.

דער פחד פאַר דער שאַנד, מיט וועלכער ער וואָלט זיך באַדעקט, ווען אַלע דאָ, אין דעם געריכטס-זאַל, וואָלטן געוויר געוואָרן וועגן זיין אַקט, האָט פאַרטויבט די אַרבעט, וואָס איז אין אים פאָרגעקומען אינעווייניק. דערדאָזיקער פחד איז דידאָזיקע ערשטע צייט געווען אין אים שטאַרקער פון אַלצדינג.

XXII.

נאָך דעם לעצטן וואָרט פון די באַשולדיקטע און די וויכוחים פון די צדדים וועגן דער פאָרמולירונג פון די פראַגן, וואָס האָבן נאָך געדויערט גאַנץ לאַנג, זענען די פראַגן געשטעלט געוואָרן, און דער פאָרזיצער האָט אָנגעהויבן זיין רעזיומע.

איידער ער האָט אויסגעלייגט דעם ענין, האָט ער זייער לאַנג געגעבן צו פאַרשטיין די געשווירענע, מיט אַן אָנגענעמער היימישער אינטאָנאַציע, אַז גזלה איז גזלה, און גנבה איז גנבה, און אַז רויבעריי פון אַ פאַרשלאָסן אָרט אַרויס איז רויבעריי פון אַ פאַרשלאָסן אָרט אַרויס, און רויבעריי פון אַ נישט פאַרשלאָסן אָרט אַרויס איז אַ רויבעריי פון אַ נישט פאַרשלאָסן אָרט אַרויס. און געבנדיק דאָס צו פאַרשטיין, האָט ער באַזונדערס אָפט געכאַפּט אַ קוק אויף נעכליודאָוון, גלייך ווי ער וואָלט באַזונדערס שטאַרק וועלן אַריינגעבן אים דעמדאָזיקן וויכטיקן אומשטאַנד אין דער האָפנונג, אַז ער וועט עס פאַרשטיין און פאַרשטיין געבן די חברים זיינע. דערנאָך ווען ער האָט זיך משער געווען, אַז די געשווירענע האָבן זיך שוין גענוג דורכגעדרונגען מיט דידאָזיקע אמתן, האָט ער אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַן אַנדערן אמת וועגן דעם, אַז מאָרד הייסט אַזאַ טאַט, פון וועלכער עס קומט אַרויס דער טויט פון אַ מענטש, — אַז פאַרגיפטונג איז דעריבער אויך אַ מאָרד. און ווען די געשווירענע האָבן, לויט זיין מיינונג, תופס געווען דעמדאָזיקן אמת אויך, האָט ער זיי דערקלערט, אַז אויב גנבה און מאָרד זענען באַגאַנגען געוואָרן צוזאַמען, דאַן באַשטייט דאָס פאַרברעכן פון גנבה און מאָרד.

הגם אים אַליין האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן, און די שווייצערין האָט שוין געוואַרט אויף אים, איז ער אַזוי צוגעוווינט גע-

ווארן צו זיין פראפעסיע, אז אנגעהויבן צו רעדן, האט ער שוין נישט געקאנט זיך אפשטעלן, און דעריבער האט ער אויספירלעך ארייגגע־טענהט מיט די געשווירענע, אז אויב זיי וועלן איינגעפינען די באשול־דיקטע פאר שולדיק, האבן זיי רעכט צו אנערקענען זיי פאר שולדיק און טאמער וועלן זיי זיי אנערקענען פאר נישט שולדיק, האבן זיי רעכט צו אנערקענען זיי פאר נישט שולדיק; אויב אבער זיי וועלן זיי איינגעפי־נען פאר שולדיק אין איין זאך, אבער נישט שולדיק אין אן אנדערער, מעגן זיי זיי אנערקענען פאר שולדיק אין איין זאך, נאר נישט שולדיק אין אן אנדערער. דערנאך האט ער זיי נאך דערקלערט, אז כאטש דאס דאזיקע רעכט איז זיי געגעבן, דארפן זיי זיך דערמיט באנוצן פאר־שטענדיק. געוואלט האט ער זיי אויך געבן צו פארשטיין, אז טאמער וועלן זיי אויף א געשטעלטער פראגע געבן א פאזיטיווע תשובה, וועלן זיי מיט דערדאזיקער תשובה אנערקענען דאס אלץ, וואס איז אין דער פראגע געשטעלט, און אויב זיי וועלן נישט אנערקענען דאס אלץ, וואס איז אין דער פראגע געשטעלט, דארפן זיי אויסרעדן, וואס אנערקענען זיי נישט. אבער א קוק געטון אויפן זייגער, און דערזעען, אז ס'איז שוין פינף מינוט צו דריי, האט ער באשלאסן תיכף־ומיד אריבערצוגיין צו דעם עצם ענין.

— די אומשטענדן פון דעמדאזיקן ענין זענען פאלגנדיקע, — האט ער אנגעהויבן און איבערגעחזרט דאס אלץ, וואס ס'איז שוין עטלעכע מאל געזאגט געווארן אי דורך די פארטיידיקער, דורך דעם געהילפס־פראקוראר, אי דורך די עדות.

דער פארזיצער האט גערעדט, און די בייזיצער אים פון ביידע זייטן האבן מיט א טיפזיניקער מינע געהערט און ווען־נישט־ווען געכאפט א קוק אויפן זייגער, אייגגעפינענדיק, אז זיין רעדע איז טאקע זייער א גוטע, ד. ה. אזא, ווי זי דארף צו זיין, אבער א ביסל צו לאנג. פונקט אזא מיינונג איז געווען דעם געהילף־פראקוראר, ווי בכלל אלע געריכטס־באאמטע און אלע, וואס זענען געווען אין זאל. דער פארזיצער האט גע־ענדיקט זיין רעזומע.

אלץ איז, דאכט זיך, געזאגט געווארן. אבער דער פארזיצער האט בשום אופן נישט געקאנט זיך שיידן מיט זיין רעכט צו רעדן — אזוי אנגענעם איז אים געווען צו הערן די אימפאנירנדיקע אינטאנאציעס פון זיין קול — און ער האט געפונען פאר נייטיק צו זאגן נאך עטלעכע ווערטער וועגן דער וויכטיקייט פון יענער רעכט, וואס איז די געשווירענע

געגעבן, און וועגן דעם, ווי אַזוי זיי באַדאַרפן אויפמערקזאַם און פאַרזיכטיק מיט דערדאָזיקער רעכט זיך באַנוצן און נישט אויסנוצן עס צום שלעכטן, וועגן דעם, אַז זיי האָבן אָפּגעגעבן אַ שבועה, אַז זיי זענען דאָס געוויסן פון דער געזעלשאַפט, און אַז דער סוד פון דעם באַראַטונגסצימער דאַרף זיין הייליק א. א. וו. א. א. וו.

זינט דער פאָרזיצער האָט אָנגעהויבן צו רעדן, האָט מאַסלאָוואַ, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, געקוקט אויף אים, גלייך ווי מורא האָבנדיק צו פאַרלירן אַ וואָרט, און דעריבער האָט נעכליודאָוו נישט מורא געהאַט זיך צו באַגעגענען מיט אירע אויגן און געקוקט אויף איר אָן אויפהער. און אין זיין דמיון איז פאָרגעקומען יענע געוויינלעכע דערשיינונג, אַז אַ שוין לאַנג נישט געזעען פּנים פון אַ געליבטן מענטשן איבערראַשט לכתחילה מיט יענע אויסערלעכע ענדערונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען פאַר דער צייט פון דער אָפּוועזנהייט, ביסלעכווייז אָבער ווערט עס פּונקט אַזוי, ווי עס איז געווען מיט יאָרן צוריק, עס פאַרשווינדן אַלע פאָרגעקומענע ענדערונגען און פאַר די גייסטיקע אויגן טרעט אַרויס דער עיקר-אויסדרוק פון דער אויסשליסלעכער נישט איבערגעחזרטער גייסטיקער פערזענלעכקייט. אַזוינס איז פאָרגעקומען אין נעכליודאָוון.

יאָ, טראָץ דעם אַרעסטאַנטישן כאַלאַט, דעם ברייט געוואָרענעם קערפּער און אויסגעוואַקסענער ברוסט, טראָץ דעם צעפּאָרענעם אונטערטייל פּנים, די קנייטשעלעך אויפן שטערן און אויף די שלייפן און די צוגעשוואָלענע אויגן, איז דאָס בלתּי שום ספק געווען דיזעלביקע קאַטיושאַ, וועלכע האָט אין דעם ליכטיקן יום-טוב פון דעם פּאַסכאַ-זונטיק אַזוי אומשולדיק געקוקט פון אונטן אַרויף אויף אים, דעם מענטש, וועלכן זי האָט ליב געהאַט, געקוקט מיט אירע פאַרליבטע, פאַר פרייד און לעבנספולקייט לאַכנדיקע אויגן.

„אַזאַ וווּנדערלעכער צופאַל. דאַרף זיך פּונקט אָבער מאַכן, אַז דערדאָזיקער ענין זאָל געפאַלן דווקא אויף מיין סעסיע, אַז, נישט טרעפנדיק זי אין ערגעץ נישט 10 יאָר צייט, האָב איך זי געטראָפן דאָ, אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק. און מיט וואָס וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן? זאָל שוין נעמען אַ סוף, אַך, זאָל שוין נעמען אַ סוף!"

ער האָט זיך אַלץ נישט אונטערגעגעבן יענעם געפיל פון חרטה, וואָס האָט אָנגעהויבן צו רעדן אין אים. אים איז עס פאָרגעקומען ווי אַ צופאַל, וואָס וועט פאַרבייגיין און נישט שטערן זיין לעבן. ער האָט זיך געפילט אין דער לאַגע פון יענעם הינטל, וואָס האָט זיך שלעכט באַנו-

מען אין די צימערן און וואָס דער באַלעבאָס האָט עס אָנגעכאַפּט פאַרן קאַרק און שטופּט עס מיט דער נאָז אין יענער מיאוסקייט, וואָס ער האָט אָנגעמאַכט. דאָס הינטל קוויטשעט, ציט זיך הינטערווײַלעכץ, כדי וואָס ווייטער אָוועקצוגיין פון די רעזולטאַן, פון זײַן אָפּטו און פאַרגעסן אין זיי; אָבער דער אומברחמנותדיקער באַלעבאָס לאָזט עס נישט אָפּ. אָט אַזוי האָט נעכליודאָוו געפילט שוין די גאַנצע מיאוסקייט פין דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטון, געפילט אויך די מעכטיקע האַנט פון דעם באַלעבאָס, ער האָט אָבער אַלץ נאָך נישט פאַרשטאַנען די באַדײַטונג פון דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטון, נישט דערקענט דעם באַלעבאָס גופא. אים האָט זיך אַלץ נישט געוואָלט גלייבן אין דעם, אַז דאָס, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך, איז געווען זײַנס אַן ענין. אָבער די אומברחמנותדיקע, די אומגעזעענע האַנט האָט אים געהאַלטן, און ער האָט שוין געהאַט דאָס פאַרגעפיל, אַז ער וועט זיך נישט אַרויסדרייען ער האָט זיך נאָך געמאַכט קוראַזש; און איז, לויט זײַן אײַנגעאײַגנטער געוווינהייט פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און שפּילנדיק כל אחר־יד מיט זײַן פּענסנע, געזעסן אין אַ זעלבסטזיכערער פּאָזע אויף זײַן צווייטער שטול אין דער ערשטער ריי. אָבער דערווייל האָט ער שוין, אין דער טיפעניש פון דער נשמה, געפילט די גאַנצע אַכזריות, נידערטרעכטיקייט, געמיינקייט נישט באָר פון דערדאָזיקער האַנדלונג זײַנער, באָר פון זײַן גאַנצן פוסטן, אויסגעלאַסענעם, אַכזרישן און הפקרדיקן לעבן; און יענער שרעקלעכער פאַרהאַנג, וואָס האָט עפּעס ווי דורך אַ נס די גאַנצע 12 יאָר פאַרבאַהאַלטן פאַר אים אי זײַן פאַרברעכן, אי זײַן גאַנץ שפּעטערדיק לעבן, האָט זיך שוין געוויגט, און ער האָט שוין פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ קוק הינטערן פאַרהאַנג.

XXIII.

ענדלעך האָט דער פאָרזיצער געענדיקט זיין רעדע און אויפגע־הויבן מיט אַ גראַציעזער באַוועגונג דעם פראָגעבויגן, האָט ער אים אי־בערגעגעבן דעם עלטסטן פון די געשווירענע, וועלכער איז צו אים צו־געגאַנגען. די געשווירענע האָבן זיך אויפגעשטעלט, פרייענדיק זיך, וואָס מ'קאָן שוין אַוועקגיין, און נישט וויסנדיק, וואָס צו טון מיט זייערע הענט, גלייך זיי וואָלטן זיך מיט עפּעס געשעמט, זענען זיי איינער נאָכן אַנדערן אַוועק אין דעם באַראַטונגס־צימער. קוים האָט זיך הינטער זיי די טיר פאַרמאַכט, איז דער זשאַנדאַרם צוגעגאַנגען צו דערדאָזיקער טיר און, אַרויסגעכאַפּט די שווערד פון דער שייד און אַוועקגעלייגט זי אויפן אַקסל, האָט ער זיך געשטעלט באַ דער טיר. די ריכטער האָבן זיך אויפ־געהויבן און זענען אַוועק. די באַשולדיקטע האָט מען אויך אַרויס־געפירט.

אַריינגעקומען אין דעם באַראַטונגס־צימער, האָבן די געשווירענע קודם־כל, אַזוי ווי פריער, אַרויסגענומען די פּאַפּיראָסן און פאַררייכערט. די אומנאַטירלעכקייט און פאַלשקייט פון זייער לאַגע, וואָס זיי האָבן אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס געשפּירט, זיצנדיק אין זאַל אויף זייערע ערטער, איז גלייך אַריבער, ווי נאָר זיי זענען אַריין אין דעם באַראַטונגס־צימער און פאַררייכערט די פּאַפּיראָסן, און מיט אַ געפיל פון אַ דערלייכטערונג האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אויף די ערטער און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבעדיקער שמועס.

— דאָס מיידעלע איז נישט שולדיק, האָט זיך פאַרפּלאָנטערט, — האָט דער סוחר גוטמוטיק געזאָגט, — מ'דאַרף מיט איר מטיב זיין.

— אָט דאָס וועלן מיר טאַקע באַטראַכטן, — האָט דער עלטסטער געזאָגט, — מיר טאָרן זיך נישט אונטערגעבן אונזערע פּערזענלעכע איינדרוקן.

— די רעזומע האָט דער פאָרזיצער גוט געזאָגט, — האָט דער פּאָלקאָווניק באַמערקט.

— שייך גוט! איך בין שיער נישט אַנטשלאָפן געוואָרן.

— דער עיקר איז, אַז די דינערשאַפט האָט גאָרנישט געקאָנט וויסן פון דעם געלט, ווען מאַסלאָווא וואָלט נישט געווען זיין מיט זיי יד־אחת, — האָט געזאָגט דער אָנגעשטעלטער מיטן יידישן פּנים.

— מיינט איר אַלזאָ, אַז זי האָט עס געגנבעט? — האָט איינער פון די געשווירענע געפרעגט.

— כ׳וועל עס בשום אופן נישט גלייבן! — האָט דער גוטמוטיקער סוחר אויסגעשריגן, — דאָס אַלץ האָט די ממזרטע מיט די רויטע אויגן אָנגעמאַכט.

— אַלע זענען זיי גוט, — האָט דער פּאָלקאָווניק געזאָגט.

— זי זאָגט דאָך אָבער, אַז זי איז נישט אַריין אין צימער.

— און איר מעגט איר טאַקע גלייבן וואָס מער. איך וואָלט דער־דאָזיקער מכשפה קיינמאָל אין לעבן נישט געגלייבט.

— נו יאָ, דאָס איז נאָך אָבער ווייניק, אַז איר וואָלט נישט גע־גלייבט, — האָט דער אָנגעשטעלטער געזאָגט.

— זי האָט געהאַט דעם שליסל.

— נו איז וואָס, אַז זי האָט געהאַט? — האָט דער סוחר זיך אָפּגערופן.

— און דער רינג?

— זי האָט דאָך געזאָגט, — האָט דער סוחר ווידער אויסגעשריגן. — דער סמעלקאָוו אַ פּעסן אַ גרויסער קענטיק געווען, דערצו נאָך פאַר־קנאַקט — האָט ער איר דערלאַנגט אַ ביסל. נו, דערנאָך, ווייסט מען דאָך שוין, האָט ער רחמנות געקריגן אויף איר. נאַדיר, אַבי ווייַן נישט, און אָוועקגעשיקט! איר האָט דאָך געהערט, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז געווען. 12 ווערשאָק די הייך, אַ פּוד 8 די וואָג!

— נישט אין דעם גייט עס! — האָט פּיאָטר געראַסימאָוויטש איבער־געשלאָגן, — דער עיקר איז: האָט זי עס צוגעגרייט און אויפגעטון דאָס גאַנצע עסק אָדער די דינערשאַפט?

— די דינערשאַפט אַליין וואָלט דאָס נישט געקאָנט. דער שליסל איז געווען בײַ איר.

דער נישט געבונדענער שמועס האָט זיך געצויגן נאָך אַ היפּשע ווײַלע.

— דערלויבט נאָר, מיינע הערן, — האָט דער עלטסטער זיך אָפּ־

גערופן. — לאָמיר זיך זעצן צום טיש און זיך מיישב זיין. איך בעט אייך, — האָט ער געזאָגט, זעצנדיק זיך אויפן פאָרזיצער-אָרט.

— שוין איינמאָל גידערטרעכטיקע, אָט די מיידעלעך, — האָט דער אָנגעשטעלטער געזאָגט און, כּדי צו באַשטעטיקן די מיינונג, אַז די הויפּט-שולדיקע איז מאַסלאָוואַ, האָט ער דערציילט, ווי איינע פון אַזעלכע פרויען האָט בײַ זיינס אַ חבר אויפן בולוואַר אויסגעגנבעט אַ זייגער.

דער פּולקאָווניק האָט בײַ דער געלעגנהייט אָנגעהויבן דערציילן וועגן נאָך אַ מערקווירדיקערן פאַל — אַ גנבה פון אַ זילבערנעם סאַמאָוואַר.

— מיינע הערן, איך בעט ענטפערן לויט די פראַגן, — האָט דער עלטסטער געזאָגט, צוקלאַפּנדיק מיטן בלייער איבערן טיש.

אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן. די פראַגן זענען געווען אויסגע-רעכנט לויט פאָלגנדיקן סדר:

1) איז דער פויער סעמיאָן פּעטראָוו קאַרטינקין פון דאָרף באָרקאָווע, קראַפּיווענער קרייז, 33 יאָר אַלט שולדיק אין דעם, אַז ער האָט דעם 17-טן יאַנואַר, אין יאָר ...188 אין שטאָט N געפּלאַנט אויסצורויבן דאָס לעבן פון סוחר סמעלקאָוו, כּדי אים צו בארויבן, און האָט אָפּגע-רעדט מיט נאָך פּערזאָנען און מען האָט אים אייננעגעבן אין קאָניאַק סם, פון וואָס ס'איז געקומען סמעלקאָווס טויט, און ער האָט בײַ אים צוגע-רויבט געלט — אַ סומע פון 2500 רובל און אַ בריליאַנטענעם רינג?

2) צי איז אין פאַרברעך, וואָס איז באַשריבן געוואָרן אין דער ערשטער פראַגע, שולדיק די בירגערין יעפימיאַ איוואַנאָווגאַ באָטשקאָ-וואַ, — 43 יאָר אַלט?

3) צי איז שולדיק אין פאַרברעך, וואָס איז באַשריבן געוואָרן אין דער ערשטער פראַגע די בירגערין יעקאַטערינאַ מאַסלאָוואַ, — 27 יאָר אַלט?

4) אויב די אָנגעקלאָגטע יעפימיאַ באָטשקאָוואַ איז נישט שול-דיק לויט דער ערשטער פראַגע, דאַן צי איז זי נישט שולדיק אין דעם, אַז זי האָט דעם 17-טן יאַנואַר, אין יאָר ...188 אין דער שטאָט N, ווי זי האָט געדינט אין האָטעל „מאַווריטאַניאַ" בגנבה אַרויסגענומען געלט פון טשעמאָדאַן פון דעם גאַסט פון האָטעל, נאָם סוחר סמעלקאָוו אין דער סומע פון 2500 רובל, באַנוצנדיק זיך מיט אַ נאָכשליסל, וואָס זי האָט צוליב דעם צוועק צוגעפּאַסט?

דער עלטסטער האָט איבערגעלייענט די ערשטע פראַגע.

— נו, ווי אַזוי דענקט איר, מיינע הערן ?

אויף דערדאָזיקער פראַגע האָט מען געענטפערט זייער שנעל. אַלע האָבן איינגעשטימט צו ענטפערן „יאָ, שולדיק“ און האָבן אים אָנערקענט פאַר דעם אָנטיילנעמער אין דער פאַרגיפטונג און אין דער באַרויבונג. נאָר איינער האָט נישט געוואָלט מסכים זיין אויף צו אָנערקענען קאַרטינקינען פאַר שולדיק — דאָס איז געווען אַן אַלטער אַרבעטער, וועלכער האָט אויף אַלע פראַגן געענטפערט. אין זין פון באַרעכטיקונג.

דער עלטסטער האָט געמיינט, אַז ער פאַרשטייט נישט און האָט אים דערקלערט, אַז לויט אַלע פאַקטן, זענען בלתּי שום ספק קאַרטינקין און באָטשקאָווא שולדיק, אָבער דער אַרבעטער האָט געענטפערט, אַז ער האָט די זאַך באַגריפפט, ער פאַרשטייט טאַקע אַלץ, ווי דאָס איז, אָבער מען דאַרף האָבן רחמנות. „מיר אַליין זענען אויך נישט קיין הייליקע“, האָט ער געזאָגט, און איז געבליבן בײַ זיין מיינונג.

אויף דער צווייטער פראַגע וועגן באָטשקאָווען — האָט מען, נאָך לאַנגע וכּוחים און דערקלערונגען, געענטפערט „נישט שולדיק“, ווייל עס זענען נישט געווען קיין פאַקטישע באַווייזן אין איר אָנטיילנעמען אין דער פאַרגיפטיקונג, ווי עס האָט שטאַרק באַטאָנט איר אַדוואָקאַט.

דער סוחר, וועלנדיק פריישפּרעכן מאַסלאָווען, האָט אָנגעוויזן אויף דעם, אַז באָטשקאָווא איז די הויפּט-אָנפירערין פון אַלעם. אייניקע פון די געשווירענע זענען דערמיט מסכּים געווען; אָבער דעם עלטסטן האָט זיך געוואָלט זיין שטרענג געזעצלעך און ער האָט געטענהט, אַז ס'איז נישטאָ קיין גרונד זי צו אָנערקענען פאַר דער אָנטיילנעמערין אין דער פאַרגיפטונג. נאָך לאַנגן שטרייטן האָט געזיגט די מיינונג פון דעם עלטסטן.

אויף דער פערטער פראַגע וועגן באָטשקאָווען האָט מען שוין אָבער געענטפערט: יאָ, שולדיק. אָבער אויף דער שטאַרקער פאָדערונג פון דעם אַלטן אַרבעטער האָט מען צוגעגעבן: „זי פאַרדינט מילדערונג“.

די פראַגע וועגן מאַסלאָווען האָט אַרויסגערופן אַ פאַרביסענעם קאַמף. דער עלטסטער איז באַשטאַנען דערויף, אַז זי איז שולדיק סיי אין דער פאַרגיפטונג סיי אין דעם רויב; דער סוחר איז נישט געווען מסכּים. מיט אים פאַר איינס זענען געווען דער פּאָלקאָווניק, דער אָנגעשטעלטער און דער אַלטער אַרבעטער, — די איבעריקע האָבן זיך עפּעס

זיי געקווענקלט, אָבער די מיינונג פון דעם עלטסטן האָט אָנגעהויבן צו דאָמינירן, דערהויפּט דערפאַר, וואָס די אַלע געשווירענע זענען מיד געוואָרן און זענען גערנער צוגעשטאַנען צו דער מיינונג, וועלכע האָט צוגעזאָגט גיכער זיי אַלע צו פאַרייניקן און דערום אויך גיכער זיי אַלעמען באַפרייען.

פון דעם אַלעם, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דעם פּראָצעס און פון דעם, וואָס נעכליודאָוו האָט מאַסלאָווען געקענט, איז ער געווען איבערצייגט, אַז זי איז נישט שולדיק נישט אין באַרויבונג, נישט אין פאַרגיפטונג, און איז לכתּחילה געווען זיכער, אַז אַלע וועלן דאָס אָנערקענען; ווען ער האָט אָבער דערזעען, אַז צוליב דעם סוחרס אומגעשיקטער פאַרטיידיקונג, וועלכע האָט באַשיינפּערלעך געשטאַמט דערפון, וואָס מאַסלאָוואַ איז אים פּיזיש געפעלן געוואָרן, און ער האָט דאָס אפילו נישט פאַרבאַהאַלטן — און צוליב דעם ווידערשטאַנד, וואָס דער עלטסטער האָט דווקא דערפאַר טאַקע אַרויסגעוויזן, און דערהויפּט צוליב אַלעמענס מידקייט האָט זיך די אַנטשיידונג אָנגעהויבן צו נייגן צו באַשולדיקונג, האָט ער געוואָלט אָפּענטפערן, אים איז אָבער געווען שרעקלעך צו רעדן פאַר מאַסלאָוואַן: — אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע וועלן גלייך געוווּיר ווערן פון זיינע באַציונגען צו איר. און אין דער זעלבער צייט האָט ער געפילט, אַז ער קאָן די זאַך נישט לאָזן אַזוי, און ער מוז ענטפערן. ער איז דאָ רויט, דאָ בלאַס געוואָרן און האָט שוין געוועזט געוואָלט אָנהייבן רעדן, ערשט פּיאָטר געראַסימאָוויטש, וועלכער האָט ביז אַהער געשוויגן, איז קענטיק אויפגעבראַכט געוואָרן פון דעם עלטסטנס אויטאָריטעטן טאָן, האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן אָפּצוענטפערן און צו רעדן פּונקט דאָס זעלבע, וואָס נעכליודאָוו האָט געוואָלט זאָגן.

— זייט מוחל, — האָט ער געזאָגט: — איר טענהט, אַז זי איז אין דער גנבה שולדיק דערפאַר, ווייל זי האָט געהאַט דעם שליסל. צי דען אָבער האָבן די באַדינער פון האָטעל נישט געקאָנט נאָך איר עפענען דעם טשעמאָדאַן מיט אַ נאָכשליסל?

— נו, אוודאי, נו געוויס, — האָט דער סוחר איינגעשטימט.

— זי האָט נישט געקאָנט נעמען דאָס געלט, ווייל אין איר לאַגע האָט זי דאָך נישט געהאַט ווו דאָס צו באַהאַלטן.

— דאָס טענה איך דאָך, — האָט דער סוחר צוגעבאָמקעט.

— גיכער פון אַלץ דאַרף מען אָננעמען, אַז איר קומען נאָך דעם

געלט, האָט צרויפגעפירט די דינערשאַפט אויפן געדאַנק, און זיי האָבן זיך באַנוצט מיטן צופאַל און שפּעטער אַלץ אַרויפגעוואָרפן אויף איר.

פּיאָטר גערַאַסימאָוויטש האָט גערעדט אין אַן אויפגערייצן טאָן, און די אויפגערייצטקייט זיינע האָט זיך איבערגעגעבן דעם עלטסטן, וועלכער האָט צוליב דעם גראָד זיך איינגעעקשנט פאַר דער קעגנזעצלעכער מיינונג; אָבער פּיאָטר גערַאַסימאָוויטש האָט גערעדט אַזוי איבערצייגנדיק, אַז די מערהייט האָט מיט אים מסכים געווען, אָנערקענענדיק, אַז מאַסלאָווא האָט נישט גענומען קיין אָנטייל אין דער באַרויבונג אין געלט און דעם רינג און אַז דעם רינג האָט איר דער סוחר געשענקט אַלס מתנה.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די דעבאַטע וועגן איר אָנטיילנעמען אין דער פאַרגיפטונג, האָט איר הייסער פאַרטיידיקער, דער סוחר, געזאָגט, אַז מען דאַרף זי פריישפּרעכן, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין גרונט סמעלקאָוון צו פאַרסמען, דער עלטסטער אָבער האָט געזאָגט, אַז מען טאָר זי נישט פריישפּרעכן, ווייל זי האָט זיך אַליין מודה געווען, אַז זי האָט געגעבן די פּראָשקעס.

— זי האָט געגעבן, אמת, אָבער זי האָט געגלייבט, אַז דאָס איז אָפּיום, — האָט דער סוחר געזאָגט.

— זי האָט אים אויך געקאָנט מיט אָפּיום פאַרסמען, — האָט דער פּאָלקאָווניק געזאָגט, וועלכער האָט ליב געהאַט שטענדיק זיך אַריינצולאָזן אין חקירות, און דערביי האָט ער דערציילט אַ מעשה, ווי בײַ זיינס אַ שוואָגער האָט זיך פאַרסמט דאָס ווייב מיט אָפּיום, און זי וואָלט געוויס געשטאָרבן, אָבער עס האָט זיך גראָד נאָענט געפונען אַ דאָקטאָר און מען האָט צו דער צייט אָנגענומען מיטלען זי אָפּצוראַטעווען. דער פּאָלקאָווניק האָט דערציילט אַזוי איבערצייגנדיק, מיט אַזוי פיל תּקיפות, מיט אַ.אַ ווערדע, אַז בײַ קיינעם האָט זיך נישט געפונען קיין מוט אים איבערצוהאַקן. נאָר דער אָנגעשטעלטער האָט אים איבערגעהאַקט, ווייל אים האָט זיך אויך פאַרוואָלט דערציילן אַן ענלעכע געשיכטע.

— אַנדערע ווערן אַזוי צוגעוויינט, — האָט ער געוועזט אָנגעהויבן: — אַז זיי קאָנען נעמען מיט אַמאָל פערציק טראָפּן אָפּיום. איך האָב געהאַט אַ קרוב...

אָבער דער פּאָלקאָווניק האָט נישט געלאָזט מ׳זאָל אים איבערשלאָגן און האָט פאָרגעזעצט צו דערציילן, וואָס פאַר אַ ווירקונג דער אָפּיום האָט געהאַט אויף זיין שוואָגערס ווייב.

— מיינע הערן, ס'איז דאָך שוין באַלד 5 אַ זייגער, — האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די געשווירענע.

— איז ווי אַזוי בלייבט. — האָט זיך דער עלטסטער געווענדט צו די געשווירענע: — מיר אָנערקענען זי שולדיק, אָבער אָן דער כוונה פון באַרויבונג, און די זאַכן האָט זי נישט, געגנבעט.

— אַזוי בלייבט עס?

אַ צופרידענער מיט זיין נצחון, האָט פּיאָטר גראַסימאָוויטש איינגעשטימט.

— אָבער זי פאַרדינט מילדערונג, — האָט צוגעגעבן דער סוחר.

אַלע זענען געווען מסכּים, נאָר דער אַלטער אַרבעטער האָט געפאָדערט, אַז מ'זאָל ענטפערן: „נישט שולדיק".

— אַזוי קומט דאָך אויס, — האָט דער עלטסטער אויפגעקלערט: — ס'הייסט דאָך, אַז זי איז נישט שולדיק, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין כוונה צו באַרויבן און די זאַכן האָט זי נישט געגנבעט.

— גייט עס אַזוי, און זי פאַרדינט מילדערונג: הייסט עס, אויב עס וועט וואָס בלייבן, וועט דער לעצטער פּונקט ריינוואַשן, — האָט דער סוחר פריילעך אַרויסגערעדט.

אַלע זענען אַזוי מיד געוואָרן, אַזוי זיך פאַרפּלאָנטערט אין די דעבאַטן, אַז קיינעם איז נישט איינגעפאַלן צוצוגעבן צום ענטפער: י אָ, אָבער אָן דער כּוונה אים צו טייטן.

נעכליודאָוו איז געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט זיך אויך נישט געכאַפּט. אין אָט דער דאָזיקער פאָרם זענען די ענטפערס געווען פאַרשריבן און אַריינגעטראָגן אין זאַל פון געריכט.

ראַבּלע דערציילט פון אַ יוריסט, — צו וועלכן עס זענען געקומען צו גיין צוויי צדדים. נאָך דעם ווי ער האָט זיי אויפגעמישט אַלערלייאיקע געזעצן, און האָט פאַר זיי איבערגעלייענט צוואַנציק זייטלעך פון אומזיניקער יוריסטישער לאַטיין, האָט ער פאָרגעלייגט די צדדים זיי זאָלן אויסוואַרפן מיטביינדלעך: ... צי גראָד. אויב גראָד, איז גערעכט דער מאַנער, אויב אום — איז גערעכט דער נתבע.

אַזוי אויך איז דאָ געווען. דערדאָזיקער און נישט קיין אַנדערער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן נישט דערפאַר, וואָס אַלע האָבן מסכּים געווען, נייערט ערשטנס דערפאַר, ווייל דער פאָרזיצער, וואָס האָט געהאַלטן אַ צו לאַנגע רעזומע, האָט דאָס מאָל פאַרגעסן צו זאָגן וואָס ער פלעגט געוויינלעך דערקלערן, דהיינו דאָס, אַז ענטפערנדיק אויף דער

פראַגע, קאָנען זיי זאָגן : יאָ, שולדיק, אָבער אָן דער כּוונה צו טויטן ; צווייטנס דערפאַר, וואָס דער פּולקאָווניק האָט זייער לאַנג און לאַנגווייליק דערציילט די געשיכטע פון זיין שוואָגערס ווייב; דריטנס דערפאַר, וואָס נעכליודאָוו איז געווען אַזוי צעטראָגן, אַז ער האָט נישט באַמערקט, אַז מען האָט דורכגעלאָזט דעם זייער וויכטיקן פּונקט, אַז זי האָט נישט גע־האַט די כּוונה אים צו טויטן, און ער האָט געמיינט, אַז דער פּונקט : אָן אַ כּוונה צו טויטן מאַכט צוניש די באַשולדיקונג ; פירטנס דערפאַר, וואָס פּיאָטר געראַסימאָוויטש איז נישט געווען אין צימער, — ער איז גראָד אין יענעם מאָמענט אַרויס, בעת דער עלטסטער האָט איבערגע־לייענט די פראַגן און ענטפערס, און, איבערהויפּט דערפאַר, וואָס אַלע זענען געוואָרן מיד און אַלעמען האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער דערפון אַלעם פריי ווערן, דעריבער האָט מען מסכּים געווען מיט דער אַנטשיי־דונג, וואָס וועט זיך גיכער ענדיקן.

די געשווירענע האָבן אָנגעקלונגען. דער זשאַנדאַרם, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער טיר מיט אַ בלויזער שווערד, האָט די שווערד אַריינ־געלייגט אין שייד — און איז אָפּ אָן אַ זייט. די ריכטער האָבן זיך צעזעצט אויף זייערע ערטער, און איינער נאָך דעם אַנדערן זענען אַרויס די געשווירענע.

דער עלטסטער האָט מיט אַ פייערלעכן ערנסט אָפּגעגעבן דעם בויגן פּאַפּיר דעם פּאָרזיצער. דער פּאָרזיצער האָט איבערגעלייענט און איז קענטיק געוואָרן איבערראַשט. ער האָט זיך געווענדט צו די מיטגלי־דער פון געריכט, מיט זיי זיך עצהנדיק, האָט פאַרווונדערט פונאַנדערגע־פירט מיט די הענט ; ער איז געווען נשתומם, וואָס די געשווירענע, אַריינשטעלנדיק דעם ערשטן פּונקט : אָן דער כּוונה פון באַרויבונג, — האָבן נישט אַריינגעשטעלט דעם צווייטן פּונקט : אָן דער כּוונה צו טייטן. איז אויסגעקומען לויט דער אַנטשיידונג פון די געשווירענע, אַז מאַסלאָוואַ האָט נישט געגנבעט, נישט גערויבט און אין דער זעלבער צייט האָט זי געהרגעט אַ מענטש גלאַט אַזוי אָן אַ ציל.

— גיט אַ קוק, וואָס פאַר אַן אומזין זיי האָבן אַרויסגעטראָגן — האָט ער געזאָגט דעם מיטגליד פון געריכט לינקס. — דאָס הייסט דאָך קאַטאָרגע, און זי איז דאָך נישט שולדיק.

— נו, וואָס הייסט נישט שולדיק, — האָט דער ערנסטער מיטגליד פון געריכט געזאָגט.

— גאַנץ איינפאַך נישט שולדיק. לויט מיין מיינונג דאַרף מען דאַ

אָנווענדן דאָס אַרטיקל 817 (דאָס אַרטיקל 817 לויטעט, אַז אויב די ריכטער געפינען דעם אורטייל פון די געשווירענע פאַר אומגערעכט, דאַן קאָנען זיי דעם באַשלוס ענדערן) — ווי דענקט איר, — האָט ער זיך געווענדט צו דעם ריכטער מיט די גוטע אויגן.

דער גוטער ריכטער האָט נישט באַלד געענטפערט, ער האָט אַ אַ קוק געגעבן אויף דעם N פון דעם פּאַפּיר, וואָס איז געלעגן פאַר אים. ער האָט צוזאַמענגעלייגט די ציפער — עס האָט זיך נישט געטיילט אויף דריי. ער האָט פאַרקלערט, אַז אויב עס וועט זיך טיילן, וועט ער איינשטימען, און נישט קוקנדיק, וואָס עס האָט זיך נישט געטיילט, האָט ער דאָך צוליב זיין גוטסקייט איינגעשטימט.

— איך מיין אויך, אַז אַזוי דאַרף מען, — האָט ער געזאָגט.

— און איר, ווי מיינט, האָט זיך דער פּאַרזיצער געווענדט צו דעם שטרענגן ריכטער.

— אויף קיין פאַל נישט — האָט ער אַנטשלאָסן געענטפערט. — אַזוי זאָגן אויך די צייטונגען, אַז די געשווירענע באַרעכטיקן פאַרברעכער, וואָס וועט מען זאָגן, אויב דאָס געריכט וועט פרייספּרעכן. אויף קיין פאַל וועל איך נישט איינשטימען.

דער פּאַרזיצער האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער.

— אַ שאָד, אָבער וואָס קאָן מען מאַכן, — און האָט איבערגעגעבן דעם עלטסטן די פראַגן אויף איבערצולייענען.

אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט און דער עלטסטער, בייטנדיק אַ פוס אויף אַ פוס, האָט זיך אויסגעהוסט און האָט איבערגעלייענט די פראַגן און ענטפערס. אַלע געריכטס באַאַמטע: דער סעקרעטאַר, די אַדוואָקאַטן און אפילו דער פּראָקוראָר, זענען געווען פאַרוווּנדערט.

די באַשולדיקטע זענען געזעסן רויק, משמעות, נישט פאַרשטייענדיק די באַדייטונג פון די ענטפערס. אַלע האָבן זיך ווידער געזעצט און דער פּאַרזיצער האָט געפרעגט באַם פּראָקוראָר, וואָס פאַרא שטראָף ער רעכנט צו געבן די באַשולדיקטע.

דער פּראָקוראָר, אַ צופרידענער מיטן אומדערוואַרטן דערפאָלג בנוגע מאַסלאָוועז, וואָס ער האָט צוגעשריבן זיין כוח-הדבור, האָט ערגעץ געגעבן אַ קוק אין אַ ביכל, זיך געשטעלט און געזאָגט:

— סימאָן קאַרטינקינען וואָלט איך געגעבן דעם אַרטיקל 1452 און דעם 4 פּאַראַגראַף פון אַרטיקל 1453. יעפימיא באָטשקאָווען דעם אַרטיקל 1659 און פאַר יעקאַטערינאַ מאַסלאָוואַ דעם אַרטיקל 1454.

די אַלע שטראָפן זענען געווען די סאַמע שטרענגסטע, וואָס מען האָט נאָר געקאָנט געבן.

— דאָס געריכט וועט אוועקגיין, כּדי אַרויסצוטראָגן דער אורטייל, — האָט געזאָגט דער פאָרזיצער און זיך אויפגעשטעלט.

אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט נאָך אים, מיט אַן אָנגענעם געפיל פון פאַרלייכטערונג, וואָס זיי האָבן געטון אַ גוטע זאַך. אייניקע זענען אַרויסגעגאַנגען, אַנדערע האָבן געשפּרייזט איבערן זאַל.

— און מיר האָבן דאָך, פאָטערל, שענדלעך אָנגעלייגט, — האָט פּיאָטר געראַסימאָוויטש געזאָגט, צוגייענדיק צו נעכליודאָוו, פאַר וועמען דער עלטסטער האָט עפּעס דערציילט. — מיר האָבן דאָך זי פאַרמשפּט אויף קאַטאָרגע.

— וואָס רעדט איר ? — האָט נעכליודאָוו אויסגעשריגן. איצט האָט ער גאָר נישט באַמערקט דעם לערערס אומאָנגענעמע פאַמיליאַריטעט.

— ווי זשע אַנדערש, — האָט ער געזאָגט. — מיר האָבן נישט געשטעלט אין ענטפער: — שולדיק, אָבער אָן דער כּוונה צו טויטן. מיר האָט דאָס געזאָגט דער סעקרעטאַר, דער פּראָקוראָר גיט איר 15 יאָר קאַטאָרגע.

— אַזוי האָט מען דאָך באַשלאָסן, — האָט געזאָגט דער עלטסטער.

פּיאָטר געראַסימאָוויטש האָט זיך אָנגעהויבן צו אַמפּערן. האָט געטענהט, אַז דאָס פאַרשטייט זיך שוין פון זיך אַליין, אַז אויב זי האָט נישט גענומען דאָס געלט, האָט זי שוין בּמילא נישט געהאַט קיין כּוונה אים צו דערמאָרדן.

— איך האָב דאָך איבערגעלייענט די ענטפערס, איידער מיר האָבן פאַרלאָזט דאָס צימער, — האָט זיך דער עלטסטער פאַרענטפערט. אַלע האָבן געשוויגן.

— איך בין גראָד דאַן אַרויס, — האָט פּיאָטר געראַסימאָוויטש געזאָגט. — און ווי האָט איר דאָס געקאָנט פאַרזעען ?

— וועגן דעם האָב איך נישט געטראַכט. — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— דאָס איז דאָך טאַקע, וואָס איר האָט נישט געטראַכט.

— מען קאָן דאָס נאָך פאַרריכטן, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— ניין, ניין, — איצטער איז שוין אַלץ געענדיקט.

נעכליודאָוו האָט אַ קוק געטון אויף די באַשולדיקטע. אָט די, וואָס זייער גורל איז אַנטשיידן געוואָרן, אָט זיי זענען נאָך אַלץ געזעסן אומ־באַוועגלעך הינטער די קראַטן, באַוואַכט דורך זעלנער. מאַסלאָוואַ האָט עפּעס אַ שמייכל געטון. און אין נעכליודאָווס נשמה האָט זיך אויפגע־הויבן אַ שלעכט געפיל. פאַר דעם, אַז ער האָט נאָך גערעכנט, אַז מ'וועט זי פריישפּרעכן און זי וועט איבערבלייבן אין שטאָט, דאַן איז ער גע־ווען אין אַ פאַרלעגנהייט, ער האָט נישט געוווּסט, ווי זיך צו איר באַ־ציִען. און די באַציונג צו איר איז געווען אַ שווערע; — קאַטאָרגע און סיביר האָבן תיכף צעשטערט די מעגלעכקייט פון יעטוועדער באַציונג צו איר. דער נישט אָפּגעטויטער פויגל וואָלט אויפגעהערט זיך צו וואַרפן אין יאַגד־טאַש און דערמאַנען אָן זיך.

XXIV.

פּיאָטר גערבאַסימאָוויטשס השערות זענען געווען ריכטיק.

אומגעקערט זיך פונם באַראַטונגס־צימער, האָט דער פאָרזיצער גענומען דאָס פּאַפּיר און איבערגעלייענט:

אין יאָר ...188, דעם 28־סטן אַפּריל, לויטן באַפעל פון זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט, האָט דאָס קרייז־געריכט פון דער שטאָט ...N, אין זיין קרימענעלער אָפּטיילונג, לויטן באַשלוס פון די הערן געשווירענע ריכטער, אויפן כמך פון 3־טן פּאַראַגראַף פון אַרטיקל 771, 3־טן פּאַר. פון אַרטיקל 776 און 777 פון קרימינעלן שטראָף־קאָדעקס, — באַשלאָסן: באַ דעם פּויער סימאָן קאַרטינקין, 33 יאָר אַלט, און באַ דער בירגע־רין יעקאַטערינע מאַסלאָוואַ, 27 יאָר אַלט, צונעמען אַלע פּאַרמעגנס־רעכט און פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע: קאַרטינקינען אויף 8 יאָר און מאַסלאָוועון אויף 4,ביידע פאַלן אונטער די פאָלגן פון אַרטיקל 25 פון שטראָף־קאָדעקס. באַ דער בירגערין יעפימיאַ באָטשקאָוואַ — 43 יאָר אַלט, — צונעמען אַלע רעכט, אַריינזעצן אין תפיסה אויף 3 יאָר מיט די פאָלגן פון 48־סטן אַרטיקל פון שטראָף־קאָדעקס. — די געריכטס־הוצאות אַרויפלייגן אין אַ גלייכער מאָס אויף די פאַרמשפּטע און אין פאַל פון נישט פאַרמעגלעכקייט פאַררעכענען אויפן מלוכה־אוצר.

די זאכלעכע באווייזן צו דעם פּראָצעס פּאַרקויפן, דעם רינג אומ־קערן, די סלאַיקלעך פאַרניכטן.

קאַרטינקין איז געשטאַנען, נאָך אַלץ אַזוי אויסגעצויגן, די הענט האָט ער געהאַלטן אויף אַראָפּ, מיט צעשפּרייטע פינגער און באַוועגט מיט די באַקן־מוסקולן.

ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז באָטשקאָווא איז אינגאַנצן רויק. דערהערט דעם אורטייל, איז מאַסלאָווא שטאַרק רויט געוואָרן.

— איך בין נישט שולדיק, נישט שולדיק, — האָט זי פּלוצלינג אויסגעשריגן אויפן גאַנצן זאַל. — אַ זינד איז דאָס. איך בין נישט שול־דיק. נישט געוואָלט און נישט געטראַכט. איך זאָג דעם אמת. ריכטיק. — אַראָפּגעלאָזט זיך אויף דער באַנק, האָט זי זיך פונאַנדערגעוויינט.

ווען קאַרטינקין און באָטשקאָווא זענען אַרויס, איז זי נאָך אַלץ געזעסן, אַזוי אַז דער זשאַנדאַרם האָט זי אַ צי געטון באַם אַרבל פון דעם כאַלאַט.

„ניין, דאָס קאָן מען אַזוי נישט איבערלאָזן", האָט נעכליודאָוו גע־זאָגט צו זיך און האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם שלעכטן געפיל. און אַליין נישט וויסנדיק צו וואָס, האָט ער געאיילט אין קאָרידאָר נאָכאַמאָל אויף איר אַ קוק געבן.

אין טיר האָבן זיך געשטופּט די אַרויסגייענדיקע געשווירענע און אַדוואָקאַטן, צופרידענע מיטן סוף פון פּראָצעס, אַזוי אַז ער האָט זיך עטלעכע מינוט פאַרהאַלטן אין טיר. ווען ער איז אַרויס אין קאָרידאָר, איז זי שוין געווען ווייט. מיט שנעלע טריט, נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז ער ציט צו די אויפמערקזאַמקייט, האָט ער דעריאָגט און איבערגע־יאָגט זי און האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט שוין אויפגעהערט צו וויינען און האָט בלויז האַסטיק געכליפּעט, אָפּווישנדיק מיט אַ קאָפּ־טיכל דאָס פּנים, וואָס האָט זיך באַדעקט מיט רויטע פלעקן, און אַדורך פאַרביי אים נישט אומקוקנדיק זיך. דורכגעלאָזט זי, האָט ער זיך האַסטיק אומגע־קערט צוריק, כדי צו זען דעם פּאָרזיצער, אָבער דער פּאָרזיצער איז שוין אַוועק, און נעכליודאָוו האָט אים דעריאָגט ערשט אין שווייצער־צימער.

— הער פּאָרזיצער, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט און איז צוגעגאַנ־גען צו אים אין דער מינוט, בעת יענער האָט שוין געהאַט אָנגעטון אַ העל מאַנטל און גענומען אַ שטעקן מיט אַ זילבערנער גאַלקע, וואָס עס האָט אים דערלאַנגט דער שווייצאַר: — קאָן איך מיט אייך זיך דורכרעדן,

וועגן דעם פּראָצעס, וואָס האָט זיך אָקאָרשט געענדיקט. איך בין אַ געשווירענער.

— יאָ, ווי זשע דען, פּירשט נעכליודאָוו? זייער אָנגענעם, מיר האָבן זיך שוין באַגעגנט, — האָט דער פּאָרזיצער געזאָגט, אַ דריק געטון די האַנט און האָט מיט פאַרגעניגן דערמאַנט, ווי גוט און פריילעך ער האָט געטאַנצט, בעסער פון אַלע יונגע אויף יענעם אָוונט, בעת ער האָט זיך באַגעגנט מיט נעכליודאָוון. — מיט וואָס קאָן איך דינען?

— ס'איז אַרויס אַ מיספאַרשטייעניש מיטן ענטפער בנוגע מאַסלאָווא. זי איז נישט שולדיק אין דער פאַרגיפטונג און פונדעסטוועגן האָט מען זי פאַרמשפט אויף קאַטאָרגע, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט מיט אַן אָנגעשטרענגטער און מרהשחורהדיקער מינע.

— דאָס געריכט האָט דאָך אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל אויפן סמך פון די ענטפערס, וואָס איר האָט אַליין געגעבן, — האָט געענטפערט דער פּאָרזיצער, רוקנדיק זיך צו דער אַרויסגאַנג־טיר: — הגם אויך דאָס געריכט האָט איינגעפונען, אַז די ענטפערס זענען געווען נישט אַנט־שפּרעכנדיק פאַרן פּראָצעס.

ער האָט זיך דערמאַנט, אַז ער האָט געוואָלט אויפקלערן די גע־שווירענע, אַז זייער ענטפער: „יאָ — שולדיק", אָן דער אַפּלייקענונג פון דער מאָרד־פּרעמידיטאַציע, באַשטעטיקט די מאָרד־פּרעמידיטאַציע, אָבער אַזוי ווי ער האָט זיך געאיילט צו ענדיקן, האָט ער שוין דאָס נישט געטון.

— גוט, אָבער צי קאָן מען נישט פאַרריכטן דעם טעות?

— אַ סיבה פאַר אַ קאַסאַציע וועט מען אַלע מאָל געפינען. מען דאַרף זיך ווענדן צו די אַדוואָקאַטן, — האָט דער פּאָרזיצער געזאָגט, אָנגעטון דעם הוט עטוואָס אָן אַ זייט און האָט זיך אַלץ גערוקט צו דעם אַרויסגאַנג.

— אָבער דאָס איז דאָך שרעקלעך.

— מאַסלאָווען, זעט איר, איז פאַרגעשטאַנען איינס פון די ביידע, — האָט דער פּאָרזיצער געזאָגט, משמעות וועלנדיק זיין מיט נעכליודאָוון זייער העפלעך, אַ גלעט געטון די באַקנבערד איבערן קראַגן פון מאַנטל, און, נעמענדיק אים לייכט אונטערן אָרעם, געווענדט די טריט צו דער אַרויסגאַנג־טיר און גערעדט ווייטער: — איר גייט דאָך אויך?

— יאָ, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, גיך זיך אָנגעטון און אַוועק מיט אים.

זיי זענען אַרויס אויף דער העלער, לוסטיק-מאַכנדיקער זון און גלייך האָט מען געדאַרפט רעדן העכער, צוליבן גערויש פון די רעדער איבערן ברוק.

— די לאַגע, זעט איר, איז אַ מאָדנע — האָט ווייטער גערעדט דער פּאָרזיצער, העכערנדיק דערביי די שטימע: — מאַסלאָוואַ האָט געקאָנט כמעט פרייגעשפּראָכן ווערן: תּפיסה, מען וואָלט איך געקאָנט פאַררעכענען דאָס, וואָס זי איז אָפּגעזעסן, אַזוי אַרום, אַז ס׳וואָלט געווען נישט מער, ווי אַרעסט, — אָדער די צווייטע מעגלעכקייט: קאַטאָרגע — קיין מיטן איז נישטאָ. אויב איר וואָלט צוגעגעבן די ווערטער: „אָבער אָן אַ מאָרד-פּרעמידיטאַציע”, וואָלט זי געוואָרן פרייגעשפּראָכן.

— איך האָב פאַרברעכעריש דאָס פאַרזעען. — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— אָט אין דעם טאַקע איז די גאַנצע זאַך, — האָט דער פּאָרזיצער שמייכלענדיק געענטפערט, קוקנדיק אויפן זייגער.

ס׳איז פאַרבליבן נאָך דריי פערטל שעה צו דער צייט, וואָס קלאַראַ האָט באַשטימט.

— איצט, אויב איר ווילט, ווענדט זיך צו אַן אַדוואָקאַט. מען דאַרף געפינען די סיבה צו דער קאַסאַציע. דאָס קאָן מען אַלעמאָל געפינען. אויף דער דוואָריאַנסקאַ, — האָט ער געענטפערט דעם דראָזשקאַזש: — 30 קאָפּיקעס, — מער צאָל איך קיינמאָל נישט.

— אייער עקסעלענץ, ביטע.

— איך האָב די ערע. אויב איך קאָן מיט עפּעס דינען, בין איך אַלעמאָל גרייט, דוואָרניקאָוו הויז אויף דער דוואָריאַנסקאַ. ס׳איז לייכט פאַרגעדענקען.

ער האָט פריינטלעך זיך אַ נייג געטון און איז אַוועקגעפאָרן.

XXV.

דאָס געשפּרעך מיטן פּאַרזיצער און די רײנע לופט האָבן עטוואָס נעכליודאָוון באַרויקט. ער האָט איצט אַ טראַכט געטון, אַז דאָס אַלץ וואָס ער האָט דורכגעפילט, איז געווען איבערגעטריבן, ווייל ער האָט אַ גאַנצן פרימאָרגן פאַרבראַכט אין אַזעלכע אומגעוויינלעכע באַדינגונגען.

„פאַרשטייט זיך, ס'איז אַ וווּנדערלעכער און אויסערגע ײנלעכער צופאַל! און מען דאַרף טון אַלץ, וואָס איז מעגלעך, כדי פאַרלײכטערן איר גורל, און טון דאָס, וואָס גיכער. טאַקע באַלד. יאָ, מען דאַרף דאָ אין געריכט זיך דערוויסן, ווו ס'וווינט פאַנאַרין אָדער מיקישין". ער האָט זיך דערמאַנט אָן צוויי באַרימטע אַדוואָקאַטן.

נעכליודאָוו האָט זיך אומגעקערט אינם געריכט, אויסגעטון דעם מאַנטל און איז אַוועק אַרויף. אין ערשטן קאָרידאָר האָט ער באַגעגנט פאַנאַרינען. ער האָט אים אָפּגעשטעלט און געזאָגט, אַז ער האָט צו אים אַן ענין. פאַנאַרין האָט אים געקענט אין פּנים און לויט דער פאַמיליע און געזאָגט, אַז ער וועט זײן זײער צופרידן צו טון פאַר אים אַלץ, וואָס איז מעגלעך.

— הגם איך בין מיד... אָבער אויב ס'איז נישט לאַנג, טאָ דער־ציילט מיר אײער ענין; קומט אַרײן אַהער.

און פאַנאַרין האָט אַרײנגעפירט נעכליודאָוון אין עפּעס אַ צימער, משמעות, אַ קאַבינעט פון עפּעס אַ ריכטער. זײ האָבן זיך געזעצט באַם טיש.

— נו, וועגן וואָס האַנדלט זיך?

— קודם־כל, וועל איך אײך בעטן, אַז קײנער זאָל נישט וויסן, אַז איך האָב אַ שײכות צו דעמדאָזיקן ענין, — האָט נעכליודאָוו גע־זאָגט.

— נו, דאָס פאַרשטייט זיך פון זיך אַלײן. אַלזאָ...

— איך בין הײנט געווען אַ געשווירענער און מיר האָבן פאַר־משפּט אַ פרוי אויף קאַטאָרגע — אַן אומשולדיקע. מיך מאַטערט דאָס. נעכליודאָוו איז אומגעריכט פאַר זיך אַלײן רויט געוואָרן און זיך

אָפּגעהאַקט. פּאַנאַרין האָט אַ בלישטש געטון מיט די אויגן און זיי ווידער אַראָפּגעלאָזט און זיך צוגעהערט.

— נו, — האָט ער געזאָגט.

— מען האָט פאַרמשפּט אַן אומשולדיקע און איך וואָלט וועלן קאַסירן דעם פּראָצעס און איבערטראָגן אים אין אַ העכערער אינסטאַנץ.

— אין סענאַט, — האָט פּאַנאַרין פאַרבעסערט.

— אַלזאָ, בעט איך אייך זיך נעמען דערפאַר.

נעכליודאָוו האָט געוואָלט ענדיקן דאָס סאַמע אומאָנגענעמסטע וואָס גיכער און דעריבער האָט ער גלייך געזאָגט:

— דעם האָנאָראַר, הוצאות באַם פּראָצעס וועל איך דעקן, ווי גרויס זיי זאָלן נישט זיין. — האָט ער געזאָגט און איז רויט געוואָרן.

— נו, מיר וועלן דורכקומען, — האָט געענטפערט דער אַדוואָקאַט, לייכט שמייכלענדיק פון נעכליודאָווס נישט דערפאַרנקייט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַן ענין?

נעכליודאָוו האָט דערציילט.

— גוט, מאָרגן וועל איך זיך נעמען פאַרן פּראָצעס און כ׳וועל אים דורכקוקן. און איבערמאָרגן, ניין, דאָנערשטיק, קומט צו פאָרן צו מיר זעקס אַ זייגער אין אָוונט און איך וועל אייך געבן אַ תשובה. אַלזאָ, אַזוי? נו, קומט, איך דאַרף דאָ נאָך עפּעס אַ קוק טון.

נעכליודאָוו האָט זיך מיט אים געזעגנט און איז אַרויס.

דער שמועס מיטן אַדוואָקאַט און דאָס וואָס ער האָט שוין אָנגענומען שריט, כדי צו פאַרטיידיקן מאַסלאָוואַ, האָבן אים נאָך מער באַרויקט. ער איז אַרויס אויפן הויף: דאָס וועטער איז געווען הערלעך, ער האָט מיט פרייד איינגעאָטעמט די פרילינגדיקע לופט. דראָזשקער האָבן אים פאָרגעלייגט זייער דינסט, אָבער ער איז אַוועק צו פוס, און גלייך האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ מחנה געדאַנקען און דערינערונגען וועגן קאַטיושען, און ווי ער האָט זי באַהאַנדלט. און אים איז געוואָרן טרויעריק און אַלץ האָט אויסגעזען פינצטער. „ניין, דאָס וועל איך באַטראַכטן שפּעטער", האָט ער געזאָגט צו זיך. „און איצטער פאַרקערט, דאַרף מען פאַרגעסן די שווערע איינדרוקן".

ער האָט זיך דערמאָנט אַן מיטאָג באַ די קאָרטשאַגינס און האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער. ס׳איז נאָך נישט געווען שפּעט און ער האָט נאָך געקאָנט באַווייזן צום מיטאָג. פאַרביי האָט אַ קלונג געטון די קאָנקע. ער האָט זיך געלאָזט לויפן און איז אַריינגעשפּרונגען אין איר. אויפן

פלאַץ איז ער אַראָפּגעשפּרונגען, גענומען אַ גוטע דראָזשקע און אין צען מינוט אַרום איז ער געווען בּאַם פּראָנט-אַרייַנגאַנג פונם גרויסן הויז פון די קאָרטשאַגינס.

XXVI.

— בּיטע, אייער דורכלויכט ! מ׳וואַרט, — האָט דער פריינדלעכער, דיקער שווייצאַר פון דעם גרויסן הויז פון די קאָרטשאַגינס געזאָגט, עפע־נענדיק די דעמבּענע פּראָנט-טיר, וועלכע האָט זיך אָן געריוש באַוועגט אויף ענגלישע זאַוויעסעס.

דער שווייצאַר איז צו צו די טרעפּ און אָנגעקלונגען אַרויפצו.

— פאַראַן ווער ? — האָט נעכליודאָוו, אַראָפּנעמענדיק דאָס מאַנטל, געפרעגט.

— ה׳ קאָלאָסאָוו און מיכאַיל סערגעיעוויטש, אַזוי בּלויז די איי־גענע, — האָט דער שווייצאַר געענטפערט.

פון די טרעפּ האָט אַרויסגעקוקט אַ בּילדשיינער לאָקיי, אין אַ פראַק און ווייסע האַנטשן.

— בּיטע, אייער דורכלויכט, — האָט ער געזאָגט. — מ׳האָט גע־הייסן אייך בּעטן.

נעכליודאָוו איז אַרויף אויף די טרעפּ און איבּער דעם בּאַקאַנטן, גרויסאַרטיקן און געריימען זאַל אַדורך אין דעם עסצימער אַריין. אין עסצימער בּאַם טיש איז געזעסן דאָס גאַנצע הויזגעזינט, מיט דעם אויס־נאַם פון דער מוטער, דער פירשטין סאָפיאַ וואַסיליעווגאַ, וועלכע פלעגט קיינמאָל נישט אַרויס פון איר קאַבּינעט. אויבּנאַן בּאַם טיש איז געזעסן דער אַלטער קאָרטשאַגין, לעבּן אים צו דער לינקער האַנט — דער דאָק־טאָר, פון דער אַנדערער זייט — דער גאַסט איוואַן איוואַנאָוויטש קאָלאָ־סאָוו, אַ געוועזענער גובּערניאַלער מאַרשאַל, איצט פאַרוואַלטונגס-מיטגליד פון אַ בּאַנק, קאָרטשאַגינס אַ ליבּעראַלער חבר ; דאַן פון דער לינקער זייט מיס רעדער, די גוווערנאַנטין פון דער קליינער שוועסטער מיסי, און דאָס פירערינקע מיידעלע זעלבּסט ; פון דער רעכטער זייט, קעגנאַי־בּער, מיסיס בּרודער, קאָרטשאַגינס בּן-יחיד, דער גימנאַזיסט פון דער 6-טער קלאַס, פּעטיאַ, וואָס צוליבּ אים איז די גאַנצע פאַמיליע, אין דער

דערוואַרטונג פון זיינע עקזאַמענס, געבליבן אין שטאָט. אויך אַ סטודענט אַ רעפּעטיטאָר; דערנאָך לינקס — קאַטערינאַ אַלעקסעיעוונאַ, אַ 40 יעריק מיידל, אַ סלאַוואָפילין: קעגנאיבער מיכאַיל סערגעיעוויטש אָדער מישאַ טעלעגין, מיסיס אַ שוועסטערקינד, און אונטן באַם טיש מיסי אַליין און לעבן איר אַ נישט באַרירטער סערוויז.

— דאָס איז שיין! זעצט זיך, מיר האַלטן ערשט באַ די פיש, — האָט דער אַלטער קאָרטשאַגין, קוים און פאָרזיכטיק קייענדיק מיט די אַריינגעשטעלטע ציין, אַרויסגערעדט, אויפהייבנדיק אויף נעכליודאָוון די מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן אָן קענטיקע וויעס.

— סטעפאַן, — האָט ער מיט אַ פול מויל זיך געווענדט צו דעם דיקן מאַיעסטעטישן בופעטמאַן, ווייזנדיק מיט די אויגן אויף דעם ליידיקן סערוויז. הגם נעכליודאָוו האָט גוט געקענט און אַ 30 מאָל און טאָקע באַ מיטאָג געזען דעם אַלטן קאָרטשאַגינען, האָט אים דאָסמאָל באַזונדערס אומאָנגענעם איבערראַשט דאָסדאָזיקע רויטע פנים מיט די תאווהדיקע ליפן איבער דעם סערוועטל, פאַרלייגט הינטערן וועסטל, און דער פעטער האַלז, דערהויפט — דידאָזיקע גאַנצע אָנגעשטאָפטע גענעראַלישע פיגור.

נעכליודאָוו האָט זיך נישט ווילנדיק דערמאָנט, וואָס ער האָט געוווּסט וועגן דער אַכזריות פון דעמדאָזיקן מענטש, וועלכער האָט גאָט ווייסט צוליב וואָס, — וואָרום ער איז געווען רייך און חשוב און ער האָט נישט געהאַט נייטיק זיך אַרויפצואַרבעטן אין דינסט, — געשמיסן און אפילו — געהאָנגען מענטשן, בשעת ער איז געווען דער שעף פון דער געגנט.

— די מינוט וועט מען דערלאַנגען, אייער דורכלויכט, — האָט כטעפאַן געזאָגט, אַרויסבאַקומענדיק פון דעם מיט זילבערנע וואַזעס באַשטעלטן בופעט אַ גרויסן קאָכלעפל און ווינקענדיק דעם באַשיידענעם לאָקיי מיט די באַקנבערד, וועלכער האָט גלייך גענומען צורעכט מאַכן לעבן מיסין דעם אומבאַרירטן סערוויז, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט אַ קונציק צונויפגעלייגט. געקראָכמאַלעט סערוועטל מיט אַן אַרויסשטאַרצנדיקן הערב.

נעכליודאָוו איז פאַרבייגעגאַנגען דעם גאַנצן טיש, אַלעמען דריקנדיק די הענט. אַלע, אַ חוץ דעם אַלטן קאָרטשאַגין און די דאַמען, זענען אויפגעשטאַנען, ווען ער איז צו זיי צוגעגאַנגען. און דאָסדאָזיקע פאַר-

בייגיין דעם טיש אַרום און דאָס דריקן די הענט אַלע בייגע־וועזענע, הגם מיט די מערסטע פון זיי האָט ער קיינמאָל נישט גערעדט, איז אים דאָסמאָל פאַרגעקומען באַזונדערס אומאָנגענעם און לעכערלעך. ער האָט זיך אַנטשולדיקט, פאַרוואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט, און האָט זיך געוואָלט אַוועקזעצן אויף דעם ליידיקן פּלאַץ אין עק טיש צווישן מיסין און קאַטערינאַ אַלעקסעיעווגאַ. אָבער דער אַלטער קאָרטשאַגין האָט געפאָדערט, אַז ער זאָל, אויב ער טרינקט אפילו נישט קיין בראָנפן, זאָל פונדעסטוועגן צובייסן באַם טיש, אויף וועלכן עס זענען געווען אָמאַרן, לאַקס, קעזן, הערינג. נעכליודאָוו האָט זיך נישט געריכט, ער זאָל זיין אַזוי הונגעריק, אָבער אָנגעהויבן צו עסן ברויט מיט קעז, האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּשטעלן און גיריק געגעסן.

— נו, וואָס אַרונטערגעריסן די יסודות? — האָט קאָלאָסאָוו געזאָגט, געברויכנדיק איראָניש דעם אויסדרוק פון אַ רעאַקציאָנערער צייטונג, וועלכע איז אַרויסגעטרעטן קעגן דעם געריכט פון געשווירענע. — פרייגעשפּראָכן שולדיקע, פאַרמשפּט די אומשולדיקע, אַ יאָר?

— אַרונטערגעריסן די יסודות... אַרונטערגעריסן די יסודות... — האָט לאַכנדיק איבערגעחזרט דער פירשט, וועלכער האָט געשפּירט אַ אומבאַגרענעצטן צוטרוי צו דעם שכל און דער געלערנטקייט פון זיין ליבעראַלן חבר און פריינט.

נעכליודאָוו האָט, ריזיקירנדיק צו זיין" אומהעפלעך, קאָלאָסאָוון גאָרנישט געענטפערט און, זיך אַוועקגעזעצט צו דער דערלאַנגטער רויכערנדיקער זופּ, נישט אויפגעהערט צו קייען.

— לאָזט אים פריער אָפּעסן, — האָט מיסי שמייכלענדיק זיך אָנגערופן, דערמאַנענדיק מיט דעמדאָזיקן פראַנאָמען „אים" איר נאָענטקייט מיט אים.

דערווייל האָט קאָלאָסאָוו לעבעדיק און הויך איבערדערציילט דעם אינהאַלט פון אַן אַרטיקל קעגן דעם געריכט פון געשווירענע, וועלכעס האָט אים אַרויסגעבראַכט פון די כּלים. מיכאַיל סערגעיעוויטש, דער פּלימעניק, האָט אים צוגעבאָמקעט און איבערדערציילט דעם אינהאַלט פון אַן אַנדערן אַרטיקל פון דער זעלביקער צייטונג.

מיסי איז, ווי שטענדיק, געווען זייער distinquée און שיין, אומבאַמערקט שיין אָנגעטון.

— איר זענט, ווייזט אויס, שרעקלעך פאַרמאַטערט, הונגעריק, —

האָט זי געזאָגט צו נעכליודאָוון, איבערוואַרטנדיק, ביז ער וועט אויפ־הערן קייען.

— ניין, נישט איבעריקס. און איר? איר זענט געפאָרן קוקן די בילדער? — האָט ער געפרעגט.

— ניין מיר האָבן עס אָפּגעלייגט. מיר זענען געווען אויפן לאָון־טעניס בא די סאַלאַמאַטאָווס. באמת, מיסטער קרוקס שפּילט וווּנ־דערלעך.

נעכליודאָוו איז אהערגעקומען צו פאָרן זיך צו צעשטרייען, און אַלעמאָל איז אים אין דעמדאָזיקן הויז געווען אָנגענעם, נישט נאָר מחמת יענעם גוטן טאָן פון לוקסוס, וואָס האָט אָנגענעם געווירקט אויף זיינע חושים, נאָר אויך מחמת יענער אַטמאָספערע פון חניפישער פריינטלעכקייט, וועלכע האָט אים אומבאַמערקט אַרומגערינגלט. דאָסמאָל אָבער, אַ מאָדנע זאַך, איז אַלצדינג אין דעמדאָזיקן הויז געווען אים דערווידער, אַלצדינג, אָנגעהויבן פון דעם שווייצאַר, פון די ברייטע טרעפּ, פון די בלומען, לאָקייען, געגרייטן טיש ביז צו מיסין גופא, וועלכע האָט אים דאָסמאָל אויסגעזעען נישט צוציענדיק און נישט נאַטירלעך. אים איז געווען אומ־אָנגענעם דערדאָזיקער זעלבסטזיכערער, באַנאַלער, ליבעראַלער טאָן קאָ־לאָסאָווס, אומאָנגענעם געווען די אָקסענע זעלבסטזיכערע תאווהדיקע פיגור פון דעם אַלטן קאָרטשאַגין, אומאָנגענעם געווען די פראַנצויזישע פראַזן פון דער סלאַוואָפילין קאַטערינאַ אַלעקסעיעוונאַ, אומאָנגענעם גע־ווען די פאַרשטייפטע פּנימער דער גווערנאַנטינס און דעם רעפּעטיטאָרס, בפרט אומאָנגענעם געווען דער פראַנאָמען „אים”, וואָס איז געזאָגט גע־וואָרן וועגן אים... נעכליודאָוו האָט זיך אַלעמאָל געוואַקלט צווישן צוויי באַציונגען צו מיסין: דאָ האָט ער ווי פאַרזשמורענדיק זיך, אָדער ווי בא דער לבנה־שיין געזעען אין איר אַלדאָס שיינס: זי האָט אים אויס־געוויזן אי פריש, אי שיין, אי קלוג, אי נאַטירלעך... און דאָ פלעגט ער פּלוצלינג, ווי באַם העלן זונענשיין, — נישט געקאָנט נישט זעען דאָס אַלץ, וואָס איר איז אָפּגעגאַנגען. דאָסמאָל איז פאַר אים געווען אַזאַ מין טאָג. ער האָט געזעען היינט אַלע קנייטשלעך אויף איר פּנים, געוווּסט, געזעען, ווי די האָר אירע זענען אויפגעשלאָגן, געזעען די שאַרפקייט פון די עלנבויגנס און דערהויפּט געזעען דעם ברייטן נאָגל פון דעם גראָבן פינגער, וואָס האָט דערמאַנט פונקט אַזאַ נאָגל דעם פאָטערס.

— אַ לאַנגווייליקע שפּיל ביז גאָר, — האָט קאָלאָסאָוו געזאָגט

וועגן טעניס. — אַ סך פריילעכער איז געווען קליפּקעס, ווי מיר האָבן קינדערווייז געשפּילט.

— ניין, איר האָט עס נישט געפּרווט. דאָס איז שרעקלעך שפּאַ־נענדיק, — האָט מיסי אָפּגעענטפערט, באַזונדערס אומנאַטירלעך אַרויס־רעדנדיק דאָס וואָרט „שרעקלעך", ווי נעכליודאָוו האָט זיך אָפּגעע־דאַכט.

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויכוח, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַ־טייליקט אויך מיכאַיל סערגעיעוויטש און קאַטערינאַ אַלעקסעיעוונאַ. בלויז די גוווערנאַנטין, דער רעפּעטיטאָר און די קינדער האָבן געשוויגן, האָבן זיך — באַשיינפּערלעך — געלאַנגווײַליקט.

— אייביק אַמפּערן זיי זיך! — האָט לאַכנדיק הויך אויף אַ קול דער אַלטער קאָרטשאַגין געזאָגט, אַרויסנעמענדיק דאָס סערוועטל פון הינטערן וועסטל אָפּער, און רודערנדיק מיט דער שטול, וועלכע דער לאַקיי האָט תיכף־ומיד אַוועקגעכאַפּט, איז ער אויפגעשטאַנען פון טיש, נאָך אים האָבן זיך אויך אַלע איבעריקע אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צו דעם טישל, וווּ עס זענען געשטאַנען שווענק־שיסעלעך און ס׳איז געווען אָנגעגאָסן באַשמעקט וואַסער, און שווענקענדיק די מײַלער האָבן זיי ווייטער געפירט דעם פאַר קיינעם נישט אינטערעסאַנטן שמועס.

— אַיאָ? — האָט מיסי זיך געווענדעט צו נעכליודאָוון, אַרויסרופנ־דיק אים, ער זאָל באַשטעטיקן איר מיינונג וועגן דעם, אַז אין קיין זאַך זעט זיך אַזוי נישט אַרויס אַ מענטשס כאַראַקטער, ווי אין אַ שפּיל. זי האָט אויף זיין פּנים געזען יענע קאָנצענטרירטקייט און, ווי איר האָט זיך געדאַכט, דעם פאַרוואָרפספולן אויסדרוק, פאַר וועלכן זי האָט מורא געהאַט אין אים, האָט זי געוואָלט געוויר ווערן, דורך וואָס ער איז אַרויסגערופן געוואָרן.

— כ׳לעבן, איך ווייס נישט, איך האָב קיינמאָל דערפון נישט גע־טראַכט, — האָט נעכליודאָוו געענטפערט.

— איר וועט גיין צו מאַמאַ? — האָט מיסי געפרעגט.

— יאָ, יאָ, — האָט ער געזאָגט, אַרויסנעמענדיק אַ פּאַפּיראָס און מיט אַזאַ טאָן, וועלכער האָט דײַטלעך גערעדט, אַז אים וויל זיך נישט גיין.

זי האָט אַ קוק געטון אויף אים מיט אַ שטימער פראַגע און ער האָט זיך ווי פאַרשעמט. „באמת, קומען צו פאָרן צו מענטשן נאָר כדי אָנצוּוואַרפן אויף זיי אַן אומעט", האָט ער אַ טראַכט געטון וועגן זיך

און זיך באַמיענדיק צו זיין העפלעך, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט מיט פאַרגעניגן גיין, אויב די פירשטין וועט אויפנעמען.

— יאָ, יאָ, די מאַמאַ וועט זיין צופרידן. רייכערן וועט איר דאָרטן אויך קאָנען. איוואַן איוואַנאָוויטש איז אויכעט דאָרטן.

די ווירטין פון הויז, פירשטין סאָפיאַ וואַסיליעוונאַ, איז געווען אַ ליגנדיקע דאַמע. זי איז שוין דאָס אַכטע יאָר פאַר געסט געלעגן אין שפּיצן, אין בענדער צווישן סאַמעט, באַגילדעכץ, העלפאַנטביין, בראָנז, לאַק און בלומען און איז אין ערגעץ נישט געפאָרן און האָט אויפגענו־מען, ווי זי פלעגט זאָגן, נאָר „אירע פריינט“, דאָס הייסט, דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך, לויט איר מיינונג, מיט עפּעס אויסגעטיילט פון דעם המון. נעכליודאָוו פלעגט אויפגענומען ווערן אין דער צאָל פון דידאָזיקע פריינט סיי דערפאַר, ווייל מ'האָט אים געהאַלטן פאַר אַ קלוגן יונגנמאַן, סיי דער־פאַר, ווייל זיין מוטער איז געווען אַ נאָענטער פריינט פון דער פאַמיליע, סיי דערפאַר, ווייל ס'וואָלט זיין אַ גלייכע זאַך, ווען מיסי וואָלט מיט אים חתונה האָבן.

דער פירשטין סאָפיאַ וואַסיליעוונאַס צימער איז געווען הינטער דעם גרויסן און קליינעם גאַסטצימער. אין דעם גרויסן גאַסטצימער איז מיסי, וועלכע איז געגאַנגען פאָרויס פאַר נעכליודאָוון, געבליבן אַנטשלאָ־סענערהייט און, זיך אָנגענומען פאַר דעם אָנלען פון אַ באַגילדעט שטו־לעכל, האָט זי אַ קוק געטון אויף אים.

מיסי האָט זייער געוואָלט חתונה האָבן, און נעכליודאָוו איז געווען אַ גוטער שידוך. אויסערדעם איז ער איר געפעלן און זי האָט זיך צו־געוויינט צו דעם געדאַנק, אַז ער וועט זיין אירער (נישט זי וועט זיין זיינע, נאָר ער אירער), און מיט אומבאַוווסטזיניקער, אָבער איינגעשפּאַר־טער געשייטקייט. ווי עס טרעפט בײַ פּסיכיש־קראַנקע, האָט זי זיך דערנענטערט צו דער דערגרייכונג פון איר ציל. זי האָט מיט אים איצט אָנגעהויבן צו רעדן, כּדי אַרויסצורופן אים אויף אַ דער־קלערונג.

— איך זע, אַז מיט אייך איז עפּעס געשען, — האָט זי גע־זאָגט: וואָס איז מיט אייך?

ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין באַגעגעניש אויפן געריכט, האָט זיך אָנגעבראָגזט און איז רויט געוואָרן.

— יאָ, געשעען, — האָט ער געזאָגט, אויס דעם פאַרלאַנג צו זיין

וואָרהאַפּטיק: — אַן אויסטערלישע, אַן אומגעווייגלעכע און אַ וויכטיקע געשעניש.

— וואָס אַזוינס? איר קאָנט נישט זאָגן וואָס?

— איצט קאָן איך נישט. דערלויבט מיר — נישט צו זאָגן. עס איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב נאָך נישט צייט געהאַט צו באַטראַכטן ווי געהעריק, — האָט ער געזאָגט און איז נאָך רויטער געוואָרן.

— און איר וועט מיר נישט זאָגן? — אַ מוסקול אויף איר פּנים האָט אַ ציטער געטון, און זי האָט אַ רוק געטון דאָס שטולעכל, אַן וועלכן זי האָט זיך געהאַלטן.

— ניין, איך קאָן נישט, — האָט ער געענטפערט, פילנדיק, אַז ענטפערנדיק איר אָט אַזוי, האָט ער געענטפערט זיך אַליין, מודה געווען, אַז מיט אים איז באמת טאַקע געשען עפּעס זייער וויכטיקס.

— נו, טאָ קומט, לאָמיר גיין.

זי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, גלייך ווי אָפּטרייבנדיק אומנייטיקע געדאַנקען, און איז אַוועק פאָרויס מיט גיכערע טריט, ווי געוויינלעך.

אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי האָט אומנאַטירלעך פאַרדריקט דאָס מויל, איינצוהאַלטן די טרערן. ער האָט ווי דערפילט אַ חרטה און אַ ווייטיק, וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט עגמת-נפש, ער האָט אָבער געוווסט, אַז די מינדסטע שוואַכקייט וועט אים אומברענגען, ד. ה. וועט אים בינדן. און אַצינד האָט ער דערפאַר מורא געהאַט מער ווי פאַר אַלץ. און שווייגנדיק האָט ער זי אַנטערגעפירט ביז צו דער פירשטנס קאַבינעט.

XXVII.

די פירשטין סאָפיאַ וואַסיליעוונאַ האָט געענדיקט איר מיטאָג, דאָס זייער ראַפינירטע און נאַרהאַפטע, וועלכעס זי פלעגט שטענדיק עסן איינע אַליין, כדי קיינער זאָל זי נישט זעען אין דערדאָזיקער נישט פּאָעטישער פונקציע. לעבן איר סאָפע איז געשטאַנען אַ טישל מיט קאַווע און זי האָט גערייכערט אַ פּאַפּיראָס. די פירשטין סאָפיאַ וואַסיליעוונאַ איז געווען אַ דאַרע, אַ לאַנגע ברונעטין, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן יונג, מיט לאַנגע ציין און גרויסע שוואַרצע אויגן.

מען האָט גערעדט שלעכטס וועגן אירע באַציִונגען מיטן דאָקטאָר. נעכליודאָוו פלעגט דאָס פריִער פאַרגעסן, אָבער איצט האָט ער זיך נישט באַר דערמאַנט, נאָר ווען ער האָט דערזעען בּאַ איר שטול דעם דאָקטאָר מיט זיין פעט באַשמירטער, גלאַנציקער, אויף צווייען צעקעמטער באָרד, איז אים געוואָרן שרעקלעך עקלדיק.

לעבן סאָפיאַ וואַסיליעוונען, אויף אַ נידעריקן, ווייכן פאָטעל איז געזעסן קאָלאָסאָוו און געמישט די קאַווע. אויפן טישל איז געשטאַנען אַ קעלישאָק ליקער.

מיסי איז אַריין צוזאַמען מיט נעכליודאָוון צו דער מוטער, אָבער זי איז נישט פאַרבליבן אין צימער.

— ווען די מאַמע וועט מיד ווערן און וועט אייך דורכטרייבן, קומט צו מיר, — האָט זי געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו קאָלאָסאָוון און נעכליודאָוון מיט אַזאַ טאָן, אַזוי ווי צווישן זיי וואָלט גאָרנישט נישט פאָרגעקומען, האָט פריילעך אַ שמייכל געטון און שטיל שפּרייזנדיק איבערן דיקן טעפּיך, איז זי אַרויס פון צימער.

— נו, אַ גוט מאָרגן אייך, מיין פריינט, רעדט זיך און דערציילט, — האָט די פירשטין סאָפיאַ וואַסיליעוונאַ געזאָגט מיט איר געקינסטלטן פאַלשן שמייכל, וואָס האָט אָבער אויסגעזעען זייער נאַטירלעך, און האָט אויפגעעפנט צוויי ראָנדן שיינע לאַנגע ציין, וועלכע זענען געווען אויסערגעוויינלעך קונציק געמאַכט, פונקט אַזעלכע, ווי עס וואָלטן געווען אמתע. — מען זאָגט מיר, אַז איר זענט געקומען פון געריכט אין זייער

א שלעכטער שטימונג. איך מיין, אז דאָס איז זייער פיינלעך פאר א מענטש, וואָס האָט א הארץ, — האָט זי ארויסגערעדט אויף פראנצויזיש.

— יאָ, דאָס איז אמת, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט : — אָפּט פילסטו דיין אומ... דו פילסט, אז דו האָסט נישט קיין רעכט צו משפטן...

— Comme c'est vroi*), — האָט זי אויסגעשריגן, ווי איבעראשט פון דער אמתדיקייט פון זיין באמערקונג און פונקט ווי אלעמאָל קונציק הנפענענדיק איר מיטשמועסער.

— נו, און וואָס הערט זיך מיט אייער בילד, עס אינטערעסירט מיך זייער, — האָט זי צוגעגעבן, — ווען נישט מיין קראנקייט, וואָס עמידט מיך צו צום הויז, וואָלט איך שוין לאנג בא אייך געווען.

— איך האָב עס אינגאנצן אוועקגעוואָרפן, — האָט נעכליודאָוו געענטפערט. איצט האָט ער דייטלעך ארויסגעזעען איר חניפה, פונקט ווי איר אלטקייט, וואָס זי האָט זיך אזוי באמיט צו פארבאהאלטן. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט זיך איינשטימען, אז ער זאָל זיין מיט איר העפלעך.

— דאָס איז א שאָד ! איר ווייסט, — האָט זי זיך געווענדט צו קאָלאָסאָוון, — מיר האָט רעפין אליין געזאָגט, אז ער פארמאָגט אן אמתן טאלאנט.

„ווי זי שעמט זיך נישט אזוי צו לייגן", — האָט נעכליודאָוו מיט כעס געטראכט.

זיך איבערצייגט, אז נעכליודאָוו איז שלעכט געשטימט און אריינציען אים אין אן אנגענעמען און קלוגן שמועס, איז אוממעגלעך, האָט סאָפיא וואסיליעווגא זיך געווענדט צו קאָלאָסאָוון מיט א פראגע, ווי איז זיין מיינונג וועגן דער נייער דראמע, און געפרעגט האָט זי עס מיט אזא טאָן, פונקט ווי זיין מיינונג האָט באדארפט אנטשיידן אלע ספקות, און יעדעס וואָרט זיינס האָט באדארפט ווערן פאראייביקט. קאָלאָסאָוו האָט קריטיקירט די דראמע און דערביי ארויסגעזאָגט זיין קוק אויף קונסט.

די פירשטין סאָפיא וואסיליעוונא איז געוואָרן איבערראשט פון דער ריכטיקייט פון זיינע מיינונגען, זי האָט געוועזט געוואָלט פארטיידיקן דעם מחבר פון דער דראמע, אָבער זי פלעגט זיך אָדער גלייך

*) ווי דאָס איז ריכטיק.

אונטערגעבן, אָדער מאַכן אַ פּשרה. נעכליודאָוו האָט געהערט און געזען, אָבער ער האָט געהערט און געזען גאָרנישט דאָס, וואָס איז געווען פאַר זיינע אויגן.

הערנדיק דעם שמועס סאָפיאַ וואַסיליעוונעס און קאָלאָסאָווס, האָט נעכליודאָוו דייטלעך געזען ערשטנס, אַז נישט די פירשטין און נישט קאָלאָסאָוו אינטערעסירן זיך מיט דער דראַמע און נישט איינע מיט די אַנדערע. און אויב זיי שמועסן, איז נאָר כּדי צו באַפרידיקן די פיזיאָלאָגישע באַדערפעניש נאָכן עסן, צו באַוועגן מיט די מוסקולן פון דער צונג און האַלז; צווייטנס, אַז קאָלאָסאָוו, וועלכער האָט געמאַכט אַ שנאַפּס פון בראָנפן, ווײַן און ליקער, איז געווען עטוואָס שיכּור, נישט אַזוי שיכּור, ווי עס זענען שיכּור פויערים, וואָס טרינקען נישט אָפט, נאָר ווי די לייט, וואָס האָבן זיך געמאַכט אַ געוווינהייט צו טרינקען. ער האָט זיך נישט געשאָקלט, נישט גערעדט קיין נאַרישקייטן, אָבער ער איז געווען אין אַן אומנאָרמאַלן אויפגערעגטן צושטאַנד, צופרידן מיט זיך; — דריטנס, האָט נעכליודאָוו געזען, אַז די גרעפין סאָפיאַ וואַסיליעוונאַ האָט אינמיטן שמועס אומרויק געקוקט אין פענצטער, דורך וועלכן ס'האָט גענומען אַריינדרינגען אַ קרומער זונען-שטראַל, וואָס האָט געקאָנט קלאָר באַלויכטן די אַלטקייט פון איר געזיכט.

— ווי דאָס איז ריכטיק, — האָט זי געזאָגט אויף קאָלאָסאָווס עפּעס אַ באַמערקונג און האָט אַ דריק געטון אין וואַנט בײַ דער סאָפע דאָס קנעפּל פון גלעקל.

אין דער צייט איז דער דאָקטאָר אויפגעשטאַנען און ווי אַן איינגענער מענטש איז ער, גאָרנישט זאָגנדיק, אַרויס פון צימער. סאָפיאַ וואַסיליעוונאַ האָט אים באַגלייט מיט די אויגן, ווייטער פירנדיק דעם שמועס.

— פיליפּ, לאָזט אַראָפּ די פאָרהאַנג, איך בעט אייך, — האָט זי געזאָגט, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף דעם פאָרהאַנג, ווי נאָר אויף איר רוף איז דערשינען דער בילד-שיינער לאַקיי.

— ניין, זאָגט וואָס איר ווילט, ער פאַרמאָגט עטוואָס מיסטישס, און אָן מיסטיציזם איז נישטאָ קיין פּאָעזיע, — האָט זי גערעדט, קוקנדיק מיט איין אויג אויף די באַוועגונגען פון לאַקיי, וואָס האָט אַראָפּגעלאָזט די פאָרהאַנג.

— מיסטיציזם אָן פּאָעזיע — איז אַבערגלויבן, און פּאָעזיע אָן מיסטיציזם — איז פּראָזע, — האָט זי געזאָגט מיט אַן אומעטיקן שמייכל,

נישט אַראָפּנעמענדיק דערביי די אויגן פֿון פֿיליפּן, וואָס האָט צוריכט געמאַכט די פֿאָרהאַנג.

— פֿיליפּ, נישט דעם פֿאָרהאַנג: איך מיין דעם פֿאָרהאַנג, וואָס בײַם גרויסן פֿענצטער, — האָט סאָפֿיאַ וואַסיליעוונאַ געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, ווי עס וואָלט איר שטאַרק וויי געטון, וואָס זי דאַרף זיך אָנשטרענגען, כּדי אַרויסצורעדן דידאָזיקע ווערטער, און האָבנדיק דערפֿאַר רחמנות אויף זיך און כּדי זיך באַלד צו באַרויקן, האָט זי צוגעטראָגן צום מויל אַ שמעקעדיקן פֿלאַקאָן מיט איר האַנט, וואָס איז געווען באַדעקט מיט רינגען.

דער ברייטברוסטיקער, געזונטער, שיינער פֿיליפּ האָט זיך לייכט פֿאַרנייגט, ווי ער וואָלט זיך ווען אַנטשולדיקן, און טרעטנדיק שטיל איבערן טעפּיך מיט זײַנע שטאַרקע פֿיס, מיט די אויסגעשטאַרצטע ליטקעס, איז ער געהאָרכזאַם און שווייגנדיק אַריבערגעגאַנגען צום צווייטן פֿענצטער און, אָנגעשטרענגט קוקנדיק אויף דער פֿירשטין, האָט ער גענומען אַזוי צעשפּרייטן די פֿאָרהאַנג, אַז קיין איין זונען-שטראַל זאָל נישט וואַגן צו פֿאַלן אויף איר.

אָבער אויך איצט האָט ער נישט געטון דאָס, וואָס זי האָט פֿאַרלאַנגט, און ווידער האָט סאָפֿיאַ וואַסיליעוונאַ געמוזט איבעררייסן איר רעדע וועגן מיסטיציזם און באַווייזן דעם אומפֿאַרשטענדלעכן און אכזריותדיקן פֿיליפּן, וואָס האָט זי אַזוי פֿאַרמאַטערט, ווי ער זאָל אַראָפּלאָזן דעם פֿאָרהאַנג. בײַ פֿיליפּן אין די אויגן האָט אַ פֿינקל געטון אַ פֿײַערל פֿון גרימצאָרן.

„דער טײַוול ווייסט דיך, וואָס דו פֿאַרלאַנגסט, האָט פֿיליפּ מסתּמא בײַ זיך אַרויסגערעדט", האָט אַ קלער געטון נעכליודאָוו, באַאָבאַכטנדיק דידאָזיקע גאַנצע סצענע.

אָבער דער שיינער און שטאַרקער פֿיליפּ האָט גלייך פֿאַרבאַהאַלטן זײַן כּעס און האָט רויק גענומען טון אַזוי, ווי עס האָט פֿאַרלאַנגט די אויסגעמאַטערטע, אָפּגעשוואַכטע, די דורך און פֿאַלשע פֿירשטין סאָפֿיאַ וואַסיליעוונאַ.

— עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אין דאַרווינס לערע איז פֿאַראַן אַ געוויסער טייל אמת, — האָט קאָלאָסאָוו געזאָגט, ברייט פֿונאַנדערלייגנדיק זיך אויף דעם נידעריקן פֿאָטעל, און מיט פֿאַרשלאָפֿענע אויגן קוקנדיק אויף דער פֿירשטין סאָפֿיאַ וואַסילעוונאַ, — נאָר ער גייט אַריבער די גרענעצן.

— איר גלייבט אין ירושהדיקייט? — האָט די פֿירשטין סאָפֿיאַ

וואַסיליעוונאַ געפּרעגט נעכליודאָוו, וואָס פון זיין שוויגן האָט זי זיך געפילט געדריקט.

— אין ירושהדיקייט? — האָט נעכליודאָוו איבערגעפרעגט, — ניין איך גלייב נישט, — האָט ער געזאָגט, אינגאַנצן פאַרנומען אין דער מינוט מיט די מאָדנע געשטאַלטן, וואָס זענען עפּעס מיט אַמאָל געבוירן געוואָרן אין זיין פאַנטאַזיע. לעבן דעם שטאַרקן און שיינעם פּיליפּן, וואָס ער האָט פאָרגעשטעלט אַלס מאָדעל פאַר אַ מאָלער, האָט ער אָוועקגעשטעלט קאָלאָסאָוון אַ הוילן מיט זיין בויך, ווי אַ קיילעכדיקער קירבעס, מיט זיין פליכיקן קאָפּ און מיט די מוסקול־שוואַכע הענט, ווי די ריטלעך, אַזוי אויך אומדייטלעך האָבן זיך אים פאָרגעשטעלט די איצט מיט זייד און סאַמעט פאַרדעקטע אַקסלען פון סאָפיאַ וואַסיליעוונען, זייער אויסזען אין דערווירקלעכקייט איז אים אויסגעקומען אַזוי שרעקלעך, אַז ער האָט זיך באַמיט צו פאַרטרייבן דאָסדאָזיקע בילד.

סאָפיאַ וואַסיליעוונאַ האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן פון אויבן ביז אַראָפּ.

— מיר דאַכט זיך, אַז מיסי וואַרט אויף אייך, — האָט זי אים געזאָגט: — גייט צו איר, זי וועט פאַר אייך פאָרשפּילן גריגס אַ נייע זאַך, זייער אינטערעסאַנט.

„זי האָט גאָרנישט נישט געוואָלט פאָרשפּילן, דידאָזיקע ליגנט איז איר צוליב עפּעס נייטיק“, — האָט נעכליודאָוו אַ קלער געטון, האָט זיך אויפגעשטעלט און דריקנדיק סאָפיאַ וואַסיליעוונעס ביינערדיקע, דורכזיכטיקע האַנט, וואָס איז געווען באַדעקט מיט רינגען, איז ער אַרויס.

אין גאַסטצימער האָט אים באַגעגנט יעקאַטערינאַ אַלעקסייעוונאַ און האָט מיט אים גלייך זיך צערעדט.

— ווי איך זע, ווירקט אויף אייך די פליכט פון אַ געשווירענעם שווער, — האָט זי געזאָגט, ווי שטענדיק אויף פראַנצויזיש.

— יאָ, אַנטשולדיקט מיר. איך בין היינט נישט אין שטימונג און האָב נישט קיין רעכט אויף אַנדערע אַרויפצוואַרפן אַן אומעט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— פאַרוואָס זענט איר היינט נישט גוט געשטימט?

— דערלויבט מיר נישט צו זאָגן פאַרוואָס איך בין נישט אין אַ גוטער שטימונג, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, אויפזוכנדיק זיין הוט.

— און איר געדענקט, ווי איר האָט אַליין געזאָגט, אַז מען דאַרף שטענדיק זאָגן דעם אמת, און וואָס פאַר אַ ביטערע אמתן האָט איר אונז אַלעמען דאַן אַרויסגעזאָגט. פאַרוואָס ווילט איר איצט נישט זאָגן? געדענקסט מיסי? — האָט זיך געווענדט יעקאַטערינאַ אַלעקסייעווונאַ צו מיסי, וואָס איז צו זיי אַרויסגעגאַנגען.

— דערפאַר ווייל דאָס איז געווען אַ שפּיל, — האָט נעכליודאָוו געענטפערט ערנסט. — אין אַ שפּיל קאָן מען. אָבער אין דער ווירקלעכקייט זענען מיר אַזוי פאַרדאָרבן, — דאָס הייסט, איך בין אַזוי פאַרדאָרבן, אַז איך איבערהויפּט טאָר נישט זאָגן דעם אמת.

— קאָרעגירט נישט אייערע ווערטער, נאָר בעסער זאָגט אונז אין וואָס מיר זענען אַזוי פאַרדאָרבן, — האָט יעקאַטערינאַ אַלעקסייעוונאַ געזאָגט, שפּילנדיק מיט די ווערטער און נישט מערקנדיק נעכליודאָווס ערנסטקייט.

— ס'איז נישטאָ קיין ערגערע זאַך, ווי צו איינרעדן זיך, אַז מען איז נישט גוט געשטימט, — האָט מיסי געזאָגט. — איך בין זיך אין דעם קיינמאָל נישט מודה, און דעריבער בין איך שטענדיק גוט געשטימט. קומט אַריין צו מיר, מיר וועלן זיך באַמיען צו פאַרטרייבן אייער mauvaise humeur*).

נעכליודאָוו האָט געהאַט דאָס זעלבע געפיל, וואָס עס האָט אַ פערד, ווען מען גלעט עס, כדי אָנצוטון אויף אים די צוים און פירן איינשפּאַנען. און אים איז היינט, מער ווי שטענדיק, געווען נישט אָנגענעם צו פירן. ער האָט זיך אַנטשולדיקט, אַז ער איילט זיך אַהיים, און האָט זיך געזעגנט. מיסי האָט לענגער ווי תמיד איינגעהאַלטן זיין האַנט.

— געדענקט, אַז דאָס, וואָס איז וויכטיק פאַר אייך, איז אויך וויכטיק פאַר אייערע פריינט, — האָט זי געזאָגט. — מאָרגן וועט איר קומען?

— איך ווייס נישט געוויס, — האָט נעכליודאָוו געענטפערט. ער האָט זיך פאַרשעמט (אַליין נישט וויסנדיק פאַר זיך אָדער פאַר איר) איז רויט געוואָרן און איז שנעל אַוועק.

---

*) שלעכטע שטימונג.

— וואָס זאָל דאָס קאָנען באַדייטן? Comme cela m'intrigue*), — האָט געזאָגט יעקאַטערינאַ אַלעקסייעוונאַ, ווען נעכליודאָוו איז אַרויס. — איך מוז זיך דאָס דערוויסן. געוויס עפּעס affaire d'ammour-propre: il est tres susceptible notre cher Mitia**).

— Plutôt une affaire d'ammour sale***), — האָט מיסי געוואָלט זאָגן, אָבער האָט נישט געזאָגט און האָט געקוקט מיט אַן אַנדערן מין בליק, ווי זי האָט פריער באַגלייט נעכליודאָוון, איצט איז דער בליק געווען מאַט, אויסגעלאָשן. אָבער דעמדאָזיקן נישט פיינעם טאָן פון דעם קאַלאַמבור, וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן — האָט זי, קאַטערינאַ אַלעקסייעוונאַ, נישט אַרויסגערעדט, זי האָט בלויז געזאָגט: — יעדערער פון אונז האָט גוטע און שלעכטע טעג.

„איז מעגלעך, אַז דערדאָזיקער וועט אויך אָפּנאַרן, — האָט זי אַ קלער געטון. — נאָך דעם אַלעם, וואָס איז פאָרגעקומען, וואָלט עס געווען זייער שלעכט פון זיין זייט".

אויב מיסי וואָלט געדאַרפט דערקלערן, וואָס זי מיינט אונטער דעם וואָרט „נאָך דעם אַלעם, וואָס איז פאָרגעקומען", וואָלט זי גאָרנישט געקאָנט זאָגן קיין באַשטימטס, און דאָך האָט זי אויף זיכער געוווּסט, אַז נישט נאָר ער האָט באַ איר אַרויסגערופן האָפענונג, נאָר כמעט איר ווי צוגעזאָגט.

עס פאַרשטייט זיך, עס זענען געווען בלויז אומבאַשטימטע ווערטער, בליקן, שמייכלען, רמזים — אַלץ, ווי גערעדט דורך שווייגן. אָבער זי האָט אים געהאַלטן פאַר אירן, און פאַרלירן אים וואָלט געווען פאַר איר זייער שווער

---

*) דאָס אינטריגירט מיך.

**) עפּעס אַן ענין, וואָס אַנבאַלאַנגט זיין אייגנליבע; ער איז זייער עמפּינדלעך, אונזער פריינט מיטיאַ.

***) ביכער עפּעס אַן אומריינע ליבע. אַ קאַלאַמבור, וואָס לאָזט זיך נישט איבערזעצן.

XXVIII.

„מיאוס און שענדלעך, שענדלעך און מיאוס", — האָט נעכליו־דאָוו צו זיך אַליין גערעדט, גייענדיק צוריק אַהיים דורך די באַקאַנטע גאַסן, און דאָס שווערע געפיל, וואָס איז בא אים געבליבן פון דעם שמועס מיט מיסי, האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט געשפּירט, אַז פאָרמעל, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, איז ער קעגן איר נישט געווען שולדיק: ער האָט איר גאָרנישט געזאָגט אַזוינס, וואָס זאָל אים פאַרבינדן מיט איר, ער האָט איר נישט געמאַכט קיין פאָרשלאָג; אָבער אין תוך, האָט ער געפילט, אַז ער האָט זיך מיט איר פאַרבונדן, איר צו־געזאָגט, און גראָד היינט האָט ער דערפילט מיט זיין גאַנץ וועזן, אַז ער קאָן מיט איר נישט חתונה האָבן. „מיאוס און שענדלעך, שענדלעך און מיאוס", — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט, דערמאָנענדיק זיך נישט נאָר וועגן די באַציאונגען צו מיסי אַליין, נאָר וועגן אַלץ. „אַלץ איז מיאוס און שענדלעך", האָט ער צו זיך גערעדט, אַרויפגייענדיק אויפן גאַניק פון זיין הויז.

— קיין אָוונטברויט וועל איך היינט נישט עסן. — האָט ער אַ זאָג געטון זיין דינער קאָרניי, וואָס איז גלייך נאָך אים אַריין אין עס־צימער, ווו ס'איז פאַר אים געווען געדעקט דער טיש. — איר קאָנט גיין.

— גרייט צו דינען, — האָט קאָרניי געזאָגט, אָבער ער איז נישט אַוועקגעגאַנגען, נאָר האָט גענומען צוקלויבן פון טיש. נעכליודאָוו האָט געקוקט אויף קאָרנייען און האָט צו אים געהאַט אַ שלעכט געפיל. אים האָט זיך געוואָלט, אַז אַלע זאָלן אים לאָזן צו רו, און אים האָט זיך גע־דאַכט, אַז דווקא ווי אויף צו להכעיס שטייען אַלע בכיוון צו אים צו. בעת קאָרניי איז אַוועק מיטן סערוויז, איז נעכליודאָוו צוגעגאַנגען צום סאַמאָוואַר, כדי צו פאַרשיטן טיי, אָבער דערהערט אַגרעפענאַ פּעטראָוו־נעס טריט, איז ער, כדי זי נישט אָנצוקוקן, שנעל אַרויס אין גאַסט־צימער און פאַרשפּאַרט הינטער זיך די טיר. דאָס גאַסט־צימער — איז געווען דאָס זעלבע צימער, ווו מיט דריי חדשים צוריק איז געשטאָרבן

זיין מוטער. איצט, אַריינגייענדיק אין דעמדאָזיקן צימער, וועלכעס איז געווען באַלויכטן מיט צוויי רעפלעקטאָר-לאָמפּן — איינער באַם בילד פון זיין פאָטער, דער צווייטער באַם בילד פון זיין מוטער, האָט ער זיך דערמאַנט זיינע לעצטע באַציונגען צו זיין מוטער, און דידאָזיקע באַציונגען זענען אים אויסגעקומען אומנאַטירלעך און שלעכט און דאָסדאָזיקע איז אויך געווען מיאוס און שענדלעך. ער האָט זיך דערמאַנט, ווי די לעצטע צייט פון זיין מוטערס קראַנקייט האָט ער פּשוט געגאַרט איר טויט. ער האָט זיך אַליין איינגערעדט, אַז ער האָט עס געוואָלט צוליב דעם, אַז זי זאָל זיך באַפרייען פון אירע ליידן, אָבער אינדערעמתן האָט ער געוואָלט אַליין זיך באַפרייען און נישט אָנקוקן אירע ליידן.

וועלנדיק אַרויסרופן אַ גוטע דערינערונג וועגן זיין מוטער, האָט ער אַ קוק געטון אויף איר בילד, וואָס פאַר 5000 רובל האָט געמאָלן אַ באַרימטער מאָלער. די מוטער איז געווען אָנגעטון אין אַ שוואַרץ סאַמעטן קלייד, מיט אַן אויסגעבלויזטער ברוסט. דער קינסטלער האָט, קענטיק, מיט אַ באַזונדערער מי אויסגעמאָלט די בלענדנדיקע שיינקייט פון די אַקסלען, דעם שייַנעם האַלז, און די טייל צווישן די צוויי שיינע ברוסטן. און דאָס איז שוין גאָר געווען מיאוס און שענדלעך. ס'איז געווען עפּעס שענדלעכס און זינדיקס אין פאָרשטעלן די מוטער אין דעם געשטאַלט פון אַ האַלב-נאַקעטער פרוי; דאָס איז נאָך געווען מער אָפּשטויסנדיק דערפאַר, ווייל אין דעם זעלבן צימער איז מיט דריי חדשים צוריק געלעגן דידאָזיקע זעלבע פרוי אַן אויסגעדאַרטע ווי אַ מומיע און האָט אָנגעפילט דאָס צימער מיט אַ פיינלעך-שווערן גערוך, וואָס מען האָט מיט קיין זאַך נישט געקאָנט פאַרטרייבן. און דערדאָזיקער גערוך האָט אָנגעפילט דאָס גאַנצע הויז. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אויך איצט האָט ער געהערט דעמדאָזיקן ריח. און ער האָט זיך דערמאַנט, ווי אַ טאָג פאַר איר טויט האָט זי גענומען זיין שטאַרקע ווייסע האַנט, האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און געזאָגט: „פאַרדענק מיך נישט צום שלעכטן, מיטיאַ, אויב איך האָב נישט געטון אַלץ, ווי מען באַדאַרף". און אין אירע פון ליידן אויסגעלאָשענע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. „ווי העסלעך!" האָט ער זיך ווייטער געזאָגט, נאָכאַמאָל אַ קוק געגעבן אויף דער האַלב-נאַקעטער פרוי מיט די מאַרמאָר-אַקסלען און אָרעמס און מיט דעם זיגרייכן שמייכל. די נאַקעטקייט פון דער ברוסט אויפן בילד האָט אים דערמאַנט וועגן אַן אַנדערער יונגער פרוי, וואָס ער האָט די טעג אויך געזעען אַ נאַקעטע. דאָס איז געווען מיסי, וואָס האָט צוגעטראַכט אַ תירוץ, כדי אַרויסצורופן

באַנאַכט אים צו זיך אויף צו האָבּן די מעגלעכקייט צו באַווייזן זיך פאַר אים אין אַן אָוונט-קלייד, אין וועלכן זי איז געפאָרן אויפן באַל. ער האָט מיט אַ געפיל פון עקל זיך דערמאַנט וועגן אירע שיינע אַקסלען און הענט, האָט זיך דערמאַנט איצט אָן איר גראָבּן געמיינעם פאָטער מיט זיין פאַרגאַנגענהייט, מיט זיין אכזריות, אָן איר מוטער מיט איר צווייפלהאַפטער רעפּוטאַציע bel espri*) און דאָס אַלץ איז געווען עקלהאַפט און העסלעך. מיאוס און שענדלעך, שענדלעך און מיאוס.

„ניין, ניין, — האָט ער געטראַכט — מען דאַרף זיך באַפרייען; מען דאַרף זיך באַפרייען פון דידאָזיקע פאַלשע באַציונגען מיט די קאָרטשאַגינס, און מיט מאַריאַ וואַסיליעווּנען, און מיט דער ירושה און מיט דעם אַלעם איבעריקן, און פריי אָפּעטעמען. אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד — קיין רוים, זיך פאַרנעמען מיט מיין בילד". — ער האָט זיך דערמאַנט זיינע ספקות וועגן זיין טאַלאַנט... „נו, יאָ, אַלץ-איינס, פּשוט פריי אָפּעטעמען. פריער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דערנאָך אין רוים, אַבּי וואָס גיכער פטור צו ווערן פון דער פליכט פון צו זיין אַ געשווירענער. און איינאָרדענען דעם ענין מיטן אַדוואָקאַט".

און פּלוצלינג האָט זיך אים מיט אַ אומגעוויינלעכער דייטלעכקייט פאָרגעשטעלט די אַרעסטאַנטין מיט אירע שוואַרצע שיינע שיקלדיקע אויגן. און ווי זי האָט זיך פונאַנדערגעוויינט באַם לעצטן וואָרט פון די באַשולדיקטע. ער האָט שנעל פאַרלאָשן און צעריבּן אין אַש-בּעכער דעם אויסגערייכערטן פּאַפּיראָס און האָט פאַררייכערט אַ צווייטן און גענומען שפּרייזן אויף און אָפּ איבערן צימער. איינע נאָך דער אַנדערער האָבּן אויפגעוואַכט אין זיין פאַנטאַזיע דידאָזיקע מינוטן, וועלכע ער האָט איבערגעלעבּט מיט איר. ער האָט זיך דערמאַנט וועגן דער לעצטער זעונג, וואָס ער האָט מיט איר געהאַט. די חיהשע תאווה, וואָס האָט אים באַהערשט אין יענער צייט. און יענע אַנטוישונג, וואָס ער האָט געהאַט, ווען די ליידנשאַפט איז געווען באַפרידיקט. ער האָט זיך דערמאַנט, ווי זי האָט אויסגעזעען אין ווייסן קלייד מיט דעם העל-בּלויען באַנד. זיך דערמאַנט אָן דעם מאָרגן-געבּעט. „איך האָבּ דאָך זי ליבּ געהאַט, אמתדיק ליבּ געהאַט אין יענער נאַכט מיט אַ גוטער ריינער ליבּע, איך האָבּ זי נאָך ליבּ געהאַט פון פריער, איך האָבּ זי נאָך ליבּ געהאַט דאַן, ווען

*) שאַרפזיניקייט.

איך בין געווען בא די מומעס און געשריבן מיין דיסערטאַציע!“ און ער האָט זיך דערמאַנט אָן זיך, ווי אַזאַ ער איז געווען דעמאָלט. און אויף אים האָט איצט אַ ווייע געטון מיט דער דעמאָלטיקער פרישקייט, יוגנט, לעבנס-פולקייט — און אים איז געוואָרן שרעקלעך אומעטיק.

דער אונטערשיד פון דעם, וואָס ער איז געווען, ביז דעם, וואָס ער איז איצט — איז געווען זייער גרויס; ס'איז געווען דער זעלבער אונטערשיד, אויב נישט קיין גרעסערער, ווי צווישן דער קאַטיושען, וואָס איז דאַן געווען אין קלויסטער, און דער גאַסן-פרוי, וואָס האָט געשיכורט מיטן סוחר, וועלכע זיי האָבן היינט פרי געמשפּט. דאַן איז ער געווען אַ מונטערער פרייער מענטש, פאַר וועלכן עס האָבן זיך אַנטפּלעקט אומענדלעכע מעגלעכקייטן. איצט האָט ער זיך געפילט פון אַלע זייטן געפאַנגען אין די נעצן פון דעם נאַרישן, פּוסטן זינלאָזן, נישטיקן לעבן. וואָס פון אים האָט ער נישט געזען קיין שום אַרויסגאַנג, און האָט אפילו מערסטנטייל גאָרנישט געזוכט קיין אַרויסגאַנג. ער האָט זיך דערמאַנט, ווי אַמאָל האָט ער געשטאָלצירט מיט זיין אָפנהאַרציקייט, ווי ער האָט זיך אַמאָל געשטעלט פאַר אַ כּלל שטענדיק צו זאָגן דעם אמת און איז ווירקלעך דאַן געווען אויפריכטיק, און ווי איצט איז ער געווען אינגאַנצן אין ליגנט, אין די סאַמע שרעקלעכע שקרים, און דידאָזיקע שקרים, וואָס זענען געוואָרן אָנערקענט פאַרן אמת פון די אַלע מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, און ס'איז נישט געווען פון דעמדאָזיקן שקר קיין אויסוועג, לכל הפּחות, האָט ער נישט געהאַט קיין אויסוועג. און ער איז פאַרזונקען אין דעם שקר, זיך צוגעוווינט צו אים, זיך אין אים געקעכלט.

ווי מאַכט מען אַ סוף צו די באַציונגען מיט מאַריאַ וואַסיליעווגען, מיט איר מאַן אויף אַזאַ אופן, אַז אים זאָל נישט זיין מיאוס צו קוקן אין די אויגן אים און זיינע קינדער? ווי זאָל ער אָן נייע שקרים אַרויספּלאָנטערן זיך פון די באַציונגען מיט מיסי? ווי זאָל ער אַרויסקריכן פון די סתירות, אין וועלכע ער לעבט. אַליין אָנערקענט ער די אומגערעכטיקייט צו באַזיצן ערד-אייגנטום, און פאַקטיש באַזיצט ער די ירושה פון זיין מאַמען, און הערשט דאָרט, ווי אַלע אַנדערע? ווי זאָל ער פאַרגלעטן זיין זינד קעגן קאַטיושען? מען קאָן דאָך עס אַזוי נישט לאָזן. „מען טאָר דאָך נישט אָפּוואַרפן אַ פרוי, וואָס איך האָב ליב געהאַט און זיך באַ-

גנוגענען דערמיט, וואָס איך וועל באַצאָלן געלט דעם אַדוואָקאַט און וועל זי ראַטעווען פון קאַטאָרגע, וואָס זי האָט נישט פאַרדינט; — פאַרדעקן די זינד מיט געלט, ווי איך האָב דאַן געטון, און געמיינט, אַז איך בין שוין אין אָרדנונג, ווען איך האָב איר געגעבן דאָס געלט!“

און אַזוי לעבעדיק האָט זיך אים דערמאַנט יענע מינוט, ווען ער האָט זי דעריאָגט אין קאָרידאָר, איר געגעבן דאָס געלט און איז אַנטלאָפן געוואָרן. — „אַך, דאָסדאָזיקע געלט! — האָט ער מיט גרויל און מיט עקל, גלייך, ווי דאַן, דערמאַנט דידאָזיקע מינוט. — אַך, אַך, סאַראַ נידערטרעכטיקייט! — האָט ער אויך אַזוי ווי דעמאָלט אַרויסגערעדט הויך. נאָר אַן אויסוואורף, אַן אויסוואורף האָט עס געקאָנט טון!... און איך איך בין דער דאָזיקער נידערטרעכטיקער אויסוואורף! האָט ער אין דער הויך גענומען רעדן. — צי דען בין איך עס אינדעראמתן, — ער האָט זיך אָפגעשטעלט אין מיטן צימער — צי דען בין איך אינדעראמתן אַ נידערטרעכטיקער? ווער דען זשע? — האָט ער זיך געענטפערט. — און צי דען דאָס נאָר אַליין? — האָט ער זיך ווייטער גענומען שטראָפן.— צי דען איז נישט אַ מיאוסע נידערטרעכטיקייט דיינע באַציונגען צו מאַריאַ וואַסיליעוונען און צו איר מאַן? און דיין באַציונג צום פאַרמעגן? אונטער דעם אויסרייד, אַז דאָס געלט איז דיין מאַמעס, באַנוצן זיך מיט דעם רייכטום, וואָס דו האַלטסט פאַר נישט געזעצלעך? און דיין גאַנץ מיאוס, פוסט-און-פאַס לעבן. און די קרוין פון דעם אַלעם דיין האַנדלונג מיט קאַטיושען. נידערטרעכטיקער, אויסוואורף! זאָלן לייט, ווי זיי ווילן, מיך משפטן, זיי קאָן איך גענאַרן, אָבער זיך קאָן איך נישט אָפּנאַרן“.

און פלוצלינג האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דעם עקל, וואָס ער האָט די לעצטע צייט געפילט צו מענטשן, איבערהויפט היינט אי צום פירשט, אי צו סאָפיע וואַסיליעוונען, אי צו מיסי, אי צו קאָרניייען, איז עס געווען דער עקל צו זיך אַליין. און אַ וווּנדערלעכע זאַך, אין דעמדאָזיקן געפיל פון אָנערקענען די אייגענע נידערטרעכטיקייט, איז געווען עטוואָס קרענקלעכס, און גלייכצייטיק אויך עטוואָס, וואָס האָט געפרייט און באַרויקט.

מיט נעכליודאָוון האָט שוין נישט איינמאָל פּאַסירט אין לעבן דאָס, וואָס ער פלעגט אָנרופן „רייניקן די נשמה“. רייניקן די נשמה האָט באַ אים געהייסן יענער גייסטיקער צושטאַנד, ווען ער, דערפילנדיק פלוצלינג, טיילמאָל — נאָך אַ היפשן משך צייט, אַז דאָס אינערלעכע לעבן האָט

זיך פארלאנגזאמט, טיילמאל אפילו גאר — פארשטאקט, פלעגט ער זיך בעמען ארויסרויסמען דאס גאנצע מיסט, וואס אנזאמלענדיק זיך אין זיין נשמה, איז עס געווען די סיבה פון דערדאזיקער פארשטאקונג.

שטענדיק נאך אזא מין אויפוואכן, פלעגט זיך נעכלייודאוו אויסארבעטן פּלנים, לויט וועלכע ער האט געוואלט שטענדיק אנהייבן לעבן: האט געשריבן א טאג-בוך, פלעגט אנהייבן צו פירן א ניי לעבן, וואס ער האט געהאפט, אז אזוי וועט עס שוין זיין אויף שטענדיק tourning a new leaf*), ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן. אבער יעדעס מאל פלעגן די תענוגים פון דער וועלט אים פאנגען, און ער, אליין דאס נישט מערקנדיק, פלעגט ווידער פאלן, און אפט נאך נידעריקער, ווי ער איז געווען פריער.

אזוי האט ער זיך גערייניקט און זיך אויפגעהויבן עטלעכע מאל; אזוי האט עס מיט אים פאסירט, ווען ער איז דאס ערשטע מאל געקומען צו די מומעס אויף זומער. דאס איז געווען די סאמע לעבעדיקע, באגייסטערטע אויפוואכונג. און די פאלגן פון יענער אויפוואכונג האבן געדויערט זייער לאנג. דערנאך איז אויך אזא אויפוואכונג געווען, בעת ער האט זיך אפגעזאגט פון זיין ציוויל-אמט, און, וועלנדיק אפפירן מיטן לעבן, איז ער אין צייט פון מלחמה אנגעקומען אין מיליטער דינסט. אבער דא איז די פארמיסטיקונג געקומען זייער שנעל. דערנאך איז ווידער געקומען די אויפוואכונג, בעת ער איז אוועק אין דעמיסיע און, אוועקפארנדיק קיין אויסלאנד, האט ער זיך פארנומען מיט מאלעריי.

פון יענער צייט ביז היינטיקן טאג איז דורכגעגאנגען א לאנגער פעריאד אן רייניקן, און דעריבער איז ער נאך קיינמאל נישט דערגאנגען צו אזא פארמיסטיקונג, ביז אזא פירוד צווישן דעם, וואס עס דאט געפאדערט זיין געוויסן און צווישן דעם לעבן, וואס ער האט געפירט. און אז ער האט דערזעען דעם מרחק — איז אים אן אימה באפאלן.

דער מרחק איז געווען אזוי גרויס, די פאראומרייניקונג אזוי שטארק, אז אין דער ערשטער מינוט האט ער גאר געצווייפלט אין דער מעגלעכקייט פון ריין ווערן. „דו האסט דאך שוין געפרווט פארפולקאמען און ווערן בעסער און ס'איז גארנישט ארויסגעקומען, — האט אין זיין

---

*) אנהייבן א ניי בלעטל.

נשמה געריעדט דער יצר־הרע, — איז צו וואָס דאַס פּרווון נאָך אמאָל דו ביסט נישט איינער, אַלע זענען אַזעלכע — אַזוי איז דאָס לעבן". — האָט גערעדט דידאָזיקע שטים. אָבער יענע פרייע, גייסטיקע ווזן, וואָס איז איינציק אמתדיק, איינציק מעכטיק, איינציק אייביק, האָט זיך שוין דערוועקט אין נעכליודאָוון. און ער האָט נישט געקאָנט אים נישט גלייבן ווי גרויס ס'איז נישט געווען דער מרחק צווישן דעם, וואָס ער איז געווען, און דעם, וואָס ער האָט געוואָלט זיין, האָט פאַר דעם דער־וואַכטן גייסטיקן ווזן אויסגעוויזן אַלץ פאַר מעגלעך.

„כ'וועל צעררייסן דעמדאָזיקן שקר, וואָס בינדט מיך, וויפיל דאָס זאָל מיך נישט קאָסטן, און וועל אָנערקענען דעם אמת, כ'וועל אַלעמען און אַלץ דעם אמת זאָגן, און וועל דעם אמת טון, — האָט ער אַנטשלאָסן געזאָגט צו זיך אויפן קול. — כ'וועל זאָגן מיסי דעם אמת, אַז איך בין אַ נואף און קאָן מיט איר נישט חתונה האָבן און מער נישט אומזיסט זי באַאומרויקט; וועל זאָגן מאַריאַ וואַסיליעווגען (דעם מאַרשאַלס ווייב). איבעריקנס, איז איר נישטאָ וואָס צו זאָגן, כ'וועל זאָגן איר מאַן, אַז איך בין אַן אויסוווּרף, האָב אים גענאַרט. מיט דער ירושה וועל איך אַזוי פאַראָרדענען, אַז דער אמת זאָל אָנערקענט ווערן. כ'וועל איר זאָגן, קאַטיושען, אַז איך בין אַן אויסוווּרף, בין שולדיק אַקעגן איר, און וועלטון אַלצדינג, וואָס איך וועל קאָנען, צו פאַרלייכטערן איר גורל. יאָ, איך וועל זי זען און וועל זי בעטן, זי זאָל מיר מוחל זיין.

יאָ, איך וועל בעטן מחילה, ווי קינדער בעטן".

ער איז שטיין געבליבן: „איך וועל מיט איר חתונה האָבן, אויב מ'דאַרף עס".

ער איז שטיין געבליבן, פאַרלייגט די הענט פאַר דער ברוסט, ווי ער פלעגט דאָס טון, ווען ער איז געווען אַ קליינער, אויפגעהויבן די אויגן אַרויף און געזאָגט, זיך ווענדנדיק צו עמעצן:

— גאָט מיינער, העלף מיר, לערן מיך גיין אין דייגע וועגן, קום אין מיין האַרץ און רייניק מיך פון אַלעם בייז!

ער האָט תפילה געטון, געבעטן גאָט ער זאָל אים העלפן, ער זאָל זיך באַזעצן אין זיין האַרץ און זאָל אים „רייניקן". און דאָס איז שוין מקוים געוואָרן. גאָט, וואָס האָט אין אים געלעבט, האָט דערוואַכט אין זיין באַוווסטזיין. און נעכליודאָוו האָט דערפילט נישט נאָר אַ באַפרייונג, אַ מוּנטערקייט און אַ לעבנספרייד, נאָר ער האָט אויך דערפילט די גאַנצע

מאַכט פון גוטס. אַלץ, אַלץ, דאָס סאַמע בעסטע, וואָס אַ מענטש האָט באַר געקאָנט טון, האָט ער זיך דערפילט אימשטאַנד צו טון.

אין די אויגן זענען באַ אים געווען טרערן, ווען ער האָט צו זיך בערעדט: דידאָזיקע טרערן זענען געווען אי גוטע אי שלעכטע; גוטע טרערן, ווייל דאָס זענען געווען טרערן פון פרייד, וואָס אין אים האָט אויפגעוואַכט דער גייסטיקער מענטש, וואָס איז די אַלע יאָרן אין אים געשלאָפן, און שלעכטע טרערן, ווייל דאָס זענען געווען טרערן פון ליבע צו זיך אַליין, פון צופרידנקייט מיט דער אייגענער טוגנד.

אים איז געוואָרן הייס. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט עס אויפגעעפנט. דאָס פענצטער איז אַרויסגעקומען אין גאָרטן. ס'איז געווען אַ לבנה נאַכט. אַ שטילע און אַ פרישע; עס האָט זיך געהערט דאָס פּאָרן פון רעדער איבער דער גאַס, און באַלד איז אַלץ שטיל געוואָרן. הינטערן סאַמע פענצטער האָט אַ הויכער טאָפּאָל געוואָרפן אַ שאָטן מיט אַלע זיינע קאָנטורן, דער שאָטן האָט זיך דייטלעך צעלייגט אויף דעם זאַמד פון דעם אָפּגערייניקטן פּלאַץ באַם פענצטער. ליבקס האָט זיך גערעזען פון שייער דער דאַך, וואָס האָט אויסגעזעען ווייס פון די לבנה־שטראַלן, פאָרויס האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן די צווייגן פון די ביימער, דורך וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעזעען דער שוואַרצער שאָטן פון פּלאַנקען.

נעכליודאָוו האָט געקוקט אויף דעם לבנה־באַלויכטענעם גאָרטן, אויף דעם שייער, אויפן דאַך און אויף דעם שאָטן פון טאָפּאָל, האָט זיך צוגעהערט און איינגעאָטעמט די חיותדיקע פרישע לופט.

„ווי שיין, ווי שיין, גאָט מיינער, ווי וואונדערשיין!“ — האָט ער בערעדט וועגן דעם, וואָס איז געווען אין זיין נשמה.

XXIX.

מאַסלאָוואַ איז אַריינגעקומען אין איר קאַמער אַריין ערשט זעקס אַ זייגער אין אָוונט; אַ מידע און קראַנק אויף די פיס נאָך די 15 נישט געוווינטערהייט דורכגעגאַנגענע וויאָרסט איבער שטיינער, דערצו נאָך אַ דערשלאָגענע פון דעם אומגעריכטן שטרענגן פסק-דין און אַ הונגעריקע.

ווען די וועכטער האָבן, נאָך בשעת אַ פויזע, צוגעביסן לעבן איר ברויט מיט שטייפע אייער, איז איר דאָס מויל פול געוואָרן מיט שמייע, און זי האָט דערשפירט, אַז זי איז הונגעריק, אָבער בעטן בּאַ זיי האָט זי געהאַלטן פאַר אַ דערנידערונג פאַר זיך. אָבער ווען נאָכדעם איז אַריבער נאָך דריי שעה, האָט זיך איר שוין אויפגעהערט צו וועלן עסן, און זי האָט געפילט בלויז אַ שוואַכקייט. אין אַזאַ צושטאַנד האָט זי דערהערט דעם פסק-דין, אויף וועלכן זי האָט זיך נישט געריכט. אין דער ערשטער מינוט האָט זי אַ טראַכט געטון, אַז זי האָט פאַרהערט, האָט גלייך נישט געקאָנט גלייבן דאָס, וואָס זי האָט געהערט, האָט נישט געקאָנט פאַרבינדן זיך מיט דעם באַגריף פון אַ קאַטאָרזשאַנערין. אָבער דערזעען די רויקע זאַכלעכע פנימער פון די ריכטער, פון די געשווירענע, וועלכע האָבן דידאָזיקע ידיעה אויפגענומען ווי עפּעס נאַטירלעכס, וואָס מ'רעכט זיך דערויף און וואָס קאָן נישט ענדערן די זאַך, האָט זי זיך צעוויינט, פילנדיק, אַז מ'דאַרף זיך אונטערגעבן יענער אכזריותדיקער אומגערעכטיקייט, וואָס איז איר אָנגעטון געוואָרן און וואָס האָט זי אַזוי פאַרוווּנדערט. פאַרוווּנדערט האָט זי באַזונדערס דאָס, וואָס פאַרמשפּטן אַזוי שטרענג האָבן זי פאַרמשפּט מאַנספאַרשוינען, יונגע מאַנספאַרשוינען, נישט קיין אַלטע, די זעלבע, וואָס האָבן תמיד אַזוי פריינדלעך-צערטלעך געקוקט אויף איר. איינעם — דעם געהילפס-פּראָקוראָר — האָט זי געזעען גאָר אין אַן אַנדערער שטימונג. אין דער צייט, וואָס זי איז געזעסן אין דעם אַרעסטאַנטן-צימער, וואַרטנדיק אויף דעם משפט, און בשעת די הפסקות פון די זיצונגען האָט זי געזעען, ווי אַזוי דידאָזיקע מאַנספאַרשוינען, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז זיי גייען וועגן עפּעס אַנדערש, זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי איר טיר אָדער אַריין אין צימער, נאָר כדי צו

כאַפּן אַ קוק אויף איר. און פּלוצלינג האָבן אַט די זעלבע מאַנספּאַרשוינען נישט צו וויסן פאַרוואָס זי פאַרמשפּט אויף קאַטאָרגע, הגם זי איז געווען אומשולדיק אין דעם, אין וואָס מ׳האָט זי באַשולדיקט. זי האָט געוויינט, אָבער באַלד איז זי שטיל געוואָרן און אין אַ צושטאַנד פון פולשטענדיקער פאַרטעמפּטקייט געזעסן אין דעם אַרעסטאַנטן־צימער, וואַרטנדיק, אַז מ׳זאָל זי אַוועקשיקן. איר האָט זיך געוואָלט איצט נאָר איין זאַך: רייכערן. אָט אין דעם צושטאַנד האָבן זי געטראָפן באָטשקאָווע און קאַרטינקין, וואָס זיי האָט מען נאָכן פּסק־דין אויך אַריינגעפירט אין דעמדאָזיקן צימער. באָטשקאָווע האָט גלייך אָנגעהויבן צו זידלען מאַסלאָווען און רופן זי קאַטאָרזשאַנערין.

— עפּעס אויסגעפירט, האַ? שוין פאַרטיק? נישקשה, זיך נישט אויסגעדרייט, אויסוווּרף! וואָס האָסטו פאַרדינט, דאָס האָסטו געכאַפּט. נישקשה, אויף קאַטאָרגע וועסטו שוין מער נישט פּראַנטעווען.

מאַסלאָווע איז געזעסן פאַרשטעקט די הענט אין די אַרבל פון כאַלאַט און נידעריק אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, האָט אומבאַוועגלעך געקוקט אויף צוויי טריט פאַר זיך, אויף דעם אָנגעטרעטענעם דיל און האָט געגעהאַלטן אין איין זאָגן בלויז:

— איך טשעפּע אייך נישט, טאָ לאָזט מיך אויך צו רו. איך טשעפּע דאָך אייך נישט, — האָט זי עטלעכע מאָל איבערגעזאָגט, דערנאָך גאָר אַנטשוויגן געוואָרן. אַ ביסל לעבעדיקער געוואָרן איז זי ערשט דאַן, ווען מ׳האָט באָטשקאָווען און קאַרטינקינען אַוועקגעפירט און ס׳איז אַריין דער וועכטער, וועלכער האָט איר געבראַכט דריי רובל.

— דו ביסט מאַסלאָווע? — האָט ער געפרעגט.

— אָט האָסטו, דיר האָט אַ מאַדאַם געשיקט, — האָט ער געזאָגט, דערלאַנגענדיק איר דאָס געלט.

— וואָסער מאַדאַם.

— נעם, אַז מ׳גיט, רעדט זיך נאָך אָן!

דאָס געלט האָט צוגעשיקט קיטאַיעווע. אַוועקגייענדיק פון געריכט, האָט זי זיך געווענדט צום געריכטס־קאָמיסאַר מיט אַ פראַגע, צי זי קאָן איבערגעבן אַ ביסל געלט פאַר מאַסלאָווען. דער געריכטס־קאָמיסאַר האָט געזאָגט, אַז מ׳קאָן. דאַן, באַקומען אַ דערלויבעניש, האָט זי אויסגעטון פון דער ווייכער ווייסער האַנט די זאַמשענע הענטשקע, מיט די דריי קנעפּעלעך, אַרויסבאַקומען פון די הינטערשטע פאַלבן פון איר זיידענעם קלייד אַ מאָדישן טייסטער און פון דער גאַנצער היפּשער צאָל קופּאָנען,

נאָר־וואָס אָפּגעשניטן פון די בילעטן, וואָס זי האָט פאַרדינט, אויסגע־קליבן איינעם — פון 2 רובל 50 קאָפּ. צוגעגעבן דערצו צוויי פּערצי־קער און נאָך אַ צוואַנציקער און האָט עס איבערגעגעבן דעם קאָמיסאַר. דער קאָמיסאַר האָט אַ רוף געטון דעם וועכטער און פאַר דער נדבנטע אין די אויגן איבערגעגעבן אים דאָס געלט.

— איך בעט אייך, גיט איבער ריכטיק, — האָט קאַראָלינאַ אַל־בערטאָוונאַ געזאָגט דעם וועכטער.

דער וועכטער האָט זיך באַליידיקט פאַר דעמדאָזיקן אומצוטרוי צו אים און דערפאַר איז ער זיך עס מיט אַזאַ כּעס באַגאַנגען מיט מאַסלאָווען.

מאַסלאָוואַ האָט זיך דערפרייט מיט דעם געלט, ווייל עס האָט איר געגעבן דאָס, וואָס קיין אַנדערע זאַך האָט זי איצט נישט גע־וואָלט.

„נאָר קריגן פּאַפּיראָסן און זיך פאַרציען". האָט זי געטראַכט, און אַלע געדאַנקען האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף דעמדאָזיקן באַגער צו ריי־כערן. איר האָט זיך עס אַזוי געוואָלט, אַז זי האָט גיריק אַריינגעאָטעמט די לופט, ווען עס האָט זיך דערין געשפּירט דער ריח פון טאַבאַק־רויך, וואָס איז אַרויס אין קאָרידאָר אַריין דורך די טירן פון קאַבינעט. איר איז אָבער נאָך אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן, ווייל דער סעקרעטאַר, וואָס אין זיין רשות איז עס געווען אָפּצולאָזן זי, האָט זיך פאַררעדט און אפילו אַריין אין אַ וויכּוח מיט אַן אַדוואָקאַט וועגן אַ פאַרווערט אַרטיקל, איינגאַנצן פאַרגעסנדיק אָן די פאַרמשפּטע.

ענדלעך, 5 אַ זייגער, האָט מען זי אָפּגעלאָזט און די קאָנוואָי־סאָלדאַטן — דער ניזשעגאָראָדער און דער טשוּוואַש — האָבן זיי אַוועק־געפירט פון געריכט אַרויס דורך די הינטערטרעפּ. נאָך אין פירהויז פון געריכט האָט זי זיי איבערגעגעבן 20 קאָפּיקעס און געבעטן קויפן צוויי קוילעטשן און פּאַפּיראָסן. דער טשוּוואַש האָט אַ לאַך געטון, גענומען דאָס געלט און געזאָגט: „גוט, קויפן", און האָט באמת טאַקע אָרנטלעך געקויפט פּאַפּיראָסן און קוילעטשן און געברענגט אַ רעשט. אונטערוועגנס האָט מען נישט געטאָרט רייכערן, אַזוי אַז מאַסלאָוואַ איז מיט דעם זעל־ביקן נישט געשטילטן פאַרלאַנג צו רייכערן געקומען צו דער טורמע. אין דער זעלבער צייט, וואָס מ'האָט זי צוגעפירט צו דער טיר, האָט מען פון דער אייזנבאַן געברענגט אַ מאַן הונדערט אַרעסטאַנטן. אין דעם דורכגאַנג האָט זי זיך מיט זיי צונויפגעטראָפן.

די אַרעסטאַנטן — מיט בערד, געגאָלטע, אַלטע, יונגע, רויטע, פּרעמדשטאַמיקע — טייל מיט האַלב-אָפּגעגאָלטע קעפּ, קלאַפּנדיק מיט די קייטן אויף די פיס, האָבן אָנגעפילט דאָס פאַרהויז מיט שטויב, רעש פון טריט, גערעדעריי און בייסיקן ריח פון שווייס. פאַרביי-גייענדיק פאַרביי מאַסלאָווען, האָבן די אַרעסטאַנטן נאָכאַנאַנד געקוקט אויף איר און אייניקע זענען צו איר צוגעגאַנגען און זי פאַר-טשעפּעט.

— איי אַ מיידעלע, אַ שיינינקע! — האָט געזאָגט איינער. — מיין מומינקען רעספּעקט צו מעלדן! — האָט געזאָגט אַ צווייטער, ווינ-קענדיק מיט אַן אויג. איינער אַ שוואַרצער, מיט אַן אויסגעגאָלטער בלוי-ער פּאַטילניצע און מיט וואָנסעס אויף דעם געגאָלטן פּנים איז, פּלאָנ-טערנדיק זיך אין די קייטן און קלינגענדיק מיט זיי, צוגעשפּרונגען צו איר און האָט זי אַרומגענומען.

— נישט דערקענט גאָר אַ חבר, האַ? נאָר גישט געמאַכט קיין אָנשטעלן! — האָט ער אַ געשריי געטון, אַרויסבאַווייזנדיק די ציין און פינקלענדיק מיט די אויגן, בשעת זי האָט אים געגעבן אַ שטויס אָפּ פון זיך.

— וואָס טוסטו עס, דו אויסוואָרף איינער? — האָט אַ געשריי געטון דער געהילפס-שעף, וועלכער איז אָנגעגאַנגען פון הינטן.

דער אַרעסטאַנט האָט זיך איינגאַנצן איינגעשרומפּן און איז האַסטיק אָפּגעשפּרונגען. אָבער דער געהילפס-שעף איז אָנגעפאַלן אויף מאַסלאָווען:

— ווי קומסטו אַהער?

מאַסלאָווא האָט געוואָלט זאָגן, אַז מ'האָט זי געבראַכט צו פירן פון געריכט, זי איז אָבער געווען אַזוי פאַרמאַטערט, אַז זי האָט זיך גע-פוילט צו רעדן.

— פון געריכט, אייער וווילגעבוירן, — האָט דער עלטסטער קאָנוואָי-זעלנער געזאָגט, אַרויסקומענדיק פון הינטער די דורכגייענדיקע אָפּער און צולייגנדיק די האַנט צום היטל.

— נו, טאָ גיב איבער דעם עלטערן. וואָס איז דאָס פאַר אַ העזה!

— גרייט צו דינען, אייער וווילגעבוירן.

— סאָקאָלאָוו! צונעמען! — האָט דער געהילף אַ געשריי געגעבן.

דער עלטסטער איז צוגעגאַנגען און מיט כּעס אַ שטויס געטון מאַסלאָווען אין רוקן און, אַ ווונק געטון איר מיטן קאָפּ, האָט ער זי

אָװעקגעפירט אין דעם װײַבערישן קאָרידאָר. אין דעם װײַבערישן קאָרידאָר האָט מען זי אַרומגעטאַפּט, באַזוכט און, נישט געפונען גאָרנישט (דאָס שעכטעלע פּאַפּיראָסן איז געװען פאַרשטעקט אין קוילעטש), האָט מען זי אַרײַנגעלאָזט אין דער זעלבער קאַמער, פון װעלכער זי איז אַרויסגעגאַנגען אינדערפרי.

XXX.

די קאַמער, אין װעלכער מאַסלאָװאַ האָט זיך אויפגעהאַלטן, איז געװען אַ לאַנג חדר, 9 אַרשין די לענג און 7 די ברייט, מיט צװיי פענצטער, אַן אַרויסגעשטאַרצט אָפּגעקראָכן אייװעלע און נאַרעס מיט צעטריקנטע ברעטער, װאָס האָבן פאַרנומען צװיי דריטל שטח. אינדערמיט, קעגנאיבער דער טיר, איז געװען אַ טונקעלע איקאָנע מיט אַ צוגעקלעפּט װעקסן ליכטל און אַ אונטערגעהאָנגען פאַרשטויבט קרענצל אימאָרטעלן. הינטער דער טיר לינקס איז געװען אַ שװאַרץ געװאָרענער פלאַץ פון דיל, װוּ ס'איז געשטאַנען אַ שטינקענדיק פעסל. די רעװיזיע האָט זיך נאָר-װאָס געענדיקט און די פרויען האָט מען שוין פאַרשפאַרט אויף באַנאַכט.

אײַנװױנערינס האָט דידאָזיקע קאַמער בסך-הכל געהאַט פינפצן: צװעלף פרויען און דריי קינדער.

עס איז נאָך געװען גאָר ליכטיק, און בלויז צװיי פרויען זענען געלעגן אויף די נאַרעס: איינע, — איינגעדעקט אַריבערן קאָפּ מיטן כאַלאַט — אַ תּמעװאַטע, װאָס מ'האָט אַרעסטירט, װײַל זי האָט נישט געהאַט קיין דאָקומענטן — זי איז כמעט אַלע מאָל געשלאָפן, און אַ צװייטע, אַ שװינדזיכטיקע, װאָס איז אָפּגעקומען די שטראָף פאַר גנבה. די איז נישט געשלאָפן, נאָר געלעגן, אונטערגעלייגט צוקאָפּנס דעם כאַלאַט, מיט ברייט געעפנטע אויגן, קוים אײַנהאַלטנדיק די ליחה, װאָס האָט איר געקיצלט און געכאָרכלט אין האַלז, אַבי נישט אַ הוסט צו טון. די איבעריקע פרויען, — אַלע מיט בלויזע קעפּ און אין איינע העמדער פון גראָבער לײַװנט, — טייל זענען געזעסן אויף די נאַרעס און גענייט, טייל זענען געשטאַנען בײַם פענצטער און געקוקט אויף די אַרעסטאַנטן.

וואָס זענען דורכגעגאַנגען איבערן הויף. פון די דריי פרויען, וואָס האָבן געגייט, איז איינע געווען יענע אַלטע, וועלכע האָט באַגלייט מאַסלאָווען — קאָראַבליאָווא, — אַ הויכע, שטאַרקע פרוי פון פינצטערן געשטאַלט, אַן אָנגערוגזהטע, אַ גערונצלטע, מיט אַ הויט-בייטל, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען אונטער דער גאָמבע, מיט אַ קורץ צעפּל בלאָנדע האָר, גרוילעך אין די שלייפן, און מיט אַ האָריקן וואָרצעלע אויף דער באַק. דידאָזיקע אַלטע איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף קאַטאָרגע פאַר הרגענען איר מאַן מיט אַ האַק. און הרגענען האָט זי אים דערהרגעט דערפאַר, ווייל ער איז צוגעשטאַנען צו איר טאָכטער. קאָראַבליאָווא איז געווען די „עלטסטע“ אין דער קאַמער, זי האָט אויך צוגעהאַנדלט מיט בראָנפן. זי האָט געגייט אין ברילן און האָט די נאָדל אין אירע גרויסע פאַרהאָרעוועטע הענט געהאַלטן אויפן פויערישן אופן — מיט דריי פינגער און דעם שפּיץ צו זיך. לעבן איר איז אויך געזעסן און געגייט זעק אַ שוואַרצלעכע פרוי, נישט קיין הויכע, מיט אַ ברייטער נאָז, מיט קליינע שוואַרצע אויגן, אַ גוטמוטיקע און באַרעדעוודיקע. דאָס איז געווען אַ וועכטערין פון אַן אייזנבאַן-ביידל, וועלכע איז פאַרמשפּט געוואָרן צו דריי חדשים טורמע דערפאַר, ווייל זי איז נישט אַרויס מיטן פלאַג צום צוג און מיט דעם צוג איז געשען אַן אומגליק. די דריטע פרוי, וואָס האָט געגייט, איז געווען פעדאָסיע — פעניטשקע, ווי די חברטאָריגס האָבן זי גערופן, — אַ ווייסע מיט רויטע באַקן, מיט קלאָרע קינדערישע בלויע אויגן און צוויי לאַנגע בלאָנדע צעפּ, אַרומגעוויקלט אַרום איר קליינעם קאָפּ, נאָך גאָר אַ יונגע, זייער אַ חנעוודיקע פרוי, וואָס איז געזעסן פאַר איר פּרוּוו צו פאַרסמען דעם מאַן. געפּרוּווט סמען אים באַלד נאָך דער חתונה, און אויסגעגעבן האָט מען זי אַלס זעכצניעריק מיידעלע. טאַר די 8 חדשים, וואָס זי האָט געוואַרט אויפן פּראָצעס, זייענדיק באַפרייט דערווייל אויף קויציע, איז זי נישט נאָר גוט פריינט געוואָרן מיט איר מאַן, נאָר האָט אים אַזוי ליב באַקומען, אַז דאָס געריכט האָט זי געטראָפן לעבנדיק מיטן מאַן ווי צוויי טייבעלעך. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דער מאַן און דער שווער און די שוויגער, וואָס האָבן זי באַזונדערס ליב באַקומען, האָבן זיך מיט אַלע כּוחות געפּלייסט אויפן געריכט זי צו פאַרטיידיקן, האָט מען זי פאַרמשפּט צום אַרויסשיקן קיין סיביר אויף צוואַנגס-אַרבעט. דידאָזיקע פעדאָסיע, אַ גוטע, אַ פריילעכע, אַלע ווײַלע צו שמייכלענדיקע, איז געווען מאַסלאָוועס אַ שכנה — אַ נאַרע לעבן אַ נאַרע — און האָט נישט נאָר ליב באַקומען מאַסלאָווען, נאָר אויך געהאַלטן פאַר איר חוב צו זאָרגן פאַר איר און

דינען איר. אָן אַרבעט זענען אויף די נאַרעס געזעסן נאָך צוויי פרויען: איינע פון אַ יאָר פערציק מיט אַ בלאַס מאָגער פנים, קענטיק — אַמאָל זייער אַ שיינע, איצט אַ מאָגערע און אַ בלאַסע, — האָט אויף די הענט געהאַלטן אַ קינד און עס געזויגן מיט דער ווייסער לאַנגער ברוסט. איר פאַרברעכן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס בשעת מ'האָט פון זייער דאָרף געפירט אַ רעקרוט, וועלכן מ'האָט, לויט די השגות פון די פויערים, אומגעזעצלעך צוגענומען, האָט דער עולם פאַרהאַלטן דעם קרייז-קאָמיסאַר און אָפּגעשלאָגן דעם רעקרוט. און דידאָזיקע פרוי, דעם אומגעזעצלעך צוגענומענעם שיגעצס אַ מומע, האָט די ערשטע אָנגעכאַפּט פאַר די לייצעס דאָס פערד, וואָס האָט דעם רעקרוט געפירט. נאָך איז אויף די נאַרעס געזעסן אָן אַרבעט אַ גוטמוטיקע אַלטיטשקע, נישט קיין הויכע, דורכאויס אין קנייטשעלעך, מיט גרויע האָר און אַ געהויקערטן רוקן. דידאָזיקע אַלטיטשקע איז געזעסן אויף די נאַרעס באַם אייוועלע און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי כאַפּט דאָס פיריעריקע, קורץ אָפּגעשוירענע, גראָביקע יינגעלע, וואָס איז פאַרבייגעלאָפן לעבן איר און געקייכט פאַר געלעכטער. דאָס יינגעלע איז פאַרבייגעלאָפן פאַרביי איר און נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן: „אַהאַ, נישט געכאַפּט!“

דידאָזיקע אַלטיטשקע, וואָס איז צוזאַמען מיט איר זון באַשולדיקט געוואָרן אין אַן אונטערצינדונג, האָט אַריבערגעטראָגן די תפיסה מיט דער גרעסטער גוטמוטיקייט, זיך מצער געווען נאָר וועגן דעם זון, וואָס איז צוגלייך מיט איר געזעסן אין טורמע, אָבער מער פון אַלץ — וועגן איר אַלטן, וואָס אָן איר, האָט זי מורא געהאַט, וועט ער איינגאַנצן פאַרלייזיקט ווערן, וואָרים די שניר איז אַוועק און ס'איז נישטאָ, ווער ס'זאָל אים אַרומוואַשן.

אַ חוץ דידאָזיקע זיבן פרויען זענען נאָך פיר געשטאַנען באַ אַן אָפן פענצטער און, זיך האַלטנדיק אָן דער אייזערנער קראַטע, דורך צייכנס און געשרייען זיך דורכגעשמועסט מיט יענע זעלביקע זיבן אַרעסטאַנטן אויפן הויף, מיט וועלכע מאַסלאָוואַ האָט זיך אָנגעגעגנט באַם אַריינגאַנג. איינע פון די זיבן פרויען, וועלכע איז אָפּגעקומען די שטראָף פאַר אַ גנבה, איז געווען אַ גרויסע, אַ שווערע, מיט אַן אַראָפּגעהאָנגענעם קערפּער, רויטע האָר, מיט אַ געל-ווייס פנים אין זומער-שפּרענקעלעך און אַ דיקן האַלז, וואָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט פון הינטער דעם אויפגעבונדענעם, צעעפנטן קראַגן אַפער. זי האָט הויך מיט אַ הייזעריק

קול אַרויסגעשריגן דורכן פענצטער מיאוסע ווערטער. לעבן איר איז גע-
שטאַנען אַ שוואַרצלעכע אומגעלומפּערטע אַרעסטאַנטין, אין וווקס ווי אַ
צעניעריק מיידעלע, מיט אַ לאַנגער פּלייצע און גאַר קורצע פיס. אַ פּנים
האָט זי געהאַט אַ רויטס, אין פלעקן, מיט ברייט-צעשטעלטע אויגן און
גראָבע קורצע ליפּן. וועלכע האָבן נישט צוגעדעקט די ווייסע, אַרויס-
שטאַרצנדיקע ציין. זי האָט אַלע ווייַלע קוויטשיק געלאַכט פון דעם, וואָס
איז פאָרגעקומען אויפן הויף. דידאָזיקע אַרעסטאַנטין, וואָס האָט געהייסן
כאָראָשאַווקאַ פאַר איר געפּוצטקייט, האָט זיך געמשפּט פאַר גנבה און
אונטערצינדונג. הינטער זיי איז געשטאַנען אין זייער אַ ברודיק גרוי
העמד אַ מעוברתע פרוי פון אַ נעבעכדיק אויסזעען, אַ דאַרע, אַן אָדער-
דיקע און מיט אַ משונה גרויסן בויך; זי האָט זיך געמשפּט פאַר אויס-
באַהאַלטן גנבות. דידאָזיקע פרוי האָט געשוויגן, אָבער די גאַנצע צייט
צושטימענדיק און הכנעהדיק גערירט צוגעשמייכלט צו דעם, וואָס איז
פאָרגעקומען אויפן הויף. די פערטע, וועלכע איז געשטאַנען באַם פענצ-
טער, נישט קיין הויכע, פעסטע דאָרפישע גויע מיט זייער אויסגעפּוקלטע
אויגן און אַ גוטמוטיק פּנים, איז אָפּגעקומען די שטראָף פאַר האַנדלען
מיט בראָנפן. דידאָזיקע פרוי, — די מוטער פון דעם ייִנגעלע, וואָס האָט
זיך געשפּילט מיט דער אַלטער, און פון דעם זיבניעריקן מיידעלע, וועל-
כע זענען געווען מיט איר אין טורמע, ווייַלע ס'איז נישט געווען אויף
וועמען איבערצולאָזן זיי — האָט פּונקט ווי די אַנדערע געקוקט אין
פענצטער אַריין, אָבער אָן אויפהער געשטריקט אַ זאָק און אומצופרידן,
פאַרמאַכנדיק די אויגן, זיך געקנייטשט אויף דעם אַלעם, וואָס די פאַר-
בייגייענדיקע אַרעסטאַנטן פון הויף האָבן געזאָגט. און איר טעכטערל,
דאָס זיבניעריקע מיידעלע, מיט צעלאָזטע ווייסע האָר, שטייענדיק אין
בלויזן העמדעלע לעבן דער רויטער און אָנגעכאַפּט זיך מיט דעם דאַרן
קליינעם הענטעלע פאַר איר קלייד, האָט מיט שטאַרע אויגן אויפמערק-
זאַם זיך איינגעהאָרכט אין די זידלווערטער, מיט וועלכע די פרויען האָבן
זיך דורכגעוואָרפן מיט די אַרעסטאַנטן און שטילערהייט, ווי איינחזרנדיק
זיי, זיי איבערגעזאָגט. די צוועלפטע אַרעסטאַנטין איז געווען אַ דיאַקס אַ
טאָכטער, וועלכע האָט דערטרונקען אין אַ ברונעם איר קינד. דאָס איז
געווען אַ הויך, שלאַנק מיידל מיט צונויפגעפּלאָנטערטע האָר, וואָס האָבן
זיך אַרויסגעשלאָגן פון אַ נישט איבעריק לאַנגן גראָבן בלאָנדן צאָפּ,
און מיט שטאַרע אויסגעפּוקלטע אויגן. נישט ליגנדיק קיין שום אַכט אויף
דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום איר, איז זי אַרומגעגאַנגען אַ באָרוועס-

סע און אין אַ בלויז ברודיק גרוי העמד הין און צוריק איבער דעם פרייען שטח פון דער קאַמער, שאַרף און שנעל זיך אומווענדנדיק, ווען זי פלעגט צוקומען צו דער וואַנט.

XXXI.

אַז דער שלאָס האָט אַ קלונג געטון און מ'האָט מאַסלאָווען אַריינ־געלאָזט אין דער קאַמער אַריין, האָבן זיך אַלע אַ קער געטון צו איר. אפילו דעם דיאַקס טאָכטער איז אויף אַ ווײַלע שטיין געבליבן, אַ קוק געטון אויף דער אַריינקומענדיקער, אויפהייבנדיק די ברעמען, אָבער גאָרנישט נישט געזאָגט, האָט זי ווידער אָנגעהויבן צו שפּרייזן מיט אירע גרויסע, אַנטשלאָסענע טריט. קאָראַבליאָווא האָט אַרייַנגעשטעקט די נאָדל אין דער גראָבער לייוונט און פרעגנדיק דורך די ברילן גענומען שטאַרן אויף מאַסלאָווען.

— ע, עך־מאַ! צוריקגעקומען. כ'האָב טאַקע געזאָגט, אַז מען וועט פאַרמשפּטן, — האָט זי געזאָגט מיט איר הייזעריקן, באַסיקן, שיער נישט מאַנסבילשן קול. — מ'האָט, ווייזט אויס, אַרייַנגעהאַקט.

זי האָט אויסגעטון די ברילן און אַוועקגעלייגט איר געניי אויף די באַרעס.

— מיר האָבן מיט דער מומינקען, מיין טײַבעלע, געשמועסט, אַז אפשר וועט מען גלייך אַרויסלאָזן פריי. ס'טרעפט אויך אַזוינס, זאָגט מען. מ'גיט נאָך צו געלט, אַז עס קומט אויף זיי אָן אַזאַ מינוט, — האָט די וועכטערין גלייך אָנגעהויבן מיט איר זינגענדיקער שטים. — אָט וואָס, קענטיק, אַז מיר האָבן נישט געטראָפן. אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט, — האָט זי אַלץ נישט אויפגעהערט צו פּלאַפּלען מיט איר זינגענ־דיקער שטים.

— און טאַקע פאַרמשפּט? — האָט פעדאָסיאַ געפרעגט מיט אַ מיטפילנדיקער צאַרטקייט אין שטים, קוקנדיק אויף מאַסלאָווען מיט אירע קינדערשע העל־בלויע אויגן, און איר יונג פריילעך פּנים האָט זיך אין־גאַנצן איבערגעביטן, ווי זי וואָלט זיך וועלן צעוויינען.

מאַסלאָווא האָט גאָרנישט געענטפערט און איז שווייגנדיק צוגע־גאַנגען צו איר אָרט, וואָס איז געווען דער צווייטער פון עק, לעבן

קאַראַבליאָווען, און זיך אַנידערגעזעצט אויף די ברעטער פון די נאַרעס.

— איך מיין, אַז דו האָסט גאָרנישט געגעסן, — האָט פעדאָסיע געזאָגט — איז אויפגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צו מאַסלאָווען.

מאַסלאָווע האָט, נישט ענטפערנדיק, אַוועקגעלייגט די קוילעטשן צוקאָפּנס און האָט זיך גענומען אויסטון: האָט אַראָפּגענומען איר שטויביקן כאַלאַט און דאָס טיכל פון די געקרייזלטע שוואַרצע האָר, און זיך געזעצט.

די אַלטיטשקע מיטן הויקער, וואָס האָט זיך געשפּילט מיטן ייִנגעלע, איז אויך צוגעגאַנגען און זיך געשטעלט לעבן מאַסלאָווען.

— שאַ, שאַ, שאַ, — האָט זי טרויעריק שאָקלענדיק מיטן קאָפּ געוווּנקען צום קינד, וואָס איז אויך געגאַנגען נאָך דער אַלטער און, ברייט אויפגעעפנט די אויגן, און אויסשטעלנדיק די אייבערשטע ליפּ, האָט ער געקוקט אויף די קוילעטשן, וואָס מאַסלאָווע האָט געבראַכט.

דערזעען דידאָזיקע אַלע פּנימער, וואָס האָבן איר אויסגעדריקט אַזוי פיל מיטגעפיל, נאָך דעם אַלעם, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען, האָט זיך מאַסלאָווען געוואָלט וויינען, און באַ איר האָבן זיך גענומען טרייסלען די ליפּן, אָבער זי האָט געוואָלט זיך נישט אַרויסווייזן, און זי האָט זיך איינגעהאַלטן, ביזוואַנען צו איר איז צוגעגאַנגען די אַלטע און דאָס ייִנגל. אָבער ווען זי האָט דערהערט דער אַלטערס שטים פול מיט צאַרטקייט און מיטגעפיל און האָט זיך באַגעגנט מיט די ערנסטע בליקן דעם ייִנגלס, וואָס האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון די קוילעטשן און פון איר, האָט זי זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן. איר גאַנץ פּנים האָט אָנגעהויבן צו ציטערן, און זי האָט זיך הויך צעוויינט.

— איך האָב דיר געזאָגט: קריג אַ גוטן פאַרטיידיקער, — האָט קאַראַבליאָווע גערעדט. — וואָס, זיי האָבן דיך טאַקע פאַרמשפּט אויף צו פאַרשיקן? — האָט זי געפרעגט.

מאַסלאָווע האָט געוואָלט ענטפערן, אָבער זי האָט נישט געקאָנט, און, וויינענדיק, האָט זי אַרויסגענומען פון קוילעטש אַ שעכטעלע מיט פּאַפּיראָסן, אויף וועלכן ס'איז געווען אַ בילדל פון אַ רויט געפאַרבטער דאַמע, מיט אַ הויכער פריזור און אין אַ קלייד מיט דעקאָלטע אין פאָרם פון אַ דרייעק, און זי האָט דערלאַנגט קאַראַבליאָווען.

קאַראַבליאָווע האָט אַ קוק געטון אויף דעם בילדל, האָט מיט פאַר-

וורף אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. איבערהויפּט דערויף, וואָס מאַסלאָוואַ פּטרט געלט אַזוי נישט באַטראַכט און, אַרויסגענומען איין פּאַפּיראָס, האָט זי פאַררייכערט אָן לאָמפּ. זיך אַליין פאַרצויגן, האָט זי געגעבן פאַררייכערן מאַסלאָווען. מאַסלאָוואַ, נישט אויפהערנדיק וויינען, האָט גיריק איינס נאָך דעם אַנדערן אַריינגעצויגן און אַרויסגעלאָזט דעם רויך.

— קאַטאָרגע! — האָט זי וויינענדיק אַרויסגערעדט.

— זיי האָבן נישט מורא פאַר גאָט, די הויטשינדערס, די בלוטזייגערס — אַ קלאָג צו זיי, — האָט געזאָגט קאַראַבליאָוואַ. — פאַר גאָרנישט האָט מען פאַרמשפּט דאָס מיידל, נעבעך.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך דערהערט אַ הילכיק געלעכטער; דאָס האָבן געלאַכט די איבעריקע פרויען, וואָס זענען געשטאַנען בײַם פענצטער. דאָס מיידעלע האָט אויך געלאַכט און איר דינינקע קינדיש געלעכטער האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם הייזעריק גרילצנדיקן געלעכטער פון די דרייוואַקסענע. אַן אַרעסטאַנט האָט אויפן הויף אָפּגעטון אַזאַ שפּיצל, וואָס האָט אַזוי געמאַכט לאַכן דיזאָזיקע פרויען, וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט אין פענצטער.

— אַך, דו געגאָלטער כּלב! — וואָס ער טוט עס אַזוינס, — האָט אַרויסגערעדט די רויטהאָריקע, און שאָקלענדיק זיך מיט איר גאַנצן דיקן קערפּער, דאָס פּנים צוגעדריקט צו די קראַטן, האָט זי אַרויסגעשריגן אומזיניקע און אומאָנשטענדיקע ווערטער.

— אָט איז דאָס אַ הינטישע פעל! וואָס כאַהאָטשעסטו? — האָט קאַראַבליאָוואַ געזאָגט, — אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף דער רויטהאָריקער, און זיך ווידער געווענדט צו מאַסלאָווען. — אויף וויפיל יאָר?

— אויף פיר, — האָט מאַסלאָוואַ געזאָגט, און פון אירע אויגן האָבן זיך אַ גאָס געטון טרערן איינע נאָך די אַנדערע; איין טרער האָט פאַרנעצט דעם פּאַפּיראָס.

מאַסלאָוואַ האָט מיט כּעס אים צעריבן, אַ וואָרף געטון און גענומען אַ צווייטן צום רייכערן.

די באַן-וועכטערין האָט גלייך אים אויפגעהויבן, הגם זי האָט נישט גערייכערט, צוריק אים אויסגעגלייכט און דערביי נישט אויפגעהערט צו רעדן:

— קענטיק סאַקע, אַז עס איז אַן אמת, טייערינקע, וואָס מ'זאָגט, אַז דעם אמת האָבן חזירים אויפגעפרעסן, — האָט זי געזאָגט, — זיי

טוען, וואָס זיי ווילן און מיר האָבן לכתחילה געמיינט, אַז זיי וועלן דיך יאָ באַפרייען. מאַטווייעוונאַ איז געווען זיכער אין דעם, אָבער איך האָב געטענהט: ניין, זאָג איך, מיין האַרץ פילט, טייערינקע, — זיי וועלן זי איינשלינגען; אַזוי איז טאַקע אויסגעקומען. — האָט זי גערעדט, קענטיק מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן זיך צוגעהערט צו דעם קלאַנג פון איר איי-גענער שטים.

דערווייל זענען שוין די אַרעסטאַנטן דורכגעגאַנגען דורך דעם הויף, און די פרויען, וואָס האָבן מיט זיי זיך דורכגעשמועסט, זענען אַוועק פון פענצטער און זענען אויך צוגעגאַנגען צו מאַסלאָווען. די ערשטע איז צוגעגאַנגען די קרעטשמערקע מיט אירע אויסגעפוקלטע אויגן, פירנדיק איר מיידעלע.

— וואָס, זייער שטרענג פאַרמשפט? — האָט זי געפרעגט, — זיך געזעצט לעבן מאַסלאָווען, און האָט גענומען שטריקן דעם זאָק.

— יאָ, שטרענג, ווייל זי האָט נישט קיין געלט. נישקשה, אַז זי וואָלט יאָ געהאַט געלט און וואָלט געדונגען אַ בריה אַן אַדוואָקאַט, — נישקשה וואָלט זי אַרויס פריי, — האָט קאַראַבליאָווא אַ זאָג געטון. — אָט יענער, ווי הייסט ער, דער צעקודלטער, מיט דער ברייטער נאָז, יענער, טייערינקע מיינע, דער קאָן פון וואַסער אפילו טרוקן אַרויספירן. אָט אים האָט זי באַדאַרפט געווען אָנדינגען.

— אוודאי אָנדינגען, — האָט זיך כאַראַשאָווקאַ אַ קרים געטון: — דער וועט ווייניקער ווי פאַר טויזנט רובל אפילו נישט אַ שפיי טון.

— מסתמא איז שוין אַזוי דיין גורל, — האָט זיך אַריינגעמישט די אַלטיטשקע, וואָס איז געזעסן פאַר אונטערציינדן. — אַ שפילעכל, מען האָט אָפּגעשלאָגן אַ ווייב פון אַ מאַן, און אים האָט מען נאָך אויך פאַר-זעצט. און מיך אויף דער עלטער, — האָט זי אָנגעהויבן צום הונ-דערטסטן מאָל צו דערציילן איר געשיכטע. — פון טורמע און פון דער טאָרבע, — וועסטו זיך קיינמאָל נישט אַרויסדרייען. איז נישט די טאָרבע, איז די טורמע.

— באַ זיי איז שוין תמיד אַזוי, — האָט די קרעמערקע אַריינגע-זאָגט און, אַריינקוקנדיק דעם מיידל אין קעפל, האָט זי אַנידערגעלייגט דעם זאָק לעבן זיך, האָט צוגעצויגן דאָס מיידעלע צו זיך און האָט שנעל גענומען באַ איר זוכן אין קעפל. — „פאַרוואָס האַנדלסטו מיט בראָנפן?

און פון וואָס זאָל איך מיינע קינדער שפייזן״ ? — האָט זי גערעדט און ווידער פלייסיק געטון איר איינגעוווינטע אַרבעט.

דער קרעטשמערקעס ווערטער האָבן מאַסלאָווען דערמאַנט אָן בראָנפן.

— אוי, אַ ביסל בראָנפן, — האָט זי זיך געווענדט צו קאָראַבליאָווען, ווישנדיק מיטן אַרבל פון העמד די טרערן און נאָך אַלץ כליפּענדיק.

— קלינגערס האָסטו ? טאָ גיב אַהער, וועט זיין בראָנפן. — האָט קאָראַבליאָווא געענטפערט.

XXXII.

מאַסלאָווא האָט געגעבן קאָראַבליאָווען דעם קופּאָן, וואָס זי האָט אַרויסגענומען פון די קוליטשן. קאָראַבליאָווא האָט אים גענומען, זיך גוט איינגעקוקט, און הגם לייענען האָט זי נישט געקאָנט, אָבער זי האָט געגלייבט כאָראָשאַווקען, וואָס איז אין אַלץ געווען באַהאַוונט, און וועלכע האָט איר דערקלערט, אַז דאָס פּאַפּירל איז 2 רובל מיט 50 קאָפּיקעס. קאָראַבליאָווא האָט אַרויפגעקלעטערט נאָך דעם פלעשל בראָנפן, וואָס איז דאָרט געלעגן פאַרבאַהאַלטן הינטערן קוימען. דאָס דערזעען, זענען די פרויען, וואָס זענען נישט געווען קיין שכנות אויף די נאַרעס, אַפּגעגאַנגען צו זיך אויף די ערטער. מאַסלאָווא האָט דערווייל אויסגעקלאַפּט דעם שטויב פון כאַלאַט און פון טיכל, איז אַרויפגעקראָכן אויף די נאַרעס און גענומען עסן איר קוילעטש.

— איך האָב פאַר דיר געלאָזט טיי, אָבער ס'איז מסתמא אָפּגעקילט, — האָט פעדאָסיע איר געזאָגט, נעמענדיק פון דער פּאָליצע אַ בלעכערנעם טשייניק, איינגעוויקלט אין אַ שמאַטע און אַ קריגעלע.

די טיי איז שוין געווען גאָר קאַלט און האָט געשמעקט מער מיט בלעך, ווי מיט טיי, אָבער מאַסלאָווא האָט אָנגעגאָסן אַ קריגעלע און האָט גענומען פאַרטרינקען מיט דעם קוילעטש.

— פינאַשקאַ, נאַ נעם, — האָט זי אַ געשריי געטון צום יינגעלע, וואָס האָט נישט אַראָפּגענומען פון איר די אויגן און געקוקט איר אין מויל אַריין. זי האָט אים געגעבן אַ שטיק קוילעטש.

קאַראַבליאָווא האָט דערווייל אַראָפּגענומען דאָס פּלעשל מיט דעם בראָנפן און אַ גלעזל. מאַסלאָווא האָט טראַקטירט קאַראַבליעווען און כאָראַשאַווקען. דידאַזיקע דריי אַרעסטאַנטינס האָבן געבילדעט די אַריסטאָקראַטיע פון דער קאַמער, דערפאַר ווייל זיי האָבן געהאַט צו ביסלעך געלט און האָבן זיך געטיילט צווישן זיך, וואָס זיי האָבן געהאַט.

אין אייניקע מינוטן אַרום האָט זיך מאַסלאָווא דערפילט אויפגעמונטערט און האָט לעבעדיק גענומען דערציילן אַלץ, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין געריכט, האָט נאָכגעמאַכט דעם פּראָקוראָר, און דערציילט אַלץ, וואָס האָט אויף איר געמאַכט אַ גרויסן רושם. דערהויפּט האָט זי איבערראַשט, וואָס אומעטום, ווו זי זאָל נישט געווען זיין, זענען ס׳שוין איר די מענער, ווי זי האָט באַמערקט, נאָכגעלאָפן. אין געריכט האָבן אַלע אויף איר געקוקט, — האָט זי דערציילט, — און אַלע ווילע געקומען זי אָנקוקן אין אַרעסטאַנטן-צימער.

— אפילו איינער פון די וואַך-זעלנער האָט מיר אויך געזאָגט: — דאָס גייט מען אַלע אויף דיר קוקן. איינער קומט צו גיין און פרעגט כלומרשט עפּעס אַ פּאַפּיר, אָדער אַן אַנדערע זאַך, אָבער איך וויס, אַז ער דאַרף נישט קיין פּאַפּיר, און מיך וואָלט ער ממש איינגעשלינגען מיט די אויגן, — האָט זי דערציילט, שמייכלענדיק און ווי נישט פאַרשטייענדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — אַ חברה.

— יאָ, אַזוי זענען זיי שוין די מענער! — האָט די באַנוועכטעריין אונטערגעכאַפּט, און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן גיסן איר קלינגענדיקע רעדע, — זיי זענען ווי די פליגן אויף צוקער. אויף עפּעס אַנדערש נישט, אויף דעם זענען זיי בעלנים. מען דאַרף זיי קיין פינגער אין מויל נישט לייגן.

— דאָס זעלבע אויך דאָ, — האָט די מאַסלאָווא איבערגעשלאָגן.— דאָ בין איך זיך אויך אויסגעשטאַנען. ווי מען האָט מיך נאָר געבראַכט, איז אָנגעקומען אַ פּאַרטיע אַרעסטאַנטן פון וואָקזאַל. זיי זענען מיך אַזוי באַפאַלן, אַז איך האָב נישט געוווסט ווי זיך אָפּצוטשעפּען. נאָך גוט, וואָס ס׳איז געקומען דער געהילפס-שעף און האָט זיי אָפּגעטריבן. איינער האָט זיך אַזוי אָנגעזעצט, אַז איך בין פון אים קוים פּטור געוואָרן.

— ווי האָט ער אויסגעזעען? — האָט כאָראַשאַווקאַ געפרעגט.

— אַ שוואַרצהנעווודיקער מיט וואָנסעס.

— געוויס איז דאָס ער.

— ווער דער ער ?

— ער, שטשעגלאָוו, וואָס איז נאָר-וואָס אַדורך פאַרביי.

— וועלכער שטשעגלאָוו ?

— שטשעגלאָוון קען זי נישט ! שטשעגלאָוו איז צוויי מאָל געלאָפן פון קאַטאָרגע, איצט האָט מען אים געכאַפּט, אָבער ער וועט ווייטער אַנטלויפן. פאַר אים ציטערן די אַסטראָג-אויפזעער, — האָט דערציילט כאָראַשאָווקע, וועלכע פלעגט איבערגעבן צעטעלעך צו די אַרעסטאַנטן און האָט געוווּסט וועגן אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין טורמע. — ער וועט געוויס אַנטלויפן.

— און אויב ער וועט אפילו אַנטלויפן, וועט ער אונז מיט זיך נישט מיטנעמען, — האָט קאָראַבליאָוואַ געזאָגט, — און דו דערצייל מיר אָקאָרשט, — האָט זי זיך געווענדט צו מאַסלאָווען : — וואָס האָט דיר דער אַבלאַקאַט געזאָגט וועגן דערלאַנגען אַ נייע ביטע, מען וועט דאָך דאַרפן דערלאַנגען ?

מאַסלאָוואַ האָט געענטפערט, אַז זי ווייסט גאָרנישט.

אין דער מינוט איז די רויטע, אַריינרוקנדיק די בײדע הענט מיט זומערשפּרינקעלעך אין די צעשויבערטע האָר און קראַצנדיק מיט די נעגל דעם קאָפּ, צוגעגאַנגען צו די אַריסטאָקראַטינס, וואָס האָבן געמאַכט אַ שנאַפּס.

— איך וועל דיר, קאַטערינאַ, זאָגן, — האָט זי אָנגעהויבן. — פריער פאַר אַלץ, דאַרפסטו דערלאַנגען : ביסט אומצופרידן מיטן פּסק-דין, און שפּעטער מעלדן דעם פּראָקוראָר.

— וואָס גייט עס דיך אָן, — האָט קאָראַבליאָוואַ זיך אָנגעכאַפּט און זיך צעשריגן מיט איר בייזער באַסאָווער שטימע. — דערשמעקט בראָנפן : נישטאָ וואָס צו פאַררעדן די ציין. מען ווייסט אָן דיר, וואָס מען האָט צו טון. מ'וועט זיך באַגיין אָן דײן עצה.

— מיט דיר רעדט מען נישט. וואָס כאַפּסטו זיך אָן.

— זיך פאַרוואָלט אַ ביסל בראָנפן. לעקסט זיך אונטער.

— נו, דערלאַנג איר טאַקע אַ ביסל בראָנפן, — האָט מאַסלאָוואַ געזאָגט, זי פלעגט שטענדיק אַלעמען צעטיילן אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט.

— איך וועל איר באַלד אַ דערלאַנג טון.

— נו, ווייז נאָר, — האָט געזאָגט די רויטהאָריקע, רוקנדיק זיך אויף קאָראַבליאָווען, — מיינסט איך האָב זיך פאַר דיר דערשראָקן ?

— הינטישע פעל!

— פון אַזאַ הער איך.

— גרויסער טרעלבויך!

— איך בין אַ גרויסער טרעלבויך? קאַטאַרזשאַניכע, מערדערקע, — האָט געשריגן די רויטהאָריקע.

— אַוועק פונדאַנען, — האָט מיט צאָרן אַרויסגערעדט קאָראַבליאָוואַ.

אָבער די רויטע האָט זיך גערוקט אַלץ נענטער, און קאָראַבליאָוואַ האָט זי אַ שטויס געטון אין דער נאַקעטער פעטער ברוסט. די רויטע האָט קענטיק נאָר דערויף געוואַרט, און מיט אַמאָל האָט זי האַסטיק אָנגעכאַפּט קאָראַבליאָוועס מיט איין האַנט פאַר די האָר און מיט דער אַנדערער האָט זי איר געוואָלט דערלאַנגען אין פנים. אָבער קאָראַבליאָוואַ האָט אָנגעכאַפּט איר האַנט. מאַסלאָוואַ און כאַראָשאַווקאַ האָבן אָנגענומען די רויטע באַ די הענט און זי געוואָלט אָפּרייסן. אָבער דער רויטערס האַנט, וואָס האָט זיך איינגעטשעפּעט אין די האָר, האָט מען נישט געקאָנט פונאַנדערנעמען. זי האָט אַ ווײַלע אָפּגעלאָזט די האָר, כדי זי זאָל זיי קאָנען אַרומוויקלען אַרום דער פויסט. און קאָראַבליאָוואַ אָבער האָט מיט אַן אויסגעקרימטן קאָפּ געקלאַפּט דער רויטער מיט איין האַנט איבערן לייב און האָט מיט די ציין זיך געיאָגט אָנצוכאַפּן איר האַנט. די פרויען האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום זיי, געוואָלט זיי פונאַנדערנעמען, געשריגן. אפילו די שווינדזיכטיקע איז צוגעגאַנגען צו זיי און, הוסטענדיק, צוגעקוקט אויף די ווייבער, ווי זיי האָבן זיך געריסן. די קינדער האָבן זיך געטוליעט איינע צו די אַנדערע און געוויינט. אויף דעם גערויש זענען אָנגעקומען די אויפזעערין און דער אויפזעער. די שלעגערינס האָט מען פונאַנדערגעריסן, און קאָראַבליאָוואַ האָט צעלאָזט איר גרויען צאָפּ און האָט אַרויסגענומען פון דאָרט די פאַסן אויסגעפליקטע האָר, און די רויטע האָט געהאַלטן אויף איר געלער ברוסט דאָס העמד, וואָס מ'האָט אין געשלעג אויף איר צעריסן, — ביידע האָבן געשריגן, דערקלערנדיק און מסרנדיק.

— איך וויים דאָך, ס'איז אַלץ דער בראָנפן; אָט וועל איך מאָרגן זאָגן דעם אויפזעער, וועט ער אייך שוין געבן. איך הער — עס שמעקט,— האָט די אויפזעערין גערעדט. — געדענקט, נעמט אַלץ צו, אַנישט וועט זיין שלעכט, אויסטענהן זיך מיט אייך איז קיין צייט נישטאָ. אַלע אויף די ערטער און שטיל זאָל זיין!

אָבער נאָך לאַנג איז שטיל נישט געוואָרן. נאָך לאַנג האָבן די פּרויען זיך געזידלט, דערציילט איינע דער אַנדערער, ווי אַזוי דאָס האָט זיך אָנגעהויבן און ווער ס'איז שולדיק. לסוף איז דער אויפזעער און די אויפזעערין אַוועק, און די פרויען האָבן זיך אָנגעהויבן איינצושטילן און זיך לייגן שלאָפן. די אַלטיטשקע האָט זיך געשטעלט פאַר דער איקאָנע און אָנגעהויבן מתפּלל זיין.

— צוויי קאַטאָרזשניקעס האָבן זיך צונויפגענומען, — האָט די רויטע פלוצלינג זיך צערעדט פון דעם אַנדערן עק נאַרעס מיט אַ הייזעריק קול, און איטלעכעס וואָרט באַגלייט מיט משונה אויסגעקליגטע זידלערייען.

— זע אַקאָרשט, אַז דו זאָלסט נישט כאַפּן, — האָט קאָראַבליאָוואַ גלייך אָפּגעענטפערט, מיט אַ צוגאָב פון אַזעלכע זידלערייען. אוןביידע זענען שטיל געוואָרן.

— ווען מ'וואָלט מיך נישט געהאַט איבערגעשלאָגן, וואָלט איך דיר די ווייסלען דיינע אויסגעדראָפּעט... — האָט די רויטע ווידער אָנגעהויבן און ווידער האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן פונקט אַזאַ ענטפער קאָראַבליאָוועס.

ווידעראַמאָל אַ לענגערע פּויזע פון שטילשווייגן און ווידער זידלערייען. די פּויזעס זענען געוואָרן אַלץ לענגער און ענדלעך איז אַלץ שטיל געוואָרן.

אַלע זענען געלעגן, טייל האָבן געכראָפּעט, בלויז די אַלטיטשקע, וועלכע פלעגט תמיד לאַנג מתפּלל זיין, האָט נאָך אַלץ געבוקט זיך פאַר דעם הייליקן בילד, און דעם דיאַקס טאָכטער איז, ווי נאָר די אויפזעערין איז אַרויס, אויפגעשטאַנען און ווידער אָנגעהויבן צו גיין הין און צוריק איבער דער קאַמער.

מאַסלאָוואַ איז נישט געשלאָפן און אַלץ געטראַכט וועגן דעם, אַז זי איז אַ קאַטאָרזשאַנערין, און מ'האָט זי אַזוי צוויי מאָל שוין אָנגערופן: — באַטשקאָוואַ האָט אָנגערופן און די רויטע האָט אָנגערופן — און זי האָט זיך נישט געקאָנט צוגעוויינען צו דעמדאָזיקן געדאַנק. קאָראַבליאָוואַ, וועלכע איז צו איר געלעגן מיטן רוקן, האָט זיך איבערגעדרייט.

— ס'איז מיר אפילו גאָר אויפן זינען נישט געקומען, — האָט מאַסלאָוואַ שטיל געזאָגט. — אַנדערע טוען אָפּ ווער ווייסט וואָס און גאָרנישט, און איך דאַרף ליידן אומזיסט-אומנישט.

— זאָרג נישט, מיידל. אין סיביר לעבן אויך מענטשן. און דו וועסט דאָרט אויך נישט פאַרפאַלן ווערן, — האָט קאַראַבליאָוואַ זי געטרייסט.

— איך ווייס, אַז איך וועל נישט פאַרפאַלן ווערן, פונדעסטוועגן פאַרדריסט. נישט אַזאַ מזל האָט מיר געדאַרפט באַשערט זיין. איך בין דאָך אַזוי צוגעוווינט צו אַ גוט לעבן.

— קעגן גאָט וועסטו נישט גיין, — האָט קאַראַבליאָוואַ אַרויסגערעדט מיט אַ זיפץ; — קעגן אים וועסטו נישט גיין.

— איך ווייס, מומינקע, פונדעסטוועגן איז שווער
ביידע האָבן אַ ווײַלע געשוויגן.

— הערסט ווי זי צוגיט? די חצופה, — האָט קאַראַבליאָוואַ אַרויסגערעדט, מאַכנדיק מאַסלאָווען אויפמערקזאַם אויף די אויסטערלישע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געהערט פון דער אַנדערער זייט נאַרעס.

דידאָזיקע קלאַנגען זענען געווען דאָס איינגעהאַלטענע כליפּען פון דער רויטהאָריקער. די רויטע האָט געוויינט אויף דעם, וואָס מ'האָט זי נאָר־וואָס אָפּגעזידלט, אָנגעשלאָגן און נישט געגעבן קיין בראָנפן, וואָס האָט זיך איר אַזוי געוואָלט. זי האָט אויך געוויינט אויף דעם, וואָס זי האָט איר גאַנץ לעבן קיין זאַך נישט געזען, נאָר זידלערייען, חוזק, באַליידיקונגען און קלעפּ. זי האָט זיך געוואָלט טרייסטן, דערמאָנענדיק איר ערשטע ליבע צו אַ פאַבריק־אַרבעטער, פעדקאַ מאָלאָדיענקאָוו, אָבער דערמאָנט זיך אין דערדאָזיקער ליבע, האָט זי זיך אויך דערמאָנט, ווי אַזוי דידאָזיקע ליבע האָט זיך געענדיקט. געענדיקט האָט זיך דידאָזיקע ליבע דערמיט, אַז דער מאָלאָדיענקאָוו האָט שיכורערהייט אויף אַ שפּאַס אַ שמיר געטון איר מיט וויטריאָל איבער דעם סאַמע שפּירעוודיקסטן אָרט און דערנאָך געקייכט פאַר געלעכטער צוזאַמען מיט די חברים, קוקנדיק דערויף, ווי זי האָט זיך געקאָרטשעט פאַר ווייטיק. זי האָט זיך עס דערמאָנט, און זי האָט רחמנות באַקומען אויף זיך און מיינענדיק, אַז קיינער הערט זי נישט, האָט זי זיך צעוויינט, און האָט געוויינט ווי קינדער — כליפּענדיק און סאָפּענדיק מיט דער נאָז און שלינגענדיק די געזאַלצענע טרערן.

— אַ רחמנות אויף איר, — האָט מאַסלאָוואַ געזאָגט.

— אוודאי אַ רחמנות, זאָל זי וייטער נישט קריכן...

XXXIII.

דאָס ערשטע געפיל, וואָס נעכליודאָוו האָט געהאַט אויף מאָרגן, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז געווען דאָס באַוווסטזיין, אַז מיט אים איז עפּעס געשעען.

און אפילו איידער ער האָט זיך דערמאַנט, וואָס איז געשעען, האָט ער שוין געוווסט, אַז עס איז געשעען אַ וויכטיקע און אַ גוטע זאַך. „קאַטיושאַ, געריכט", יאָ, מען דאַרף אויפהערן צו ליגן און זאָגן דעם גאַנצן אמת. און וואָס פאַר אַ מערקווירדיקער צונויפפאַל: אין דעם זעלבן פרימאָרגן איז ענדלעך אָנגעקומען דער לאַנג דערוואַרטער פון מאַריאַ וואַסיליעווגאַ, דעם מאַרשאַלס ווייב, דער זעלבער בריוו, וואָס ער האָט אים איצט געדאַרפט אַזוי נייטיק האָבן. זי האָט אים געגעבן פולע פריי־הייט, געוווּנטשן גליק אין זיין געפּלאַנטער חתונה.

— חתונה! — האָט ער איראָניש אַרויסגערעדט. — ווי ווייט איך בין איצטער דערפון.

און ער האָט זיך דערמאַנט זיין נעכטיקע כּוונה אַלץ צו זאָגן איר מאַן, אויסדריקן פאַר אים זיין חרטה און גרייטשאַפט אויף יעדער סאַטיס־פאַקציע. אָבער היינט איינדערפרי האָט עס אים אויסגעוויזן נישט אַזוי לייכט ווי נעכטן. „און אגב, צו וואָס מאַכן אומגליקלעך אַ מענטש, ווי באַלד ער ווייסט נישט. ווער ער פרעגן, וועל איך אים זאָגן, יאָ, אָבער ספּעציעל גיין זאָגן אים? ניין, דאָס דאַרף מען נישט".

פונקט אַזוי שווער האָט אים היינט איינדערפרי אויסגעוויזן צו זאָגן דעם גאַנצן אמת מיסין. מען האָט ווידער נישט געקאָנט אָנהייבן צו רעדן — דאָס וואָלט זיין באַליידיקנדיק. עס האָט אומפאַרמיידלעך גע־מוזט בלייבן, ווי אין אַ סך לעבנסבאַציונגען, עטוואָס אַזוינס, וואָס מען דאַרף זיך אָנשטויסן. איינס האָט ער היינט איינדערפרי באַשלאָסן: ער וועט נישט פאָרן צו זיי און ווער זאָגן דעם אמת, אַז מ'וועט אים פרעגן.

דערפאַר אָבער טאָר אין זיינע באַציונגען מיט קאַטיושען נישט בלייבן קיין שום נישט דערזאָגטס.

כ׳וועל פאָרן אין טורמע אריין, וועל איר זאָגן, וועל זי בעטן, זי זאָל מיר מוחל זיין. און אויב מען דאַרף, יאָ, אויב מען דאַרף, וועל איך מיט איר חתונה האָבן", האָט ער געטראַכט.

דערדאָזיקער געדאַנק וועגן דעם, אַז ער זאָל צוליב מאָראַלישער באַפרידיקונג אַלץ מקריב זיין און חתונה האָבן מיט איר, האָט אים היינט אינדערפרי באַזונדערס גערירט.

שוין לאַנג האָט ער נישט באַגעגנט דעם טאָג מיט אַזאַ ענערגיע. ווען אַגראַפענאַ פּעטראָוונאַ איז צו אים אַריין, האָט ער איר גלייך מיט אַ אַנטשלאָסנקייט, אויף וועלכער ער האָט זיך אַליין נישט געריכט, גע-מאָלדן, אַז ער נייטיקט זיך מער נישט אין דערדאָזיקער דירה און אין איר באַדינונג. דורך אַ שטילשווייגנדיקן הסכם איז געווען פעסטגעשטעלט, אַז די דאָזיקע גרויסע און טייערע דירה האַלט ער, כּדי אין איר חתונה צו האָבן. דאָס אָפּזאָגן די דירה האָט אַלזאָ געהאַט אַ באַזונדערע באַדייטונג. אַגראַפענאַ פּעטראָוונאַ האָט פאַרוואונדערטערהייט אים אָנגעקוקט.

— איך דאַנק אייך זייער, אַגראַפענאַ פּעטראָוונאַ, וואָס איר האָט אַזוי געזאָרגט וועגן מיר, אָבער איך דאַרף איצט נישט האָבן אַזאַ גרויסע דירה און די גאַנצע דינערשאַפט. נאָר אויב איר ווילט מיר העלפן, טאָ זייט אַזוי גוט באַזאָרגן די זאַכן, דערוויל זיי צונעמען, ווי מען פלעגט דאָס טון פאַר דער מאַמאַ. און אַז נאַטאַשאַ וועט קומען צו פאָרן, וועט זי אַלץ באַזאָרגן (נאַטאַשאַ איז געווען נעכליודאָווס אַ שוועסטער).

אַגראַפענאַ פּעטראָוונאַ האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— וואָס הייסט באַזאָרגן? מ׳וועט דאָך זיי דאַרפן, — האָט זי געזאָגט.

— ניין, מ׳וועט נישט דאַרפן, אַגראַפענאַ פּעטראָוונאַ, מ׳וועט אויף זיכער נישט דאַרפן, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, ענטפערנדיק אויף דעם, וואָס איר שאָקלען מיטן קאָפּ האָט אויסגעדריקט. — זאָגט אויך, איך בעט אייך, קאָרנייען, אַז געהאַלט וועל אים געבן פאַר צוויי חדשים פאַר-אויס, אָבער איך דאַרף אים נישט האָבן.

— אומזיסט, דמיטרי איוואַנאָוויטש, טוט איר אַזוי, — האָט זי אַרויסגערעדט. — נו, אַז איר וועט פאָרן קיין אויסלאַנד, וועט איר פונ-דעסטוועגן אויך דאַרפן די דירה.

— איר האָט אַ טעות, אַגראַפענאַ פּעטראָוונאַ. איך וועל קיין אויס-לאַנד נישט פאָרן; אויב איך וועל פאָרן, איז גאָר ערגעץ אַנדערש.

ער איז פּלוצלינג רויט געוואָרן ווי צונטער.

„יאָ, מ׳דאַרף איר זאָגן, — האָט ער אַ טראַכט געטון: — נישטאָ וואָס צו באַהאַלטן. מ׳דאַרף אַלץ אַלעמען אויסזאָגן".

— מיט מיר איז נעכטן געשעען זייער אַ מערקווירדיקע און אַ וויכטיקע זאַך. איר געדענקט קאַטיושען בּאַ דער מומע מאַריאַ איוואַנאָוונאַ?

— ווי זשע דען, איך האָב זי געלערנט נייען.

— נו, האָט מען נעכטן אָט די קאַטיושען אין געריכט געמשפּט און איך בּין געווען אַ געשווירענער ריכטער.

— אַך, מיין גאָט, אַזאַ רחמנות! — האָט אַגראַפענאַ פּעטראָוונאַ געזאָגט. — און פאַרוואָס האָט מען זי געמשפּט?

— פאַר אַ מאָרד — און דאָס אַלץ האָב איך געטון.

— ווי אַזוי-זשע האָט איר עס געקאָנט טון? עפּעס רעדט איר זייער מאָדנע, — האָט אַגראַפענאַ פּעטראָוונאַ געזאָגט און אין אירע אַלטע אויגן האָבן זיך פייערלעך אָנגעצונדן.

זי האָט געוווּסט די מעשה מיט קאַטיושען.

— יאָ, איך בּין די סיבּה פון דעם אַלעם. און דאָס האָט געענדערט אַלע מיינע פּלענער.

— וואָס פאַר אַן ענדערונג קאָן דאָ פאַר אייך זיין דען? — האָט אַגראַפענאַ פּעטראָוונאַ געזאָגט, איינהאַלטנדיק אַ שמייכל.

— אָט וואָס פאַר אַן ענדערונג: וויבּאַלד איך בּין די סיבּה, וואָס זי איז אַוועק אויף אַזאַ וועג, מוז איך אויך טון אַלץ, וואָס איך קאָן, איר צו העלפן.

— דאָס איז אייער גוטער ווילן, אָבער קיין באַזונדערע שולד האָט איר אין דעם נישט. מיט אַלעמען טרעפט עס, און אויב מ׳האָט שכל, ווערט עס אַלץ פאַרגלעט און פאַרגעסן, און מ׳לעבט, — האָט אַגראַפענאַ פּעטראָוונאַ שטרענג און ערנסט געזאָגט: — און נעמען עס אויף אייער חשבון דאַרפט איר גאָרנישט. איך האָב נאָך פריער געהערט, אַז זי איז אַראָפּ פון וועג, איז ווער-זשע אין דעם שולדיק?

— איך בּין שולדיק. און דעריבּער וויל איך עס טאַקע גוט מאַכן אויך.

— נו, גוט מאַכן עס איז שוין שווער.

— דאָס איז מיין זאַך. און אויב איר טראַכט וועגן זיך, איז דאָס, וואָס די מאַמאַ האָט געוואָלט...

— איך טראַכט וועגן זיך נישט. אייער זעליגע מוטער האָט מיך אַזוי פאַרזאָרגט מיט אַלעם גוטן, אַז מער פאַרלאַנג איך גאָרנישט. ליזינ-

קע רופט מיך (דאָס איז געווען אירס אַן אויסגעגעבענע פּלימעניצע), וועל איך צו איר אַוועקפאָרן, אַז מ'וועט מיך נישט דאַרפן. אָבער אומזיסט נעמט איר עס זיך אַזוי צום האַרץ, מיט אַלעמען טרעפט עס.

— נו, איך האַלט נישט אַזוי. און דאָך בעט איך אייך, העלפט מיר אָפּגעבן די דירה און צונעמען די זאַכן. און זייט נישט אין כעס אויף מיר. איך בין אייער זייער, זייער דאַנקבאַר פאַר אַלץ.

אַ מאָדנע זאַך: זינט נעכליודאָוו האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ שלעכטער און איז זיך אַליין נמאס און מיאוס געוואָרן, זינט דאַן האָבן אים די אַנדערע מענטשן אויפגעהערט צו זיין עקלדיק; אדרבא, ער האָט אי צו אַגראַפענאַ פּעטראָוונען אי צו קאָרנייען געהאַט אַ פריינטלעך און דרך-ארצדיק געפיל. אים האָט זיך געוואָלט מתוודה זיין פאַר קאָרנייען אויך, אָבער קאָרנייס פּנים האָט אויסגעדריקט אַזאַ בכבודיקע ערנסטקייט, אַז ער האָט נישט געקאָנט פועלן בא זיך דאָס צו טון.

אויפן וועג אין געריכט אַריין, פאָרנדיק איבער די זעלביקע גאַסן, מיט דעמזעלביקן פורמאַן, האָט נעכליודאָוו זיך געחידושט אויף זיך אַליין, אַזוי ווייט האָט ער זיך היינט געפילט גאָר אַן אַנדערער מענטש.

די חתונה מיט מיסין, וואָס האָט אים נעכטן נאָך אויסגעוויזן אַזוי נאָענט, איז אים איצט פאָרגעקומען אוממעגלעך. נעכטן האָט ער זיין לאַגע באַנומען אַזוי, אַז ס'איז אפילו קיין ספק נישט געבליבן, אַז זי וועט זיין גליקלעך חתונה צו האָבן מיט אים; היינט האָט ער געפילט, אַז ער איז נישט ווערט נישט נאָר חתונה צו האָבן מיט איר, נאָר אפילו זיין מיט איר נאָענט. „ווען זי וואָלט נאָר געוווּסט, ווער איך בין, וואָלט זי מיך בשום אופן נישט אויפגענומען. אַבי איך האָב איר נאָך פאָרגעהאַלטן איר קאָקעטירן מיט יענעם הער. אָ, ניין, ווען זי וואָלט אפילו איצטער געוואָלט מיט מיר חתונה האָבן, וואָלט איך דען געקאָנט זיין — מ'רעדט שוין נישט פון גליקלעך, נאָר אפילו רויק נישט, ווייסנדיק, אַז יענע איז דאָ אין טורמע און מאָרגן — איבערמאָרגן וועט זי מיטן עטאַפּ אַוועקגיין אויף קאַטאָרגע. יענע פרוי, וואָס איך האָב אומגעבראַכט, וועט אַוועקגיין אויף קאַטאָרגע, און איך וועל דאָ אָננעמען גראַטולאַציעס און וועל מאַכן וויזיטן מיט מיין יונג ווייב. אָדער מיט דעם מאַרשאַל, וועלכן איך האָב מיאוס אָפּגענאַרט מיט זיין ווייב, וועל איך אויף דער פאַרזאַמלונג ציילן די שטימען פאַר און קעגן דער פאָרגעלייגטער תקנה פון דער

גובערניאַלער אינספעקציע, פון די שולן א. אַז. וו., און דערנאָך וועל איך אָפּרעדן אַ ראַנדעווו מיט זיין פרוי (וואָס פאַר אַ נידערטרעכטיקייט!) אָדער איך וועל ווייטער אַרבעטן אויף דעם בילד, וואָס וועט זיכער קיינמאָל נישט פאַרענדיקט ווערן, ווארים איך דאַרף זיך גאָרנישט פאַרנעמען מיט אַזעלכע שטותרייען, און איך קאָן עטוואָס אַזוינס איצט לחלוטין נישט טון", האָט ער צו זיך אַליין גערעדט און זיך כסדר געפרייט פון דער אינעווייניקסטער פאַרענדערונג, וואָס ער האָט געפילט.

„קודם-כל, — האָט ער געטראַכט, — דאַרף מען איצט זעען דעם אַדוואָקאַט און געוווירן וערן זיין באַשלוס, און דערנאָך... דערנאָך דאַרף מען זיך זעען מיט איר אין טורמע, אָט מיט דער נעכטיקער אַרעסטאַנטין, און זאָגן איר אַלץ".

און אַז ער האָט זיך נאָר פאָרגעשטעלט, ווי ער וועט זיך זעען מיט איר, ווי ער וועט איר זאָגן אַלץ, ווי ער וועט זיך מתוודה זיין פאַר איר אין זיין זינד קעגן איר, ווי ער וועט איר מעלדן, אַז ער וועט טון אַלץ, וואָס ער קאָן, וועט מיט איר חתונה האָבן, צו פאַרגלעטן זיין שולד,— פלעגט אים אַרומנעמען אַ באַזונדער געפיל פון התלהבות און טרערן פלעגן אים זיך ווייזן אויף די אויגן.

XXXIV.

געקומען אין געריכט אַריין, האָט נעכליודאָוו נאָך אין קאָרידאָר באַגעגנט דעם נעכטיקן געריכטס-קאָמיסאַר און אים אויסגעפרעגט: ווו האַלטן זיך אויף די שוין פאַרמשפטע אַרעסטאַנטן און פון וועמען הענגט אָפּ צו דערלויבן אַ זעונג מיט זיי? דער געריכטס-קאָמיסאַר האָט דערקלערט, אַז אויפהאַלטן, האַלטן זיך די אַרעסטאַנטן אויף אין פאַרשידענע ערטער און אַז איידער דער אורטייל ווערט געמאַלדן אין דער ענדגילטיקער פאָרם, הענגט דאָס דערלויבן זעונגען אָפּ פון דעם פּראָקוראָר. —

„איך וועל אייך זאָגן און וועל אייך אַליין צופירן נאָך דער זיצונג. דער פּראָקוראָר איז נאָך ניט ווי סיי נישטאָ. נאָך דער זיצונג, אַלזאָ, און איצט קומט, איך בעט אייך, אין געריכט אַריין. עס הייבט זיך שוין אָן".

נעכליודאָוו האָט באַדאַנקט דעם קאָמיסאַר פאַר זיין פריינדלעכקייט (היינט האָט ער אים אויסגעוויזן באַזונדערס נעבעכדיק) און האָט זיך געלאָזט גיין אין דעם צימער פאַר די געשווירענע ריכטער.

אין דער צייט, ווען ער איז צוגעגאַנגען צו דעמדאָזיקן צימער, זענען שוין די געשווירענע געגאַנגען פון דאָרט אין דעם זיצונגס-זאַל אריין. דער סוחר איז געווען פונקט אַזוי פריילעך און האָט פונקט אַזוי צוגעביסן און אויסגעטרונקען ווי נעכטן, און נעכליודאָוון האָט ער באַגעגנט ווי אַן אַלטן פריינט. אויך פּיאָטר געראַסימאָוויטש האָט היינט נישט אַרויסגערופן בא נעכליודאָוון קיין שום אומאָנגענעם געפיל מיט זיין פאַמיליאַריטעט און זיין געלעכטער הויך אויפן קול.

נעכליודאָוון האָט זיך געוואָלט אויך אַלע געשווירענע זאָגן וועגן זיין פאַרהעלטעניש צו דער נעכטיקער באַשולדיקטער. „אין תוך גענומען, — האָט ער געטראַכט, — האָט מען נעכטן בשעת דעם פּראָצעס געדאַרפט אויפשטיין און עפנטלעך מעלדן די שולד". ווען ער איז אָבער צוזאַמען מיט די געשווירענע אריין אין דעם זיצונגס-זאַל און עס האָט זיך אָנגעהויבן די נעכטיקע פּראָצעדור: ווידעראַמאָל „דאָס געריכט גייט", ווידעראַמאָל די דריי אויף דער טריבונע אין קראַגנס, ווידעראַמאָל אַ שטילשווייגן, די געשווירענע זעצן זיך אויס אויף די שטולן מיט די הויכע ווענטלעך, די זשאַנדאַרמען, דער גלח, — ער האָט דערשפּירט, אַז הגם מ'האָט עס נעכטן טאַקע באַדאַרפט טון, נאָר ער וואָלט אפילו נעכטן נישט געקאָנט צערייסן דידאָזיקע פייערלעכקייט.

די הכנות צום משפט זענען געווען די אייגענע, וואָס נעכטן (מיט דעם אויסנאַם פון באַשווערן די געשווירענע ריכטער און פון דעם פאָרזיצערס רעדע צו זיי).

היינט איז דער פּראָצעס געווען וועגן אַ גנבה מיט אַן איינברוך. דער באַשולדיקטער, געהיטן פון צוויי זשאַנדאַרמען מיט אַנטבלויזטע שווערדן, איז געווען אַ דאַר, שמאָל-פּלייציק, צוואַנציקיעריק יינגל אין אַ גרויען כאַלאַט און מיט אַ גרוי פּנים אָן אַ טראָפּן בלוט. ער איז געזעסן אַליין אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק און האָט פון אונטער די ברעמען אפּער באַקוקט די אַריינקומענדיקע. דאָסדאָזיקע יינגל איז באַשולדיקט געוואָרן אין דעם, אַז צוזאַמען מיט אַ חבר האָט ער צעבראָכן אַ שלאָס אין אַ שייער און האָט אַוועקגעגנבעט פון דאָרט טרעטערס אויף אַ סומע פון 3 רובל 67 קאָפּיקעס. פון דעם באַשולדיקונגס-אַקט איז געווען צו זען, אַז דער פּאָליציאַנט האָט פאַרהאַלטן דעם יונג פּונקט דעמאָלט, ווען ער

איז געגאַנגען מיטן חבר, וועלכער האָט אויפן אַקסל געטראָגן די טרעטערס. דאָס ייִנגל און זײַן חבר האָבן זיך גלײַך מודה געווען און מ׳האָט זיי ביידע אַרײַנגעזעצט אין טורמע. דעם ייִנגלס חבר, אַ שלאָסער, איז געשטאָרבן אין דער תּפיסה, און דאָס ייִנגל האָט מען געלאָזט אַליין. די אַלטע טרעטערס זענען געלעגן אויפן טיש פון די זאַכלעכע באַווײַזן.

דער פּראָצעס האָט זיך געפירט פּונקט ווי דער נעכטיקער, מיט דעם גאַנצן אַרסענאַל ראיות, באַווײַזן, עדות, באַשווערעניש, פאַרהערעניש, עקספּערטן און קרייץ-פראַגן. דער עדות, דער פּאָליציאַנט, האָט אויף די פראַגן פון דעם פּאַרזיצער, פון דעם באַשולדיקער, פון דעם פּאַרטייִדיקער, טעמפּ אָפּגעהאַקט: „יאָ, ריכטיק״, „איך קאָן נישט וויסן״, און ווידעראַמאָל „יאָ, ריכטיק״... אָבער נישט קוקנדיק אויף זײַן זעלנערישער פּאַרטעמפּטקייט און מאַשינאַרטיקייט, איז געווען קענטיק, אַז ער האָט רחמנות געהאַט אויפן ייִנגל און אָן חשק דערציילט, ווי אַזוי ער האָט אים געפּאַקט.

דער צווייטער עדות, דער געליטענער, אַן אַלטיטשקער, דער הויזווירט און דער אייגנטימער פון די טרעטערס, קענטיק — אַ גאַליקער מענטש, אַז מ׳האָט אים געפרעגט, צי דערקענט ער זײַנע טרעטערס, האָט ער זייער אומגערן זיי אָנערקענט פאַר זײַנע; און ווען דער געהילפס-פּראָקוראָר האָט אים אָנגעהויבן אויסצופרעגן, וואָס פאַר אַ געברויך ער האָט געהאַט בדעה צו מאַכן פון די טרעטערס, צי זענען זיי אים געווען זייער נייטיק, איז ער אין כּעס געוואָרן און האָט געענטפערט: „גייען זיי צו אַלדי שוואַרצע יאָר, די גאַנצע טרעטערס. איך דאַרף זיי אויף קלאָגן. ווען איך זאָל געווען וויסן, אַז איך וועל פון זיי האָבן אַזוי פיל פאַרדרייעניש, וואָלט איך זיי נישט נאָר נישט געזוכט, איך וואָלט נאָך צוגעצאָלט אַ צענערל און אפשר טאָקע צוויי, אַבי מען זאָל מיך נישט שלעפּן אויף די פאַרהערענישן. איך האָב אויף דראָזשקעס געפּטרט אַ רובל פינף. איך בין דאָך אַ קראַנקער מענטש, בין אַ געבראָכטער און לייד אויף רעוומאַטיזם״.

אַזוי האָבן גערעדט די עדות. דער באַשולדיקטער ווידער האָט זיך אין אַלץ מודה געווען און ווי אַ געפאַנגען חיהלע, זיך אַרומקוקנדיק אומזיניק אויף אַלע זײַטן, האָט ער מיט אַן איבערגעריסענער שטימע איבערדערציילט אַלץ, ווי ס׳איז געשען.

די זאַך איז געווען קלאָר; אָבער דער געהילפס-פּראָקוראָר האָט,

פונקט ווי נעכטן, אויפהייבנדיק די אַקסלען, געשטעלט שכלדיקע פראַגן, וואָס האָבן געזאָלט פּאַקן דעם געשייטן פאַרברעכער.

אין זיין רעדע האָט ער אויפגעוויזן, אַז די גנבה איז באַגאַנגען געוואָרן אין אַ באַוווינטן לאָקאַל און מיט אַן איינברוך, און דעריבער קומט דעם יינגל די האַרבסטע שטראָף.

דער פאַרטיידיקער, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פונם געריכט, האָט אַקעגן־זשע אויפגעוויזן, אַז די גנבה איז באַגאַנגען געוואָרן נישט אין אַ באַוווינטן לאָקאַל און אַז דעריבער, כאָטש דעם פאַרברעך קאָן מען נישט אָפּלייקענען, איז פונדעסטוועגן דער פאַרברעכער נאָך נישט אַזוי געפערלעך פאַר דער געזעלשאַפט, ווי דער געהילפס־פּראָקוראָר האָט גע־טענהט.

דער פּאָרזיצער האָט פּונקט ווי נעכטן פאַרגעשטעלט מיט זיך אָב־יעקטיוויטעט און גערעכטיקייט און האָט באריכות דערקלערט און איינגע־טענהט מיט די געשווירענע דאָס, וואָס זיי האָבן געוווּסט און נישט גע־קאָנט נישט וויסן. פונקט אַזוי ווי נעכטן זענען געמאַכט געוואָרן הפסקות, פונקט אַזוי האָט מען גערייכערט, פונקט אַזוי האָט דער געריכטס־קאָמי־סאַר אויסגערופן: „דאָס געריכט גייט", און פונקט אַזוי זענען צוויי זשאַנ־דאַרמען, מיענדיק זיך נישט אַנטשלאָפן צו ווערן, געזעסן מיט אַנט־בלויזט געווער, דראָענדיק דעם פאַרברעכער.

פון די אַקטן איז געווען צו זעען, אַז דאָסדאָזיקע יינגל האָט דער פאָטער אָפּגעגעבן פאַר אַ שיק־יינגל אויף אַ טאַבאַק־פאַבריק, ווו ער האָט אָפּגעלעבט פינף יאָר. הייי־יאָר האָט אים דער באַלעבאָס נאָך אַ סכסוך מיט די אַרבעטער געקינדיקט, און געבליבן אָן אַ שטעלע, איז ער אַרומגעגאַנגען פוסט־און־פּאַס איבער דער שטאָט, פאַרטרינקענדיק פון זיך ביז דעם לעצטן פאָדעם. אין שענק האָט ער זיך צונויפגעחברט מיט אַזעלכן ווי ער, אַ שלאָסער, וואָס האָט נאָך פריער פאַרלוירן די שטעלע און האָט שטאַרק געטרונקען, און זאַלבענאַנד האָבן זיי באַנאַכט שיכורער־הייט אויפגעבראָכן אַ שלאָס און צוגענומען פון דאָרט, וואָס ס'איז זיי געקומען אונטער דער האַנט. מ'האָט זיי געכאַפּט, זיי האָבן זיך מודה געווען אין אַלץ. מ'האָט זיי איינגעזעצט אין טורמע, ווו דער שלאָסער איז, וואַרטנדיק אויפן פּראָצעס, געשטאָרבן. און דאָס יינגל האָט מען עס איצט געמשפּט ווי אַ געפערלעך וועזן, פון וועלכן מ'דאַרף פאַרהיטן די געזעלשאַפט.

„פונקט אַזאַ געפערלעך וועזן, ווי די נעכטיקע פאַרברעכערין, —

האָט נעכליודאָוו געטראַכט. הערנדיק אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר אים. — זיי זענען געפערלעך. און מיר זענען נישט געפערלעך ?... איך בין אַ נואף, אַ אַפּנאַרער, און מיר אַלע, די אַלע, וואָס קאָנען מיך פאַר אַזאַ ווי איך בין, לאַ די וואָס זיי האָבן מיך נישט פאַראַכט, האָבן זיי נאָך מיך רעספּעקטירט !״

עס איז דאָך באַשײנפּערלעך, אַז דאָסדאָזיקע ייִנגל איז נישט עפּעס אַבי וועלכער גנב און גזלן, נאָר אַ גאַנץ געוויינלעכער מענטש, דאָס זעען אַלע, און אַז געוואָרן איז ער דאָס, וואָס ער איז, נאָר דערפאַר, ווײַל ער האָט זיך געפונען אין אַזעלכע באַדינגונגען, וועלכע געבוירן אַזעלכע מענטשן. און דעריבער איז, דאַכט זיך, קלאָר, אַז כּדי אַזעלכע ייִנגלעך זאָלן נישט זײַן, מוז מען זעען פאַרניכטן יענע באַדינגונגען, בײַ וועלכע אַזעלכע אומגליקלעכע באַשעפענישן ווערן אַרויסגעבראַכט. עס האָט זיך דאָך בלויז געדאַרפט געפינען אַ מענטש, — האָט נעכליודאָוו געטראַכט, קוקנדיק אויף דעם ייִנגלס קרענקלעכן דערשראָקן פּנים, — וועלכער זאָל אויף אים געווען רחמנות האָבן, בשעת מ׳האָט אים נאָר פאַר נויט אָפּגעגעבן פון דאָרף אין שטאָט אַרײַן, און געוועזן אים העלפן אין דערדאָזיקער נויט ; אָדער אַפילו ווען ער איז שוין געוועזן אין שטאָט און נאָך 12 שעה אַרבעט אויף דער פאַבריק געגאַנגען אין שענק אַרײַן מיט די עלטערע חברים, וואָס האָבן אים אַרײַנגעצויגן, — ווען דעמאָלט וואָלט זיך געפונען אַ מענטש, וועלכער זאָל געוועזן זאָגן : „נישט גיי, וואַניאַ, ס׳איז נישט גוט״, וואָלט דאָס ייִנגל נישט געגאַנגען, וואָלט זיך נישט אַרײַנגעפּלאָנטערט און וואָלט קיין שום שלעכטס נישט געטון.

אָבער אַזאַ מענטש, וואָס זאָל אויף אים רחמנות האָבן, האָט זיך נישט געפונען אַפילו קיין איינציקער פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט ווי היהלע געלעבט אין שטאָט זײַנע לערניאָרן און אַן אָפּגעשוירענער צום קאָפּ, עס זאָלן קיין לייז זיך נישט קלויבן, געלאָפן געגג פאַר די מייסטערס ; פאַרקערט, אַלץ, וואָס ער האָט פון די מייסטערס און פון די חברים געהערט זינט ער לעבט אין שטאָט, איז געוועזן, אַז אַ כוואַט איז דער, וואָס נאַרט אָפּ, וואָס מאַכט אַ שנאַפּס, וואָס זידלט אָפּ, וואָס גיט אַ קלאַפּ, וואָס טרייבט זנות.

און ווען ער האָט, אַ קראַנקער און אַן איבערגעפּירטער פון אומגעזונטער אַרבעט, פון שיכּרות, פון זנות, דול און צעטומלט, ווי אין חלום, זיך געשלענדערט אָן אַ ציל איבער דער שטאָט און איז משוגענערווייז אַרײַנגעקראָכן ערגעץ אין אַ שייער און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט

טרעטערס, וואָס קיינער דאַרף זיי נישט, איז לאַ די וואָס מיר האָבן נישט געזאָרגט צו פאַרניכטן די סיבות, וועלכע האָבן געבראַכט דאָסדאָזיקע ייִנגל צו זיין איצטיקער לאַגע, ווילן מיר נאָך גוט מאַכן די זאַך דורך דעם, וואָס מיר ווילן דאָסדאָזיקע ייִנגל שטרענג באַשטראָפן!

שרעקלעך!

נעכליודאָוו האָט דאָס אַלץ געטראַכט, שוין נישט הערנדיק דאָס, וואָס ס'איז פאָרגעקומען פאַר אים, און אַליין געציטערט פאַר אימה פון דעם, וואָס אים האָט זיך אַנטפּלעקט. אים איז געווען אַ חידוש, ווי אַזוי האָט ער עס פריער געקאָנט נישט זעען, ווי אַזוי האָבן עס אַנדערע געקאָנט נישט זעען.

XXXV.

ווי נאָר מ'האָט געמאַכט די ערשטע הפסקה, איז נעכליודאָוו אויפגעשטאַנען און איז אַרויס אויפן קאָרידאָר מיט דער דעה זיך מער שוין נישט צוריקצוקערן אין געריכט. זאָל מען מיט אים טון וואָס מ'וויל, נאָר זיך באַטייליקן אין דערדאָזיקער קאָמעדיע קאָן ער מער נישט.

געוויר געוואָרן, ווו דעם פּראָקוראָרס קאַבינעט איז, איז נעכליודאָוו אַוועק צו אים. דער קוריער האָט אים נישט געוואָלט צולאָזן, אים געמאָלדן, אַז דער פּראָקוראָר איז איצטער פאַרנומען, אָבער נעכליודאָוו האָט אים נישט געהערט, איז אַריין אין דער טיר צו דעם באַאַמטן, וועלכער האָט אים באַגעגנט, זיך געווענדט מיט דער בקשה, ער זאָל דערלייגן דעם פּראָקוראָר, אַז ער איז אַ געשווירענער און אַז ער מוז אים זעען וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין. דער פירשטלעכער טיטל און די גוטע מלבושים זענען נעכליודאָוון בייגעשטאַנען. דער באַאַמטער האָט דערלייגט דעם פּראָקוראָר און מ'האָט נעכליודאָוון אַריינגעלאָזט. דער פּראָקוראָר האָט אים אויפגענומען שטייענדיקערהייט, באַשיינפערלעך אומצופרידן פון דער צודרינגלעכקייט, מיט וועלכער נעכליודאָוו האָט געפאָדערט זיך צו זעען מיט אים.

— וואָס האָט איר געוואָלט? — האָט דער פּראָקוראָר שטרענג געפרעגט.

— איך בין אַ געשווירענער, מיין נאָמען איז נעכליודאָוו און איך מוז זעען די באַשולדיקטע מאַסלאָווא, — האָט נעכליודאָוו אויף גיך און אַנטשלאָסן אַרויסגערעדט, רויט ווערנדיק און פילנדיק, אַז ער גייט טון אַזאַ זאַך, וואָס וועט האָבן אַן אַנטשיידנדיקע ווירקונג אויף זיין לעבן.

דער פּראָקוראָר איז געווען נישט קיין הויכער מאַן מיט אַ מאַט-טונקל פּנים, קורצע גרויליכע האָר, גלאַנצנדיקע האַסטיקע אויגן און אַ געשוירענע געדיכטע באָרד אויף דער אַרויסגעשטאַרצטער אונטער-שטער קינבאַק.

— מאַסלאָווע? ווי זשע דען, איך ווייס. איז באַשולדיקט געוואָרן אין פאַרגיפטונג, — האָט דער פּראָקוראָר רויק געזאָגט. — צי וואָס זשע דאַרפט איר זי זעען? — און דאַן, גלייך ווי צו לינדערן, האָט ער צו-געגעבן: — איך קאָן אייך נישט דערלויבן, נישט וויסנדיק, צו וואָס איר דאַרפט עס.

— איך דאַרף עס וועגן אַן ענין, וועלכער איז פאַר מיר באַזונ-דערס וויכטיק, — האָט נעכליודאָוו זיך אָנגעצונדן.

— אַזוי, — האָט דער פּראָקוראָר געזאָגט און, אויפגעהויבן די אויגן, האָט ער נעכליודאָוון אויפמערקזאַם באַטראַכט. — איר פּראָצעס איז שוין באַטראַכט געוואָרן אָדער נאָך נישט?

— זי איז נעכטן געמשפּט געוואָרן און מ׳האָט זי פאַרמשפּט צו פיר יאָר קאַטאָרגע לחלוטין נישט ריכטיק. זי איז אומשולדיק.

— אַזוי. אויב מ׳האָט זי ערשט נעכטן פאַרמשפּט, — האָט דער פּראָקוראָר געזאָגט, נישט אַכטנדיק גאָר אויף נעכליודאָווס דערקלערונג וועגן מאַסלאָוואַס אומשולד, — מוז זי זיך פונדעסטוועגן געפינען אין דעם „פּרעלימינאַרער אַרעסט-הויז״, כּל-זמן דער פּסק-דין איז נישט גע-מאָלדן אין דער ענדגילטיקער פאָרם. זעונגען ווערן דאָרט דערלויבט בלויז אין באַשטימטע טעג. אַהינצו האָט איר זיך צו ווענדן.

— איך מוז זי אָבער זעען וואָס גיכער, — האָט נעכליודאָוו גע-זאָגט, ציטערנדיק מיט דער אונטערשטער קינבאַק, און ער האָט דערפילט, אַז די אַנטשיידנדיקע מינוט קומט אָן.

— צו וואָס-זשע איז עס אייך נייטיק? — האָט דער פּראָקוראָר געפרעגט, אויפהייבנדיק די ברעמען מיט אַ געוויסער אומרויקייט.

— דערפאַר ווייל זי איז אומשולדיק און איז פאַרמשפּט אויף קאַ-טאָרגע. אָבער דער שולדיקער פון דעם אַלעם בין איך, — האָט נעכ-

ליודאָוו גערעדט מיט אַ ציטערנדיקער שטימע, גלייכצייטיק פילנדיק, אַז ער רעדט דאָס, וואָס מ׳וואָלט נישט באַדאַרפט רעדן.

— ווי אַזוי דען? — האָט דער פּראָקוראָר געפרעגט.

— ווייל איך האָב זי אָפּגענאַרט און געבראַכט אין דער לאַגע, אין וועלכער זי איז איצטער. ווען זי וואָלט נישט געווען דאָס, וואָס איך האָב פון איר געמאַכט, וואָלט זי אויך נישט געקומען צו אַזאַ באַשולדיקונג.

— פונדעסטוועגן זע איך נישט איין, וואָס פאַר אַ שייכות דאָס האָט מיט אַ זעונג.

— די שייכות, אַז איך וויל איר נאָכגיין און... חתונה האָבן מיט איר, — האָט נעכליודאָוו אַרויסגערעדט. און ווי אַלעמאָל, ווי נאָר ער פלעגט דערפון אָנהייבן צו רעדן, האָבן אים זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— יאָ? אַזוי גאָר! — האָט דער פּראָקוראָר געזאָגט. — דאָס איז באמת אַן אויסשליסלעכער פאַל. איר זענט, דאַכט זיך, אַ ראַטמאַן פון דער קראַסנאָפּיאָרער זעמסטווע? — האָט דער פּראָקוראָר געפרעגט, גלייך ווי דערמאַנענדיק זיך, אַז ער האָט געהערט פון דעמדאָזיקן נעכליודאָוון, וועלכער האָט איצטער געמאַכט אַזאַ אויסטערלישע מעלדונג.

— אַנטשולדיקט, איך גלייב נישט, אַז דאָס זאָל האָבן אַ שייכות צו מיין בקשה, — האָט נעכליודאָוו, זיך אָנצינדנדיק, בייז געענטפערט.

— אוודאי נישט, — האָט דער פּראָקוראָר געזאָגט, קוים קענטיק שמייכלענדיק און אַ האָר נישט קומענדיק אין פאַרלעגנהייט, — אָבער אייער פאַרלאַנג איז אַזוי אומגעוויינלעך און גייט אַזוי ווייט אַרויס פון די אָנגענומענע פאָרמען...

— אַלזאָ, קאָן איך באַקומען אַ דערלויבעניש?

— אַ דערלויבעניש. — יאָ, איך וועל אייך גלייך געבן אַ שיין. זייט אַזוי גוט און זעצט זיך אַ ווײַלע.

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, זיך צוועקגעזעצט און גענומען שרייבן.

נעכליודאָוו איז געשטאַנען.

אָנגעשריבן דאָס פּאַסירצעטל, האָט דער פּראָקוראָר עס איבערגעגעבן נעכליודאָוון, קוקנדיק אויף אים מיט ביגיריקייט.

— איך מוז נאָך מעלדן, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט. — אַז איך קאָן זיך מער נישט באַטייליקן אין דער סעסיע.

— מ'דאַרף, ווי איר ווייסט, פאַרשטעלן דעם געריכט וויכטיקע טעמים.

— די טעמים זענען די, אַז איך האַלט יעטוועדער געריכט נישט נאָר פאַר אומנוצלעך, נאָר אויך פאַר אוממאָראַליש.

— אַזוי, — האָט דער פּראָקוראָר געזאָגט מיט דעם זעלבן קוים קענטיקן שמייכל, גלייך ווי מיט דעמדאָזיקן שמייכל האָט ער געוויזן, אַז אַזעלכע דערקלערונגען זענען אים באַקאַנט און געהערן צו אַ באַשטימטער פאַר אים קוריאָזער קאַטעגאָריע. — אַזוי, אַזוי... אָבער איר פאַרשטייט דאָך אוודאי, אַז איך אַלס פּראָקוראָר פון געריכט קאָן מיט אייך נישט מסכים זיין. און דערום ראָט איך אייך מעלדן וועגן דעם געריכט, וועט דאָס געריכט פּסקענען אייער דערקלערונג און וועט זי אָנערקענען פאַר וויכטיק אָדער אומוויכטיק און אין דעם לעצטן פאַל אַרויסלייגן אויף אייך אַ קנס. ווענדט זיך אין געריכט.

— איך האָב געמאָלדן און מער וועל איך אין ערגעץ נישט גיין, — האָט נעכליודאָוו מיט כעס אַרויסגערעדט.

— מיין הויכאַכטונג, — האָט דער פּראָקוראָר געזאָגט, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ — ער האָט באַשיינפּערלעך געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן פון דעמדאָזיקן משונהדיקן באַזוכער.

— ווער איז דאָס בּאַ אייך געווען ? — האָט געפרעגט דער מיטגליד פון געריכט, וועלכער איז אַריין צום פּראָקוראָר אין קאַבינעט גלייך נאָך נעכליודאָווס אַרויסגיין.

— נעכליודאָוו, איר ווייסט דאָך, וועלכער האָט נאָך אין דעם קראַסנאָפּיאָרער קרייז, אין דער זעמסטווע, געמאַכט פאַרשידענע אויסטערלישע מעלדונגען. שטעלט אייך פאָר, ער איז אַ געשוווירענער, און צווישן די געמשפּטע האָט זיך איינגעפונען אַ פרוי אָדער אַ מיידל, וועלכע איז פאַראורטיילט געוואָרן אויף קאַטאָרגע, זאָגט ער, אַז ער האָט זי פאַרפירט און איצט וויל ער מיט איר חתונה האָבן.

— עס קאָן נישט זיין !

— אַזוי האָט ער מיר געזאָגט... און עפּעס אַזוי מאָדנע אויפגערעגט.

— עפּעס איז אין אונזערע היינטיקע יונגעלייט פאַראַן עפּעס אַזאַ אומנאָרמאַליטעט.

— ער איז גאָרנישט אַזאַ יונגער.

— היינט ווי איז שוין, מיין טייערער, נמאס געוואָרן אייער גע-

רימטער איוואַשענקאָו. ער דערגייט פּשוט די יאָרן: רעדט און רעדט אָן אַ סוף.

— זיי דאַרף מען פּשוט אָפּשטעלן, וואָרים זיי זענען דאָך אמתע אָבּסטרוקציאָניסטן...

XXXV׳

פון דעם פּראָקוראָר איז נעכליודאָוו אַוועקגעפאָרן אין דעם פּרעליִמינאַרן אַרעסט־הויז. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז קיין שום מאַסלאָוואַ איז דאָרט גאָרנישט געווען, און דער אינספּעקטאָר האָט דערקלערט נעכליודאָוון, אַז זי דאַרף זיין אין דער אַלטער טראַנספּאָרט־טורמע. נעכליודאָוו איז אַוועקגעפאָרן אַהינצו.

און ווירקלעך האָט יעקאַטערינאַ מאַסלאָוואַ זיך געפונען דאָרטן.

פון דעם פּרעלימינאַרן אַרעסט־הויז ביז צו דער טראַנספּאָרט־טורמע איז געווען אַ מהלך רב, און נעכליודאָוו איז געקומען צו פאָרן אין טורמע שוין פאַרנאַכטלעך. ער האָט געוואָלט צוגיין צו דער טיר פון דעם ריזיקן פינצטערלעכן בנין, אָבער דער וועכטער האָט אים נישט אַריינגעלאָזט, בלויז אָנגעקלונגען. אויף דעם קלונג איז אַרויס דער אויפזעער, האָט געזאָגט, אַז אָן דעם אינספּעקטאָר קאָן ער נישט אַריינלאָזן. איז נעכליודאָוו אַוועק צום אינספּעקטאָר. נאָך גייענדיק אויף די טרעפּ, האָט נעכליודאָוו פון הינטער דער טיר געהערט קלאַנגען פון עפּעס אַ שווערער בראַוווּר־פּיעסע, וואָס מ׳האָט אויסגעשפּילט אויפן פאָרטעפּיאַן. ווען דאָס דינסטמיידל, אַ כעסדיקע, מיט אַ פאַרבונדן אויג, האָט אים אויפגעעפנט די טיר — האָבן זיך די טענער ווי מיט געוואַלט אַ ריס געטון פון צימער און האָבן ווי איבערראַשט זיין געהער. ס׳איז געווען זייער אַ באַקאַנטע ראַפּסאָדיע פון ליסטן, וואָס ער האָט שוין פיל מאָל געהערט און וועלכע האָט אים שוין שטאַרק דערעסן. דידאָזיקע ראַפּסאָדיע האָט מען געשפּילט אויסגעצייכנט, אָבער בלויז ביז אַ געוויס אָרט, און דערנאָך פלעגט מען ווידער אָנהייבן פון אָנהייב.

נעכליודאָוו האָט געפרעגט דאָס דינסטמיידל מיט דעם פאַרבונדענעם אויג, צי דער אינספּעקטאָר איז אינדערהיים.

דאָס דינסטמיידל האָט געזאָגט, אַז נישטאָ.

— וועט ער באַלד קומען?

די ראַפּסאָדיע האָט זיך ווידער איבערגעהאַקט און זיך ווידער איבערגעחזרט מיט גלאַנץ און גערויש ביז דעם פאַרכישופטן אָרט.

— איך וועל גיין זיך אַ פרעג טון.

און דאָס דינסטמיידל איז אַוועק זיך פרעגן.

די ראַפּסאָדיע האָט זיך ווידער צעיאָגט און פּלוצלינג, נישט דער־גייענדיק ביז דעם פאַרכישופטן אָרט, האָט זי זיך אָפּגעריסן און ס'האָט זיך דערהערט אַ קול:

— זאָג אים, אַז נישטאָ אינדערהיים און וועט היינט נישט זיין. ער איז אַוועק צו גאַסט. וואָס האָבן זיי זיך אָנגעזעצט, — האָט זיך דער־הערט אַ פרויען־שטימע הינטער דער טיר, און ס'האָט זיך ווידער דער־הערט די ראַפּסאָדיע, אָבער זי האָט זיך באַלד ווידער אָפּגעהאַקט, און ס'האָט זיך דערהערט, ווי מען רוקט אַ שטול. קענטיק, אַז די פּיאַניסטין איז אַליין געוואָרן אין כעס און האָט געוואָלט אַליין אויסרעדן דעם באַזוכער, פאַרוואָס ער איז נישט געקומען אין דער באַשטימטער צייט און דערעכט מיט זיינע פראַגן.

— דער פּאַפּאַ איז נישטאָ אינדערהיים, — האָט אים כעסדיק גע־מאָלדן אַ בלאַסע מויד מיט אַ הויכער פריזור מיט בלויע רעדער אונטער די פאַראומערטע אויגן און מיט אַ נעבעכדיק אויסזעען. דערזעען אַ יונגנ־מאַן אין אַ שיין מאַנטל, איז זי גלייך ווייכער געוואָרן. — קומט אַריין, איך בעט אייך... וואָס האָבן זיי געדאַרפט?

— איך מוז זיך זעען אין טורמע מיט אַן אַרעסטאַנטין.

— מסתמא אַ פּאָליטישע?

— ניין, נישט קיין פּאָליטישע. איך האָב אַ דערלויבעניש פון דעם פּראָקוראָר.

— אָבער איך ווייס נישט. דער פּאַפּאַ איז נישטאָ. נאָר קומט אַריין, ביטע, — האָט זי אים ווידער גערופן פון קליינעם פאָרצימער. — אָדער ווענדט זיך צו דעם געהילף, ער איז איצט געוויס אין קאַנצעלאַריע. איר וועט זיך צו אים ווענדן. ווי איז אייער פאַמיליע?

— איך דאַנק אייך, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, נישט ענטפערנ־דיק אויף דער פראַגע און איז אַרויס.

מען האָט נאָך נישט באַוויזן הינטער אים צוצומאַכן די טיר, ווי עס האָבן זיך ווידער צעקלונגען די זעלבע לעבעדיקע און פרייליכע טענער,

וועלכע האָבן זיך אַזוי נישט געפּאַסט צו דעם אָרט, ווו זיי האָבן גע־קלונגען, נישט צו דעם פּאַראומערטן פּנים פון דעם מיידל, וואָס האָט מיט אַזוי פיל התמדה זיי איינשטודירט.

אויפן הויף האָט נעכליודאָוו באַגעגנט אַ יונגן אָפיציר מיט פּאַר־דרייטע וואָנסעס און האָט אים געפרעגט אויף דעם געהילף־אינספּעקטאָר. ערשט דאָס איז געווען ער אַליין. ער האָט גענומען דעם פּאַסיר־שיין, אים אַדורכגעקוקט און האָט געזאָגט, אַז לויט דעם פּאַסיר־שיין, וואָס איז אויסגעשטעלט אויף דעם פּרעלימינאַרן אַרעסט־הויז קאָן ער אים נישט דורכלאָזן אַהערצו. — „איבעריקנס, קומט געפעליקס מאָרגן", — האָט ער צוגעגעבן.

— מאָרגן צען אַ זייגער איז דערלויבט פאַר אַלעמען אַ זעונג; איר וועט קומען צו פאָרן, און דער אינספּעקטאָר אַליין וועט אויך זיין אינדערהיים. דאַן וועט איר זיך קאָנען זעען מיט דער אַרעסטאַנטין אין דעם אַלגעמיינעם צימער, און אויב דער אינספּעקטאָר וועט דערלויבן, וועט איר זי קאָנען זעען אין קאַנצעלאַריע.

אַזוי אַרום, נישט קאָנענדיק אויספועלן קיין זעונג, איז נעכליודאָוו אַוועקגעפאָרן אַהיים. אויפגערודערט פון דעם געדאַנק זי צו זעען, איז נעכליודאָוו געגאַנגען איבער די גאַסן, דערמאָנענדיק איצט נישט דאָס געריכט, נאָר זיינע שמועסן מיטן פּראָקוראָר און מיט די אינספּעקטאָרן. דאָס, וואָס ער האָט געזוכט אַ זעונג מיט איר און האָט געזאָגט וועגן זיינע פּלענער דעם פּראָקוראָר און איז געווען אין צוויי טורמעס און זיך געגרייט זיך צו טרעפן מיט איר, האָט אים אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט זיך לאַנג נישט געקאָנט באַרויקן. געקומען צו פאָרן אַהיים, האָט ער אַרויסגענומען זיינע טאָגביכער, אין וועלכע ער האָט שוין לאַנג נישט אַריינגעקוקט, האָט איבערגעלייענט אין זיי אייניקע ערטער און האָט אַריינגעשריבן אָט וואָס: „צוויי יאָר צייט האָב איך נישט געשריבן קיין טאָגבוך און האָב געמיינט, אַז איך וועל זיך שוין קיינמאָל נישט אומקערן צו דערדאָזיקער קינדעריי. און דאָס איז גאָרנישט געווען קיין קינדעריי, נאָר אַ שמועס מיט זיך אַליין, מיט דעם וואָרהאַפטיקן געטלעכן זעלבסט, וואָס לעבט אין יעדן מענטש. די גאַנצע צייט איז דערדאָזיקער איך געשלאָפן, און איך האָב נישט געהאַט מיט וועמען צו שמועסן. אים האָט אויפגעוועקט אַן אומגעוויינלעכע געשעעניש דעם 28־סטן אַפּריל אין גע־ריכט, ווו איך בין געווען אַ געשווירענער. איך האָב דערזעען אויף דער באַנק פון די באַשולדיקטע קאַטיושען אין אַן אַרעסטאַנטישן כאַלאַט.

קאַטיושען, וואָס איך האָב פאַרפירט. צוליב אַ משונהדיקער אומפּאַר־שטענדניש און צוליב מיינס אַ טעות האָט מען זי פאַרמשפּט אויף קאַ־טאָרגע. איך בין ערשט געווען בײַ דעם פּראָקוראָר און אין טורמע. מען האָט מיך נישט צוגעלאָזט צו איר, אָבער איך האָב באַשלאָסן צו גיין אויף אַלץ, כּדי זי צו זען, בעטן מחילה בײַ איר און פאַרריכטן מיין שולד, מעג זיין אפילו דורך חתונה האָבן. גאָט מיינער, זיי מיר צו הילף. מיר איז זייער גוט, און מיין האַרץ פרייט זיך".

XXXVII.

אין דערדאָזיקער נאַכט האָט מאַסלאָווא לאַנג נישט געקאָנט איינ־שלאָפן. זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, און קוקנדיק אויף דער טיר, וואָס דעם דיאַקס טאָכטער פלעגט, שפּרייזנדיק אויף און אָפּ, אַלע ווײַלע פאַרשטעלן, האָט זי געטראַכט.

זי האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז זי וועט בשום אופן נישט חתונה האָבן אויף סאַכאַלין מיט אַ קאַטאָרזשאַנער, זי וועט זיך עפּעס אַנדערש איינאָרדענען. — מיט איינעם פון די שררות, מיט אַ שרייבער, לכל הפּחות מיט אַן אויפזעער, אָדער מיט אַ געהילף. זיי זענען אַלע אויף דעם אַ בעלן. „נאָר חלילה וחס נישט חושך ווערן, דעמאָלט איז שלעכט". און זי האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי דער פאַרטיידיקער האָט אויף איר געקוקט. און ווי דער פאָרזיצער האָט געקוקט אויף איר, און ווי אַזוי עס האָבן געקוקט אויף איר די אַלע מענטשן, וואָס זענען מיט אַ כּיוון פאַרביי איר דורכגעגאַנגען אין געריכט. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי בערטע, וואָס איז צו איר געקומען געווויר ווערן אין טורמע, האָט איר דערציילט, אַז דער סטודענט, וואָס זי האָט ליב געהאַט, בעת זי האָט זיך געפונען בײַ קיטאַיעווען, איז געקומען צו זיי און האָט זיך אויף איר נאָכגעפרעגט און האָט זי זייער באַדויערט. זי האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם געשלעג מיט דער רויטהאָריקער און זי האָט אויף איר רחמנות געהאַט; זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם בעקער, וואָס האָט איר אַרויסגעשיקט אַן איבעריקן קוילעטש. זי האָט זיך דערמאָנט אָן אַ סך, אָבער נאָר נישט אָן נעכליו־דאָוון. אָן איר קינדהייט און יוגנט, און איבערהויפּט אָן דער ליבע צו

בעכליודאָוון, האָט זי זיך קיינמאָל נישט דערמאָנט. עס איז געווען צו באַנג. דידאָזיקע דערינערונגען זענען ערגעץ ווייט אומבאַרירטערהייט געלעגן אין דער נשמה. אפילו אין חלום האָט זי קיינמאָל נישט געזען בעכליודאָוון. היינט אויפן געריכט האָט זי אים נישט דערקענט — נישט אַזוי דערפאַר, וואָס בשעת זי האָט אים געזען דאָס לעצטע מאָל, איז ער געווען אַ מיליטערמאַן, אָן אַ באָרד, מיט קליינינקע וואָנסעלעך און אפילו קורצע, אָבער מיט געצירטע געקרויזטע האָר, און איצט שוין אַ רייפער מאַן מיט אַ באָרד, נאָר בלויז דערפאַר, ווייל זי האָט קיינמאָל וועגן אים נישט געטראַכט. אין יענער שרעקלעכער נאַכט, ווען ער איז געפאָרן צוריק פון דער אַרמיי און איז נישט פאַרפאָרן צו די מומעס, האָט זי טיף באַהאַלטן די דערינערונגען וועגן איר ליבע מיט אים.

ביז יענער נאַכט, ביז זי האָט נאָך געהאָפט אויף דעם, אַז ער וועט קומען צו איר, האָט זי נישט נאָר נישט געהאַט די לאַסט פון קינד, וואָס זי האָט געטראָגן אונטער איר האַרץ, נאָר אָפט פלעגט זי פילן מיט גרויס פאַרוואונדערונג און ליבע זיינע ווייכע און אַמאָל האַסטיקע באַוועגונגען אין זיך. אָבער פון יענער נאַכט אָן איז אַלץ געוואָרן אַנדערש. און דאָס קינד, וואָס האָט נאָך באַדאַרפט געבוירן ווערן, איז געוואָרן פאַר איר נאָר אַ שטערונג.

די מומעס האָבן געוואַרט אויף נעכליודאָוון, געבעטן, ער זאָל צו זיי פאַרפאָרן, אָבער ער האָט זיי טעלעגראַפירט, אַז ער קאָן נישט, ווייל ער דאַרף זיין אין פעטערבורג צום טערמין. ווען קאַטיושאַ האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָט זי באַשלאָסן צו גיין אויף דער סטאַנציע און אים טרעפן. דער צוג איז אַדורך 2 אַ זייגער באַנאַכט. קאַטיושאַ האָט איינגעלייגט שלאָפן די פריילינס און האָט צוגערעדט דאָס קליינע מיידעלע מאַשען — דער קעכינס טעכטערל — זאָל מיט איר גיין, האָט זי אָנגעטון די אַלטע שיך, זיך איינגעוויקלט אין אַ טוך און איז אַוועקגעלאָפן אויף דער סטאַנציע.

ס'איז געווען אַ פינצטערע האַרבסטיקע, רעגנדיקע, ווינטיקע נאַכט. דער רעגן האָט דאָ געשמיסן מיט וואַרעמע גרויסע טראָפּנס, דאָ אויפגעהערט. אין פעלד איז געווען פינצטער און מען האָט נישט געקאָנט זען דעם וועג אונטער די פיס, און אין וואַלד איז געווען שוואַרץ ווי אין אַן אויוון און, הגם קאַטיושאַ האָט דעם וועג געוווּסט, האָט זי אַ ביסל געבלאָנדזשעט אין וואַלד און איז צוגעקומען צו דער קליינער סטאַנציע

נישט באַצייטנס, ווי זי האָט געהאָפט. נאָר צום צווייטן קלונג. ארויסגעלאָפן אויף דעם פעראָן, האָט קאַטיושאַ גלייך אין פענצטער פון וואַגאָן אין ערשטן קלאַס אים דערזעען. אין דעמדאָזיקן וואַגאָן איז געווען זייער ליכטיק. אויף די סאַמעטענע שטולן זענען געזעסן איינע אַנטקעגן די אַנדערע צוויי אָפיצירן און האָבן געשפילט אין קאָרטן. אויפן טישל באַם פענצטער האָבן געברענט צוויי גראָבע צעשמאָלצענע ליכט. ער איז געווען אין איינגעצויגענע רייט-הויזן, אין אַ ווייס העמד, ער האָט זיך אָנגעלענט אָן שטול און האָט עפּעס געלאַכט. ווי זי האָט אים נאָר דערקענט, האָט זי אים אָנגעקלאַפּט אין פענצטער מיט דער פאַרפרוירענער האַנט. אָבער אין דער זעלבער רגע איז געווען דער דריטער קלונג און דער צוג האָט לאַנגזאַם גערירט, לכתחילה הינטערווייליגער און באַלד פאָרויס, וואַגאָן נאָך וואַגאָן. פון די, וואָס האָבן געשפילט אין קאָרטן, האָט זיך איינער אויפגעהויבן און גענומען קוקן אין פענצטער. זי האָט אַ קלאַפּ געגעבן נאָך אַמאָל און האָט צוגעלייגט דאָס פּנים צו דער שויב. דערווייל האָט זיך אין דער מינוט אַ ריס געגעבן אויך דער וואַגאָן, ווו זי האָט געקוקט אין פענצטער און זיך געלאָזט אין וועג. זי איז אים נאָכגעלאָפן, קוקנדיק אין פענצטער. דער אָפיציר האָט געוואָלט אַראָפּלאָזן דאָס פענצטער, אָבער ער האָט נישט געקענט. נעכליודאָוו האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, אָפּגעשטויסן פון פענצטער דעם אָפיציר און גענומען עס אַראָפּלאָזן. דער צוג האָט גענומען גיין האַסטיקער, און קאַטיושאַ האָט געמוזט לויפן שנעלער. דער צוג איז אַוועק נאָך שנעלער, און דאָס פענצטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. אין דער רגע האָט דער קאָנדוקטאָר זי אָפּגעשטויסן און איז אַריין אין וואַגאָן. זי איז אָפּגעשטאַנען, אָבער איז נאָך אַלץ געלאָפן איבער די נאַסע ברעטער פון פעראָן; דערנאָך האָט זיך דער פעראָן געענדיקט, און קאַטיושאַ האָט זיך קוים אָנגעהאַלטן, זי זאָל נישט אַראָפּפאַלן, אַראָפּלויפנדיק פון די טרעפּלעך אויף דער ערד. זי איז געלאָפן, אָבער דער וואַגאָן פון ערשטן קלאַס איז שוין געווען ווייט פאָרויס. פאַרביי איר זענען דורכגעלאָפן די וואַגאָנען פון II-טן קלאַס, דערנאָך נאָך שנעלער די וואַגאָנען פון III-טן קלאַס, אָבער זי איז אַלץ געלאָפן. ווען ס'האָט זיך אַדורכגעטראָגן דער לעצטער וואַגאָן מיט די לאַמטערנעס, איז זי שוין געווען הינטער דעם אַקוואַדוקט, איינגאַנצן אַליין, און דער ווינט האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף איר, רייסנדיק איר דאָס טיכל פון קאָפּ און אַרומקלעפּנדיק פון איין זייט מיטן

קלייד אירע לויפנדיקע פיס. דאָס טיכל האָט דער ווינט פון איר אַראָפּגעטראָגן, נאָר זי איז אַלץ געלאָפן.

— מאַמינקע מיכאַילאָווגאַ! — האָט דאָס מיידעלע געשריגן, קוים זי אָניאָגנדיק, — איר האָט אָנגעווירן דאָס טיכל!

קאַטיושאַ איז שטיין געבליבן און, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ אַהינטער און אָנגעכאַפּט אים מיט די הענט, האָט זי זיך צעיאָמערט.

— אַוועקגעפאָרן! — האָט זי אויסגעשריגן.

„ער זיצט זיך דאָרט אין דעם באַלויכטענעם וואַגאָן אויף דער סאַמעטענער שטול, זיצט און וויצלט זיך און לאַכט און טרינקט, און איך בין אָט דאָ, אין קויט, אין חושכניש, אונטער רעגן און ווינט — שטיי און וויין", — האָט זי אַ טראַכט געטון מיט זיך אַליין און זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד און האָט זיך אַזוי הויך צעיאָמערט, אַז דאָס מיידעלע האָט זיך דערשראָקן און זי אַרומגענומען פאַרן נאַסן קלייד.

— מומעלע, קומט אַהיים!

„ס'וועט דורך אַ צוג — גלייך אונטערן וואַגאָן און אַ סוף", האָט אין דער צייט קאַטיושאַ געטראַכט און דעם מיידעלע נישט געענטפערט.

זי האָט באַשלאָסן, אַז אַזוי וועט זי טון. אָבער תיכף ומיד, ווי דאָס פּאַסירט שטענדיק נאָך אַ שטאַרקער אויפרעגונג — האָט זי דערפילט אונטער דער ברוסט דאָס קינד, זיין קינד, וואָס האָט געלעבט אין איר. עס האָט אויפגעציטערט אין איר. זיך ברייט אויסגעשפּרייט. און ס'איז געווען אַזאַ געפיל, ווי עס וואָלט זי אָנגערירט מיט עפּעס אַ דינער צאַרטער און שאַרפער זאַך, און מיטאַמאָל איז דאָס אַלץ, וואָס האָט מיט אַ רגע פריער זי אַזוי געפּייניקט. אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז אוממעגלעך צו לעבן, דער גאַנצער כעס אויף אים און דער פאַרלאַנג נקמה צו נעמען אין אים כאָטש דורך איר טויט, — דאָס אַלץ איז ווי נישט געוואָרן. זי האָט זיך באַרויקט, האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, האָט ווי-נישט-איז געבראַכט זיך אין אָרדנונג, אָנגעטון אויפן קאָפּ דאָס טיכל און איז אַוועק אַהיים.

אַ פאַרמאַטערטע, אַ נאַסע, אַן אויסגעשמירטע, האָט זי זיך אומגעקערט אַהיים און פון דעם טאָג אָן האָט זיך אין איר אָנגעהויבן יענער איבערקער אין דער נשמה, צוליב וועלכן זי איז געוואָרן דאָס, וואָס זי איז געווען איצטער. פון דערדאָזיקער שרעקלעכער נאַכט אָן האָט זי

אויפגעהערט צו גלייבן אין גאָט און אין גוטן. זי האָט פריער אַליין געגלייבט אין גאָט און אין דעם, אַז מענטשן גלייבן אין אים, נאָר זינט יענער נאַכט האָט זי זיך איבערצייגט, אַז קיינער גלייבט נישט אין דעם, און אַז דאָס אַלץ, וואָס מ'רעדט פון גאָט און זיין געבאָט, אַז דאָס אַלץ איז שווינדל און אומגערעכטיקייט. ער, וואָס זי האָט אים ליב געהאַט און ער האָט זי ליב געהאַט — זי האָט עס געוווסט, — האָט זי אַוועקגעוואָרפן, נאָכדעם, ווי ער האָט פאַרשוועכט אירע געפילן. און ער איז שוין געווען דער בעסטער פון אַלע מענטשן, וואָס זי האָט געקענט. אַלע איבעריקע זענען געווען נאָך ערגער. און אַלץ, וואָס איז מיט איר געשען, האָט עס אויף טריט און שריט באַשטעטיקט. די מומעס זיינע, גאָטספאָרכטיקע אַלטע ווייבער, האָבן זי דורכגעטריבן, ווען זי האָט זיי שוין נישט געקאָנט מער דינען ווי פריער. אַלע מענטשן, מיט וועלכע זי איז זיך צונויפגעקומען, — די פרויען האָבן זיך געסטאַרעט דורך איר צו קריגן געלט, — די מאַנספאַרשוינען, אָנגעהויבן פון דעם קרייז-קאָמיסאַר און ביז צו די טורמע-אויפזעערס, האָבן געקוקט אויף איר ווי אויף אַ קעגנשטאַנד פון פאַרגעניגן. און פאַר קיינעם איז קיין שום אַנדערע זאַך נאָך גאָר אויף דער וועלט נישט געווען. און אין דעם האָט זי נאָך מער איבערצייגט דער אַלטער שריפטשטעלער, מיט וועלכן זי איז זיך צונויפגעגאַנגען אויפן צווייטן יאָר פון איר לעבן אויף דער פריי. ער האָט טאַקע פשוט אַזוי איר געזאָגט, אַז אין דעם איז דאָס גאַנצע גליק — ער האָט דאָס אָנגערופן פאָעזיע און עסטעטיק.

אַלע האָבן געלעבט נאָר פאַר זיך, פאַר זייער פאַרגעניגן, און אַלע ווערטער וועגן גאָט און וועגן גוטס זענען געווען אַ גענאַרעריי. און אויב אפילו ס'האָבן זיך אַמאָל אויפגעהויבן פראַגן וועגן דעם, פאַרוואָס אויף דער וועלט איז אַזוי שלעכט געשטעלט, אַז אַלע טוען איינער דעם אַנדערן שלעכטס און אַלע ליידן, — האָט מען וועגן דעם נישט געדאַרפט טראַכטן. איז אומעטיק געוואָרן — האָט זי פאַררייכערט אָדער אויסגעטרונקען אָדער — דאָס איז געווען די בעסטע זאַך — געפירט אַ ליבע מיט אַ מאַנסביל און ס'פלעגט אַריבערגיין.

XXXVIII

אויף מאָרגן, זונטיק, 5 אַ זייגער אינדערפרי, ווען אין דעם פרויען־קאָרידאָר פון טורמע האָט זיך דערהערט דער געוויינלעכער פייף, האָט קאָראַבליאָוואַ, וואָס איז שוין געווען אויפגעשטאַנען, אויפגעוועקט מאַסלאָווען.

„איך בין אַ קאַטאָרזשאַנערין", האָט מאַסלאָוואַ מיט שוידער געטראַכט, אויסרייבנדיק די אויגן און נישט ווילנדיק איינאָטעמענדיק אין זיך די שרעקלעך עיפושדיקע לופט, וואָס איז געווען פון פרימאָרגן אין קאַמער, און זי האָט ווידער געוואָלט איינשלאָפן און זיך ווידער אָן אַלץ פאַרגעסן, אָבער די מורא פאַר דער שטראָף האָט מנצח געווען איר שלאָף. און זי האָט זיך אויפגעהויבן און, צונויפגענומען די פיס הינטער זיך, האָט זי זיך געזעצט, אַרומגעקוקט זיך. די פרויען זענען שוין אַלע אויפגעשטאַנען, נאָר די קינדער זענען נאָך געשלאָפן. די שענקערין מיט די אַרויסגעשפאַרטע אויגן האָט פאָרזיכטיק, נישט אויפצווועקן די שלאָפנדיקע קינדער, אַרויסגעשלעפט פון זייער געלעגער דעם כאַלאַט. די טומלערקע האָט פונאַנדערגעהאָנגען באַם אויוון אַ פאָר שמאַטעס, וואָס האָבן איר געדינט פאַר ווינדעלעך, און דאָס קינד איז זיך פאַרגאַנגען פון געוויין אויף די הענט בײַ דער בלוי־אויגיקער פעדאָסיען, וואָס האָט אים געוויגט און פאַרוויגט מיט איר צאַרטער שטים. די שווינדזיכטיקע האָט זיך געהאַלטן פאַר דער ברוסט. אירע באַקן האָבן געברענט. זי האָט נישט געקאָנט אָפּהוסטן און אין די פויזעס פלעגט זי אַזוי קרעכצן, כמעט ווי אויסשרייען. די רויטע איז שוין אויפגעשטאַנען און איז געלעגן מיטן בויך אַרויף, צונויפגעבויגן די דיקע פיס און האָט הויך און פריילעך דערציילט, וואָס איר האָט זיך געחלומט. די אַלטיטשקע, די אונטערצינדערין, איז ווידער געשטאַנען פאַרן הייליקן בילד און, פליסטערנדיק איינע און די זעלביקע ווערטער, האָט זי זיך געצלמט און גענייגט. דעם דיאַקס טאָכטער איז אומבאַוועגלעך געזעסן אויף די נאַרעס, מיט אַ פאָר שלאָפענעם שטאַרן בליק געקוקט פאַר זיך. כאָראָשאַווקאַ די פוצערין האָט געקרייזלט אויפן פינגער די אָנגעשמירטע, האַרטע, שוואַרצע האָר.

אין קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט טריט — דאָס שליאַפּען פון שקראַבעס. ס'האָט אַ קלונג געטון דאָס שלאָס. עס זענען אַריינגעגאַנגען צוויי אַרעסטאַנטן, פּעסל-טרעגער, אין קורטקעס און אין קורצע גרויע הויזן, העכער פאַר די ליטקעס, און מיט ערנסטע בייזע פּנימער; אויפגעהויבן אויפן שטעקן דאָס שטינקענדיקע פּעסל, האָבן זיי עס אַרויסגעטראָגן פון דער קאַמער. די פרויען זענען אַרויס אין קאָרידאָר צו די קראַנען זיך איינוואַשן. בײַ די קראַנען איז אַרויסגעקומען אַ קריגערײַ מיט דער רויטער און מיט נאָך אַ פרוי, וואָס איז אַרויס פון אַ דערבײַיאיקער קאַמער. ווידער זידלערייען, געשרייען, מסירה...

— אייך ווילט זיך אין קאַרצער, — האָט דער אויפזעער געשריגן און האָט געגעבן אַ פּאַטש דער רויטער איבער דער גראָבער, הוילער פּלייצע, אַז עס האָט אַ קנאַק געטון — איבערן גאַנצן קאָרידאָר, — קיין פּאַרע זאָל מען פון דיר נישט הערן.

— אָט האָט זיך דאָס אַ ביסל דער אַלטער צעהוליעט, — האָט די רויטע געזאָגט, אָננעמענדיק דעמדאָזיקן פּאַטש פאַר אַ קאַטאָוועס.

— נו, שנעלער, זייט גרייט צו דעם מיטאָג-געבעט.

מאַסלאָוואַ האָט נאָך נישט באַוויזן זיך צו פאַרקעמען, ווי צו איר איז געקומען דער אויפזעער מיט זיינע באַגלייטער.

— צו דער רעוויזיע, — האָט דער אויפזעער אַ געשריי געטון.

פון דער צווייטער קאַמער זענען אַרויסגעגאַנגען אַנדערע אַרעסטאַנטינס, און אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין צוויי שורות אַרום קאָרידאָר; דערביי האָבן די פרויען פון דער הינטערשטער שורה באַדאַרפט אַוועקלייגן די הענט אויף די אַקסלען פון דער פאָדערשטער שורה. אַלע האָט מען איבערגעציילט.

נאָך דער רעוויזיע איז געקומען די אויפזעערין און האָט אַוועקגעפירט די אַרעסטאַנטינס אין קלויסטער אַריין. מאַסלאָוואַ און פעדאָסיע האָבן זיך געפונען אינמיטן דער קאָלאָנע, וואָס איז באַשטאַנען פון איבער הונדערט פרויען, וועלכע זענען אַרויסגעגאַנגען פון אַלע קאַמערן. אַלע זענען געווען אין ווייסע טיכלעך, אין יאַקלעך און רעקלעך. עס האָבן זיך אויך געפונען אייניקע פרויען אין קאָלירטע מלבושים, דאָס זענען געווען די יעניקע, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען די פאַרשיקטע מענער קיין סיביר. די גאַנצע טרעפּ זענען געווען פאַרנומען מיט דעמדאָזיקן צוג. עס האָבן זיך געהערט די ווייכע טריט פון די אַרעסטאַנטישע שיך, אַ

רעדעריי און אָפּט אויך אַ געלעכטער. פאַרקערמעוועט אָן אַ זייט פון די טרעפּ, האָט מאַסלאָווא דערזעען דאָס בייזע פּנים פון איר שונא באָטשקאָווא, וועלכע איז געגאַנגען פאָרויס, און זי האָט אָנגעוויזן פעדאָסיען אויף איר.

אַראָפּגייענדיק אונטן, זענען די פרויען אַנטשוויגן געוואָרן. און, צלמענדיק זיך און בוקנדיק זיך, האָבן זיי גענומען גיין אין די אויפגעעפנטע טויערן פון דעם נאָך ליידיקן קלויסטער, וואָס האָט געפינקלט מיט גאָלד. זייער אָרט איז געווען רעכטס און, שטויסנדיק איינע די אַנדערע, האָבן זיי אָנגעהויבן זיך אויסצושטעלן. נאָך די פרויען זענען אַריין די טראַנספּאָרט-געפאַנגענע אין גרויע כאַלאַטן, וועלכע זענען פאַרשיקט געוואָרן דורך זייערע געמיינדעס און האָבן באַדאַרפט אָפּזיצן זייער שטראָף, און הויך אָפּהוסטנדיק זיך, האָבן זיי זיך צעשטעלט האַרט איינע לעבן די אַנדערע לינקס און אינמיטן קלויסטערל. אינדערהייך אויף די כאָרן זענען שוין געשטאַנען די, וואָס מען האָט פריער געבראַכט. — פון איין זייט זענען געשטאַנען מיט האַלב-געגאָלטע קעפּ די קאַטאָרזשאַנער, וואָס האָבן דורך דעם קלינגען פון די קייטן געלאָזט וויסן פון זייער אָנוועזנהייט. אין דער צווייטער זייט זענען געשטאַנען די נישט געגאָלטע און די נישט געשמידטע אין קייטן: עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אונטער דער אויספאָרשונג.

דער תּפיסה-קלויסטער איז אויפדאָסניי געוואָרן איבערגעבויט און באַפּוצט דורך אַ רייכן סוחר, וועלכער האָט זיך געלאָזט קאָסטן דערויף עטלעכע צענדליק טויזנט רובל, און אינגאַנצן האָט דער קלויסטער געפינקלט מיט העלע פאַרבן און גאָלד.

אַ היפּשע צייט האָט אין קלויסטער געהערשט אַ שווייגן און ס'האָט זיך געהערט אַ שנייצעריי, אַ הוסטן, אַ געשריי פון אַ קינד, און אָפּט אַ געקלאַנג פון קייטן. נאָר אָט האָבן די אַרעסטאַנטן, וואָס זענען געשטאַנען אין מיטן, זיך צוריקגעוואַקלט, שטיקנדיק איינע די אַנדערע, כּדי צו מאַכן אַ וועג אין דער מיט. און איבער דעמדאָזיקן וועג איז אַדורך דער אינספּעקטאָר. ער האָט זיך געשטעלט אויבנאָן אין מיטן קלויסטער.

XXXIX.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער גאָטעס־דינסט.

דער גאָטעס־דינסט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער גלח, אָנגעטון אין אַ ספּעציעל, משונהדיק און זייער אומבאַקוועם בראָקאַטן מלבוש, האָט אויסגעשניטן און פונאַנדערגעלייגט אויף אַ טעלערל ברעקלעך ברויט און דערנאָך זיי אַריינגעלייגט אין אַ בעכער וויין, זאָגנדיק דערביי פאַרשידענע נעמען און תּפילות. אין דער זעלבער צייט האָט דאָס דיאַקל נאָכאַנאַנד געזאָגט צוערשט, דערנאָך געזונגען, דאָ אַליין, דאָ מיטן כאָר פון אַרעסטאַנטן פאַרשידענע סלאַווישע תּפילות, וואָס זענען שוין אַליין פאַר זיך געווען ווייניק פאַרשטענדלעך צוליב דעם שנעלן לייענען און זינגען. דער אינהאַלט פון די תּפילות איז באַשטאַנען דערהויפּט אין ווינטשן אַלדאָס גוטס און גליק דעם קייסער־אימפּעראַטאָר און זיין משפּחה. וועגן דעם האָט מען געזאָגט תּפילות אַ סך מאָל, צוזאַמען מיט אַנדערע תּפילות און באַזונדער, פאַלנדיק אויף די קני. אויסערדעם האָט דאָס דיאַקל איבערגעלייענט עטלעכע פּסוקים פון „דער אַפּאָסטאָלן־געשיכטע" מיט אַזאַ משונהדיק־אָנגעשטרענגט קול, אַז מ'האָט קיין זאַך נישט געקאָנט פאַרשטיין, און דער גלח האָט זייער דייטלעך איבערגעלייענט אַן אָרט פון עוואַנגעליום פון מאַרקוס, ווו עס שטייט געשריבן, אַז קריסטוס נאָכן אויפשטיין תּחית־המתים האָט, איידער ער איז אַרויפגעפלויגן אויפן הימל און זיך אַוועקגעזעצט צו דער רעכטער האַנט פון זיין פאָטער, זיך תּחילת געוויזן צו מאַריע פון מיגדלה, פון וועלכער ער האָט אַרויסגעטריבן זיבן רוחות, און דערנאָך — צו די עלף תּלמידים, און ווי אַזוי ער האָט זיי געהייסן פּריידיקן דאָס עוואַנגעליום צו אַלע ברואים, דערביי זאָגנדיק, אַז דער, וואָס וועט נישט גלייבן, וועט אומקומען, ווער ס'וועט אָבער גלייבן און וועט זיך טויפן, וועט אויסגעלייזט ווערן. און אַ חוץ דעם וועט ער אַרויסטרייבן רוחות, וועט היילן מענטשן פון קראַנקייטן, אַרויפלייגנדיק אויף זיי די הענט, וועט רעדן אויף נייע לשונות, וועט קאָנען האַלטן שלאַנגען און אַז ער וועט

אויסטרינקען סם. וועט ער נישט שטאַרבן, נאָר ער וועט בלייבן געזונט און שטאַרק.

דער תּוך פון דעם גאָטעסדינסט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מ'האָט אָנגענומען, אַז די ברעקלעך, וואָס דער גלח האָט אויסגעשניטן און אַריינגעלייגט אין ווייַן, ווערן דורך געוויסע מאַניפּולאַציעס און תּפילות מגולגל אין לייב און בלוט פון גאָט. די דאָזיקע מאַניפּולאַציעס זענען באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער גלח האָט גלייכמעסיק אויפגעהויבן אינדערהייך ביידע הענט, הגם דער בראָקאַטענער זאַק, וואָס ער האָט געטראָגן, האָט אים געשטערט, און האָט זיי אַזוי געהאַלטן, דערנאָך געפאַלן אויף די קני און געקושט דעם טיש און אַלץ, וואָס איז געווען אויפן טיש. דער עיקר אָבער פון אַלע מאַניפּולאַציעס איז געווען, ווען דער גלח האָט אַנגענומען מיט ביידע הענט דאָס סערוועטל און האָט דערמיט גלייכמעסיק און ריטמיש געפּאָכעט איבער דעם טעלער און דעם גאָלדענעם בעכער. מ'האָט אָנגענומען, אַז אין אָט דער דאָזיקער צייט ווערט פון דעם ברויט און ווייַן לייב און בלוט, און דערפאַר איז דאָס דאָזיקע אָרט פון גאָטעסדינסט געווען אָוועקגעשטעלט באַזונדערס פייערלעך.

„אומגעהייער וועגן דער אַלערהייליקסטער, אַלערריינסטער און אַלערגעבענטשטער גאָטסגעווינערין" — האָט דער גלח נאָכדעם געשריגן פון הינטער דער מחיצה אַפּער און דער כאָר האָט פייערלעך אָנגעהויבן צו זינגען, אַז ס'איז זייער גוט צו לויבן די, וואָס האָט קריסטוסן געבוירן, נישט פאַרשוועכנדיק די מיידלשאַפט, די בתולה מאַריע, וועלכע האָט געהאַט אַ גרעסערע זכיה, ווי עפּעס דאָרט כּרובים, און אַ גרעסערן כּבוד, ווי עפּעס דאָרט שׂרפים. נאָך דעם אַלעם האָט זיך גערעכנט, אַז די פאַרוואַנדלונג איז געשעען, און דער גלח האָט אַראָפּגענומען דאָס סערוועטל פון טעלערל, צעשניטן דאָס מיטלסטע שטיקל אויף פיר חלקים און אַריינגעלייגט עס צוערשט אין דעם ווייַן און דערנאָך אין מויל אַריין. מ'האָט אָנגענומען, אַז ער האָט אויפגעגעסן אַ שטיקעלע לייב גאָטס און אויסגעטרונקען אַ זופּ פון זיין בלוט. דערנאָך האָט דער גלח אָפּגעשאַרצט דאָס פאָרהענגל, געעפנט די מיטלסטע טיר און מיט דעם געגילדטן בעכער אין דער האַנט אַרויס אין דער מיטלסטער טיר און פאַרבעטן ווער עס וויל זאָל אויך עסן פון דעם לייב און בלוט גאָטס, וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם בעכער.

בעלנים דערויף זענען געווען עטלעכע קינדער.

צווערשט אויסגעפרעגט די קינדער וועגן זייערע נעמען, האָט דער גלח פּאַרזיכטיק אָנגעשעפּט מיט אַ לעפעלע פון בעכער און אַריינגערוקט יעדערן פון די קינדער כסדר טיף אין מויל אַריין אַ שטיקעלע ברויט און ווייַן, און דאָס דיאַקל, תיכף אָפּווישנדיק די קינדער די מיילער, האָט מיט אַ פריילעך קול געזונגען אַ זמר וועגן דעם, וואָס די קינדער עסן גאָטס לייב און טרינקען זיין בלוט. נאָכדעם האָט דער גלח אוועקגעטראָגן דעם בעכער הינטער דער מחיצה און אויסגעטרונקען דאָס גאַנצע בלוט פון בעכער און אויפגעגעסן אַלע שטיקעלעך פון גאָטס לייב, האָט ער פלייסיק אָפּגעלעקט די וואָנסעס, אויסגעווישט דאָס מויל און דעם בעכער און אין גאָר אַ פריילעכער שטימונג, מיט מונטערע טריט, סקריפּענדיק מיט די דינע זוילן פון די קאַלב-לעדערנע שטיוול, אַרויס פון הינטער דער מחיצה.

דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט די קריסטלעכע הויפּט-עבודה. אָבער דער גלח האָט געוואָלט פאַרשאַפן אַ נחת די אומגליקלעכע אַרעסטאַנטן, האָט ער צו דער געוויינלעכער גאָטעס-דינסט מוסיף געווען נאָך אַ באַזונדערע עבודה. דידאָזיקע ספּעציעלע עבודה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער גלח האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דעם אָנגענומענעם געשמידטן גאָלדענעם בילד (מיט אַ שוואַרץ פּנים און שוואַרצע הענט) פון דעם זעלביקן גאָט, וואָס ער האָט געגעסן, — דאָס בילד איז געווען באַלויכטן פון אַ צען וואַקסענע ליכט, — און האָט אָנגעהויבן מיט אַ משונהדיק און פאַלש קול ספּק זינגען ספּק זאָגן דידאָזיקע ווערטער: „יעזוס דו זיסער, רום פון די אַפּאָסטאָלן, יעזוס לויב פון די קדושים, אַלמעכטיקער האַר, לייז מיך אויס, יעזוס, דערלייזער מיינער, יעזוס מיינער שענסטער, לייז אויס, יעזוס, דער, וואָס לויפט צו דיר, לייז מיך אויס, לייטזעליק מיך, יעזוס, מיט די תפילות וועגן דיין געבורט, יעזוס, נביא פון אַלע דיינע הייליקע, לייז מיך אויס, און גיב מיר די זיסקייטן פון גן-עדן, יעזוס, מענטשן-ליבהאָבער!“

דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, זיך איבערגעצלמט, זיך אַ בוק געטון צו דער ערד און אַלע האָבן עס נאָכגעטון. עס האָט זיך געבוקט דער אינספּעקטאָר, די אויפזעער, די אַרעסטאַנטן און אויבן האָבן די קייטן פון די געשמידטע גאָר אָפּט זיך צעקלונגען. — „שעפער פון די מלאכים און האַר פון די כּוחות, — האָט ער ממשיך געווען שוין אין גראַמען האַלב רוסישע און האַלב סלאַווישע: — יעזוס

וואונדערלעכסטער, חידוש פון די מלאכים, יעזוס שטאַרקסטער, פון די אבות די אויסלייזונג, יעזוס זיסטער, פון די פּאַטריאַרכן די גרייסונג, יעזוס גערימטסטער, פון מלכים די שטאַרקונג, יעזוס לייטזעליקער, פון נביאים די דערפילונג, יעזוס וואָרהאַפטיקער, פון די קדושים די פעסטונג, יעזוס שטילסטער, די פרייד פון די מאָנאַכן, יעזוס דערבאַרעמדיקסטער, פון די פּרעסוויטערס דאָס מתיקות, יעזוס מיטליידנדיקסטער, פון די פּאַסטער דאָס פּרישות, יעזוס אַלערזיסטער, פון די הייליקסטע די דערפרייונג, יעזוס אַלעררייִנסטער, פון די בתולות דאָס צניעות, יעזוס אַלעראייביקס־טער, פון די זינדער די רעטונג, יעזוס, גאָטס זון, לייטזעליק מיך", — איז ער סוף כל סוף צוגעקומען צו אַן אָפּשטעל, איבערחזרנדיק דאָס וואָרט „ייסוס'ע" מיט אַ וואָס אַמאָל גרעסערן פייף, מיט דער האַנט צוגעהאַלטן די קאַפּאָטע אויפן זיידענעם אונטערשלאַק און אַראָפּגעלאָזט זיך אויף איין קני, זיך אַ בויק געטון צו דער ערד, און דער כאָר האָט אויסגע־זונגען די לעצטע ווערטער: „יעזוס, גאָטס זון, לייטזעליק מיך", און די אַרעסטאַנטן זענען געפאַלן און אויפגעשטאַנען, טרייסלענדיק מיט די האָר, וואָס זענען געבליבן אויף אַ העלפט קאָפּ, און קלימפּערנדיק מיט די קייטן, וואָס האָבן זיי אָפּגעריבן די דאַרע פיס.

אַזוי האָט געדויערט זייער לאַנג. צוערשט זענען געגאַנגען די שבחים, וואָס האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט די ווערטער: „לייטזעליק מיך", און דערנאָך זענען געגאַנגען נייע שבחים, וואָס האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט די ווערטער „הללויה". און די אַרעסטאַנטן האָבן זיך געצלמט, זיך געבויקט בײַ יעדער הפסקה, נאָר דערנאָך האָבן זיי זיך שוין גענומען בויקן איבערהיפּנדיק איינמאָל אָדער אפילו צוויי מאָל, און זענען געווען זייער צופרידן, ווען אַלע שבחים האָבן זיך געענדיקט, און דער גלח האָט, דערלייכטערט אָפּזיפּצנדיק, פאַרמאַכט דאָס ביכעלע און איז אַוועק הינטער דער מחיצה. ס'איז געבליבן נאָר איין לעצטע האַנדלונג, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם, אַז דער גלח האָט גענומען אַ גרויסן געגילדטן צלם מיט עמאַלענע מעדאַליאָנדלעך אויף די שפּיצן, וואָס איז געלעגן אויף אַ גרויסן טיש, און איז אַרויס מיט אים אויפן מיטן — קלויסטער. צוערשט איז צוגעגאַנגען דער אינספּעקטאָר און אַ קוש געטון דעם צלם, דערנאָך די אויפזעער, דערנאָך האָבן אָנגעהויבן צוצוגיין די אַרעסטאַנטן, שטופּנדיק זיך איינער איבער דעם אַנדערן און זידלענדיק זיך אין דער שטיל. דער גלח האָט, שמועסנדיק מיטן אינספּעקטאָר, געררוקט דעם צלם און די האַנט זיינע אין מויל און טיילמאָל גאָר אין נאָז די אַרעסטאַנטן,

און די אַרעסטאַנטן ווידער האָבן זיך געפּלייסט אַ קוש צו טון סיי דעם צלם סיי דעם גלחס האַנט. אַזוי האָט זיך געענדיקט דער קריסטלעכער גאָטעסדינסט, וואָס מ׳טוט אָפּריכטן, כדי צו טרייסטן און מדריך צו זיין די פאַרבלאָנדזשעטע ברידער.

XL.

און קיינעם פון די דערביי־געוועזענע, אָנהייבנדיק פון דעם גלח און דעם אינספּעקטאָר און אויסגעלאָזט מיט מאַסלאָווען, איז אויפן זינען נישט געקומען, אַז דער זעלביקער יעזוס, וואָס זיין נאָמען האָט דער גלח אַזוי פיל מאָל איבערגעחזרט מיט אַ פייף, לויבנדיק אים מיט כלערליי אויסטערלישע ווערטער, — האָט פאַרווערט דווקא דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך דאָ געטון; פאַרווערט נישט נאָר אַזאַ אומזיניקע פיל ווערטעריי און פאַרשוועכערישע כישופטרייבעריי פון גלחים־לערער איבער ברויט און וויין, נאָר אויפן קאַטעגאָרישסטן אופן פאַרווערט, אַז טייל מענטשן זאָלן אָנרופן לערער אַנדערע מענטשן, פאַרווערט תפילות אין טעמפּלען, נאָר יעדערן פאַרזאָגט מתפלל צו זיין ביחידות, פאַרווערט די טעמפּלען גופא, זאָגנדיק, אַז ער איז געקומען זיי חרוב צו מאַכן, און אַז מתפלל זיין דאַרף מען נישט אין טעמפּלען, נאָר אין גייסט און אין אמתקייט; דערהויפּט אָבער פאַרווערט נישט נאָר צו משפּטן און האַלטן זיי אין גע־פענגענעש, פּייניקן, שענדן, שטראָפן, ווי מ׳האָט עס געטון, נאָר האָט פאַרווערט יעטוועדער צוואַנג איבער מענטשן, זאָגנדיק, אַז ער איז געקו־מען אַרויסלאָזן די געפאַנגענע אויף דער פריי.

קיינעם פון די דערביי־געוועזענע איז נישט געקומען אויפן זינען, אַז דאָס אַלץ, וואָס איז דאָ פאָרגעגאַנגען, איז געווען דער גרעסטער חילול און חוזק איבער דעם זעלביקן קריסטוס, וואָס אין זיין נאָמען איז עס אַלץ געטון געוואָרן. קיינעם איז אפילו אויפן זינען נישט געקומען, אַז דער געגילדעטער צלם מיט די עמאַליענע מעדאַליאָנדלעך אויף די שפּיצן, וואָס דער גלח האָט אַרויסגעטראָגן און געגעבן מענטשן צו קושן, איז גע־ווען נישט קיין אַנדערע זאַך, ווי דאָס בילד פון יענער תליה, אויף וועל־כער קריסטוס איז אומגעבראַכט געוואָרן גראָד דערפאַר, ווייל ער האָט

פאַרווערט אָט דווקא דאָס, וואָס איז איצט אין זיין נאָמען געטון געוואָרן. קיינעם איז אויפן זינען נישט געקומען, אַז אָט די גלחים, וואָס בילדן זיך איין, אַז אין דעם געשטאַלט פון ברויט און וויין עסן זיי דאָס לייב און טרינקען דאָס בלוט פון קריסטוס, עסן באמת טאַקע דאָס לייב און טרינקען דאָס בלוט זיינס, אָבער נישט אין די ברעקלעך און אין דעם וויין, נייערט דערמיט, וואָס נישט נאָר פאַרפירן זיי, „אָט די דאָזיקע שוואַכע", וואָס מיט זיי האָט קריסטוס זיך אידענטיפיצירט, נאָר זיי רויבן באַ זיי אויך אַוועק דאָס גרעסטע גליק, און וואַרפן זיי אַריין אין די שרעקלעכסטע עינויים, באַהאַלטנדיק פון די מענטשן די בשורה פון דעם גליק, וואָס ער האָט זיי געבראַכט.

דער גלח האָט, מיט אַ רויק געוויסן, געטון דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געטון, ווייל פון קינדווייז אויף איז ער דערצויגן געוואָרן דערויף, אַז דאָס איז די איינציקע אמתדיקע אמונה, און וועלכער עס האָבן געגלייבט אַלע הייליקע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט פריער, און עס גלייבן איצט די גייסטלעכע און וועלטלעכע שררות. ער האָט געגלייבט נישט אין דעם, אַז פון ברויט איז געוואָרן לייב, אַז ס'איז נוצלעך פאַר דער נשמה אַרויסצורעדן אַ סך ווערטער, אָדער אַז ער האָט אויף אַן אמת טאַקע אויפגעגעסן אַ שטיקעלע גאָט, — דערין קאָן מען נישט גלייבן, — נייערט ער האָט געגלייבט אין דעם, אַז אין דערדאָזיקער אמונה דאַרף מען גלייבן. דערהויפּט אָבער האָט אים אין דערדאָזיקער אמונה באַפעסטיקט דאָס, וואָס פאַר אויספירן די דינים פון דערדאָזיקער אמונה האָט ער 18 יאָר שוין באַקומען הכנסות, פון וועלכע ער האָט אויסגעהאַלטן זיין פאַמיליע, דעם זון אין גימנאַזיע, די טאָכטער אין דער גלחישער שול. אַזוי האָט אויך געגלייבט דאָס דיאַקל און נאָך פעסטער ווי דער גלח, וואָרים ער האָט שוין גאָר פאַרגעסן דעם עצם פון די דאָגמאַטן פון דער דאָזיקער אמונה, און האָט נאָר געוווּסט, אַז אויף טויף-וואַסער, אויף אַ הזכּרה, אויף אַ פּשוטער מעסע און אויף אַ מעסע מיט אַן אַקאַפיסט — אויף אַלץ איז פאַראַן אַ באַשטימטער מקח, וואָס די עכטע קריסטן צאָלן גערן, און דעריבער פלעגט ער אויסשרייען זיינע „פאָמילאָס" און האָט געזונגען און האָט געזאָגט, וואָס מ'דאַרף, מיט דער זעלבער רויקער זיכערקייט, אַז דאָס איז אַ נויטווענדיקע זאַך, מיט וועלכער מענטשן פאַרקויפן האָלץ, מעל, קאַרטאָפל. ווידער דער שעף פון דער טורמע און די אויפזעער, הגם זיי האָבן קיינמאָל נישט געוווּסט און נישט אַריינגעטראַכט זיך אין דעם, וואָס די מקרים פון דערדאָזיקער אמונה זענען, און וואָס באַטייט

דאָס אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין קלויסטער, — האָבן געגלייבט, אַז מ׳מוז אומבאַדינגט גלייבן אין דערדאָזיקער אמונה, וואָרים די העכערע מאַכט און דער קייסער אַליין גלייבן אין איר. אגב האָבן זיי, אמת — זייער מטושטש (זיי וואָלטן בשום אופן נישט געקאָנט דערקלערן, ווי אַזוי דאָס ווערט געטון) געפילט, אַז דידאָזיקע אמונה האָט באַרעכטיקט זייער אכזריותדיקע דינסט. ווען דידאָזיקע אמונה וואָלט נישט געווען, וואָלט זיי נישט נאָר שווערער געווען, נאָר עס וואָלט זיי אפשר גאָר אוממעגלעך געווען אַלע זייערע כוחות צו פאַרווענדן אויף צו פייניקן מענטשן, ווי זיי האָבן דאָס איצטער געטון מיט אַ גאָר רויק געוויסן. דער אינספּעקטאָר איז געווען אַ מענטש מיט אַזאַ גוטער נשמה, אַז ער וואָלט בשום אופן נישט געקאָנט לעבן אַזוי, ווען ער וואָלט נישט געפונען קיין אָנהאַלט אין דערדאָזיקער אמונה. און דעריבער איז ער געשטאַנען אומבאַוועגלעך, אויסגעצויגן, זיך מיט התמדה געבוקט און געצלמט, געפלייסט זיך צו דבקען, בשעת מ׳האָט געזונגען: „אוזשע כערווימי״, און בשעת מ׳פלעגט קאָמוניצירן קינדער, איז ער אַרויס פאָרנט און האָט בכבודו ובעצמו אויפגעהויבן דאָס יינגעלע, וואָס מ׳האָט קאָמוניצירט, און אים אונטערגעהאַלטן.

דאָס רוב אַרעסטאַנטן, ווידער, אַ חוץ געציילטע צווישן זיי, וועלכע האָבן קלאָר געזען דעם גאַנצן שווינדל, וואָס מ׳האָט געטריבן איבער די מענטשן פון דערדאָזיקער אמונה, און באַ זיך אין האַרץ געלאַכט פון איר, — דאָס רוב אַרעסטאַנטן האָבן געגלייבט. אַז אין דידאָזיקע גע־גילדטע איקאָנעס, ליכט, בעקנס, קיטלען, צלמים, איבערחזרונגען פון די אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, „יעזוס אַלערזיסטער״ „לייטזעליק אונז״, שטעקט אַ פאַרבאָרגענער כוח, וואָס דערמיט קאָן מען געווינען מער באַ־קוועמלעכקייט ביי אויף ד ע ר וועלט, סיי אויף יענער וועלט. הגם דאָס רוב פון זיי, נאָכדעם ווי זיי האָבן דורכגעמאַכט עטלעכע עקספּערימענטן צו דערווערבן דידאָזיקע באַקוועמלעכקייטן אויף דער וועלט מיט דער הילף פון תפילות, מעסעס, ליכט און זיי נישט באַקומען, — זייערע תפילות זענען געבליבן נישט דערפילט, — איז יעדערער געווען זיכער, אַז דערדאָזיקער דורכפאַל איז אַ צופעליקער, און אַז דערדאָזיקער אינ־סטיטוט, וואָס איז אָנגענומען פון געלערנטע מענטשן און מיטראָפּאָליטן, איז זייער אַ וויכטיקער אינסטיטוט, וועלכער איז זייער נייטיק אויב נישט פאַר ד ע ר וועלט, איז פאַר יענער וועלט.

אַזוי האָט אויך מאַסלאָוואַ געגלייבט. זי האָט, פּונקט ווי די אַנ־

דערע, איבערגעלעבט בשעת דעם גאַטעסדינסט אַ געמישט געפיל פון יראת־הכבוד און לאַנגווייליקייט. זי איז צוערשט געשטאַנען אינמיטן דעם עולם הינטער דער מחיצה און האָט נישט געקאָנט זעען קיינעם נישט, בלויז אירע חברטאָרינס; בשעת אָבער די קאָמוניקאַנטינס האָבן זיך אַ רוק געטון פאָרויס, און זי האָט זיך אַרויסגערוקט צוזאַמען מיט פעדאַסיען, און זי האָט דערזעען דעם אינספעקטאָר און צווישן די אויפזועער — דאָס פויערל מיטן העל־ווייסן בערדל און בלאָנדע האָר — פעדאַסיעס מאַן, וועלכער האָט מיט שטאַרע אויגן געקוקט אויף דעם ווייב, — האָט מאַסלאַוואַ בשעת דעם אַקאַפיסט זיך פאַרנומען מיט באַטראַכטן אים און זיך שושקען מיט פעדאַסיען, און האָט זיך געצלמט און האָט זיך געבוקט בלויז דאַן, ווען אַלע האָבן דאָס געטון.

XLI.

נעכליודאָוו איז פריי אַרויסגעפאָרן פון שטוב. איבערן געסל איז נאָך געפאָרן אַ דאָרפישער פויער און מיט אַ משונהדיק קול געשריגן:

— מילך, מילך, מילך.

נעכטן איז געווען דער ערשטער וואַרעמער פרילינגס־רעגן. אומעטום, וווּ ס'איז נישט געווען קיין ברוק, האָט מיטאַמאָל אַרויסגעשפּראָצט גרין גראָז; די בערעזעס אין די גערטנער האָבן זיך באַשאָטן מיט אַ גרינעם פוך, און דער פויל־בוים מיטן טאָפּאָלבוים האָבן אויסגעשפרייט זייערע לאַנגע שמעקעדיקע בלעטער, און אין די הייזער און קראָמען האָט מען אַרויסגעשטעלט און אויסגעווישט די דובל־פענצטער. אויפן מאַרק, פאַרביי וועלכן נעכליודאָוו איז אויסגעקומען צו פאָרן, האָט געווימלט פון אַ געדיכטן עולם אַרום די אין איין שורה אויסגעבויטע ביידלעך און עס זענען אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסענע מענטשן מיט שטיוול אונטערן אָרעם און איבערן אַקסל אַריבערגעוואָרפענע אויסגעפּרעסטע הויזן און וועסטלעך. באַפרייט פון זייערע פאַבריקן, האָבן באַ די שענקען זיך שוין געשטופּט מענער אין ריינע בורקעס און גלאַנציקע שטיוול און פרויען אין זיידענע בונטע טיכלעך אויפן קאָפּ און אין מאַנטלען מיט אַגראַמאַנטן. די פּאָלי־

ציאַנטן מיט די געלע שנורן פון די פּיסטוילן זענען געשטאַנען אויף די ערטער, אויסקוקנדיק אויף אומרוען, וועלכע וואָלטן זיי געקאָנט צעשטרייען פון דער נאָגנדיקער לאַנגווייליקייט. איבער די שטעגן פון די בולוואַרן און איבער דעם נאַר־וואָס באַאַרבעטן גאַזאָן זענען שפּילנדיק זיך אַרומ־געלאָפן קינדער און הינט, און פרייליכע ניאַניעס האָבן געשמועסט צווישן זיך, זיצנדיק אויף די בענק.

איבער די גאַסן, וואָס אויף דער לינקער זייט אין שאָטן זענען זיי נאָך געווען קיל און פייכט און אינמיטן — אויסגעטרוקנט, האָבן אָן אויפהער געדרודערט איבערן ברוק די קאַרעס, דראָזשקעס האָבן געקלאַפּט און טראַמווייען האָבן געקלונגען. פון אַלע זייטן האָט די לופט געציטערט פון דעם פאַרשידנאַרטיקן געקלינגעריי און הילכעריי פון די גלעקער, וואָס האָבן גערופן דאָס פאָלק בייצוזיין אויף פּונקט אַזאַ עבודה, ווי ס'איז איצט אָפּגעריכט געוואָרן אין דער טורמע. און דער אויסגעפּוצטער עולם איז זיך צעגאַנגען יעדערער צו זיין פּאַראַפיע.

דער פורמאַן האָט צוגעפירט נעכליודאָוון נישט צו דער טורמע גופא, נאָר צום ראָג גאַס, וועלכע האָט געפירט צו דער טורמע.

עטלעכע מענטשן, מענער און פרויען, דאָס רוב — מיט פּעקלעך, זענען דאָ געשטאַנען, אויף דעמדאָזיקן ראָג צו דער טורמע, אַ הונדערט טריט ווייט פון איר. רעכטס זענען געווען נישט קיין הויכע הילצערנע בנינים, לינקס — אַ צווייגאָרנדיק הויז מיט עפּעס אַ שילד. די ריזיקע מויער פון דער טורמע גופא איז געווען פון פאָרנט, און צו איר האָט מען די באַזוכער נישט צוגעלאָזט. דער וואַך־זעלנער מיט אַ ביקס האָט געשפּאַנט הין און צוריק, שטרענג שרייענדיק צו די, וואָס האָבן אים געוואָלט אַרומגיין.

— באַם פּערטל פון די הילצערנע בנינים, פון דער רעכטער זייט, קעגניבער דעם וואַך־זעלנער איז אויף אַ בענקל געזעסן אַן אויפזעער אין אַ מונדיר מיט גאַלאָנען, מיט אַ נאָטיצביכל. צו אים פלעגן די באַזוכער צוגיין און אָנרופן די, וואָס זיי האָבן געוואָלט זען, און ער האָט זיי פאַרשריבן. נעכליודאָוו איז אויך צו אים צו און אָנגערופן קאַטערינאַ מאַסלאָוואַ. דער אויפזעער מיט די גאַלאָנען האָט פאַרשריבן.

— עס גייט נאָך דאָס מיטאָג־געבעט. אַז ס'וועט זיך ענדיקן, וועט מען דאַן אַריינלאָזן.

נעכליודאָוו איז אָפּגעגאַנגען צו דעם עולם, וואָס האָט געוואַרט. פון דעם עולם האָט זיך אויסגעטיילט איינער אַ מענטש, אין אָפּגעריסענע

קלײדער און אין אַ צעקנײטשטן הוט, אױן טיכער אויף די באָרװעסע פיס, מיט רויטע פּאַסן איבערן גאַנצן פּנים. און האָט זיך געלאָזט גײן צו דער טורמע.

— דו, װוהין קריכסטו? — האָט אויף אים דער זעלנער מיט דער ביקס אַ געשריי געגעבן.

— און דו, װאָס שרייסטו אַזוי? — האָט דער אָפּגעריסענער געענטפערט, להלוטין זיך נישט אָפּשרעקנדיק פאַר דעם זעלנערס געשריי, און האָט זיך אומגעקערט צוריק. — לאָזט נישט, װעל איך צװאַרטן, אַבי ער שרייט, װי אַ גאַנצער גענעראַל!

צװישן עולם האָט מען צושטימענדיק צוגעלאַכט. די באַזוכער זעבען מייסטנטיילס געװען מענטשן שלעכט אָנגעטואָנע, אפילו אָפּגעריסענע, געװען אָבער אויך — אויסערלעך אָנשטענדיקע מענער און פרויען. לעבן נעכליודאָװן איז געשטאַנען אַ גוט געקליידעטער מאַנספּאַרשוין, איבגאַנצן אַ ראַזירטער, אַ דיקער, מיט רויטע באַקן, מיט אַ פּעקל אין דער האַנט, װײזט אויס — זועש. נעכליודאָװו האָט אים געפרעגט, צי ער איז דאָ דאָס ערשטע מאָל. דער מאַן מיטן פּעקל האָט געענטפערט, אַז ער איז דאָ אַלע זונטיק, און זיי האָבן זיך פונאַנדערגערעדט. דאָס איז געװען אַ שװייצאַר פון אַ באַנק, ער איז געקומען אַהער געװיר װערן װעגן זיינס אַ ברודער, װאָס װערט געמשפּט פאַר אַ אַ פעלשונג. דערדאָזיקער גוטמוטיקער מענטש האָט דערציילט נעכליודאָװן זיין גאַנצע לעבנסגעשיכטע און האָט שוין געװאָלט אויך אים אויספרעגן, אָבער גראָד דאַן האָט זייער אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן אַ סטודענט מיט אַ פאַרשלייערטער דאַמע, װאָס זענען אָנגעקומען צו פּאָרן אויף אַ דראָזשקע אויף גומענע רעדער, געשפּאַנט אין אַ גרויס, ראַסיק, שװאַרץ פערד. דער סטודענט האָט געהאַלטן אין די הענט אַ גרויסן פּאַק. ער איז צוגעגאַנגען צו נעכליודאָװן און אים געפרעגט — צי קאָן מען און װאָס דאַרף מען טון אויף איבערצוגעבן אַ נדבה — די קוילעטשן, װאָס ער האָט געבראַכט צו פירן. „דאָס האָב איך געבראַכט לויט מיין כּלהס פאַרלאַנג. דאָס איז מיין כּלה. די עלטערן אירע האָבן אונז געראָטן אװעקצופירן עס די אַרעסטירטע".

— איך בין אַליין דאָ צום ערשטן מאָל און איך װייס נישט, אָבער איך מיין, אַז מ'דאַרף פרעגן אָט דעם מאַן, — האָט נעכליודאָװו געזאָגט, צייגנדיק אויף דעם אויפזעער מיט די גאַלאָנען, װאָס איז געזעסן מיטן ביכעלע רעכטס.

אין דער זעלבער צייט, וואָס נעכליודאָוו האָט גערעדט מיטן סטו־דענט, האָבן זיך די גרויסע אייזערנע טורמע־טירן מיט אַ פענצטערל אינדערמיט געעפנט, און ס'איז אַרויס אַן אָפיציר, אין אַ מונדיר, מיט אַ צווייטן אויפזעער. און דער אויפזעער מיטן ביכעלע האָט געמאָלדן, אַז מ'הייבט אָן אַריינצולאָזן באַזוכער. דער וואַך־זעלנער איז אָפּגעגאַנגען אָן אַ זייט, און אַלע באַזוכער, גלייך ווי אויס מורא צו פאַרשפּעטיקן, האָבן מיט גיכע טריט און מאַנכע אויך צולויפנדיק — זיך געלאָזט צו דער טיר פון דער טורמע. בײַ דער טיר איז געשטאַנען אַן אויפזעער, וואָס האָט געציילט די באַזוכער, בשעת זיי פלעגן פאַרביי אים דורכגיין, אויסרופנ־דיק הויך אויף אַ קול: 16, 17 א. א. וו. אַ צווייטער אויפזעער אינע־ווייניק האָט, אָנרירנדיק יעדן איינעם, אויך געציילט די, וואָס זענען אַריינגעגאַנגען אין דער צווייטער טיר, כדי בײַם אַרויסלאָזן, דורכקאָנ־טראָלירנדיק דעם חשבון, נישט איבערלאָזן קיין איין באַזוכער אין דער טורמע און נישט אַרויסלאָזן קיין איין אַרעסטירטן. דערדאָזיקער ציילער האָט נישט געקוקט אויף דעם, ווער ס'איז אַריינגעקומען, און ער האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דער האַנט נעכליודאָוון איבער דער פּלייצע; דידאָ־זיקע באַרירונג פון דעם אויפזעערס האַנט האָט לכתחילה באַליידיקט נעכליודאָוון, ער האָט אָבער גלייך זיך דערמאַנט, נאָכוואָס ער איז אַהער־געקומען, און ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר דעמדאָזיקן געדאַנק פון אומ־צופרידנקייט און באַליידיקונג.

דער ערשטער לאָקאַל הינטער די טירן איז געווען אַ גרויס חדר מיט געוועלבן און אייזערנע קראַטן אויף די נישט גרויסע פענצטער. אין דעמדאָזיקן חדר, וואָס האָט געהייסן זאַמל־צימער, האָט נעכליודאָוו דער־זען אין אַ נישע אַ גרויסן קרוציפיקס.

— צו וואָס איז דאָס ? — האָט ער אַ טראַכט געטון. דאָס קריס־טוס־בילד האָט זיך בײַ אים נישט ווילנדיק אַסאָציאירט מיט באַפרייטע און נישט מיט געפאַנגענע.

נעכליודאָוו איז געגאַנגען מיט אַ לאַנגזאַמען טריט, דורכלאָזנדיק פאָרויס די אײַלנדיקע באַזוכער, איבערלעבנדיק געמישטע געפילן פון אימה פאַר די גנבים און גזלנים, וואָס זענען דאָ פאַרשפּאַרט, פון מיט־לייד צו די אומשולדיקע, אַזוי ווי דאָס נעכטיקע יינגל און קאַטיושאַ, וואָס דאַרפן דאָ זיין, און פון פאַרשעמטקייט און גערירטקייט פאַר דער זעונג, וואָס איז אים פאַרגעשטאַנען. בײַם אַרויסגיין פון דעם ערשטן צימער, אין דעם אַנדערן עק, האָט דער אויפזעער עפּעס געזאָגט. אָבער

נעכליודאוו, איינגאנצן פארזונקען אין זיינע מחשבות, האט דערויף נישט געלייגט קיין אכט און ווייטער געגאנגען אהינצו, וווהין עס זענען געגאנגען מער באזוכער, ד. ה. אין דער מאנסבילישער אפטיילונג און נישט אין דער ווייבערישער, ווו ער האט געדארפט.

אדורכלאזנדיק פאריס די איילנדיקע, איז ער דער לעצטער אריין אין דעם חדר, וואס איז באשטימט פאר זעונגען. דאס ערשטע, וואס האט אים איבערראשט, ווען ער איז, עפענענדיק די טיר, אריין אין דעם דאזיקן חדר, איז געווען דאס געשריי פון א הונדערט קולות, וואס האט זיך צונויפגעגאסן אין איין הוהא. ערשט, אז ער איז נענטער צוגעקומען צו די מענטשן, וואס האבן זיך צוגעקלעפט, אזוי ווי פליגן אויף צוקער, צו דער נעץ, וועלכע האט צעטיילט דאס חדר אויף צווייען, האט נעכליודאוו פארשטאנען, וואס דא טוט זיך. דאס חדר מיט פענצטער אין דער הינטערשטער וואנט איז געווען צעטיילט אויף צוויי העלפטן נישט דורך איין נעץ, נאר דורך צוויי דראטענע נעצן, וועלכע האבן זיך געצויגן פון סופיט ביז צו דער ערד. אויף יענער זייט פון די נעצן זענען געווען די ארעסטירטע, אויף דער זייט — די באזוכער. צווישן די אין יענע, זענען געווען צוויי נעצן אויף א מרחק פון אן ארשין דריי, אזוי אז נישט נאר עפעס איבערגעבן, נאר אפילו בלויז דאס פנים גוט זעען איז געווען אוממעגלעך, בפרט פאר א מענטשן מיט א קורצער ראיה. ס'איז אויך שווער געווען צו רעדן, מ'האט באדארפט שרייען מיט אלע כוחות, כדי מ'זאל דערהערן. פוןביידע זייטן זענען געווען צוגעדריקט צו די נעצן פנימער: פון ווייבער, פון מענער, פון טאטעס, פון מוטערס, פון קינדער, וועלכע האבן זיך באמיט איינצוקוקן זיך איינס אין דעם אנדערן און זאגן וואס מ'באדארף. היות אבער יעדערער האט זיך געפלייסט צו רעדן אזוי, אז זיין מיטשמועסער זאל אים הערן, און די שכנים האבן אויך געוואלט דאס אייגענע און זייערע שטימען האבן איינס דאס אנדערע געשטערט, האט יעדער איינער זיך געפלייסט איבערצושרייען דעם אנדערן. אט דערפון איז עס געווען דער הוהא מיט די קולות, וואס האט איבערראשט נעכליודאוון, ווי נאר ער איז אריין אין דעמדאזיקן חדר. פארשטיין דאס, וואס מ'האט גערעדט, איז נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט. מ'האט נאר אן דעם פנים זיך געקאנט אנשטויסן, וועגן וואס מ'האט גערעדט און וואס פאר א פארהעלטענישן עס זענען געווען צווישן די רעדנדיקע. נענטער צו נעכליודאוון איז געשטאנען אן אלטיטשקע אין א פאטשיילעכל, וועלכע האט, צוגעדריקט צו דער

נעץ און ציטערנדיק מיט דער גאָמבע, עפּעס אַזוינס געשריגן צו אַ בלאַסן יונגנמאַן מיט אַ געגאָלטן האַלבן קאָפּ. דער אַרעסטאַנט האָט זי אויפמערקזאַם געהערט. אויפהייבנדיק די ברעמען און צונויפגעקנייטשט דעם שטערן. לעבן דער אַלטיטשקער איז געווען אַ יונגערמאַן אין אַ בורקע, וועלכער האָט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, זיך צוגעהערט, דאָס, וואָס אַן אַרעסטאַנט, ענלעך צו אים, מיט אַן אויסגעמאַטערט פּנים און אַ גרויסלעכער באָרד, האָט גערעדט. נאָך ווייטער איז געשטאַנען דער אָפּגעריסענער און מאַכנדיק מיט די הענט עפּעס געשריגן און געלאַכט. און לעבן אים איז אויף דער ערד געזעסן אַ פרוי מיט אַ קינד, אין אַ גוטער וואָלענער פּאַטשיילע, און האָט געיאָמערט, ווייזט אויס — צום ערשטן מאָל דערזעענדיק דעם גרייז-גרויען מענטש. וועלכער איז געווען אויף דער אַנדערער זייט, אין אַן אַרעסטאַנטישער קורטקע, מיט אַ געגאָלטן קאָפּ און געשמידט אין קייטן. איבער דערדאָזיקער פרוי האָט דער שווייצאַר, וואָס מיט אים האָט נעכליודאָוו גערעדט, זיך צעריסן, שרייענדיק צו אַן אַרעסטאַנט אויף יענער זייט מיט אַ פּליך און גלאַנצנדיקע אויגן.

ווען נעכליודאָוו האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט מוזן רעדן אין אַזעלכע באַדינגונגען, האָט זיך אין אים אויפגעהויבן אַ געפיל פון אויפגעבראַכטקייט קעגן די מענטשן, וועלכע האָבן אַזוינס געקאָנט אויפטון און אָפּהיטן. אים איז געווען אַ חידוש, אַז אַזאַ שרעקלעכע לאַגע, אַזאַ איזדעקעוועו זיך איבער די געפילן פון מענטשן האָט קיינעם נישט באַליידיקט. סיי די זעלנער, סיי דער אינספּעקטאָר, סיי די באַזוכער, סיי די אַרעסט־ירטע האָבן דאָס אַלץ געטון אַזוי, גלייך ווי אָנערקענענדיק, אַז אַזוי באַדאַרף עס טאַקע צו זיין.

נעכליודאָוו איז אין דעמדאָזיקן חדר פאַרבליבן אַ מינוט פינף, איבערלעבנדיק עפּעס אַ מאָדנע געפיל פון שווערן אומעט, פון באַוווסטזיין אין זיין אוממעכטיקייט און פירוד מיט דער גאַנצער וועלט; אַ מאָראַליש געפיל פון נ י ש ט ג ו ט ק י י ט, ענלעך אויף דעם שאָקלען זיך אין אַ שיף, האָט אים באַהערשט.

XLII.

„מ׳דארף פונדעסטוועגן טון דאָס, נאָך וואָס איך בין געקומען. — האָט ער געזאָגט, צוגעבנדיק זיך מוט. — וואָס זשע טוט מען?“ ער האָט אָנגעהויבן מיט די אויגן זוכן אַ באַאַמטן און, דערזעענדיק אַ מאָגערן מענטש, נישט קיין היכן, מיט וואָנסעס, אין אָפּיצירישע שליפעס, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען הינטער דעם עולם, האָט ער זיך געווענדט צו אים.

— אפשר קאָנט איר מיר, גנעדיקער הער, זאָגן, — האָט ער געזאָגט מיט אַ באַזונדערס אָנגעשטרענגטער העפלעכקייט, — ווי האַלטן זיך אויף די פרויען און ווי ווערן דערלויבט די זעונגען מיט זיי?

— איר דאַרפט דען אין דער ווייבערישער אָפּטיילונג?

— יאָ, איך וואָלט וועלן זעען אַ פרוי אַן אַרעסטירטע, — האָט מיט דער זעלבער אָנגעשטרענגטער העפלעכקייט נעכליודאָוו געענטפערט.

— פאַרוואָס זשע האָט איר עס נישט געזאָגט, בשעת איר זענט געווען אין דעם זאַמל־צימער? וועמען דאַרפט איר אַלזאָ זעען?

— איך דאַרף זעען יעקאַטערינאַ מאַסלאָוואַ.

— זי איז אַ פּאָליטישע? — האָט דער געהילף־אינספּעקטאָר געפרעגט.

— ניין, זי איז פשוט...

— זי איז אַלזאָ שוין אַ פאַרמשפּטע?

— יאָ, אייערנעכטן איז זי פאַרמשפּט געוואָרן, — האָט נעכליודאָוו מיט הכנעה געענטפערט, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט קאַליע צו מאַכן די שטימונג דעם אינספּעקטאָרס, וועלכער האָט עפּעס ווי אַרויסגעוויזן אַן אָנטייל צו אים.

— אויב אין דער ווייבערשער אָפּטיילונג, טאָ זייט מוחל אַהער־צו, — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט, — ווייזט אויס — באַשלאָסן לויט נעכליודאָווס אויסערלעכקייט, אַז ער פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט.— סידאָראָוו, — האָט ער זיך געווענדט צו אַן אונטעראָפיציר מיט לאַנגע

וואָגסעס און מיט מעדאַלן, — פיר זיי אַדורך אין דער ווייבערשער אָפּ־טיילונג.

— גרייט צו דינען.

אין דער אייגענער צייט האָט זיך באַ דער קראַטע דערהערט אַ האַרצרייסנדיקער יאָמער.

אַלץ איז נעכליודאָוון געווען אויסטערליש, און אויסטערלישער פאַר אַלץ דאָס, וואָס אים איז אויסגעקומען צו דאַנקען און פילן זיך אַ בעל־חוב פאַר דעם אינספּעקטאָר און דעם אויבעראויפזעער, פאַר מענטשן, וועלכע האָבן געטון די זעלבע מעשים־תעתועים, וואָס זענען אין דעמדאָזיקן הויז געטון געוואָרן.

דער אויפזעער האָט אַרויסגעפירט נעכליודאָוון פון דעם מאַנס־בילשן באַזוכער־צימער אין קאָרידאָר אַריין און באַלד אים, דורך דער טיר קעגנאיבער, אַריינגעפירט אין דעם ווייבערישן צימער פאַר זעונגען.

דאָסדאָזיקע חדר איז, אַזוי ווי דאָס מאַנסבילשע, אויך געווען צע־טיילט דורך צוויי נעצן אויף דריי טיילן. אָבער עס איז געווען היפּש קלענער און דערין זענען געווען ווינציקער באַזוכער און אַרעסטירטע; אָבער די קולות און דער הויאַ זענען געווען פּונקט אַזעלכע, ווי אין דעם מאַנסבילשן חדר. פּונקט אַזוי איז צווישן די נעצן אַרומגעגאַנגען די מאַכט.

די מאַכט האָט דאָ רעפּרעזענטירט אַן אויפזעערין אין אַ מונדיר מיט גאַלאָנען אויף די אַרבל און בלויע קאַנטן און אַ בלויען פּאַס. און פּונקט ווי אין דעם מאַנסבילשן חדר, האָבן פון ביידע זייטן צו די נעצן זיך צוגעקלעפּט מענטשן, פון דער זייט — שטאָטישע איינוווינער אין פאַרשידנאַרטיקע מלבושים; פון יענער זייט — אַרעסטאַנטינס, טייל אין ווייסע קליידער, טייל — אין אייגענע. די גאַנצע נעץ איז געווען אָנגע־פּיקעוועט מיט מענטשן. אייניקע האָבן זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיצן פינגער, כדי איבער די קעפּ פון די אַנדערע דערהערט צו ווערן, אַנדע־רע זענען געזעסן אויף דער ערד און זיך דורכגערעדט.

קענטלעכער פון אַלע פרויען־אַרעסטאַנטינס און איבעראַשנדיק מיט די קולות און אויסזען איז געווען אַ צעקנוידערטע אַלטע ציגיינערין מיט געקרייזלטע האָר, פון וועלכע עס האָט זיך אַראָפּגערוקט דאָס קאָפּ־טיכל; זי איז געשטאַנען כמעט אינמיטן צימער, אויף יענער זייט קראַטע, באַם סלופּ און האָט געשריגן עפּעס מיט האַסטיקע זשעסטן צו אַ נידעריק און שטייף פאַרגאַרטלטן ציגיינער אין אַ בלויען סורדוט. לעבן דעם צי־

גייגער האָט זיך צוגעזעצט אויף דער ערד אַ זעלנער, וועלכער האָט גערעדט מיט אַן אַרעסטאַנטין, דערנאָך איז געשטאַנען צוגעטוליעט צו דער נעץ אַ יונג פויערל מיט אַ העל בערדל אין לאַפּטשעס מיט אַ רויט-צעפלאַמט פּנים, וועלכער האָט קוים געקאָנט איינהאַלטן די טרערן. מיט אים האָט גערעדט אַ חנעוודיקע בלאָנדע אַרעסטאַנטין, וועלכע האָט מיט העלע, בלויע אויגן געקוקט אויף איר מיטשמועסער. דאָס איז געווען פעדאָסיאַ מיט איר מאַן. לעבן זיי איז געשטאַנען אַן אָפּגעריסענער, וועלכער האָט גערעדט מיט אַ צעשויבערטער ברייטפּנימדיקער פרוי; דערנאָך צוויי פרויען, אַ מאַנספּאַרשוין, ווידער אַ פרוי — יעדערן קעגנ-איבער איז געווען אַן אַרעסטאַנטין. צווישן זיי איז מאַסלאָווא נישט גע-ווען. אָבער הינטער די אַרעסטאַנטינס, אויף יענער זייט, איז געשטאַנען נאָך אַ פרוי, און נעכליודאָוו האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זי געווען, און האָט גלייך דערשפּירט, ווי שטאַרק זיין האַרץ האָט גענומען קלאַפּן און דער אָטעם האָט זיך אָפּגעהאַקט. די אַנטשיידנדיקע מינוט האָט זיך דערנענטערט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער נעץ און האָט זי דערקענט. זי איז געשטאַנען הינטער דער בלויאויגיקער פעדאָסיע און שמייכלענדיק געהערט דאָס, וואָס זי האָט גערעדט. זי איז געגאַנגען אָנ-געטון נישט אין אַ כאַלאַט, ווי אייערנעכטן, נאָר אין אַ ווייס יאַקל, וואָס איז שטייף געווען פאַרצויגן מיט אַ פּאַס און האָט זיך הויך געהויבן אויף דער ברוסט. פון אונטערן קאָפּ-טיכל אַפּער האָבן זיך, אַזוי ווי אין גע-ריכט, אַרויסגעמאַכט די געקרייזלטע שוואַרצע האָר.

„באַלד וועט זיך אַנטשיידן, — האָט ער געטראַכט. — ווי, זאָל איך זי אַ רוף טון? אָדער זי וועט אַליין צוגיין”.

אָבער אַליין איז זי נישט צוגעגאַנגען. זי האָט געוואַרט אויף קלאַ-רען און בשום אופן איז איר נישט איינגעפאַלן, אַז דערדאָזיקער מאַנס-פּאַרשוין איז געקומען צו איר.

— וועמען דאַרפט איר? — האָט די אויפזעערין, וועלכע איז אַרומגעגאַנגען צווישן די נעצן, געפרעגט, ווענדנדיק זיך צו נעכ-ליודאָוון.

— קאַטערינאַ מאַסלאָווען, — האָט נעכליודאָוו קוים געקאָנט אויסרעדן.

— מאַסלאָווא, צו דיר! — האָט די אויפזעערין אַ געשריי גע-געבן.

מאַסלאָווא האָט זיך אַרומגעקוקט און אויפהייבנדיק דעם קאָפּ און

גלייך אַרויסשטעלנדיק די ברוסט, איז זי מיט איר אויסדרוק פון גרייט־שאַפט, וועלכער איז נעכליודאָוון געווען באַקאַנט, צוגעגאַנגען צו דער קראַטע, זיך דורכשפּאַרנדיק צווישן צוויי אַרעסטאַנטינס, און האָט פאַר־וווּנדערט־פרעגנדיק שטאַר געקוקט אויף נעכליודאָוון, נישט דערקענענ־דיק אים.

דערקענט אָבער אין זיין אַנטוּעכץ אַ רייכן מאַן, האָט זי אַ שמייכל געגעבן.

— איר דאַרפט צו מיר? — האָט זי געזאָגט, דערנענטערנדיק צו דער קראַטע איר שמייכלענדיק פּנים מיט די שיקלדיקע אויגן.

— איך האָב געוואָלט זעען... — נעכליודאָוו האָט נישט געוווּסט, ווי צו זאָגן: „איר" אָדער „דיך" און האָט באַשלאָסן צו זאָגן „אייך". ער האָט גערעדט נישט העכער ווי געוויינלעך: — איך האָב אייך גע־וואָלט זעען... איך...

— „דו פאַררעד מיר נישט די ציין, — האָט לעבן אים דער אָפּ־געריסענער געשריגן. — האָסט גענומען, אָדער נישט גענומען?"

— „מ'זאָגט דאָך דיר, אַז זי שטאַרבט אַוועק, וואָס ווילסטו נאָך?" — האָט עמעצער געשריגן פון דער אַנדערער זייט.

מאַסלאָוואַ האָט נישט געקאָנט הערן גענוי, וואָס נעכליודאָוו האָט געזאָגט, אָבער דער אויסדרוק פון זיין פּנים, בשעת ער האָט גערעדט, האָט פּלוצלינג איר אים דערמאָנט. אָבער זי האָט זיך אַליין נישט גע־טרויט. דער שמייכל איז פאַרשוווּנדן פון איר פּנים און דער שטערן האָט אָנגעהויבן זיך צו קנייטשן פון פּיין.

— מ'קאָן נישט הערן, וואָס איר רעדט, — האָט זי אויסגעשריגן, זיך זשמורענדיק און אַלץ מער און מער קנייטשנדיק דעם שטערן.

— איך בין געקומען...

„יאָ, איך טו דאָס, וואָס מ'דאַרף, איך טו תּשובה", האָט נעכליודאָוו אַ טראַכט געטון.

און קוים האָט ער עס אַ טראַכט געטון, האָבן זיך אים טרערן גע־שטעלט אין די אויגן, צוגעקומען צום האַלז און, אָנגעקלאַמערט זיך מיט די פינגער אָן דער קראַטע, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, זיך אָנשטרענ־גענדיק נישט פונאַנדערצוּוויינען זיך.

— „איך זאָג דאָך דיר: צי וואָס קריכסטו, וווּהין מ'דאַרף נישט", — האָט מען געשריגן פון איין זייט.

— „גאָט איז מיין עדות, איך ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן“, — האָט אַן פּרעסטאַנטין געשריגן פון דער אַנדערער זייט.

דערזעען זיין אויפּרעגונג, האָט מאַסלאָווא אים דערקענט.

— ענלעך, נאָר איך דערקען נישט. — האָט זי אַ געשריי געטון, נישט קוקנדיק אויף אים, און איר פּלוצלינג רויט געוואָרן פּנים איז געוואָרן נאָך פינצטערער.

— איך בין געקומען, כּדי צו בעטן באַ דיר מחילה, — האָט ער אַ געשריי געגעבן הויך אויף אַ קול, אַן אַ אינטאָנאַציע. אַזוי ווי אַן אויסגעחזרטע לעקציע.

אויסגעשריגן דידאַזיקע ווערטער, האָט ער זיך פאַרשעמט, און ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אָבער גלייך איז אים איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז אויב ער שעמט זיך, איז נאָך בעסער, ווייל ער מעג זיך שעמען. און ער האָט הויך ווייטער גערעדט:

— זיי מיר מוחל, איך בין שרעקלעך שולדיק אַקעגן דיר... — האָט ער ווידער געשריגן.

זי איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים איר שיקלדיקן בליק.

ער האָט מער נישט געקאָנט רעדן און איז אָפּגעגאַנגען פון דער קראַטע, זיך מיענדיק איינצוהאַלטן דאָס שלוכצן, וואָס האָט באַוועגט זיין ברוסט.

דער אינספּעקטאָר, דער זעלביקער, וואָס האָט געשיקט נעכליודאָוון אין דער ווייבערישער אָפּטיילונג, האָט זיך. קענטיק, פאַראינטערעסירט מיט אים, איז אַליין געקומען אין דעראַזיקער אָפּטיילונג און, דערזעען נעכליודאָוון נישט באַ דער קראַטע, האָט ער אים געפרעגט, פאַרוואָס ער רעדט נישט מיט דער, מיט וועלכער ער דאַרף. נעכליודאָוו האָט זיך אויסגעשנייצט און, זיך אויפמונטערנדיק, זיך פלייסנדיק צו האָבן אַ רויק פּנים, האָט ער געענטפערט.

— איך קאָן נישט רעדן דורך דער קראַטע, מ'הערט גאָר־נישט.

דער אינספּעקטאָר האָט זיך פאַרטראַכט.

— נו, מילא, מ'קאָן זי אַרויספירן אויף אַ ווײַלע אַהערצו.

— מאַריאַ קאַרלאָוונאַ! — האָט ער זיך געווענדט צו דער אויפזעערין. — פירט אַרויס מאַסלאָווען.

XLIII.

אין אַ מינוט אַרום איז פון דער זייטיקער טיר אַרויס מאַסלאָווא. צוגעגאַנגען מיט ווייכע טריט האַרט צו נעכליודאָוון, איז זי שטיין גע־בליבן און אַ קוק געטון אויף אים פון אַ זייט. די שוואַרצע האָר האָבן זיך, פונקט ווי אייערנעכטן, אַרויסגעשלאָגן אין געקרייזלטע רינגעלעך; דאָס פּנים — אומגעזונט, דיקלעך, ווייס, איז געווען באַחנט, גאַנץ רויק; נאָר די גלאַנציק־שוואַרצע, שיקלדיקע אויגן פון אונטער די אונטערגעשוואָ־לענע וויעס אָפּער האָבן באַזונדערס געפינקלט.

— דאָ קאָנט איר רעדן, — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט און איז אָפּגעגאַנגען. נעכליודאָוו האָט זיך צוגערוקט צו דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער וואַנט.

מאַסלאָווא האָט פרעגנדיק אָנגעקוקט דעם געהילף־אינספּעקטאָר און דערנאָך, גלייך ווי פאַרחידושט אַ דריק געטון מיט די אַקסלען, איז זי אַוועק נאָך נעכליודאָוון צו דער באַנק און זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים, צורעכטמאַכנדיק דאָס קלייד.

— איך ווייס, אַז אייך איז שווער מיר מוחל צו זיין, — האָט נעכליודאָוו אָנגעהויבן, אָבער ווידער שטיין געבליבן, פילנדיק, אַז די טרערן שטערן: — אויב אָבער מ׳קאָן נישט פאַרריכטן וואָס געווען, וועל איך איצט טון אַלץ, וואָס איך קאָן. זאָגט מיר...

— ווי אַזוי האָט איר עס מיך געפונען? — האָט זי, נישט ענט־פערנדיק אויף זיין פראַגע, אים געפרעגט, אי קוקנדיק אי נישט קוקנדיק אויף אים מיט אירע שיקלדיקע אויגן.

„גאָט מיינער! העלף מיר. לערן מיך, וואָס איך זאָל טון!" האָט נעכליודאָוו גערעדט פאַר זיך, קוקנדיק אויף איר פּנים, וואָס האָט זיך אַזוי פאַרענדערט, איצט מיאוס געוואָרן.

— איך בין אייערנעכטן געווען געשווירענער ריכטער, — האָט ער געזאָגט, — בשעת מ׳האָט אייך געמשפּט. איר האָט מיך נישט דערקענט?

— ניין, נישט דערקענט. נישט געהאַט קיין צייט צו דערקענען. אגב האָב איך גאָרנישט געקוקט, — האָט זי געזאָגט.

— ס'איז דאָך געווען אַ קינד? — האָט ער געפרעגט און האָט דערשפּירט, ווי דאָס פּנים איז אים רויט געוואָרן.

— נאָך דעמאָלט, גאָט צו דאַנקען, געשטאָרבן, — האָט זי קורץ און בייז געענטפערט, אָפּווענדנדיק פון אים דעם בליק.

— ווי אַזוי, פון וואָס?

— איך בין אַליין קראַנק געווען, שיער נישט אוועקגעשטאָרבן, — האָט זי געזאָגט, נישט אויפהייבנדיק די אויגן.

— ווי אַזוי זשע האָבן אייך די מומעס אָפּגעזאָגט?

— ווער וועט דען האַלטן אַ דינסטמיידל מיט אַ קינד? ווי נאָר זיי האָבן באַמערקט, האָבן זיי מיך דורכגעטריבן. נאָר וואָס איז פאַראַן צו רעדן, — איך געדענק גאָרנישט נישט, אַלץ פאַרגעסן. יענץ אַלץ איז געענדיקט.

— ניין, נישט געענדיקט. איך קאָן עס אַזוי נישט לאָזן. איך וויל כאָטש איצט אויסקויפן מיין זינד.

— נישטאָ וואָס אויסצוקויפן; וואָס געווען, איז געווען און אַוועק, — האָט זי געזאָגט און — ער האָט עס בשום אופן נישט דערוואַרט — זי האָט פּלוצלינג אַ קוק געטון אויף אים און אומאָנגענעם, קאָקעטיש און רחמנותדיק אַ שמייכל געטון.

מאַסלאָווא האָט בשום אופן זיך נישט געריכט אים צו דערזעען, בפרט נאָך איצטער און דאָ. דעריבער האָט זיין דערשיינען אין דעם ערשטן אויגנבליק זי איבערראַשט און געצוווּנגען צו דערמאָנען זיך אָן דעם, וואָס זי האָט זיך אָן דעם קיינמאָל נישט דערמאָנט. זי האָט זיך אין דעם ערשטן אויגנבליק נעפּלדיק דערמאָנט אין יענער נייער הערלעכער וועלט פון געפילן און געדאַנקען, וואָס האָט זיך איר אַנטפּלעקט דורך דעם וווּנדערשיינעם בחור, וועלכער האָ זי געליבט און זי האָט אים געליבט, און דערנאָך אָן זיין אומפאַרשטענדלעכער אַכזריות און דער גאַנצער ריי דערנידערונגען, יסורים, וועלכע זענען געקומען נאָך יענעם צויבער-גליק און זענען פון אים אַרויסגעדרונגען. און עס האָט איר ווי געטון. אָבער נישט זייענדיק בכוח זיך אין דעם פונאַנדערצוקלייבן, האָט זי אויך איצט געהאַנדלט אַזוי, ווי זי פּלעגט האַנדלען אַלעמאָל: האָט אַוועקגעטריבן פון זיך דידאָזיקע זכרונות און זיך געפּלייסט זיי צו פאַרשלייערן מיט דעם באַזונדערן נעפּל פון אַן אויסגעלאַסן לעבן; פּונקט

אַזוי האָט זי אויך איצט געטון. אין דעם ערשטן אויגנבליק האָט זי דעם מענטש, וועלכער איז פאַר איר געזעסן, פאַרבונדן מיט יענעם בחור, וועלכן זי האָט אַמאָל ליב געהאַט, אָבער דערנאָך, אַז זי האָט דערזען, אַז דאָס טוט צו שטאַרק וויי, האָט זי אויפגעהערט אים צו פאַרבינדן מיט יענעם. איצט איז דערדאָזיקער ריין געקליידטער, אויסגעקעכלטער הער מיט דער אָנגעפּאַרפומירטער באָרד געווען פאַר איר נישט יענער נעכליודאָוו, וועלכן זי האָט ליב געהאַט, נאָר בלויז איינער פון יענע מענטשן, וואָס אַז זיי האָבן באַדאַרפט, האָבן זיי אויסגענוצט אַזעלכע באַשעפענישן, ווי זי, און וואָס אַזעלכע באַשעפענישן ווי זי דאַרפן אויסנוצן וואָס באַקוועמער פאַר זיך. און דערפאַר האָט זי קאָקעטיש אים צוגעשמייכלט.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, זיך געישובט, ווי אַזוי אויסצונוצן אים.

— יענץ אַלץ איז אויס, — האָט זי געזאָגט. — איצטער-אָ האָט מען פאַרמשפּט אויף קאַטאָרגע. — און אירע ליפּן האָבן אַ ציטער געטון, בשעת זי האָט אַרויסגערעדט דאָסדאָזיקע שרעקלעכע וואָרט.

— איך האָב געוווּסט, איך בין געווען זיכער, אַז איר זענט נישט שולדיק, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— אוודאי נישט שולדיק. וואָס בין איך דען, אַ גנבטע אָדער אַ רויבערקע? — באַ אונז זאָגט מען, אַז אַלץ ווענדט זיך אָן דעם אַדוואָקאַט, — האָט זי ווייטער גערעדט. — מ'זאָגט, אַז מ'דאַרף דערלאַנגען אַ בקשה. אָבער מ'נעמט טײַער, זאָגט מען.

— יאָ, אומבאַדינגט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט. — איך האָב זיך שוין געווענדט צו אַן אַדוואָקאַט.

— מ'דאַרף נישט זשאַלעווען קיין געלט אויף אַ גוטן, — האָט זי געזאָגט.

— איך וועל טון אַלץ, וואָס מעגלעך איז.

אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן.

זי האָט ווידער אַזוי אַ שמייכל געטון.

— און איך וויל באַ אײַך בעטן... געלט, אויב איר קענט. אַ ביסל... צען רובל. מער דאַרף מען נישט, — האָט זי פּלוצלינג אַ זאָג געטון.

— יאָ, יאָ, — האָט נעכליודאָוו פאַרשעמטערהייט זיך אָנגערופן און האָט זיך גענומען צום טײַסטער.

זי האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן אינספּעקטאָר, וועלכער האָט אַרומגעשפּרייזט הין און צוריק איבער דער קאַמער.

— פאַר אים אין די אויגן גיט נישט, וואָרים מ'וועט אָפּנעמען.

נעכליודאָוו האָט אַרויסגענומען דעם טייסטער, ווי נאָר דער אינספּעקטאָר האָט זיך אָפּגעקערט, נאָר איידער ער האָט נאָך באַוויזן איבערצוגעבן איר די צענרובלדיקע, האָט זיך דער אינספּעקטאָר שוין ווידער געהאַט אויסגעדרייט צו זיי מיטן פּנים. ער האָט פאַרקוועטשט דאָס געלט אין דער האַנט.

„דאָס איז דאָך אַ טויטע פרוי“, האָט נעכליודאָוו געטראַכט, קוקנדיק אויף דעמדאָזיקן, אַמאָל אַזוי ליבן, איצטער פאַרשוועכטן, דיקלעכן פּנים מיט דעם פינקלענדיקן, נישט גוטן גלאַנץ פון די שוואַרצע שיקלדיקע אויגן, וואָס האָבן נאָכגעקוקט דעם אינספּעקטאָר און זיין האַנט מיט דעם פאַרקוועטשטן פּאַפּירל. און אַ מאָמענט פון קווענקלעניש איז אים באַפאַלן.

ווידעראַמאָל יענער יצר-הרע, וועלכער האָט גערעדט נעכטן באַנאַכט, האָט זיך צערעדט אין נעכליודאָווס נשמה, ווי תמיד — פון די פראַגן וועגן דעם, וואָס ער זאָל טון, געפּרוווט אים אַרויספירן צו דער פראַגע וועגן דעם, וואָס וועט פון זיינע מעשים אַרויסקומען און וואָס איז ניצלעך.

„וועסט גאָרנישט נישט מאַכן מיט דערדאָזיקער פרוי, — האָט דאָסדאָזיקע קול געזאָגט: — וועסט זיך אויפן האַלז בלויז אָנהענגען ווי אַ שטיין, וועלכער וועט דיך דערטרונקען און וועט דיר שטערן צו ברענגען נוצן אַנדערע. געבן איר געלט, דאָס גאַנצע געלט, וואָס די האָסט, זיך געזעגענען מיט איר און מאַכן אַ סוף מיט אַלץ אויף אַלעמאָל“, — איז אים איינגעפאַלן.

אָבער תיכּף-ומיד האָט ער דערשפּירט, אַז איצטער אָ, אין דער מינוט קומט פאָר אין זיין נשמה עפּעס אַזוינס, וואָס איז דאָס וויכטיקסטע, — אַז זיין אינעווייניק לעבן שטייט אין דערדאָזיקער מינוט עפּעס ווי אויף משקולת, און די מינדסטע אָנשטרענגונג קאָן איבערציִען די וואָגשאָל אויף דער זייט אָדער יענער. און ער האָט דידאָזיקע אָנשטרענגונג געמאַכט, גערופן צו הילף יענעם גאָט, וועלכן ער האָט נעכטן דערפילט אין זיין נשמה, און דער גאָט האָט זיך באַלד אָפּגערופן אין אים. ער האָט באַשלאָסן תיכּף-מיד איר זאָגן אַלצדינג.

— קאַטיושאַ! איך בין געקומען צו דיר בעטן מחילה, האָסטו

מיר נישט געענטפערט, צי דו האָסט מיר מוחל געווען, צי דו וועסט מיר ווען-עס-איז מוחל זיין, — האָט ער געזאָגט, אַריבערגייענדיק פּלוצלינג אויף „דו".

זי האָט אים נישט געהערט, נאָר געקוקט דאָ אויף דער האַנט זיינער, דאָ אויף דעם אינספּעקטאָר. בשעת דער אינספּעקטאָר האָט זיך אָפּגעקערט, האָט זי אויף גיך אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט, אַ כאַפּ געטון דאָס פּאַפּירל און אַוועקגעלייגט הינטערן פּאַס.

— מאָדנע, ווי איר רעדט, — האָט זי געזאָגט, מיט פאַראַכטונג— אַזוי האָט זיך אים אויסגעדאַכט — שמייכלענדיק.

נעכליודאָוו האָט געפילט, אַז אין איר איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס איז דירעקט פיינטלעך צו אים, וואָס שיצט זי אַזוי, ווי זי איז איצט, און שטערט אים אַריינצודרינגען אין איר האַרץ אַריין.

אָבער, אַ מאָדנע זאַך, לא די וואָס דאָס האָט אים נישט אָפּגעשטויסן, האָט דאָס אים נאָך מער, מיט עפּעס אַ באַזונדערן, נייעם כוח צוגעצויגן צו איר. ער האָט געפילט, אַז ער דאַרף זי אויפוועקן גייסטיק, אַז דאָס איז שרעקלעך שווער, — אָבער די שווערקייט גופא פון דערדאָזיקער זאַך האָט אים צוגעצויגן. ער האָט געשפּירט צו איר איצט אַזאַ געפיל, וואָס ער האָט קיינמאָל אַזוינס נישט געשפּירט פריער נישט צו איר, נישט צו עמעצן אַנדערש, — אַ געפיל, אין וועלכן עס איז נישט געווען קיין שום פערזענלעכס: ער האָט פון איר גאָרנישט פאַרלאַנגט פאַר זיך, פאַרלאַנגט בלויז דאָס, אַז זי זאָל אויפהערן צו זיין אַזאַ, ווי זי איז געווען אַציינדערט, — אַז זי זאָל אויפוואַכן און זאָל ווערן אַזאַ, ווי זי איז געווען פריער.

— קאַטיושאַ, צו וואָס רעדסטו אַזוי. איך קען דאָך דיך. געדענק דיך, דעמאָלט, אין פּאַנאָוו...

— צו וואָס דערמאָנען אַלטע זאַכן, — האָט זי טרוקן געזאָגט.

— איך דערמאַן דערפאַר, כדי צו פאַרגלעטן, אויסצוקויפן דעם חטא מיינעם, קאַטיושאַ, — האָט ער אָנגעהויבן, און האָט שוין געוואָלט זאָגן וועגן דעם, אַז ער וויל חתונה האָבן מיט איר, ער האָט אָבער באַגעגנט איר בליק און האָט אין אים איבערגעלייענט עפּעס אַזוינס שרעקלעכס און גראָב-אָפּשטויסנדיקס, אַז ער האָט נישט געקאָנט דערזאָגן.

אין דער ווילע האָבן די באַזוכער אָנגעהויבן אַרויסצוגיין. דער

אינספּעקטאָר איז צוגעגאַנגען צו נעכליודאָוון און געזאָגט, אַז די צייט פון דער זעונג האָט זיך געענדיקט. מאַסלאָווא האָט זיך אויפגעשטעלט, מיט הכנעה וואַרטנדיק, ווען מ׳וועט זי אָפּלאָזן.

— זייט געזונט, איך האָב נאָך אייך אַ סך צו זאָגן, איר זעט דאָך אָבער, איצט קאָן מען נישט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט און אויסגע־שטרעקט איר די האַנט. — איך וועל נאָך קומען.

— דאַכט זיך, אַלץ געזאָגט...

זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט, אָבער נישט געטון קיין דריק.

— ניין, כ׳וועל זיך באַמיען צו זעען זיך נאָך מיט אייך, אַז מ׳זאָל זיך קאָנען דורכרעדן, און דאַן וועל איך אייך זאָגן זייער אַ וויכטיקע זאַך, וואָס איך דאַרף אייך זאָגן, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— אדרבא, קומט צו גיין, — האָט זי געזאָגט, שמייכלענדיק מיט יענעם שמייכל, וואָס זי האָט געשמייכלט צו די מענער, וועלכע זי האָט געוואָלט געפעלן.

— איר זענט מיר נענטער, ווי אַ שוועסטער, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— מאָדנע, — האָט זי ווידער געזאָגט און, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, אַוועק הינטער דער קראַטע.

XLIV.

בײַ דער ערשטער זעונג האָט נעכליודאָוו דערוואַרט, אַז קאַטיושאַ, ווען זי וועט אים דערזעען, וועט געוויר ווערן פון זיין דעה צו דינען איר און פון זיין חרטה, וועט זי זיך דערפרייען און גערירט ווערן און וועט ווידער ווערן קאַטיושאַ, אָבער צו זיין שוידער האָט ער דערזעען, אַז זיין קאַטיושאַ איז נישט געווען, געווען איז בלויז מאַסלאָווא. דאָס האָט אים פאַרחידושט און פאַרגרוילט.

דערהויפּט האָט אים געחידושט דאָס, וואָס מאַסלאָווא, לא די וואָס זי האָט זיך נישט געשעמט מיט איר לאַגע — נישט אַלס אַרעסטאַנטין (דערמיט האָט זי זיך יאָ געשעמט), נאָר מיט איר לאַגע אַלס פּראָסטי־טוטקע, — איז זי נאָך עפּעס גאָר געווען צופרידן, שיער נישט שטאָלץ

דערמיט. פון דער אַנדערער זייט האָט עס גאָר אַנדערש נישט געקאָנט זיין, יעדער מענטש, כדי צו טון עפּעס, מוז האַלטן זיין טעטיקייט פאַר וויכטיק און פאַר גוט. און דעריבער איז, ווי די לאַגע פון דעם מענטש זאָל נישט זיין, וועט ער זיך אומבאַדינגט אויסאַרבעטן אַזאַ קוק אויף דעם מענטשלעכן לעבן בכלל, באַ וועלכן זיין טעטיקייט וועט אים אויס־קומען וויכטיק און גוט.

געוויינטלעך מיינט מען, אַז אַ גנב, אַ מערדער, אַ שפּיאָן, אַ גאַסנ־פרוי, האַלטנדיק זייער פּראָפעסיע פאַר אַ מיאוסע, דאַרפן זיך מיט איר שעמען. באמת איז די מעשה גאָר פאַרקערט. מענטשן, וואָס דאָס מזל אָדער זייערע חטאים, פעלערן האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אין אַ געוויסער לאַגע, ווי דידאָזיקע לאַגע זאָל נישט זיין פאַלש, אַרבעטן זיך אויס אַזאַ קוק אויפן לעבן בכלל, באַ וועלכן זייער לאַגע קומט זיי פאַר גוט און וויכטיק. כדי אַזאַ קוק אונטערצוהאַלטן האַלטן זיך די מענטשן אין דעם קרייז, ווו עס ווערט אָנערקענט דער באַגריף, וואָס זיי האָבן אויסגעאַר־בעט וועגן דעם לעבן און וועגן זייער אָרט אין דער לעבן. — דערדאָ־זיקער באַגריף איז אונז אַ חידוש, ווען עס האַנדלט זיך וועגן גנבים, וואָס באַרימען זיך מיט זייער פלינקייט, וועגן גאַסנפרויען — מיט זייער זנות, מערדעריי — מיט זייער אַכזריות. עס איז אונז אָבער אַ חידוש בלויז דערפאַר, וואָס דער קרייז — די אַטמאָספערע פון דידאָזיקע מענטשן איז באַגרענעצט, און דער עיקר, וואָס מיר געפינען זיך מחוץ דערדאָזי־קער אַטמאָספערע. צי דען אָבער קומט די זעלבע דערשיינונג נישט פאָר צווישן גבירים, וואָס באַרימען זיך מיט זייער רייכקייט, ד. ה. מיט רויבע־ריי — קריגסהאַרן, וואָס באַרימען זיך מיט זייערע נצחונות, ד. ה. מיט מאָרד, — הערשער, וואָס באַרימען זיך מיט זייער מאַכט, ד. ה. מיט תקיפות. אין דידאָזיקע מענטשן זעען מיר נישט קיין פאַרקריפּלונג פון דעם באַגריף פון לעבן, פון גוטס, פון שלעכטס, צו דער באַרעכטיקונג פון זייער לאַגע, נאָר דערפאַר, ווייל דער קרייז מענטשן מיט אַזעלכע פאַרקריפּלטע באַגריפן איז אַ גרעסערער, און מיר אַליין געהערן צו אים.

און פּונקט אַזאַ קוק אויף איר לעבן און אויף איר אָרט אין דער וועלט האָט זיך אויך אויסגעאַרבעט באַ מאַסלאָוואַ. זי איז געווען אַ גאַסנפרוי, פאַרמשפּטע אויף קאַטאָרגע, און פונדעסטוועגן האָט זי זיך אויסגעאַרבעט אַזאַ וועלט־באַנעם, אַז זי זאָל קאָנען פאַרענטפערן — און אפילו זיך גרייסן פאַר מענטשן מיט איר לאַגע.

דערדאָזיקער וועלט־באַנעם איז באַשטאַנען אין דעם, אַז דאָס גרעס־טע גליק פון אַלע מאַנסבילן, פון אַלע אָן אויסנאַם — פון יונגע, אַלטע, גימנאַזיסטן, גענעראַלן, געבילדעטע, אומגעבילדעטע — באַשטייט אין געשלעכטלעכן פאַרקער מיט שיינע פרויען, און אַלע מאַנסבילן, כאָטש זיי מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי זענען פאַרנומען מיט אַנדערע ענינים, באַגערן דעריבער, אין תוך בלויז געגומען, דאָס איינע. זי — די שיינע פרוי — ווידער, קאָן באַפרידיקן אָדער נישט באַפרידיקן דעמדאָזיקן באַגער זייערן, און דערום איז זי אַ וויכטיקער און נייטיקער מענטש. דאָס גאַנצע פריערדיקע און איצטיקע לעבן אירס האָט באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון אַזאַ מין קוק.

אין משך פון די צען יאָר האָט זי אומעטום, ווו זי איז נאָר גע־קומען, אָנהייבנדיק פון נעכליודאָוון און ביז צום קרייז־קאָמיסאַר און אויסגעלאָזט מיט די פאַרזיכטיקע אויפזעער, — געזעען, אַז אַלע מאַנסבילן נייטיקן זיך אין איר; זי האָט נישט געזעען און נישט באַמערקט די־יעניקע מאַנסבילן, וואָס האָבן זיך אין איר נישט גענייטיקט. און די גאַנ־צע וועלט האָט איר דעריבער אויסגעוויזן אַ פאַרזאַמלונג פון מענטשן, וואָס זענען פאַרכאַפּט פון תאווה, וואָס האָבן זי געהיטן פון אַלע זייטן און מיט אַלע מיטלען — מיט שווינדל, געוואַלט, געלט, הינטערוועגן — זיך געמיט זי צו באַקומען.

אַזוי האָט מאַסלאָוואַ פאַרשטאַנען דאָס לעבן און בײַ אַזאַ פאַר־שטיין דאָס לעבן איז זי געווען נישט נאָר נישט דער לעצטער מענטש, נאָר זייער אַ וויכטיקער מענטש. און מאַסלאָווען איז אַזאַ מין פאַרשטיין דאָס לעבן געווען טייערער, ווי אַלץ אין דער וועלט. — זי האָט עס גע־מוזט האַלטן טייערער פאַר אַלץ אין דער וועלט, וואָרים ווען זי זאָל גע־ווען ענדערן אַזאַ מין פאַרשטיין דאָס לעבן, וואָלט זי פאַרלוירן די באַ־דייטונג, וואָס אַזאַ מין פאַרשטיין האָט איר געגעבן צווישן מענטשן. און כּדי זי זאָל נישט פאַרלירן איר באַדייטונג אין לעבן, — האָט זי זיך אינסטינקטיוו געהאַלטן אין דעם קרייז מענטשן, וועלכע האָבן אויף דעם לעבן געקוקט פונקט ווי זי. שפירנדיק אָבער, אַז נעכליודאָוו וויל זי אַרויספירן אין אַן אַנדערער וועלט, האָט זי זיך געווערט קעגן אים, פאַר־אויסזעענדיק, אַז אין יענער וועלט, וואָס ער האָט זי אַהינגעצויגן, וועט זי מוזן פאַרלירן אָט דאָסדאָזיקע אָרט אין לעבן, וועלכעס האָט איר גע־געבן זיכערקייט און זעלבסטווירדע. און צוליב דעם טעם טאַקע האָט זי אויך געטריבן פון זיך די זכרונות פון דער ערשטער יוגנט און פון די

ערשטע באַציונגען מיט נעכליודאָװן. דידאָזיקע זכרונות האָבן זיך נישט צונויפגעפּאַסט מיט איר איצטיקער װעלטאַנשויונג און דעריבער זענען זיי אינגאַנצן אויסגעמעקט געװאָרן פון איר געדעכעניש אָדער גיכער זיך ערגעץ אויפגעהיטן אין איר געדעכעניש אומבאַרירטערהייט, זענען אָבער געװען אַזוי פאַרהאַקט, פאַרשמירט, אַזוי װי בינען פאַרשמירן די נעסטן פון די פילצװערעם, װעלכע קאָנען אַװעקפּטרן די אַרבעט פון אַ גאַנצן בינ־שטאָק, צו זיי זאָל נישט זיין קיין שום צוטריט. און דערפאַר איז דער איצטיקער נעכליודאָװ געװען פאַר איר נישט יענער מענטש, װאָס זי האָט אים אַמאָל ליב געהאַט מיט אַ ריינער ליבע, נאָר בלויז אַ רייכער הער, װאָס מ׳קאָן און מ׳דאַרף אים אויסנוצן, און מיט װעלכן עס קאָנען זיין בלויז אַזעלכע באַציונגען, װי מיט אַלע מענער.

„ניין, נישט געקאָנט איר זאָגן דעם עיקר, — האָט נעכליודאָװ געטראַכט, גייענדיק צוזאַמען מיט דעם גאַנצן עולם צום אַרויסגאַנג. — איך האָב איר נישט געזאָגט, אַז איך װעל מיט איר חתונה האָבן. נישט געזאָגט, נאָר איך װעל עס טון”, האָט ער געטראַכט.

די אויפזעער, װאָס זענען געשטאַנען בײַ דער טיר, האָבן בײַם אַרויסלאָזן װידער זאַלבענאַנד געציילט די באַזוכער, עס זאָל איינער אָן איבעריקער נישט אַרויס און נישט בלייבן אין טורמע. דאָס, װאָס מ׳האָט אים געפּאַטשט איבער דער פּלייצע, האָט אים איצט נישט באַליידיקט, — ער האָט עס אפילו נישט באַמערקט.

XLV.

נעכליודאָװ האָט געװאָלט ענדערן זיין אויסערלעך לעבן: אָפּלאָזן די גרויסע דירה, קינדיקן די דינערשאַפט און אַריבערפאָרן אין אַ האָטעל. אָבער אַגראַפענאַ פּעטראָװנאַ האָט אים אויפגעװיזן, אַז ס׳האָט נישט געהאַט קיין שום זין ביז װינטער עפּעס צו ענדערן אין דער לעבנס־אָרדנונג; זומער װעט די דירה קיינער נישט דינגען, און װוינען און האַלטן דאָס מעבל און די זאַכן מוז מען דאָך ערגעץ. אַזוי אַז פון אַלע נעכליודאָװס אָנשטרענגונגען צו ענדערן זיין אויסערלעך לעבן (ער האָט זיך געװאָלט איינאָרדענען פּשוט, מעשה סטודענט) האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט. נאָך

ווייניק, וואָס אַלץ איז געבליבן ווי פריער, האָט זיך אין הויז אָנגעהויבן אַ פאַרשטאַרקטע אַרבעט: לופטערן, פונאַנדערהענגען און אויסקלאַפּן פלערליי וואָלענע זאַכן און רויכוואַרג, אין וועלכער אַרבעט עס האָבן זיך באַטייליקט סיי דער הויז-וועכטער, סיי דער געהילף זיינער, סיי די קעכין, סיי קאָרניי אַליין. צוערשט האָט מען אַרויסגעטראָגן און צעהאָנגען אויף שטריק עפּעס אַזעלכע מונדירן און משונהדיקע פוטערנע זאַכן, וואָס קיינער האָט זיי קיינמאָל נישט גענוצט; דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן אַרויסצוטראָגן טעפּיכער און מעבל, און דער הויזוועכטער מיטן געהילף האָבן מיט פאַרקאַשערטע אַרבל פון די מוסקולנדיקע הענט ענערגיש אויסגעקלאַפּט צום טאַקט דידאָזיקע זאַכן, און איבער אַלע צימערן האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ריח פון נאַפטאַלין. דורכגייענדיק דעם הויף און אַרויסקוקנדיק פון פענצטער, האָט נעכליודאָוו זיך געחידושט, סאַראַ גוזמא זאַכן ס'איז געווען און ווי דאָס אַלץ איז זיכער געווען אומנייטיק. דער איינציקער געברויך און די איינציקע פונקציע פון דידאָזיקע זאַכן, — האָט נעכליודאָוו געטראַכט, — איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אַגראַפענאַ פּעטראָוונאַ, קאָרניי, דער וועכטער, זיין געהילף און די קעכין זאָל האָבן אַ געלעגנהייט צו מאַכן איבונגען.

„נישט כדאי צו ענדערן די לעבנספאָרמען איצטער, כל-זמן מאַסלאָוועס ענין איז נישט דערליידיקט, — האָט נעכליודאָוו געטראַכט. — אַגב איז עס צו שווער. סיי ווי סיי וועט זיך אַלץ ענדערן, ווען מ'וועט זי באַפרייען אָדער אַרויסשיקן און איך וועל איר נאָכפאָרן".

אין דעם טאָג, וואָס דער אַדוואָקאַט פאַנאַרין האָט באַשטימט, איז נעכליודאָוו צו אים געקומען צו פאָרן. אַריינגעקומען אין זיין גרויסאַרטיקער דירה פון דעם אייגענעם הויז, מיט די אומגעהייער גרויסע פלאַנצן און זעלטענע פאָרהאַנגען אויף די פענצטער און בכלל מיט יענער טייערער איינריכטונג, וואָס זאָגט עדות אויף לייכטע, נישט פאַרהאָרעוועטע געלטער און איז נאָר פאַראַן באַ איבער נאַכט רייך געוואָרענע מענטשן, — האָט נעכליודאָוו אין אויפנאַמצימער געטראָפן באַזוכער, וואָס האָבן געוואַרט אויף דער ריי, אַזוי ווי באַ אַ דאָקטאָר, זענען פאַראומערט געזעסן באַ די טישן מיט די אילוסטרירטע זשורנאַלן, וואָס האָבן זיי געזאָלט צעשטרייען. דער געהילפס-אַדוואָקאַט, וואָס איז אויך דאָ געזעסן, באַ אַ הויכן פּולט, האָט דערקענט נעכליודאָוון, איז צו צו אים, זיך באַגריסט און געזאָגט, אַז ער וועט גלייך מעלדן דעם פּרינציפּאַל. אָבער איידער דער געהילף האָט נאָכצייט געהאַט צוצוגיין

צו דער טיר אין קאַבינעט אַריין, האָט זי זיך אַליין געעפנט און ס'האָבן זיך דערהערט הויכע, באַלעבטע שטימען פון אַ באַיאָרטן ברייט-פּלייציקן מענטש מיט אַ רויט פּנים און געדיכטע וואָנסעס, אין אַ שפּיגל-נייעם אָנצוג, און פון פאַנאַרינען אַליין. אויף ביידע פּנימער איז געווען יענער אויסדרוק, וואָס עס האָבן פּנימער פון מענטשן, וועלכע האָבן נאָר-וואָס געשלאָסן אַ גוט, אָבער נישט גאָר ריין געשעפט.

— איר זענט אַליין שולדיק, טייערינקער, — האָט פאַנאַרין מיט אַ שמייכל געזאָגט.

— איך וואָלט וועלן אַריין אין גן-עדן, אָבער די זינד לאָזן נישט.

— יאָ, יאָ, מיר ווייסן.

און ביידע האָבן זיך צעלאַכט אומנאַטירלעך.

— אַ, פירשט, ביטע! — האָט פאַנאַרין געזאָגט, דערזעענדיק נעכליודאָוון, און צושאָקלענדיק נאָכאַמאָל מיטן קאָפּ דעם אַוועקגייענדיקן סוחר, האָט ער אַריינגעפירט נעכליודאָוון אין זיין געשעפטס-קאַבינעט, פון שטרענגן סטיל. — ביטע, רייכערט, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט, אַוועקזעצנדיק זיך קעגנאיבער נעכליודאָוון און איינהאַלטנדיק דעם שמייכל, וואָס דער דערפאָלג פון דעם פריערדיקן ענין האָט אַרויסגערופן.

— אַ דאַנק. איך בין געקומען וועגן מאַסלאָוועס ענין.

— יאָ, יאָ, גלייך. אַזעלכע שווינדלער, ווי די געלטזעק זענען! — האָט ער געזאָגט. — איר האָט געזעען דעמדאָזיקן קערל, ער פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ 12 מיליאָן, און אַ לשון! „פּושטשאַיעט“! און אויב מ'קאָן נאָר בלויז אַרויסציען אַ 25-קער, וועט ער מיט די ציין אַרויסרייסן.

„יענער זאָגט „פּושטשאַיעט“, און דו זאָגסט אַ 25-קער“, האָט נעכליודאָוו דערווייל געטראַכט, פילנדיק אַן אומווידערשטייטלעכן עקל צו דעמדאָזיקן פאַמיליערן מענטש, וועלכער האָט מיט זיין טאָן געוואָלט ווייזן, אַז ער איז מיט אים, נעכליודאָוון, פון איין לאַגער, און מיט די איבעריקע קליענטן — פון אַן אַנדערן פרעמדן לאַגער.

— ער האָט מיך אַזוי פאַרמאַטערט — אַן אויסוואורף, אייבער אין דער וועלט. זיך געוואָלט פּשוט אַראָפּרעדן דאָס האַרץ אַ ביסל, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט, גלייך ווי זיך פאַרענטפערנדיק, וואָס ער רעדט נישט וועגן דעם ענין. — אַלזאָ, וועגן אייער פּראָצעס... איך האָב אים דורכגעשטודירט מיט קאָפּ און „דעם אינהאַלט פון דעמדאָזיקן נישט אָפּראָבירט“, אַזוי שטייט, דאַכט זיך באַ טורגעניעוון, ד. ה. דאָס אַדוואָ-

קאַטל איז געווען אַ גאַרנישט און האָט דורכגעלאָזט אַלע מאָטיוון פאַר אַ קאַסאַציע.

— וואָס זשע האָט איר באַשלאָסן?

— איין מאָמענט. זאָגט אים, — האָט ער זיך געווענדט צו דעם אַרייַנגעקומענעם געהילף, — אַז אַזוי ווי איך האָב געזאָגט, אַזוי וועט זיין. קאָן ער — איז גוט, אַ נישט דאַרף מען נישט.

— ער גייט נישט איין.

— נו, איז נישט, — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט, און זיין פּנים, וואָס איז נאָר-וואָס געווען זעלבסטצופרידן און גוטמוטיק, איז געוואָרן פינצטער און בייז.

— אָט זאָגט מען, אַז אַדוואָקאַטן נעמען געלט אומזיסט, — האָט ער געזאָגט. ווידער צוגעבנדיק זיין פּנים די פריערדיקע אָנגענעמ-קייט. — איך האָב אַן אומפאַרמעגלעכן אָנזעצער אַרויסגעדרייט פון אַ פאַלשער באַשולדיקונג, קריכן צו מיר איצטער אַלע. אָבער יעדער פּראָ-צעס אַזעלכער קאָסט אַזוי פיל מי. מיר לאָזן דאָך אויך עפּעס איבער אַ שטיקעלע פלייש אין טינטער, ווי איינער אַ שריפטשטעלער דריקט זיך אויס.

— אַלזאָ, האָט מען אייער פּראָצעס, אָדער דעם פּראָצעס, וואָס אינטערעסירט אייך, געפירט זייער שלעכט, קיין רעכטע מאָטיוון פאַר אַ קאַסאַציע איז נישטאָ, פונדעסטוועגן קאָן מען פּרווון דערלאַנגען אַ קאַ-סאַציע, און איך האָב אָנגעשריבן אָט וואָס.

ער האָט גענומען אַ פאַרשריבענעם בויגן פּאַפּיר און האָט אָנגע-הויבן צו לייענען, שנעל דערשלינגענדיק אייניקע נישט אינטערעסאַנטע פאָרמעלע ווערטער און מיט אַ באַזונדערער וויכטיקייט אַרויסרעדנדיק די אַנדערע: „אין דעם קרימינעלן קאַסאַציע-דעפּאַרטאַמענט א. אַז. וו. א. אַז. וו. פון דער און דער א. אַז. א. אַז. וו. אָנקלאַגע. לויט דעם באַ-שלוס, וואָס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן א. אַז. וו. א. אַז. וו. אויפן סמך פון דעם פּסק-דין א. אַז. וו. איז די און די מאַסלאָוואַ אָנערקענט גע-וואָרן פאַר שולדיק אין אַוועקנעמען דאָס לעבן דורך פאַרכמען דעם סוהר סמעלקאָוו און אויפן גרונט פון דעם אַרטיקל 1454 פון שטראָף-קאָדעקס פאַרמשפּט געוואָרן אויף צוואַנגס-אַרבעט א. אַז. וו".

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט; האָט באַשיינפערלעך, טראָץ דער גרוי-סער געוויינהייט, געקליבן פונדעסטוועגן נחת, הערנדיק זיין ווערק.

„דערדאָזיקער אורטייל איז אַ רעזולטאַט פון אַזוי פיל וויכטיקע

פּראַצעסיעלע פּעלערן און גרייזן, — האָט ער ווייטער געלייענט מיט גרויס וויכטיקייט, — אַז ער דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן. ערשטנס, איז דאָס לייענען דעם אַקט וועגן דער אויספאָרשונג פון סמעלקאָווס אינגעווייד בשעת דער געריכטלעכער אונטערזוכונג סאַמע אין אָנהייב איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם פאָרזיצער" — איז איינס אַוועק.

— דאָס האָט דאָך גאָר דער באַשולדיקער געפאָדערט, מ'זאָל לייענען, — האָט נעכליודאָוו אַ פאַרהידושטער געזאָגט.

— אַלצאיינס, די פאַרטיידיקונג האָט געהאַט אַ גרונד צו פאָדערן דאָס זעלבע.

— דאָס איז דאָך אָבער געווען אינגאַנצן איבעריק.

— פונדעסטוועגן איז דאָס אַ מאָטיוו. ווייטער: „צווייטנס, איז מאַסלאָוועס פאַרטיידיקער, — האָט ער ווייטער געלייענט, — אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך דעם פאָרזיצער אינמיטן זיין רעדע, בשעת ער האָט געוואָלט אַכאַראַקטעריזירן מאַסלאָוועס פערזענלעכקייט און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די אינעווייניקסטע סיבות פון איר פאַלן, — אויף דעם סמך, וואָס דעם פאַרטיידיקערס ווערטער האָבן כלומרשט קיין שייכות נישט צום ענין; באמת אָבער, ווי דער סענאַט האָט שוין נישט איינמאָל אָנגעוויזן, איז אין קרימינעלע ענינים אויפצוקלערן דעם כאַראַקטער און דאָס מאָראַלישע פּנים בכלל ערשטראַנגיק וויכטיק, — שוין אפילו צוליב דעם אַליין, מ'זאָל קאָנען ריכטיק פסקענען די פראַגע פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט". — דאָס איז נומער צוויי, — האָט ער געזאָגט, אַ קוק טוענדיק אויף נעכליודאָוון.

— ער האָט דאָך אָבער זייער שלעכט גערעדט, אַז מ'האָט גאַרנישט געקאָנט פאַרשטיין, — האָט נעכליודאָוו נאָך מיט מער חידוש געזאָגט.

— ער איז נעבעך אַ גרויסער שוטה און אוודאי האָט ער עפּעס רעכטס נישט געקאָנט זאָגן, — האָט פאַנאַרין זיך אָנגערופן מיט אַ געלעכטער, — פונדעסטוועגן איז עס פאָרט אַ מאָטיוו. אַזוי, ווייטער: „דריטנס: אין זיין שלוסוואָרט האָט דער פאָרזיצער, טראָץ דער קאַטעגאָרישער פאָדערונג פון פ. 1. אַרטיקל 801 פון קרימינעלן שטראָף-קאָדעקס נישט אויפגעקלערט די געשווירענע בייזיצער, פון וועלכע יורידישע עלעמענטן עס ווערט צונויפגעשטעלט דעם באַגריף פון שולדיקייט, און האָט זיי נישט געזאָגט, אַז אויב זיי האָבן אפילו אָנערקענט פאַר דערוויזן דעם פאַקט, אַז מאַסלאָווא האָט סמעלקאָוון געגעבן סם, האָבן זיי דאָס רעכט נישט צו מאַכן זי שולדיק אין דעמדאָזיקן פאַרברעך, ווייל ס'איז

נישט דערוויזן, אַז זי האָט געהאַט אַ כּוונה אים צו טויטן און אַזוי אַרום אָנערקענען זי פאַר שולדיק נישט אין אַ קרימינעלן פאַרברעך, נאָר בלויז אין אַ פאַרזינדיקונג — אין אַן אומפאָרזיכטיקייט, וואָס אין רעזולטאַט דערפון איז, אומגעריכט פאַר מאַסלאָוען, געווען דעם סוחרס טויט". דאָס איז די הויפּטזאַך.

— מיר האָבן דאָך עס אַליין געמעגט פאַרשטיין. עס איז אונזער פעלער.

„און ענדלעך — פערטנס, — האָט דער אַדוואָקאַט ממשיך געווען — האָבן די געשווירענע בייזיצער אויף דער פראַגע פון געריכט וועגן מאַסלאָוועס שולד זייער ענטפער געגעבן אין אַזאַ פאָרם, וועלכע האָט אַנטהאַלטן אין זיך אַ בפירושן ווידעראַנאַנד. מאַסלאָווע איז באַשולדיקט געוואָרן אין פאַרגיפטן סמעלקאָוון מיט אַ כיוון, צוליב אַן אויסשליסלעך אייגננוציקן צוועק, וועלכער איז געווען דער איינציקער מאָטיוו פון דעם מאָרד; די בייזיצער אָבער האָבן אין זייער ענטפער אָפּגעוואָרפן דעם צוועק פון באַרויבן און דעם אָנטייל מאַסלאָוועס אין אָוועקגנבענען די ווערטזאַכן, — וואָס דערפון איז געדרונגען געווען באַשיינפערלעך, אַז זיי האָבן געהאַט בדעה אויך אָפּצוּוואַרפן דער באַשולדיקטערס כּוונה אויף דעם מאָרד און בלויז אויס אומפאַרשטענדעניש, צוליב דעם פאָרזיצערס נישט פולן שלוס-וואָרט, האָבן זיי עס נישט אויסגעדריקט אויפן געהעריקן אופן אין זייער ענטפער, און דערום האָט אַזאַ ענטפער פון די געשווירענע אומבאַדינגט געפאָדערט די אָנווענדונג פון די אַרטיקלען 816 און 803 פון קרימינעלן שטראָף-קאָדעקס, ד. ה. דער פאָרזיצער האָט געדאַרפט דערקלערן די בייזיצער דעם פעלער, וואָס זיי האָבן געמאַכט, און צוריקקערן זיי אויף אַ נייער באַראַטונג און אַ נייעם ענטפער אויף דער פראַגע וועגן דער באַשולדיקטערס שולד, — האָט פאַנאַרין איבערגעלייענט.

— פאַרוואָס זשע האָט עס דער פאָרזיצער נישט געטון?

— איך וואָלט אויך אַ בעלן זיין וויסן פאַרוואָס? — האָט פאַנאַרין לאַכנדיק געזאָגט.

— וועט דער סענאַט אַלזאָ דעם טעות פאַרריכטן?

— דאָס ווענדט זיך אין דעם, ווער עס וועט אין דעם געגעבענעם מאָמענט זיך באַטייליקן אין דער סענאַט-זיצונג. נו, אַלזאָ, איז שרייבן מיר ווייטער: „אַזאַ ווערדיקט האָט נישט געגעבן דעם געריכט דאָס רעכט, — האָט ער שנעל ווייטער געלייענט, — צו חל מאַכן אויף מאַסלאָוען אַ

קרימינעלע שטראָף, און די אַנווענדונג צו איר דעם פּ. 3 פון אַרטיקל 771 פון קרימינעלן שטראָף-קאָדעקס איז אַ שאַרפע און גרויסע עברה לגבי די גרונט-פּאָסטולאַטן פון אונזער קרימינעלן פּראָצעס. לויט די אויסגעלייגטע מאָטיוון האָב איך דעם כבוד זיך משתדל צו זיין א. א. וו. וועגן אָפּשאַפן אויפן סמך 909, 910, פּ. 2 פון די אַרט. 912 און 928 פון דעם קרימינעלן שטראָף-קאָדעקס א. א. וו. א. א. וו. און וועגן איבערגעבן דעמדאָזיקן משפּט אין אַן אַנדערער אָפּטיילונג פון דעם זעלבן געריכט אויף אַ נייער באַטראַכטונג". — איז, אַלזאָ, אַלץ, וואָס מ'האָט געקאָנט טון, האָט מען געטון. איך וועל אָבער זיין אָפנהאַרציק: זייער ווייניק האָפנונג אויף דערפאָלג. איבעריקנס הענגט אַלץ אָפּ פון דעם באַשטאַנד פון דעם סענאַטס-דעפּאַרטאַמענט. אויב איר האָט אַ צד, זייט זיך משתדל.

— איך קען דאָרט אייניקע.

— איז טאַקע וואָס גיכער. וואָרים באַלד וועלן זיי אַוועקפאָרן קורירן די מערידן, וועט מען דאַרפן וואַרטן דריי חדשים. — נו, און טאָמער גיט זיך נישט איין, קאָן מען נאָך דערלאַנגען אַ בקשה אויפן אַלהעכסטן נאָמען. דאָס ווענדט זיך אויך פון דער אַרבעט הינטער די קוליסן. אויך אין דעם פאַל בין איך אייך גרייט צו דינען, ד. ה. נישט אין דער אַרבעט הינטער די קוליסן, נאָר באַם צונויפשטעלן די בקשה.

— איך דאַנק אייך, — דעם האָנאָראַר אַלזאָ...

— מיין געהילף וועט אייך איבערגעבן די אָנקלאַגע אויף ריין איבערגעשריבן, וועט ער אייך זאָגן.

— איך האָב אייך נאָך עפּעס געוואָלט פרעגן: דער פּראָקוראָר האָט מיר געגעבן אַ פּאַסירצעטל אין טורמע צו דערדאָזיקער פּערזאָן. אָבער אין טורמע האָט מען מיר געזאָגט, אַז מ'דאַרף נאָך האָבן אַ דערלויבעניש פון דעם גובערנאַטאָר פאַר זעונגען אויסער די באַשטימטע טעג און דעם באַשטימטן אָרט. איז עס טאַקע נייטיק?

— איך גלייב, אַז יאָ. איצט איז אָבער דער גובערנאַטאָר נישטאָ, עס אַמטירט דער וויצע. ער איז אָבער אַזאַ פאַרצייטיקער טיפּש, אַז איך ווייס נישט, צי איר וועט בא אים עפּעס פועלן.

— דאָס איז מאַסלעניקאָוו?

— יאָ.

— איך קען אים, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט און האָט זיך אויפגעשטעלט אַוועקצוגיין.

אין דער מינוט איז אין צימער מיט גיכע טריט אַריינגעפלויגן אַ

קליינינקע, שרעקלעך העסלעכע, ביינערדיקע, געלע פרוי מיט אַ פלאַטשיק נעזל, — דעם אַדוואָקאַטס ווייב, וועלכע איז, ווייזט אויס, באַ זיך גאָרנישט אַראָפּגעפאַלן פון איר מיאוסקייט. לא די, וואָס זי איז געווען אויסגעפוצט אויסערגעוויינלעך אָריגינעל, — עס איז אויף איר געווען אָנגעטשעפּעט אי סאַמעטנס, אי זיידנס, אי העל-געלס, אי גרינס — זענען נאָך אירע שיטערע הערעלעך געווען געפריזירט, און זי איז זיגעריש אַריינגעפלויגן אין דעם אויפנאַם-צימער, באַגלייט פון אַ לאַנגן שמייכלענדיקן מענטש מיט אַן ערדענעם קאָליר פון פּנים, אין אַ סורדוט מיט זיידענע לאַצן און אַ ווייסן שניפּס. דאָס איז געווען אַ שרייבער: נעכליודאָוו האָט אים געקענט אין פּנים.

— אַנאַטאָל, — האָט זי אַרויסגערעדט, עפענענדיק די טיר, — קום אַריין צו מיר. סעמיאָן איוואַנאָוויטש האָט צוגעזאָגט איבערצולייענען זיינס אַ ליד, און דו מוזט לייענען וועגן גאַרשינען, אומבאַדינגט.

נעכליודאָוו האָט געוואָלט אַוועקגיין, אָבער דעם אַדוואָקאַטס ווייב האָט זיך אַ שושקע געטון מיטן מאַן און זיך גלייך געווענדט צו אים:

— איך בעט אייך, פירשט, — איך קען אייך, האַלט איך פאַר איבעריק דאָס פאָרשטעלעניש, — באַזוכט אונזער ליטעראַרישן פרימאָרגן. ס'וועט זיין זייער אינטערעסאַנט. אַנאַטאָל לייענט וווּנדערלעך.

— איר זעט, וויפיל פאַרשידנאַרטיקע ענינים איך האָב, — האָט אַנאַטאָל געזאָגט, צעפירנדיק מיט די הענט, שמייכלענדיק און אָנווייזנדיק אויף דער פרוי, אויסצודריקן דערמיט די אוממעגלעכקייט פון שטעלן זיך אַנטקעגן אַזאַ באַצויבערנדיקער פּערזאָן.

מיט אַ טרויעריק און שטרענג פּנים און מיט דער גרעסטער העפלעכקייט באַדאַנקט דעם אַדוואָקאַטס פרוי פאַר דעם כּבוד פון דער איינלאַדונג, האָט נעכליודאָוו זיך אָפּגעזאָגט מיטן אויסרייד, אַז ער האָט נישט די מעגלעכקייט, און איז אַרויס אין דעם אויפנאַם-צימער.

— ווי געפעלט אייך דער אָנשטעל! — האָט אויף אים געזאָגט דעם אַדוואָקאַטס ווייב, אַז ער איז אַרויס.

אין דעם אויפנאַם-צימער האָט דער געהילף איבערגעגעבן נעכליודאָוון די פאַרטיקע בקשה און אויף דער פראַגע וועגן האָנאָראַר האָט ער געזאָגט, אַז אַנאַטאָל פּעטראָוויטש האָט באַשטימט 1000 רובל, דערביי דערקלערט, אַז אייגנטלעך נעמט אַנאַטאָל פּעטראָוויטש נישט אָן אַזעלכע פּראָצעסן, נאָר ער טוט עס צוליב אים.

— און אונטערשרייבן די בקשה, ווער זאָל ? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— די פאַרמשפּטע אַליין קאָן, און אויב ס'איז שווער, איז רעכט אַנאַטאָלי פּעטראָוויטש, באַקומענדיק פון איר אַ פולמאַכט.

— ניין, איך וועל צופאָרן און נעמען בא איר דעם אונטער-שריפט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, פרייענדיק זיך מיט דער געלעגנהייט צו זעען זיך מיט איר פאַר דעם באַשטימטן טאָג.

XLVI.

אין דער געוויינלעכער צייט האָבן אין טורמע איבער די קאָרי-דאָרן דורכגעפייפט די פייפלעך פון די אויפזעער; קלימפּערנדיק מיט דעם אייזן, האָבן זיך געעפנט די טירן פון די קאָרידאָרן און פון די קאַמערן, עס האָט זיך דערהערט דאָס שאַרן פון באָרוועסע פיס און פון שקראַבעס, איבער די קאָרידאָרן זענען דורכגעגאַנגען די פעסל-טרעגער, אָנפילנדיק די לופט מיט אַן עקלהאַפטיקן עיפּוש; די אַרעסטאַנטן און די אַרעסטאַנטינס האָבן זיך איינגעוואַשן, אָנגעטון און זענען אַרויס אויפן קאָרידאָר צו דער רעוויזיע, און נאָך דער רעוויזיע זענען זיי אַוועק נאָך געקאָכט וואַסער צו דער טיי.

באַם טיי טרינקען זענען אין דעם טאָג איבער אַלע קאַמערן פון דער תפיסה געגאַנגען לעבעדיקע שמועסן וועגן דעם, אַז היינט דאַרפן צוויי אַרעסטאַנטן באַשטראָפט ווערן מיט שמיץ.

איינער פון די דאָזיקע אַרעסטאַנטן האָט געקאָנט גוט לייענען און שרייבן, ס'איז געווען אַ יונגערמאַן, דער משרת וואַסיליעוו, וואָס האָט דערהרגעט זיין געליבטע אין אַן אָנפאַל פון אייפערזוכט. די חברים, מיט וועלכע ער איז געזעסן, האָבן אים ליב געהאַט פאַר זיין פריילעכקייט, פאַר זיין ברייטער האַנט און פעסטקייט אין זיינע באַציונגען מיט דער מאַכט. ער האָט געקענט די געזעצן און געפאָדערט, מ'זאָל זיי אָפּהיטן. דערפאַר האָט די מאַכט אים נישט ליב געהאַט. מיט דריי וואָכן צוריק האָט דער אויפזעער געשלאָגן אַ פעסל-טרעגער דערפאַר, וואָס יענער האָט אים נישט מיט אַ כיוון אָפּגעגאָסן דעם מונדיר מיט באָרשט. וואַ-

סיליעוו האָט זיך פאַר אים אָנגענומען און האָט געטענהט, אַז ס'איז נישטאָ קיין געזעץ צו שלאָגן אַן אַרעסטאַנט. — איך וועל דיר שוין באַווייזן אַ געזעץ, — האָט דער אויפזעער געזאָגט און אָנגעזידלט וואַסיליעוון. וואַסיליעוו האָט אים אָפּגעענטפערט. דער אויפזעער האָט זיך צו אים געכאַפּט שלאָגן, האָט אים וואַסיליעוו אָנגענומען פאַר די הענט, אָפּגעהאַלטן אַ מינוט דריי, אַ קער געטון און אַרויסגעשלײַדערט הינטער דער טיר. דער אויפזעער האָט אָנגעמסרט דעם אינספּעקטאָר, וועלכער האָט געהייסן אַרײַנזעצן וואַסיליעוון אין קאַרצער.

די קאַרצערס זענען געווען אַ ריי פינצטערע קעמערלעך, וואָס האָבן זיך פאַרשלאָסן פון דרויסן. אין דעם פינצטערן קאַלטן קאַרצער איז נישט געווען נישט קיין בעט, נישט קיין טיש, נישט קיין שטול, אַזוי אַז דער פאַרשפאַרטער איז געזעסן אָדער געלעגן אויף דער שמוציקער ערד, ווו איבער אים און אויף אים זענען געלאָפן מייז, וועלכע זענען געווען אין קאַרצער אָן אַ שיעור און וועלכע זענען געווען אַזוי געוואַגט, אַז אין דער פינצטער האָט מען פון זיי נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן אַ שטיקל ברויט. זיי פלעגן אויפעסן דאָס ברויט פון אונטער די הענט פון די פאַרשפאַרטע און פלעגן זאָגאַר אָנפאַלן אויף די מענטשן גופא, ווען יענע פלעגן זיך נישט רירן פון אָרט. וואַסיליעוו האָט געזאָגט, אַז ער וועט אין קאַרצער נישט גיין, ווייל ער איז נישט שולדיק. מען האָט אים אַוועקגעפירט מיט געוואַלט. ער האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסן און צוויי אַרעסטאַנטן האָבן אים צוגעהאָלפן, און ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון די אויפזעער. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט די אויפזעער און אויך צווישן זיי דער באַרימטער גיבור פּעטראָוו. די אַרעסטאַנטן האָט מען צעמורשט און אַרײַנגערוקט אין די קאַרצערס. דעם גובערנאַטאָר האָט מען גלייך געמאָלדן וועגן דעם, אַז אין תּפיסה איז פאָרגעקומען אַ שטיקל בונט. ס'איז אָנגעקומען אַ פּאַפּיר, אין וועלכן ס'איז געווען פאָרגעשריבן צו געבן די הויפּטשולדיקע — וואַסיליעוון און דעם שלעפּער נעפּאָמניאַשטשי צו 30 שמיץ.

די שטראָף האָט באַדאַרפט פאָרקומען אין דעם ווייבערישן באַזוכער־צימער.

פון אָוונט נאָך איז עס שוין געווען באַקאַנט אַלע איינוווינער פון דער טורמע, און איבער די קאַמערן זענען געגאַנגען לעבעדיקע שמועסן וועגן דער שטראָף, וואָס מען האָט באַדאַרפט אויספירן.

קאָראַבליאָווא, כאָראָשאַווקאַ, פעדאָסיע און מאַסלאָווא זענען גע-

זעסן אין זייער ווינקל און אַלע, רויטע און אויפגעלעבטע, שוין אַ ביסל בגילופנדיק פון דעם שנאַפּס, וואָס האָט זיך איצט בײַ מאַסלאָווען קיינמאָל נישט אויסגעוואָרן, און מיט וואָס זי פלעגט איצט מיט אַ ברייטער האַנט מכבד זיין אירע חברטאָרינס, און האָבן געטרונקען טיי און אַלץ גערעדט וועגן דעם אינצידענט.

— וואָסי, ער האָט דען געמאַכט סקאַנדאַלן, צי וואָס, — האָט קאָראַבליאָווא גערעדט וועגן האָסיליעוון, טרינקענדיק די טיי מיט קלייניטשקע שטיקעלעך צוקער, וואָס זי האָט אָפּגעביסן מיט אירע שטאַרקע, געזונטע ציין. — ער האָט זיך מער נישט אָנגענומען פאַר אַ חבר, ווייל איצטער איז שלאָגן פאַרבאָטן.

— מען זאָגט, אַז ער איז אַ העלד אַ יונג, — האָט פעדאָסיע צוגעגעבן. זי איז געזעסן גלאַט פאַרקעמט מיט אירע לאַנגע צעפּ און איז געזעסן אויף אַ קלעצל קעגנאיבער די נאַרעס, ווו ס'איז געשטאַנען דער טשייניק.

— מיכאַילאָוונאַ, מ'האָט עס אים באַדאַרפט דערציילן, — האָט זיך די וועכטערין געווענדט צו מאַסלאָווען, מיינענדיק מיט דעם וואָרט „אים" נעכליודאָוון.

— איך וועל דערציילן. ער וועט פאַר מיר אַלץ טון, — האָט מאַסלאָווא געענטפערט שמייכלענדיק און האָפערדיק אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ.

— נו, אָבער ווער ווייסט, ווען ער וועט קומען, און יענע, זאָגט מען, זענען שוין אוועק נאָך זיי, — האָט פעדאָסיע געזאָגט. — אַ פּחד כאַפּט אָן, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ זיפץ.

— איך האָב איינמאָל געזעען, ווי מ'האָט אין דאָרף געשמיסן אַ פויער. מיך האָט גראָד מיין שווער געשיקט צום סטאַראָסטע, איך קום צו גיין, איך גיב אַ קוק, ערשט ער... — האָט די באַן־וועכטערין אָנגעהויבן צו דערציילן אַ לאַנגע געשיכטע.

די דערציילונג פון דער באַן־וועכטערין איז איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם קלאַנג פון שטימען און טריט אין דעם אייבערשטן קאָרידאָר.

די פרויען זענען שטיל געבליבן זיצן און האָבן זיך צוגעהערט.

— צוועקגעשלעפּט איב, די שדים! — האָט כאָראָשאַווקאַ געזאָגט.—

זיי וועלן אים איצט פאַרשמייסן. — די אויפזעער זענען אויף אים מלא רציחה, ווייל ער לאָזט זיי נישט דורך.

אינדערהייך איז ווידער אַלץ שטיל געוואָרן, און די באַן-וועכטערין האָט פאַרענדיקט צו דערציילן איר געשיכטע; ווי אַזוי זי האָט זיך אײַבע געשראָקן אין דאָרף דאָרטן, בעת מען האָט אַ פויערל געשמיסן, ווי באַ איר האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן אינעווייניק. כאַראַשאַווקאַ האָט דערווייל דערציילט, ווי אַזוי מען האָט געשמיסן שטשעגלאָוון מיט ריטער, און ער האָט אפילו קיין פּיפּס נישט געטון. דערנאָך האָט פעדאָסיע צוגענומען די טיי, און קאָראַבליאָוואַ מיט דער באַן-וועכטערין האָבן זיך גענומען פאַר דעם געניי, און מאַסלאָוואַ האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף די נאַרעס, האָט אַרומגענומען מיט די הענט די קני, בענקענדיק פאַר אימעט. זי האָט זיך געקליבן צו גיין זיך צולייגן, אַנטשלאָפן ווערן, איז בעקומען די אויפזעערין, האָט זי אַ רוף געטון אין קאַנצעלאַריע צו אַ באַזוכער.

— למען השם זאָג אים וועגן אונז; — האָט זי געבעטן די אַלטע מענשאָוואַ, בשעת מאַסלאָוואַ האָט פאַרריכט דאָס טיכל באַם שפּיגל, פון וועלכן עס איז געווען האַלב אַראָפּגעריבן דאָס קוועקזילבער: — נישט מיר האָבן אונטערגעצונדן, נאָר ער אַליין, דער גנב. דער אַרבעטער האָט אפילו געזעען; ער וועט די נשמה נישט אַוועקנעמען. דו זאָג אים, אַז ער זאָל מיטריען אַרויסרופן. מיטרי וועט אים אַלץ אַרויסברענגען, ווי בוימל אויפן וואַסער, אינדעראמתן, ווו איז עס געזעען געוואָרן! גענומען, פאַרשפּאַרט אונטערן שלאָס, און מיר ווייסן נישט פון וואָס צו זאָגן. און ער, דער גזלן, לאָזט זיך דאָרט וווילגיין מיט אַ פרעמד ווייב, זיצט אין שענק.

— ס'איז נישט קיין יושר, — האָט קאָראַבליאָוואַ צוגעפּסקנט.

— איך וועל זאָגן, אוודאי וועל איך זאָגן, — האָט מאַסלאָוואַ געענטפערט. — אפשר נעמען גאָר אַ ביסל צו מאַכן זיך מוט, — האָט זי צוגעגעבן, און אַ ווונק געטון מיט אַן אויג.

קאָראַבליאָוואַ האָט איר אָנגעגאָסן אַ האַלב גלאָז. מאַסלאָוואַ האָט אויסגעטרונקען, האָט זיך אַרומגעווישט און אין אַ העכסט פריילעכער שטימונג, איז זי אַרויסגעגאַנגען נאָך דער אויפזעערין. זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אונטערגעשמייכלט און האָט איבערגעחזרט די ווערטער, וואָס זי האָט געהאַט געזאָגט: „צו מאַכן זיך מוט“.

XLVII.

נעכליודאָוו האָט שוין לאַנג געוואַרט אין פאָרהויז. געקומען צו פאָרן אין תּפיסה, האָט ער אָנגעקלונגען אין דער אַריינגאַנגס-טיר און האָט איבערגעגעבן דעם דיזשורמאַן דעם אויפזעער די דערלויבעניש פון דעם פּראָקוראָר.

— צו וועמען דאַרפט איר?

— צו דער אַרעסטאַנטין מאַסלאָוואַ.

— איצט קאָן מען נישט: דער אינספּעקטאָר איז פאַרנומען

— אין קאַנצעלאַריע? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— ניין, דאָ אין באַזוכער-צימער, — האָט דער אויפזעער געענטפערט אין אַ פאַרלעגנהייט — ווי נעכליודאָוון האָט זיך אויסגעדאַכט.

— צי דען נעמט מען היינט אויף?

— ניין, אַן עקסטרע זאַך. — האָט ער געזאָגט.

— איז ווי קאָן מען אים זעען?

— אָט באַלד וועלן זיי אַרויס, וועט איר דאַן מעלדן; וואַרט עטוואָס אַ ווײַלע צו.

אין דער זעלבער רגע איז פון אַ זייטיקער טיר אַרויס דער פעלדפעבל מיט אַ שײַנענדיק גלאַנציק געזיכט, מיט וואָנסעס דורכגעזאַפּטע פון רויך, מיט בלישטשענדיקע גאַלאָנען אויף די אַקסלען און שטרענג זיך געווענדט צום אויפזעער:

— פאַרוואָס האָט מען אהערצו אַרײַנגעלאָזט? אין קאַנצעלאַריע...

— מ'האָט מיר געזאָגט, אַז דער אינספּעקטאָר איז דאָ, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, שטאַרק פאַרוואונדערט אויף דער אומרויקייט, וואָס איז געווען קענטיק אויף דעם פעלדפעבל.

די אינעווייניקסטע טיר האָט זיך דערווײַל געעפנט און ס'איז אַרויס פּעטראָוו, פאַרשוויצט און צעהיצט.

— ער וועט האָבן צו געדענקען, — האָט ער אַרויסגערעדט, ווענדנדיק זיך צום פעלדפעבל. דער פעלדפעבל האָט אָנגעוויזן מיט די

אויגן אויף נעכלױודאָוון, און פּעטראָוו איז אַנטשוויגן געוואָרן, געוואָרן ערנסט און איז שטרענג אַריין אין דער הינטער-טיר.

„ווער ווייסט עס געדענקען? פאַרוואָס זענען זיי דאָס אַלע אין אַזא פאַרלעגנהייט? פאַרוואָס האָט עס דער פעלדפעבל צו אים געוווּנקען?“ האָט נעכליודאָוו געטראַכט.

— דאָ טאָר מען נישט וואַרטן, באַמיט זיך אין קאַנצעלאַריע, — האָט זיך ווידער דער פעלדפעבל געווענדעט צו נעכליודאָוון, און נעכליודאָוו האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, ערשט פון דער הינטער-טיר איז אַרויס דער אינספּעקטאָר נאָך אין אַ גרעסערער פאַרלעגנהייט, ווי זיינע סובאָרדינירטע. ער האָט אָן אויפהער געזיפצט. דערזעען נעכליודאָוון, האָט ער זיך געווענדט צום אויפזעער:

— פעדאָטאָוו, רופט אַריין אין קאַנצעלאַריע די אַרעסטאַנטין מאַסלאָוואַ פון דער פינפטער פרויען-אָפּטיילונג, — האָט ער געזאָגט.

— ביטע! — האָט ער זיך געווענדט צו נעכליודאָוון. זיי זענען אַדורך די שטייעדיקע טרעפּ און זענען אַריין אין אַ קליין צימער מיט איין פענצטער. דאָרט איז געשטאַנען אַ שרייבטיש מיט עטלעכע שטולן. דער אינספּעקטאָר האָט זיך אַנידערגעזעצט. — שווערע, שווערע פליכטן, — האָט ער געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו נעכליודאָוון. און האָט אַרויסגענומען אַ דיקן פּאַפּיראָס.

— איר זענט, קענטיק, מיד, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— איך בין מיד פון דער גאַנצער שטעלע, — זייער שווערע פליכטן. ווילסט גרינגער מאַכן זיי, און ס'קומט אַרויס נאָך ערגער; איך טראַכט נאָר, ווי אַזוי אַוועקצוגיין; שווערע, שווערע פליכטן.

נעכליודאָוו האָט נישט געוווּסט, אין וואָס באַשטייט פאַר דעם אינספּעקטאָר די שווערקייט, אָבער דאָך האָט ער געזעען אין אים אַ באַזונדערע פאַראומערטע, יאושדיקע שטימונג, וואָס האָט דערוועקט רחמנות.

— יאָ, איך מיין אויך אַזוי, אַז אייערע פליכטן זענען זייער שווערע, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט. — פאַרוואָס-זשע דערפילט איר אַזעלכע פליכטן?

— איך האָב נישט קיין מיטלען. איך בין מיט אַ פאַמיליע.

— אָבער אויב אייך איז שווער?...

— נו, אָבער פונדעסטוועגן וועל איך אייך זאָגן, אַז אויף וויפיל עס לאָזט זיך נאָר, ברענג איך נוצן. מיט וואָס איך קאָן נאָר זיי פאַר-

גרינגערן, טו איך עס. אַן אַנדערער אויף מיין אָרט וואָלט פיל ערגער געווען. ס'איז דאָך נישט קיין שפּילעכל! האָסט צו טון מיט איבער 2000 מאַן. און נאָך אַזעלכע! מען דאַרף וויסן, ווי אַזוי זיך צו באַגיין. זיי זע-נען דאָך אויך מענטשן. האָסט אויף זיי רחמנות. אָבער צעלאָזן טאָר מען זיי אויך נישט. — דער אינספּעקטאָר האָט גענומען דערציילן, ווי אַזוי ס'האָט זיך נישט לאַנג געטראָפן אין תּפיסה אַ געשלעג, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ מאָרד.

די דערציילונג איז איבערגעריסן געוואָרן דורך מאַסלאָוועס אַריינ-קומען; פאַר איר איז אַריין דער אויפזעער.

נעכליודאָוו האָט זי דערזען אין טיר, בשעת זי האָט נאָך נישט געהאַט באַמערקט דעם אינספּעקטאָר. איר פּנים איז געווען רויט, זי איז מוטיק געגאַנגען נאָך דעם אויפזעער און האָט אָן אויפהער געשמייכלט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ. דערזעען דעם אינספּעקטאָר, האָט זי אים אָנ-געקוקט מיט אַ דערשראָקן פּנים. אָבער באַלד איז זי צו זיך געקומען און פריילעך זיך געווענדט צו נעכליודאָוון.

— גוט מאָרגן, — האָט זי געזאָגט מיט אַ זינגענדיקער שטימע און מיט אַ שמייכל; און האָט שטאַרק, נישט ווי יענץ מאָל, אַ דריק געטון זיין האַנט.

— איך האָב אייך געבראַכט אונטערצושרייבן אַ ביטע, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט אַ ביסל פאַרוואונדערט פון דער האָפערדיקייט, מיט וועלכער זי האָט אים היינט באַגריסט. — דער אַדוואָקאַט האָט אָנגע-שריבן די בקשה, און מען באַדאַרף זי אונטערשרייבן, וועט מען עס אָוועקשיקן קיין פּעטערבורג.

— נו, פאַרוואָס נישט. מען קאָן אונטערשרייבן, אַלץ קאָן מען, — האָט זי געזאָגט, זשמורענדיק מיט איין אויג און שמייכלענדיק.

נעכליודאָוו האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ צונויפגעלייגטן בויגן פּאַפּיר און איז צוגעגאַנגען צום טיש.

— דאָ קאָן מען אונטערשרייבן? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט דעם אינספּעקטאָר.

— קום אַהער, זעץ זיך — האָט איר דער אינספּעקטאָר גע-הייסן: — אָט איז אַ פּעדער. קאָנסט שרייבן?

— אַמאָל האָב איך געקאָנט — האָט זי געזאָגט שמייכלענדיק. זי האָט צורעכט געמאַכט דאָס קלייד, אַרויפגעמאַכט עטוואָס דעם אַרבל פון יאַקל, זיך געזעצט באַם טיש און אומגעשיקט גענומען מיט איר

קליינער ענערגישער האַנט די פעדער. זי האָט זיך צעלאַכט און אַ קוק געטון אויף נעכליודאָוון.

ער האָט איר באַוויזן ווו און וואָס צו שרייבן. שטאַרק איינגעטונקט און אָפּגעטרייסלט די פעדער, האָט זי געחתמעט איר נאָמען.

— מער דאַרף מען גאָרנישט? — האָט זי געפרעגט, און געקוקט דאָ אויף נעכליודאָוון, דאָ אויף דעם אינספּעקטאָר, און אַוועקגעלייגט די פעדער דאָ אויפן טינטער, דאָ אויפן פּאַפּיר.

— איך האָב אייך עפּעס צו זאָגן, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, נעמענדיק פון איר האַנט די פעדער.

— נו, ביטע, זאָגט, — האָט זי געענטפערט, און גלייך ווי זי וואָלט זיך וועגן עפּעס פאַרטראַכט, אָדער ווי זי וואָלט וועלן שלאָפן, איז זי געוואָרן ערנסט.

דער אינספּעקטאָר איז אויפגעשטאַנען פון אָרט און איז אַרויס, און נעכליודאָוו איז געבליבן מיט מאַסלאָווען אויג אויף אויג.

XLVIII.

דער אויפזעער, וואָס האָט געבראַכט צו פירן מאַסלאָווען, האָט זיך צוגעזעצט אויפן פענצטער ווייט פון טיש. פאַר נעכליודאָוון איז אָנגעקומען די אַנטשיידענע מינוט. ער האָט אָן אויפהער זיך פאַרגעהאַלטן דערפאַר, וואָס דאָס ערשטע מאָל אויף דער זעונג האָט ער איר נישט געזאָגט דעם עיקר, — דאָס הייסט, אַז ער האָט בדעה מיט איר חתונה צו האָבן, און איצט האָט ער פעסט באַשלאָסן איר עס צו זאָגן. זי איז געזעסן באַ איין זייט טיש, נעכליודאָוו האָט זיך געזעצט קעגנאיבער. אין צימער איז געווען ליכטיק און נעכליודאָוו האָט דאָס ערשטע מאָל דערזעען פון דער נאָענט איר געזיכט: די קנייטשעלעך אַרום די אויגן און אַרום מויל, די קישעלעך אונטער די אויגן, און אים האָט נאָך מער ווי געטון דאָס האַרץ אויף איר, ווי פריער.

אָנגעשפּאַרט זיך אָן טיש אַזוי, אַז דער אויפזעער, — אַ מענטש פון יידישן טיפּ, מיט גרוילעכע באַקנבערד, וואָס איז געזעסן אויפן פענצ-

טער, זאָל נישט הערן וואָס ער רעדט, האָט ער זיך געווענדט צו קאָ־טיושען און שטיל געזאָגט:

— אויב די ביטע וועט מען אָפּוואַרפן, וועלן מיר אָפּגעבן אויפן אַלערהעכסטן נאָמען. מיר וועלן טון אַלץ, וואָס ס'וועט זיך נאָר לאָזן.

— אָט אַז מען וואָלט עס לכתחילה גענומען אַ גוטן אַדוואָקאַט... — האָט זי אים איבערגעשלאָגן. — יענער פּאַרטיידיקער מײַנער איז געווען עפּעס אַ שוטה. ער האָט מיר נאָר געזאָגט קאָמפּלימענטן, — האָט זי געזאָגט און זיך צעלאַכט. — אַז זיי וואָלטן עס דעמאָלט געוווּסט, אַז איך בין אייערס אַ באַקאַנטע, וואָלט אַלץ גאָר אַנדערש געווען. — אָבער אַזוי? לויט מײַנען, אַז מיר זענען אַלע גנבטעס.

„סאַראַ מאָדנע זי איז הײַנט“, — האָט נעכליודאָוו אַ טראַכט געטון און האָט געוואָלט איר זאָגן דאָס וויכטיקסטע, וואָס ער האָט געהאַט אָבער זי האָט ווײַטער אָנגעהויבן רעדן.

— און גוט וואָס איך האָב אײַך געוואָלט בעטן. בײַ אונז אין תּפיסה איז דאָ אַן אַלטיטשקע, איז אַלע, זאָג איך אײַך, וווּנדערן זיך אַפילו. אַזאַ ווילדע! און פאַר אומזיסט האָט מען זי אַרײַנגעזעצט. זי און אַ זון אירן; און אַלע ווייסן, אַז זיי זענען נישט שולדיק, און אויף זיי האָט מען געמאַכט אַ בילבול, אַז זיי האָבן אונטערגעצונדן, און זיי זיצן, נעבעך. און זי, פאַרשטייט איר, האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין מיט אײַך באַקאַנט, — האָט מאַסלאָוואַ געזאָגט, קאָקעטיש באַוועגנדיק מיטן קאָפּ און קוקנדיק אויף אים, — האָט זי מיך געבעטן, זאָג אים, זאָל ער זיך אָננעמען, זאָל ער אַרײַנוואַרפן אַ וואָרט. זאָלן זיי מיין זון אַרויסרופן. און ער וועט אײַך אַלץ דערקלערן. מענשאָוו איז זייער פאַמיליע. וועט איר זיך פאַר זיי משתדל זײַן? ווייסט איר, אַזאַ ליבינקע אַלטיטשקע; ס'איז גלײַך קענטיק, אַז זי איז אומשולדיק. איך בעט אײַך, טײַערער, טוט עפּעס פאַר זיי, — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אויף אים, און גלײַך אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשמייכלט.

— רעכט. איך וועל געוויר ווערן, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, און האָט זיך אַלץ מער און מער געוווּנדערט אויף איר באַרעדעווודי־קייט — אָבער מיר האָט זיך געוואָלט מיט אײַך זיך דורכרעדן וועגן מײַן ענין. איר געדענקט, וועגן וואָס איך האָב מיט אײַך גערעדט דאָס פאָרי־קע מאָל? — האָט ער געזאָגט.

— איר האָט וועגן אַ סך גערעדט. וואָס אַזוינס האָט איר דאָס פאָריקע מאָל געזאָגט? — האָט זי ווי איבערגעפּרעגט, נישט אויפהערנ־

דיק צו שמייכלען און קאַקעטיש דרייענדיק מיטן קאָפּ דאָ אין איין זייט, דאָ אין דער צווייטער.

— איך האָב געזאָגט, אַז איך בין געקומען בעטן, איר זאָלט מיר מוחל זיין, — האָט ער געזאָגט.

נו, צו וואָס. אַלץ מוחל זיין. מוחל זיין, ס'איז איבעריק... איר וואָלט בעסער...

— איך וויל פאַרריכטן מיין שולד, — האָט נעכליודאָוו ווייטער גע־רעדט. — און טאַקע פאַרריכטן נישט מיט ווערטער, נאָר מיט מעשים: איך האָב באַשלאָסן מיט אייך חתונה צו האָבן.

איר פּנים האָט מיטאַמאָל אויסגעדריקט אַ גרויסע שרעק. זי האָט אָנגעשטעלט אויף אים אירע שיקלדיקע אויגן, וועלכע האָבן געקוקט שטאַר, ווי אים נישט זעענדיק.

— דאָס האָט נאָך געפעלט! — האָט זי ענדלעך אַרויסגערעדט. און כעסדיק פאַרקנייטשט דעם שטערן.

— איך פיל, אַז פאַר גאָט בין איך דאָס מחוייב צו טון.

— וואָס פאַר אַ גאָט האָט איר דאַרטן נאָך אויסגעפונען? איר רעדט גלאַט אין דער וועלט אַריין. גאָט? וואָס פאַר אַ גאָט? דעמאָלט האָט איר באַדאַרפט געדענקען אָן גאָט... — האָט זי אַרויסגערעדט און, אויפעפענענדיק דאָס מויל, זיך אָפּגעשטעלט.

נעכליודאָוו האָט בלויז איצט דערפילט אַ שטאַרקן ריח פון בראָנפן, וואָס האָט זיך געהערט פון איר מויל, און ער האָט פאַרשטאַנען די סיבה פון איר אויפגערעגטקייט.

— באַרויקט זיך, — האָט ער געזאָגט.

— איך האָב זיך נישט וואָס צו באַרויקן, דו מיינסט, אַז איך בין שיכור? אמת, איך בין טאַקע שיכור, אָבער איך ווייס, וואָס איך רעד! — האָט זי שנעל אַרויסגערעדט און איז געוואָרן רויט ווי צונטער: — ווי קומט איר צו מיר. איך בין אַ קאַטאָרזשניכע, אַ זונה, און איר — אַ פּריץ, אַ פירשט, דאַרפסט זיך מיט מיר נישט מיאוס מאַכן. גיי צו דיינע פירשטינס, פאַר מיר איז דער מקח אַ צענערל.

— ווי אכזריותדיק דו זאָלסט נישט רעדן, קאָנסטו מיר נישט זאָגן דאָס אַלץ, וואָס איך פיל אַליין, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט שטיל, אינגאַנצן ציטערנדיק: — קאָנסט זיך נישט פאָרשטעלן, ווי שטאַרק איך פיל די שולד קעגן דיר!...

— די שולד... האָט זי אים איבערגעקרומט מיט כעס. — אָבער

דעמאָלט האָסטו נישט געפילט, און אַרייַנגערוקט אַ הונדערטער. נאַ נעם, דאָס איז דיין פּרייז...

— איך ווייס, איך ווייס, אָבער וואָס מאַכט מען איצטער? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט. — איצט האָב איך באַשלאָסן, אַז איך וועל דיך נישט לאָזן אַליין: און וואָס איך האָב געזאָגט, וועל איך טון.

— און איך זאָג, אַז איר וועט נישט אויספירן! — האָט זי אַרויס־געררעדט און הויך זיך צעלאַכט.

— קאַטיושאַ! — האָט ער אָנגעהויבן און האָט אָנגערירט איר האַנט.

— אַוועק פון מיר. איך בין אַ קאַטאָרזשאַנערין, און די ביסט אַ פירשט. און דו האָסט דאָ נישט נאָך וואָס צו קומען, — האָט זי אויסגע־שריגן, אינגאַנצן פאַרענדערט דורך דעם כעס, און האָט אַרויסגעריסן איר האַנט.

— דורך מיר ווילסטו זיך אויסלייזן, — האָט זי ווייטער גערעדט, איילנדיק זיך אַרויסצוזאָגן אַלץ, וואָס איז געלעגן בא איר אויפן האַרץ. — פון מיר האָסטו פריער הנאה געהאַט אויף דער וועלט, און דורך מיר ווילסטו קויפן יענע וועלט. דו ביסט מיר דערווידער, דו, מיט דיינע ברילן, מיט דעם גאַנצן פעטן אָנגעפּרעסענעם פּרצוף דיינעם! גיי אַוועק, גיי אַוועק בעט איך דיך! — האָט זי זיך צעשריגן — און איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

דער אויפזעער איז צו זיי צוגעגאַנגען.

— דו, וואָס מאַכסטו אָן אַ טומל. מ'טאָר אַזוי נישט...

— לאָזט אָפּ, איך בעט אייך, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— זי דאַרף זיך נישט פאַרגעסן, — האָט דער אויפזעער גע־ענטפערט.

— ניין, וואַרט צו אַ ווײַלע, — איך בעט אייך, — האָט נעכליו־דאָוו געזאָגט.

דער אויפזעער איז ווידער אַוועק צום פענצטער.

מאַסלאָוואַ האָט זיך ווידער געזעצט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן און שטאַרק צונויפגעפּרעסט אירע קליינע הענט מיט די פאַרקרייצטע פינגער.

נעכליודאָוו איז געשטאַנען פאַר איר און האָט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל אָנהייבן צו טון.

— דו גלייבסט מיר נישט? — האָט ער געזאָגט.

— אַז איר ווילט מיט מיר חתונה האָבן ? — קיינמאָל אין לעבן וועט עס נישט זיין. איך וועל זיך בעסער אויפהענגען ! דאָס איז מיין וואָרט.

— איך וועל אָבער פונדעסטוועגן דיר דינען מיט וואָס נאָר איך קאָן.

— מילא. דאָס איז אייער זאַך, אָבער איך פאַרלאַנג פון אייך גאָר־נישט. דאָס זאָג איך אייך דעם אמת, — האָט זי געזאָגט.

— און פאַרוואָס בין איך דאָס דעמאָלט נישט געשטאָרבן ? — האָט זי צוגעגעבן, און זיך צעוויינט מיט אַ טרויעריק געוויין.

נעכליודאָוו האָט נישט געקאָנט רעדן : אירע טרערן האָבן זיך אים איבערגעגעבן.

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן, געגעבן אויף אים אַ קוק, ווי זי וואָלט זיך פאַרוואונדערט, און האָט מיט אַ ברעג פון איר קאָפּטיכל גענו־מען אָפּווישן די טרערן, וואָס האָבן זיך געגאָסן איבער אירע באַקן.

דער אויפזעער איז ווידער צוגעגאַנגען און האָט געמאָלדן, אַז די צייט פון דער זעונג איז שוין געענדיקט.

מאַסלאָוואַ האָט זיך אויפגעשטעלט.

— איר זענט איצט אויפגערעגט. אויב מען וועט קאָנען, וועל איך מאָרגן קומען צו פאָרן. און איר באַקלערט זיך, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

זי האָט גאָרנישט נישט געענטפערט און, נישט קוקנדיק אויף אים, איז זי אַרויס נאָך דעם אויפזעער.

— נו, מיידל, וועסט איצטער לעבן אַ טאָג, — האָט קאָראַבליאָוואַ געזאָגט מאַסלאָוון, ווען זי האָט זיך צוריקגעקערט אין קאַמער. — ער איז קענטיק אין דיר פאַרליבט איבער די אויערן; לאָז נישט אַדורך די צייט, כל־זמן ער פאָרט צו דיר. ער וועט דיך אַרויסראַטעווען. די רייכע קאָנען אַלץ דערגרייכן.

— אוודאי אַזוי, — האָט מיט איר זינגענדיקער שטימע די באַן־וועכטערין אָנגעהויבן. — אַן אָרימאַן, אַז ער דאַרף חתונה האָבן, איז פאַר אים די נאַכט צו קורץ, און דער גביר, איז ווי נאָר ער פאַרקלערט — גלייך עס ווערט. וואָס דאַרפט איר מער, אָט בײַ אונז איז געווען איינער זייער אַ חשובער מענטש, איז אָט וואָס ער האָט געטון...

— נו, און וועגן מיין משפט האָסטו גערעדט ? — האָט די אַל־טיטשקע געפרעגט.

אָבער מאַסלאָוואַ האָט קיינעם פון זיי נישט געענטפערט. זי האָט זיך אַנידערגעלייגט אויף די נאַרעס און מיט שטאַרע בליקן פון אירע שיקלדיקע אויגן געקוקט אין איין ווינקל און אַזוי אָפּגעלעגן ביז פאַרנאַכט. אין איר איז פאָרגעקומען אַ פיינטלעכע אַרבעט. דאָס אַלץ, וואָס נעכליודאָוו האָט איר געזאָגט, האָט זי צוריקגערופן אין יענער וועלט, וווּ זי האָט אַזויפיל געליטן און פונוואַנען זי איז אַוועק, נישט פאַרשטייענדיק דידאָזיקע וועלט און פאַרהאַסנדיק זי. זי האָט איצט פאַרלוירן די פאַרגעסנהייט, אין וועלכער זי האָט געלעבט. און לעבן מיט אַ קלאָרן זכרון וועגן דעם, וואָס איז געווען, — איז געווען צו פיינלעך.

אין אָוונט האָט זי ווידער געקויפט שנאַפּס און זיך אָנגעשיכורט צוזאַמען מיט אירע חברטאָרינס.

XLIX.

„יאָ, אַזוי איז עס אַלזאָ, אַזוי", האָט נעכליודאָוו געטראַכט, אַרויסגייענדיק פון תּפיסה, און ערשט איצט באַגרייפנדיק גאָר די שולד זיינע. אויב ער וואָלט נישט וועלן פאַרריכטן, אויסקויפן זיין טאַט, וואָלט ער גאָרנישט דערפילט די גאַנצע פאַרברעכערישקייט דערפון, נאָכמער, — אויך זי וואָלט נישט האָבן דערפילט דאָס גאַנצע שלעכטס, וואָס איז איר אָפּגעטון געוואָרן. ערשט איצט איז עס אַלץ אַרויס אויף דער אויבערפלאַך אין דעם גאַנצן גרויל. ערשט איצט האָט ער דערזען, וואָס ער האָט געמאַכט פון דער נשמה פון דערדאָזיקער פרוי, און זי האָט דערזען און פאַרשטאַנען, וואָס מיט איר איז געטון געוואָרן. פריער האָט נעכליודאָוו זיך געשפּילט מיט זיין געפיל פון זיך אַליין, פון זיין חרטה, איצט האָט אים פשוט אָנגעכאַפּט אַן אימה. אַוועק, וואַרפן זי — האָט ער געפילט, אַז דאָס וואָלט ער איצט נישט געקאָנט, און דאָך האָט ער זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, וואָס וועט אַרויסקומען פון זיינע באַציונגען צו איר.

באַ דער אַרויסגאַנג-טיר איז צו נעכליודאָוון צוגעגאַנגען דער אויפזעער, באַהאָנגען מיט צלמים און מיט מעדאַלן, מיט אַ זייער אומאָנגע-

גנעם-חניפהדיק פנים, און האָט אים געהיימנישפול איבערגעגעבן אַ צעטעלע.

— אָט איז פאַר אייער דורכלויכט אַ צעטעלע פון איינער אַ פערזאָן... — האָט ער געזאָגט, דערלאַנגענדיק נעכליודאָוון אַ קאָנווערט.

— פון וועמען?

— זיי וועלן איבערלייענען, וועלן זיי זען. אַן אַרעסטירטע, אַ פּאָליטישע. איך בין איבער איר געשטעלט. בכן האָט זי מיך געבעטן. און הגם ס׳איז נישט דערלויבט, אָבער אַלס מענטש... — האָט דער אויפזעער גערעדט מיט אַ געמאַכטער גוטסקייט.

נעכליודאָוו איז געווען פאַרוואונדערט, ווי אַזוי קאָן עס געמאָלט זיין, אַז דער אויפזעער, וואָס איז געשטעלט איבער די פּאָליטישע, זאָל איבערגעבן צעטעלעך אין תפיסה גופא כמעט בפרהסיה; ער האָט דעמאָלט נאָך נישט געוווסט, אַז דאָס איז געווען אי אַן אויפזעער, אי אַ שפּיאָן, — אָבער ער האָט גענומען דאָס צעטעלע און, אַרויסגייענדיק פון תפיסה, האָט ער עס איבערגעלייענט. אין צעטעלע איז געשטאַנען געשריבן מיט אַ בלייער, מיט אַ פעסטער האַנטשריפט אָט-וואָס:

„דערוויסנדיק זיך, אַז איר באַזוכט די תפיסה, אינטערעסירנדיק זיך מיט אַ קרימינעלער פערזאָן, האָט זיך מיר פאַרוואָלט זען זיך מיט אייך. בעט אַ זעונג מיט מיר. אייך וועט מען געבן, און איך וועל אייך איבערגעבן אַ סך זאַכן וויכטיקע סיי פאַר אייער פּראָטעזשע, סיי פאַר אונזער גרופּע.

אייער דאַנקבאַרע ווערא באָגאָדוכאָווסקאַיאַ”.

ווערא באָגאָדוכאָווסקאַיאַ איז געווען לערערין אין דער פאַרוואָרפענער נאָווגאָראָדער גובערניע, ווו נעכליודאָוו מיט זיינע חברים איז געפאָרן אויף בערן-יאַגד. די לערערין האָט זיך געווענדט צו נעכליודאָוון, אַז ער זאָל איר געבן געלט, זי זאָל פאָרן אויף קורסן. נעכליודאָוו האָט איר געגעבן געלט און האָט פאַרגעסן אָן איר. איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דידאָזיקע פערזאָן איז געווען אַ פּאָליטישע פאַרברעכערין, געזעסן אין טורמע, ווו זי האָט זיך וואָרשיינלעך דערוווסט וועגן זיין געשיכטע, און האָט אים געוואָלט מיט עפּעס אָפּדינען.

ווי דעמאָלט איז אַלץ געווען אַזוי לייכט און איינפאַך, און ווי איצט איז אַלץ אַזוי שווער און פאַרפּלאָנטערט! נעכליודאָוון איז געווען אָנגענעם צו דערמאַנען זיך אָן יענער צייט און אָן דער באַקאַנטשאַפט מיט באָגאָדוכאָווסקאַיאַ. דאָס איז געווען פאַר פאַסט-חגא, אין אַ

העק, אַ וויאָרסט 60 פון אַן אייזנבאַן. די יאַגד איז געווען זייער אַ געַ־לונגענע. זיי האָבן דערשאָסן צוויי בערן. זיי האָבן געגעסן מיטאָג, קלייבנ־דיק זיך שוין אַוועקצופאָרן, איז געקומען דער באַלעבאָס פון שטיבל, וווּ זיי זענען פאַרפאָרן, און האָט געמאָלדן, אַז ס׳איז געקומען דעם דיאַקס טאָכטער, און זי וויל זיך זעען מיט דעם פירשט נעכליודאָוו. — עפּעס אַ שיינע? — האָט געפרעגט איינער פון די חברים זיינע. — נו, וואָס זענען דאָס פאַר אַ ווערטער, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, האָט געמאַכט אַן ערנסט געזיכט, איז אַרויס פון טיש און, אַפּווישנדיק דאָס מויל און חידושנדיק זיך, וואָס קאָן אים דאַרפן דעם דיאַקס טאָכטער, איז ער צו־איר אַרויס אין דעם באַלעבאָס הויזקע.

אין צימער האָט אויף אים געוואַרט אַ מיידל. זי איז געווען אָנגעַ־טון אין אַ פוטערל, אין אַ פילצהיטעלע, אַליין אַן אָדער־דיקע, מיט אַ דאַר, נישט קיין שיין געזיכט, נאָר אויגן האָט זי געהאַט שיינע מיט אויפגעהויבענע ברעמען.

— אָט, ווערא יעפרעמאָוונאַ, קאָנסט זיך מיט זיי אַדורכרעדן, — האָט געזאָגט די אַלטיטשקע, די ווירטין: — דאָס זענען זיי, דער פירשט, און איך וועל אַרויסגיין.

— מיט וואָס קאָן איך אייך דינען? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— איך... איך... איר פאַרשטייט... איר זענט רייך, איר פאַר־שווענדט געלט אויף גאָרנישט, אויף געיעג, איך ווייס, — האָט דאָס מיידל אָנגעהויבן, שטאַרק פאַרשעמט, — און איך שטרעב נאָר צו איין זאַך: איך וויל זיין נוצלעך פאַר דער וועלט, אָבער איך קאָן גאָרנישט אויפטון, ווייל איך קאָן גאָרנישט.

די אויגן זענען געווען אויפריכטיקע, גוטע און דער גאַנצער אויסדרוק זייערער, אי פון אַנטשלאָסנקייט, אי פון תמימות, איז געווען אַזוי רירנד, אַז נעכליודאָוו, וואָס אַלע מאָל פלעגט עס מיט אים אַזוי זיין, האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין איר לאַגע, האָט זי פאַרשטאַנען און אויף איר רחמנות געהאַט.

— וואָס קאָן איך פאַר אייך טון?

— איך בין אַ לערערין, אָבער איך וואָלט געוואָלט פאָרן שטודירן, און מען לאָזט מיך נישט. ס׳הייסט, לאָזן לאָזט מען מיך יאָ, אָבער מען דאַרף האָבן מיטלען. גיט מיר די מעגלעכקייט, איך זאָל קאָנען ענדיקן די קורסן, וועל איך אייך אומקערן דאָס געלט. איך קלער באַ זיך אַזוי: רייכע לייט שיסן בערן, שיכּורן אָן די פּויערים — און דאָס איז זייער

זאַצער אויפסט. פאַרוואָס זאָלן זיי אַמאָל נישט טון אַ גוטע זאַך? איך דאַרף בלויז 80 רובל. אָבער טאָמער ווילט איר נישט, איז נישט. מיר איז אַלצאיינס, — האָט זי מיט כעס אַרויסגערעדט.

— פאַרקערט, איך בין אייך זייער דאַנקבאַר, וואָס איר האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט... איך וועל באַלד ברענגען, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

ער איז אַרויס אין פאַרהויז. דאָ האָט ער געטראָפן אַ חבר, וואָס האָט אונטערגעהערט זייער שמועס. ער האָט נישט געענטפערט אויף דעם חזק פון די חברים, האָט אַרויסגענומען פון רייזע-טאַש געלט און האָט איר אַוועקגעטראָגן.

— איך בעט אייך, איך בעט אייך נישט דאַנקען. איך דאַרף אייך דאַנקען...

נעכליודאָוו איז געווען אָנגענעם דאָס אַלץ צו דערמאַנען; ס'איז געווען אָנגענעם צו דערמאַנען זיך, ווי אַזוי ער האָט זיך שיִער נישט צעקריגט מיט דעם אָפיציר, וועלכער האָט דערפון געוואָלט מאַכן אַ שלעכטן שפּאַס, ווי אַ צווייטער חבר האָט אים אונטערגעהאַלטן און צוליב דעם טאַקע איז ער מיט אים געוואָרן נענטער באַפריינדעט. און די גאַנצע יאַגד איז געווען אַ גליקלעכע און אַ פרייל‏עכע און ווי גוט איז אים געווען, בשעת זיי האָבן זיך באַנאַכט צוריק אומגעקערט צו דער אייזנבאַן-סטאַציע. די לאַנגע ריי שליטנס געשפּאַנט צו צוויי פערד, וואָס לויפן רויק געלאָפן, אָן רעש, איבערן שמאָלן וועג צווישן די וועלדער מיט די טיילמאָל הויכע, טיילמאָל נידעריקע טענענביימער, אויף וועלכע ס'זענען געדיכט געווען אָנגעשאָטן פלעצלעך שניי. אין דער פינצטערניש פלעגט עמעצער פאַררייכערן אַ גוט-שמעקעדיקן פּאַפּיראָס, וואָס האָט געגליט מיט אַ רויט פייערל. דער יאַגד-יונג אָסיפּ לויפט אין שניי איבער די קני פון שליטן צו שליטן, פאַריכט עפּעס און דערציילט דערווייל וועגן הירשן, וואָז גייען איצט אַרום אין טיפן שניי און נאָגן די קאָרע פון די עשנביימער, און וועגן בערן, וואָס ליגן איצט אין זייערע ווייט-פאַרשטעקטע היילן, ווו זיי סאָפּען אין די שפּאַרעס מיט זייער וואַרעמען אָטעם. נעכליודאָוו האָט זיך אָן דעם אַלעם דערמאָנט און מער פון אַלעם אָן דעם גליקלעכן געפיל פון דעם באַוווסטזיין אין זיין געזונטקייט, כוח און זאָרגלאָזיקייט. די לונגען, צעשפּאַרנדיק דאָס פעלצל, אָטעמען איין די פראָסטיקע לופט, אויפן פּנים שיט זיך שניי, וואָס די דוע פאַרשטע-

פּעט אויף די צווייגן, דער קערפּער פּילט אַ וואַרעמקייט, דאָס פּנים אַ פרישקייט און די נשמה האָט נישט קיין זאָרג, נישט קיין פאָרווורפן, נישט קיין שרעק און נישט קיין פאַרלאַנגען. ווי גוט עס איז געווען! און איצט? גאָט מיינער, ווי דאָס איז אַלץ פּיינלעך און שווער...

מסתּמא איז ווערא יעפרעמאָוונא געווען אַ רעוואָלוציאָנערין און פאַר רעוואָלוציאָנערע מעשים איז זי איצט געזעסן אין תּפיסה. מ'וואָלט זי געדאַרפט זעען, בפרט אַז זי האָט צוגעזאָגט צו געבן אַן עצה, ווי צו פאַרבעסערן מאַסלאָוועס לאַגע.

L.

אויפגעכאַפּט זיך אויף מאָרגן אינדערפרי, האָט נעכליודאָוו זיך דערמאַנט אָן אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען נעכטן און אים איז געוואָרן שרעקלעך.

אָבער נישט געקוקט אויף דער שרעק, האָט ער מער, ווי ווען עס אין פריער, באַשלאָסן פאָרצוזעצן דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן.

מיט דעמדאָזיקן געפיל פון זיין פליכט-באַוווסטזיין איז ער אַרויס. געפאָרן פונדערהיים און איז אָוועקגעפאָרן צו מאַסלעניקאָוון — בעטן בא אים אַ דערלויבעניש צו באַזוכן אין תּפיסה אַ חוץ מאַסלאָוואַן אויך יענע אַלטיטשקע מענשאָווא מיטן זון, וועגן וואָס מאַסלאָווא האָט אים געבעטן, אַ חוץ דעם האָט ער געוואָלט בעטן אַ דערלויבעניש אויף אַ זעונג מיט באָגאָדוכאָווסקען, וועלכע האָט געקאָנט צונוץ קומען מאַסלאָווען.

נעכליודאָוו האָט געקענט מאַסלעניקאָוון שוין לאַנג, נאָך פון פּולק. מאַסלעניקאָוו איז דאַן געווען דער קאַסירער פון פּולק. ער איז געווען דער גוטמוטיקסטער און טרייסטער אָפיציר, וואָס האָט פון קיין אַנדערער זאַך אויף דער וועלט נישט געוווסט און נישט געוואָלט וויסן, ווי נאָר פון דעם פּולק און דער צאַרישער פאַמיליע. איצט האָט נעכליודאָוו אים געטראָפן אַלס אַן אַדמיניסטראַטאָר, וועלכער האָט דאָס פּולק פאַרביטן אויף דער גובערניע און דער גובערניאַלער פאַרוואַלטונג. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ רייכער און ענערגישער פרוי און זי האָט

דאָס טאָקע אים געצווונגען פון מיליטער־דינסט אַריבערצוגיין אויף אַ צוויווילער שטעלע.

זי האָט געלאַכט פון אים און אים געקעכלט ווי אירס אַ דרעסירט חיהלע. נעבליודאָוו איז דעם פֿאַריקן ווינטער געווען איינמאָל בא זיי, נאָר דאָס פּאָרפאָלק האָט אים אויסגעוויזן אַזוי נישט אינטערעסאַנט, אַז שפּעטער איז ער שוין נישט געקומען.

דערזעען נעכליודאָוון, האָט זיך מאַסלעניקאָוו צעשטראַלט. ער האָט נאָך אַלץ געהאַט דאָס פעטע און רויטע פּנים און די זעלבע קאָר־פּולענץ און פּונקט ווי אַמאָל אין מיליטער־דינסט זייער אַ שיין אָנטועכץ. דאָן איז דאָס געווען אַ שטענדיק ריינער מונדיר אָדער אַ טוזשורקע, געגייט לויט דער לעצטער מאָדע, וואָס פלעגט נעט אַרומכאַפּן די פּליי־צע און די ברוסט. איצט איז עס געווען אַ ציוויל אָנצוג לויט דער לעצטער מאָדע, וואָס איז אויך געלעגן, ווי אויסגעגאָסן אויף זיין זאַטן גוף און האָט אַרומגעכאַפּט זיין ברייטע ברוסט. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ ווייצמונדיר. טראָץ דעם אונטערשיד אין יאָרן (מאַסלעניקאָוו איז געווען קרוב 40), זענען זיי געווען אויף דו.

— נו, אַ דאַנק, וואָס דו ביסט געקומען צו פאָרן. קום לאָמיר אַריין צו מיין פרוי. איך האָב גראָד צען מינוט פרייע, איידער ס'וועט זיך אָנהייבן די זיצונג. מיין פּרינציפּאַל איז דאָך אָוועקגעפאָרן און איך פאַרוואַלט איבער דער גובערניע, — האָט ער געזאָגט מיט אַ הנאה, וואָס ער האָט נישט געקאָנט באַהאַלטן.

— איך האָב צו דיר אַן ענין.

— וואָס אַזוינס ? — האָט מאַסלעניקאָוו, ווי אויפגעשפּיצט מויל און אויערן, געפרעגט מיט אַ דערשראָקן און עטוואָס שטרענג קול.

— אין טורמע איז פאַראַן אַ פּערזאָן, וואָס אינטערעסירט מיך זייער. (באַם וואָרט : „טורמע" איז מאַסלעניקאָווס פּנים געוואָרן נאָך מער שטרענג) — און איך וואָלט זייער געוואָלט האָבן די זעונג נישט אין דעם אַלגעמיינעם צימער, נאָר אין דער קאַנצעלאַריע און נישט בלויז אין די באַשטימטע טעג, נאָר אויך אָפטער. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס הענגט אָפּ פון דיר.

— פאַרשטייט זיך, mon cher, איך בין גרייט פאַר דיר אַלץ צו טון, — האָט מאַסלעניקאָוו געזאָגט און באַרירט מיטביידע הענט נעכ־ליודאָווס קני, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן מילדערן זיין אייגענע מאַיעס־

טעט: — דאָס קאָן מען, אָבער, פאַרשטייסטו מיך, איך בין אַ קאַליף אויף אַ ווײַלע.

— קאָנסטו מיר געבן אַ פּאַפּיר, איך זאָל זיך קאָנען זעען מיט איר?

— דאָס איז אַ פרוי?

— יאָ.

— צוליב וואָס זיצט זי?

— פאַר פאַרגיפטונג. זי איז אָבער אומשולדיק פאַרמשפּט געוואָרן.

— יאָ, אָט האָסטו דיר דאָס יושרדיקע געריכט, ils n'en font point d'autres*), — האָט ער צוליב עפּעס געזאָגט אויף פראַנצויזיש, נישט צו וויסן פאַרוואָס. — איך ווייס, דו ביסט נישט מסכּים מיט מיר, וואָס זאָל מען אָבער טון, c'est mon opinion bien arrêtée**), — האָט ער צוגעגעבן, אַרויסזאָגנדיק אַ מיינונג, וואָס ער האָט אין פאַרלויף פון יאָר געלייענט אין פאַרשידענע פאָרמען אין אַ רעאַקציאָנערער קאָנסערוואַטיווער צייטונג. — איך ווייס, דו ביסט אַ ליבעראַל.

— איך ווייס נישט, צי איך בין אַ ליבעראַל אָדער עפּעס אַנדערש, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, שמייכלענדיק. ער פלעגט זיך שטענדיק וווּנדערן דערויף, וואָס אַלע פלעגן אים צורעכענען צו עפּעס אַ פּאַרטיי און גערופן ליבעראַל, נאָר דערפאַר, ווײַל אורטיילנדיק אַ מענטש, פלעגט ער זאָגן, אַז פאַרן געריכט זענען אַלע מענטשן גלייך, אַז מען דאַרף בכלל נישט פּייניקן און שלאָגן קיין מענטש, בפרט אַזעלכע, וואָס זענען נישט פאַרמשפּט. — איך ווייס נישט, צי איך בין אַ ליבעראַל אָדער נישט, איך ווייס אָבער, אַז די איצטיקע געריכטן, ווי זיי זענען נישט שלעכט, זענען דאָך בעסער פון די פריערדיקע.

— און וועמען האָסטו גענומען פאַר אַן אַדוואָקאַט?

— איך האָב זיך געווענדט צו פאַנאַרינען.

— אַך, פאַנאַרין! — האָט מאַסלעניקאָוו געזאָגט און זיך אַ קרים געטון, דערמאָנענדיק זיך, ווי אַזוי דער פאַנאַרין האָט פאַראיאָרן אים פאַרהערט אַלס עדות און מיט דער גרעסטער העפלעכקייט געמאַכט פון אים פּענדזיט אין משך פון אַ האַלבער שעה צייט.

---

*) קײן אנדערע מאַכן זײ אויך נישט.

**) דאָס איז מײַן פעסטע מיינונג.

— איך וואָלט דיר נישט געראָטן צו האָבן צו טון מיט אים. פאַ-צאַרין est un homme taré*).

— און נאָך אַ בקשה האָב איך צו דיר, — האָט נעכליודאָוו גע-זאָגט, נישט ענטפערנדיק אים. — נאָך גאָר אַמאָל האָב איך געקענט אַ מיידל אַ לערערין — זי איז אַן אומגליקלעך באַשעפעניש און זיצט גאָך דערצו איצט אין טורמע, ווייל זי זיך זעען מיט מיר. קאָנסטו מיר געבן אַ פאַסירשיין צו איר?

מאַסלעניקאָוו האָט עטוואָס אַנגעבויגן דעם קאָפּ אויף אַ זייט און זיך פאַרטראַכט.

— דאָס איז אַ פּאָליטישע?

— יאָ, מ'האָט מיר אַזוי געזאָגט.

— זעסטו, זעונגען מיט פּאָליטישע ווערן געגעבן נאָר פאַר קרובים, נאָר איך וועל דיר געבן אַן אַלגעמיינע דערלויבעניש.

— Je sais que vous n'abuserez pas...**)

— ווי הייסט זי, די פּראָטעזשע דיינע. באָגאָדוכאָווסקאַ? Elle est jolie?***)

— Hideuse****).

מאַסלעניקאָוו האָט באַדויערנדיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, איז צוגעגאַנגען צום טיש און אויף אַ פּאַפּיר מיט אַ געדרוקטן טיטל ענערגיש אָנגעשריבן: „דעם פאַרצייגער פון דעם, פירשט דמיטרי איוואַנאָוויטש נעכליודאָוון, דערלויב איך אַ זעונג אין דער טורמע-קאַנצעלאַריע מיט דער בירגערין מאַסלאָווא, דעסגלייכן מיט דער פעלדשערין באָגאָדוכאָוו-סקאַיאַ", האָט ער צוגעשריבן און געמאַכט זיין התימה מיט אַ צוק.

— אָט וועסטו זעען, וואָס פאַר אַן אָרדנונג דאָרט איז. און אויפ-האַלטן די אָרדנונג איז דאָרט זייער שווער, ווייל ס'איז איבערפולט, בפרט מיט די טראַנספּאָרט-געפאַנגענע; אָבער איך גיב פונדעסטוועגן שטרענג אכטונג און האָב די זאַך ליב. דו וועסט זעען — זיי איז דאָרט זייער גוט, און זיי זענען צופרידן. מ'דאַרף אָבער קאָנען זיך באַגיין מיט

---

*) ער איז אַ פאַרפלעקטער מענטש.

**) איך ווייס, אַז איר וועט נישט מיסברויכן.

***) איז זי אַ שיינע.

****) אַ מיאוסקייט.

זיי אָט איז די טעג געווען אַן אומאָנגענעמלעכקייט — אַ פאַל פון אומ־געהאַרכזאַמקייט. אַן אַנדערער וואָלט עס אָנגענומען פאַר אַן אויפשטאַנד און וואָלט אַ סך אומגליקלעך געמאַכט. באַ אונז אָבער איז אַלץ אַריבער זייער גוט. פון איין זייט דאַרף מען געבן ה.ש.חה, פון דער אַנדערער — דאַרף מען האָבן אַ פעסטע מאַכט. — האָט ער געזאָגט, צופרידנ־דיק אַ ווייסע דיקע פויסט מיט אַ דימענטענעם רינג, וואָס האָט אַרויסגע־שטאַרצט פון אַ ווייסן מאַנקעט מיט אַ גאָלדענער ספּינקע: — השגחה און פעסטע מאַכט.

— דאָס ווייס איך שוין נישט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט; — איך בין דאָרט געווען צוויי מאָל, און מיר איז געווען שרעקלעך שווער.

— ווייסט וואָס? דו וואָלסט זיך באַדאַרפט טרעפן מיט דער גרע־פין פאַססעק, — האָט מאַסלעניקאָוו זיך פונאַנדערגערעדט, — זי האָט זיך מיט לייב און זעל אָפּגעגעבן דערדאָזיקער אַרבעט. Elle fait beacoup de bien*). אַ דאַנק איר אפשר איז אויך מיר — ווער איך זאָגן אָן פאַלשער באַשיידנקייט — געלונגען אַלץ צו ענדערן, און צו ענדערן אַזוי, אַז ס׳זענען שוין נישטאָ יענע מעשים־תּעתּועים, וואָס זענען פריער געווען, און זיי איז דאָרט טאַקע בפירוש גוט. אָט וועסטו זען אָט דער פאַנאַרין, איך קען אים נישט פערזענלעך, — אגב קומען זיך אונזערע וועגן נישט צוזאַמען צוליב מיין געזעלשאַפטלעכער שטעלונג, — ער איז אָבער באמת אַ מיאוסער מענטש, דערצו נאָך דערלויבט ער זיך צו רעדן אויפן געריכט אַזעלכע זאַכן, אַזעלכע זאַכן...

— נו, אַ שיינעם דאַנק, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, נעמענדיק דאָס פּאַפּיר, און נישט אויסהערנדיק דעם סוף, זיך געזעגנט מיט זיין געוועזענעם חבר.

— און צו דער פרוי וועסטו נישט אַריינגיין?

— ניין, אַנטשולדיק מיר, איך האָב איצט קיין צייט נישט.

— ניין, וואָס רעדסטו, זי וועט עס מיר נישט מוחל זיין, — האָט מאַסלעניקאָוו געזאָגט, באַגלייטנדיק דעם געוועזענעם חבר צו דער ערש־טער טרעפּ, ווי אַזוי ער פלעגט באַגלייטן פּערזאָנען נישט פון ערשטן

---

*) זי טוט אַ סך גוטס.

ראַנג, נאָר פון צווייטן, צו וועלכן ער האָט אויך צוגערעכנט נעכליודאָוון. — גיין, איך בעט דיך, גיי אַריין כאָטש אויף אַ ווײַלע.

נעכליודאָוו איז אָבער געבליבן פעסט, און בשעת ווען דער לאַקיי און דער שווייצאַר זענען צוגעשפרונגען צו נעכליודאָוון, דערלאַנגט אים דאָס מאַנטל און דאָס שטעקל און עפענענדיק די טיר, בײַ וועלכער עס איז אינדרויסן געשטאַנען אַ פּאָליציאַנט, האָט ער געזאָגט, אַז ער קאָן בשום אופן נישט.

— נו, איז דאַנערשטיק, איך בעט דיך. דאָס איז איר אויפנאַם־טאָג. איך וועל איר זאָגן. — האָט אים מאַסלעניקאָוו נאָכגעשריגן פון די טרעפּ.

LI.

דעם אייגענעם טאָג גלייך פון מאַסלעניקאָוון געקומען אין טורמע אַריין, האָט זיך נעכליודאָוו געלאָזט גיין צו דער שוין באַקאַנטער וווי־נונג פון דעם אינספּעקטאָר. עס האָבן זיך ווידער געהערט די זעלבע טענער פון שלעכטן פּאַרטעפּיאַן, ווי יענץ מאָל, נאָר דאָס מאָל איז גע־שפּילט געוואָרן נישט די ראַפּסאָדיע, נאָר קלעמענטיס עטיודן, מיט אַ אומגעוויינלעכער קראַפט, באַטאָנונג און שנעלקייט. דאָס שטוב־מיידל מיטן פאַרבונדענעם אויג, וועלכע האָט געעפנט די טיר, האָט געזאָגט, אַז דער קאַפּיטאַן איז אינדערהיים, און האָט דורכגעפירט נעכליודאָוון אין אַ קליינעם גאַסטצימער מיט אַ דיוואַן, טיש און אַ פון איין זייט אונטער־געצונדענעם ראָזן פּאַפּירענעם אַבאַזשור פון אַ גרויסן לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ וואָלענעם געשטריקטן סערוועטל. ס'איז אַרויסגעגאַנגען דער הויפּט־אינספּעקטאָר מיט אַן אויסגעמאַטערט, מרויעריק פּנים.

— איך בעט אייך זייער, מיט וואָס קאָן איך דינען? — האָט ער געזאָגט, פאַרשפּילענדיק דאָס מיטלסטע קנעפּל פון זיין מונדיר.

— איך בין אָקאָרשט געווען בײַם וויצעגובערנאַטאָר און אָט איז די דערלויבעניש, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, דערלאַנגענדיק דאָס פּאַ־פּיר. — איך וואָלט וועלן זען מאַסלאָווען.

— מאַרקאָווען? — האָט דער אינספּעקטאָר איבערגעפרעגט, ווייל ער האָט נישט דערהערט צוליב דער מוזיק.

— נו, יאָ! נו, יאָ!

דער אינספּעקטאָר איז אויפגעשטאַנען און איז צו צו דער טיר, פון וועלכער עס האָבן זיך געהערט קלעמענטיס רולאַנדן.

— מאַרוסיאַ, וואַרט כאָטש אַ ווײַלע, — האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן, פון וועלכן עס איז געווען צו זען, אַז דידאַזיקע מוזיק איז געווען די קללה פון זיין לעבן: — מ׳הערט גאָרנישט.

דער פּאַרטעפּיאַן איז אַנטשטילט געוואָרן, ס׳האָבן זיך דערהערט אומצופרידענע טריט, און עמעץ האָט אַריינגעקוקט אין טיר.

דער אינספּעקטאָר, ווי דערפילנדיק אַ פאַרלייכטערונג פון דעמדאָזיקן אַנטראַקט אין דער מוזיק, האָט פאַררייכערט אַ דיקן פּאַפּיראָס פון שוואַכן טאַבאַק און האָט מכבד געווען נעכליודאָוון. נעכליודאָוו האָט זיך אַנטזאָגט.

— איך האָב אַלזאָ געוואָלט זען מאַסלאָווען.

— פאַרוואָס נישט, מ׳קאָן, — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט.

— נו, וואָס ווילסטו? — האָט ער זיך געווענדט צו אַ מיידעלע פון אַ יאָר 5—6, וואָס איז אַריין אין צימער, און, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ אַזוי, אַז זי זאָל נישט אַראָפּנעמען דעם בליק פון נעכליודאָוון, האָט זי זיך געלאָזט גיין צום פאָטער. — אָט פאַלסטו באַלד, — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט, שמייכלענדיק, וואָס דאָס מיידעלע האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן טעפּיך, ווייל זי האָט נישט געקוקט פאַר זיך, און איז צוגעלאָפן צום פאָטער.

— אַלזאָ אויב מ׳קאָן, וואָלט איך אַריין.

— מאַסלאָווען איז היינט אומבאַקוועם צו זען, — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט.

— פאַרוואָס?

— אַזוי. איר זענט אַליין שולדיק, — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט, לייכט שמייכלענדיק. — פירשט, גיט איר נישט קיין געלט אין די הענט אַריין. אויב איר ווילט, טאָ גיט מיר. אַלץ וועט צו איר געהערן. אָט האָט איר איר מסתּמא נעכטן געגעבן געלט, האָט זי געקריגן בראָנפן — מ׳קאָן עס בשום אופן נישט אויסראָטן — און זי האָט זיך היינט אָנגעשיכּורט אַזוי, אַז זי איז אַפילו ווילד געוואָרן.

— וואָס רעדט איר.

— אוודאי, איך האָב אפילו געמוזט אָנווענדן שטרענגע מיטלען — אריבערגעפירט זי אין אַן אַנדערער קאַמער. אַזוי איז זי אַ שטילע פרוי, אָבער קיין געלט גיט איר נישט, איך בעט אייך, דאָס איז אַזאַ אומה...

נעכליודאָוו האָט זיך לעבעדיק דערמאָנט דאָס נעכטיקע און אים איז ווידער אַן אימה באַפאַלן.

— און באַגאָדוכאָווסקען, אַ פּאָליטישע, קאָן מען זען? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט נאָך אַ ווײַלע שווײַגן.

— אפשר יאָ, — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט, אַרומנעמענדיק דאָס מיידעלע, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף נעכליודאָוון, איז אויפגעשטאַנען, צערטלעך אָפּשטופּנדיק דאָס מיידעלע, און איז אַרויס אין פאָדערצימער.

דער אינספּעקטאָר האָט נאָך נישט באַוויזן אָנצוטון דאָס מאַנטל, וואָס דאָס מיידל מיטן פאַרבונדענעם אויג האָט אים צוגעטראָגן, און אַרויס־גיין אין דער טיר, ווי עס האָבן זיך ווידער צעריצלט די באַטאַנטע רו־לאַדן קלעמענטיס.

— זי איז געווען אין קאָנסערוואַטאָריע, אָבער דאָרט איז אַ גרוי־סער הפקר. אַ גרויסע באַגאַבונג, — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט, אַראָפּשטייגנדיק פון די טרעפּ, — זי וויל אויפטרעטן אויף קאָנצערטן.

דער אינספּעקטאָר מיט נעכליודאָוון זענען צוגעקומען צו דער טורמע. דאָס פערטל האָט זיך מאָמענטאַל געעפנט, ווי נאָר דער אינס־פּעקטאָר איז צוגעגאַנגען. דער אויפזעער האָט סאַלוטירט מיט דער האַנט צום היטל, באַגלייטנדיק אים מיט די אויגן. פיר מאַן מיט האַלב געגאָלטע קעפּ, טראָגנדיק פעסלעך מיט עפּעס, האָבן זיי אָנגעגעגנט אין פירהויז און האָבן זיך אַלע צונויפגעטוליעט, דערזעענדיק דעם אינספּעקטאָר. איינער האָט זיך באַזונדערס נידעריק צוגעבוקט און האָט פינצטער זיך אָנגערוגזהט, פינקלענדיק מיט די שוואַרצע אויגן.

— אוודאי דאַרף מען אַ טאַלאַנט פאַרפולקאָמען, מ'טאָר נישט באַ־גראָבן; אָבער אין אַ קליינער דירה, ווייסט איר, איז שווער, — האָט דער אינספּעקטאָר ווייטער גערעדט, נישט לייגנדיק אויף די אַרעסטאַנטן קיין שום אַכט, און מיט מידע טריט, שלעפּנדיק די פיס, איז ער דורכגע־גאַנגען אין דעם זאַמלצימער אַריין, באַגלייט פון נעכליודאָוון.

— וועמען ווילט איר זען? — האָט דער אינספּעקטאָר גע־פרעגט.

— באַגאַדוכאָווסקען.

— דאָס איז פון טורעם? איר וועט מוזן צוווארטן, — האָט ער זיך געווענדט צו נעכליודאָוון.

— אפשר קאָן איך דערווייל זיך זעען מיט די אַרעסטאַנטן מענשאָוו, אַ מוטער מיט אַ זון, וואָס ווערן באַשולדיקט אין אַן אונטערצינדונג.

— דאָס איז פון דער 21-סטע קאַמער. נו, מ׳קאָן זיי אַרויסרופן.

— אפשר קאָן איך זיך זעען מיט מענשאָוון אין זיין קאַמער?

— אייך וועט זיין באַקוועמער אין זאַמלצימער.

— ניין, מיר איז אינטערעסאַנט.

— אַניך מיר אַן אינטערעס.

פון אַ זייטיקער טיר איז אַרויס אַ פראַנטישער אָפיציר — דער געהילף.

— פירט אַריין דעם פירשט אין דער קאַמער צו מענשאָוון, קאַמער 21, — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט צו דעם געהילף, — און דערנאָך אין קאַנצעלאַריע. און איך וועל זי אַרויסרופן. ווי הייסט זי?

— ווערא באַגאַדוכאָווסקאַיאַ — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

דער געהילף-אינספּעקטאָר איז געווען אַ העל-בלאָנדער יונגער אָפיציר מיט אויסגעדרייטע וואָנסעס, וואָס האָט פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ ריח פון בלומען-אָדעקאָלאָן.

— ביטע, — האָט ער זיך געווענדט צו נעכליודאָוון מיט אַן אָנגענעמען שמייכל. — איר אינטערעסירט זיך מיט אונזער אַנשטאַלט?

— יאָ, און איך אינטערעסיר זיך מיט דעם דאָזיקן מענטש, וואָס ער איז אַריינגעפאַלן אַהערצו, ווי מ׳האָט מיר געזאָגט, גאָר אומשולדיקערהייט.

דער געהילף האָט אַ צי געטון מיט די אַקסלען.

— יאָ, דאָס טרעפט, — האָט ער רויק געזאָגט, העפלעך דורכלאָזנדיק דעם גאַסט אויף צופריער אין דעם ברייטן שטינקענדיקן קאָרידאָר אַריין. — ס׳טרעפט אויך, אַז זיי זאָגן ליגנס. ביטע.

די טירן פון די קאַמערן זענען געווען אָפן און עטלעכע אַרעסטאַנטן זענען געווען אין קאָרידאָר. קוים צו מערקן ווינקענדיק צו די אויפזעער און קרום קוקנדיק אויף די אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען אָדער אַדורכגעגאַנגען אין זייערע קאַמערן אַריין, צוטוליענדיק זיך צו דער וואַנט, אָדער זיך אָפּגעשטעלט בײַ די טירן, אויסציענדיק די הענט איבער די נעט און מעשה סאָלדאַטן באַגלייטנדיק די מאַכט מיט די-

אויגן, — האָט דער געהילף דורכגעפירט נעכליודאָוון דורך איין קאָרי־דאָר, אריינגעפירט אים אין אַ צווייטן קאָרידאָר לינקס, וואָס איז געווען פאַרשפּאַרט מיט אַן אייזערנער טיר.

דערדאָזיקער קאָרידאָר איז געווען שמעלער, פינצטערער און נאָך שטינקענדיקער פון דעם ערשטן. אין דעם קאָרידאָר זענען פון ביידע זייטן אַרויסגעקומען טירן, פאַרשלאָסן אויף שלעסער. אין די טירן זענען געווען לעכעלעך, די אַזוי גערופענע „אייגלעך", אַ האַלב ווערשאָק אין דיאַמעטער. אין קאָרידאָר איז קיינער נישט געווען, אַ חוץ אַן אַלטיטשקן אויפזעער מיט אַ טרויעריק גערונצלט פּנים.

— אין וועלכער קאַמער איז מענשאָוו? — האָט דער געהילף גע־פרעגט דעם אויפזעער.

— די אַכטע לינקס.

— און די זענען פאַרנומען? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— אַלע זענען פאַרנומען, אַ חוץ איינער.

LII.

— מ'קאָן אַ קוק טון? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— ביטע זייער, — האָט דער געהילף געזאָגט מיט אַן אָנגענעמען שמייכל און האָט עפּעס אָנגעהויבן צו פרעגן באַם אויפזעער. נעכליודאָוו האָט געכאַפּט אַ קוק אין אַ לעכל, — אַ הויכער יונגערמאַן אין איינע וועש, מיט אַ קליין שוואַרץ בערדל האָט דאָרט שנעל געשפּרייזט הין און צוריק; דערהערט אַ שאָרך באַ דער, האָט ער אַ קוק געטון, זיך אָנ־גערוגזהט און ווייטער געשפּרייזט.

נעכליודאָוו האָט אַריינגעקוקט אין נאָך אַ לעכל. זיין אויג האָט זיך באַגעגנט מיט אַ צווייט צעשראָקן, שוואַרץ אויג, וואָס האָט געקוקט אין לעכל; ער האָט זיך האַסטיק אָפּגערוקט. אַריינגעקוקט אין אַ דריט לעכל, האָט ער דערזען אויפן בעט אַ שלאָפנדיקן מענטש, פון זייער קליינעם וווּקס, צונויפגעדרייט און דעם קאָפּ איינגעדעקט מיטן כאַלאַט. אין דער פערטער קאַמער איז געזעסן אַ בלאַסער מענטש מיט אַ ברייט פּנים, נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אָנגעלענט מיט די עלנבויגנס

אָן די קני. דערהערט טריט, האָט דערדאָזיקער מענטש אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט. אין דעם גאַנצן פּנים, דערהויפּט אין די גרויסע אויגן איז געווען אַן אויסדרוק פון האָפנונגסלאָזן אומעט. אים האָט, ווייזט אויס, נישט אינטערעסירט, ווער עס קוקט צו אים אין קאַמער אַריין. ווער עס זאָל נישט זיין — ער האָט, ווייזט אויס, פון קיינעם קיין גוטס נישט דערוואַרט. נעכליודאָוון איז געוואָרן שרעקלעך; ער האָט אויפגעהערט אַריינצוקוקן און איז צוגעגאַנגען צו דער 21־סטער קאַמער מענשאָווס. דער אויפזעער האָט אויפגעשלאָסן דעם שלאָס און געעפנט די טיר. אַ יונגערמאַן, מיט אַ לאַנגן האַלז, מיט געזונטע מוסקולן, מיט גוטע קיילעכדיקע אויגן און אַ קליין בערדל איז געשטאַנען לעבן בעטל און מיט אַ דערשראָקן פּנים, אויף גיך אָנטוענדיק די זאַכן, געקוקט אויף די אַריינקומענדיקע. דערהויפּט האָבן נעכליודאָוון איבערראַשט די גוטע, קיילעכדיקע אויגן, וואָס זענען פרעגנדיק און דערשראָקן אַריבערגעלאָפן פון אים אויפן אויפזעער, אויפן געהילף און צוריק.

— דער הער וויל דיך אויספרעגן וועגן דיין ענין.

— אַ שיינעם דאַנק.

— יאָ, מ'האָט מיר דערציילט פון אייער ענין, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, אַריינקומענדיק טיפער אין דער קאַמער און אַוועקשטעלנדיק זיך באַם פאַרקראַטעטן און ברודיקן פענצטער, — וואָלט איך וועלן הערן פון אייך גופא.

מענשאָוו איז אויך צו צום פענצטער און גלייך אָנגעהויבן צו דערציילן, צוערשט — שעמעוודיק, כאַפנדיק פון צייט־צו־צייט אַ קוק אויפן אינספעקטאָר, דערנאָך אַלץ דרייסטער און דרייסטער. און אַז דער אינספעקטאָר איז גאָר אַרויס פון דער קאַמער אין קאָרידאָר אַריין, אָפּצוגעבן דאָרט פאַראָרדנונגען, איז ער גאָר דרייסט געוואָרן. דידאָזיקע דערציילונג איז לויט דעם לשון און די מאַנירן געווען אַ דערציילונג פון אַ גאַנץ פּראָסטן, ווילן פּויערישן יונג און נעכליודאָוון איז געווען באַזונדערס משונהדיק צו הערן דידאָזיקע דערציילונג אויס דעם מויל פון אַן אַרעסטאַנט אין שענדלעכע מלבושים און אין תּפיסה. נעכליודאָוו האָט געהערט און גלייכצייטיק אַרומגעקוקט דאָס נידעריקע געלעגער מיטן שטרויזאַק און דאָס פענצטער מיט דער דיקער אייזערנער קראַטע און די שמוציקע, פייכט געוואָרענע און פאַרשמירטע ווענט, און דאָס עלנטע פּנים און די פיגור פון דעם אומגליקלעכן, פאַרקריפּלטן פּויער אין שקראַבעס און כאַלאַט, און אים איז געוואָרן וואָס אַמאָל אומעטיקער און

אומעטיקער; ס'האָט זיך נישט געוואָלט גלייבן, אַז עס זאָל זיין אמת דאָס, וואָס דערדאָזיקער גוטמוטיקער מענטש האָט דערציילט, — אַזוי שרעקלעך איז געווען צו טראַכטן, אַז מענטשן האָבן געקאָנט פאַר אומזיסט-אומנישט, בלויז פאַר דאָס, וואָס מ'האָט אים נאָך באַעוולט, כאַפּן אַ מענטש, אָנטון אים אין אַרעסטאַנטישע קליידער און איינזעצן אין דעמדאָזיקן שרעקלעכן אָרט. און דאָך איז נאָך שרעקלעכער געווען צו טראַכטן, אַז דידאָזיקע אמתדיקע דערציילונג, מיט דעמדאָזיקן גוטמוטיקן פּנים, זאָל זיין אָפּגענאַרט און אויסגעטראַכט. די דערציילונג איז באַשטאַנען אין דעם, אַז דער אַקציזניק האָט באַלד נאָך דער חתונה אָפּגעשלאָגן באַ אים זיין ווייב. ער האָט אומעטום געזוכט גערעכטיקייט. אומעטום האָט דער אַקציזניק אונטערגעקויפט די מאַכט און מ'פלעגט אים באַפרייען. איינמאָל האָט ער מיט געוואַלט צוועקגעפירט דאָס ווייב, איז זי אויף מאָרגן אַנטלאָפן. דאַן איז ער אַוועק פאָדערן זיין ווייב. דער אַקציזניק האָט געזאָגט, אַז זיין ווייב איז באַ אים נישטאָ (און ער האָט זי אַרייננגייענדיק געזען) און האָט אים געהייסן אַוועקגיין, האָט ער נישט געוואָלט. דער אַקציזניק מיטן אַרבעטער האָבן אים דאַן צעהרגעט מכּת רצח און אויף מאָרגן האָט זיך באַ דעם אַקציזניק אָנגעצונדן די שטוב. האָט מען באַשולדיקט אים מיט דער מוטער, און ער האָט גאָרנישט אונטערגעצונדן, איז גאָר בשעת מעשה געווען באַם מחותן.

— האָסט טאַקע אויף אַן אמת נישט אונטערגעצונדן?

— אפילו אין זינען נישט געהאַט, מיין האַר. און ער, דער מערדער מיינער, האָט מסתמא אַליין אונטערגעצונדן. מ'האָט געזאָגט, ער האָט אָקאָרשט געהאַט פאַרסטראַכירט. און אויף אונז מיט דער מוטער האָט מען געזאָגט, אַז מיר זענען געקומען צו אים, געסטראַשעט אים. אמת טאַקע, איך האָב יענץ מאָל אים אָנגעזידלט, דאָס האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן. אָבער אונטערצונדן האָב איך נישט אונטערגעצונדן. אפילו נישט געווען דאָרט, ווען די שרפה האָט זיך אָנגעהויבן. דאָס האָט ער בכּיוון צוגעפּאַסט צו דעם טאָג, וואָס איך בין באַ אים געווען מיט דער מוטער. אַליין אונטערגעצינדן צוליב דעם אַסעקוראַנץ-געלט און געמסרט אויף אונז.

— וואָס רעדט איר?

— אמת, איך שווער באַ גאָט, מיין האַר. ווי אַן אייגענעם פאָטער בעט איך. — ער האָס געוואָלט פאַלן צו דער ערד, און נעכליודאָוו האָט אים קוים אָפּגעהאַלטן. — ראַטעוועט אַרויס, כ'קום דאָ אום פאַר גאָר-

נישט, — האָט ער נישט אויפגעהערט. און פּלוצלינג האָבן זיינע באַקן אָנגעהויבן צו צוקן און ער האָט זיך פונאַנדערגעוויינט און, פאַרקאַשערט אַן אַרבל פון כאַלאַט, האָט ער אָנגעהויבן צו ווישן די אויגן מיטן אַרבל פון דעם ברודיקן העמד.

— געענדיקט ? — האָט דער אינספּעקטאָר געפרעגט.

— יאָ. פאַלט נישט אַראָפּ בא זיך. מיר וועלן טון וואָס עס לאָזט זיך, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט און איז אַרויס. מענשאָוו איז געשטאַנען אין דער טיר, אַזוי אַז דער אויפזעער האָט אים אַ שטויס געגעבן מיט דער טיר, בשעת ער האָט זי פאַרמאַכט. פאַר דער צייט, וואָס דער אויפזעער האָט פאַרשלאָסן דעם שלאָס, האָט מענשאָוו געקוקט אין לעכל אין דער טיר.

LIII.

גייענדיק צוריק איבער דעם ברייטן קאָרידאָר (ס'איז געווען מיטאָג-צייט, און די קאַמערן זענען געווען אָפן), צווישן מענטשן, וואָס זענען געווען אָנגעטאָן אין העל-געלע כאַלאַטן, קורצע ברייטע פּלודערן, און שקראַבעס און וועלכע האָבן געקוקט אויף אים מיט להוטע בליקן, האָט נעכליודאָוו איבערגעלעבט מאָדנע געפילן אי פון מיטלייד צו די מענטשן, וואָס זענען דאָ געזעסן, אי פון שוידער און פאַרווונדערונג צו די, וואָס האָבן זיי אַריינגעזעצט און האַלטן זיי דאָ, אי פון חרפּה, נישט צו וויסן פאַרוואָס, צו זיך אַליין, פאַר דעם, וואָס ער באַטראַכט זיי אַזוי רויִק.

אין אַ קאָרידאָר איז איינער, קלאַפּנדיק מיט די שקראַבעס, דורכגעלאָפן אין דער טיר פון אַ קאַמער אַריין, און פון דאָרט זענען אַרויס מענטשן און זיך געשטעלט נעכליודאָוון אין וועג, בייגנדיק זיך פאַר אים.

— זאָל אייער וווילגעבוירן... איך ווייס נישט, ווי אַזוי אייך אָנצורופן... באַפעלן, מ'זאָל אונז ווי עס איז שוין פסקענען.

— איך בין נישט קיין מאַכט-פאָרשטייער, איך ווייס קיין זאַך נישט.

— אלץ איינס. זאָגט עמעצן, דער מאַכט צי וואָס, — האָט זיך אַן אויפגעבראַכט קול אָפּגערופן. — מיר זענען אין קיין זאַך נישט שולדיק, ליידן דעם צווייטן חודש.

— וואָס הייסט ? פאַרוואָס ? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— אָט גאָרנישט, פאַרשפּאַרט אונז אין טורמע, זיצן דעם צווייטן חודש, מיר ווייסן אַליין נישט פאַרוואָס.

— אמת, ס׳איז אַ צופאַל דערביי, — האָט דער געהילף-אינספּעקטאָר געזאָגט, — מ׳האָט אַריינגעזעצט די מענטשן פאַר נישט האָבן קיין דאָקומענטן, האָט מען באַדאַרפט אָפּשיקן אין זייער גובערניע אַריין, האָט דאָרט אָבער אָפּגעברענט די תּפיסה, און די גובערניאַלע פאַרוואַלטונג האָט זיך צונויפגעטראָגן מיט אונז, אַז מיר זאָלן זיי צו זיי נישט שיקן. האָבן מיר אַלע פון די אַנדערע גובערניעס פונאַנדערגעשיקט, און די האַלטן מיר נאָך.

— וואָס הייסט ? בלויז דערפאַר ? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט, שטיין בלייבנדיק אין דער טיר.

אַ רעדל פון אַ מאַן 40, אַלע אין אַרעסטאַנטישע כאַלאַטן, האָבן אַרומגערינגלט נעכליודאָוון און דעם געהילף. עטלעכע שטימען האָבן זיך אָפּגערופן פאַר אַמאָל. דער געהילף האָט זיי אָפּגעשטעלט.

— זאָל איינער פון אייך רעדן.

פון אַלע האָט זיך אויסגעטיילט אַ הויכער, בכּבודיקער פּויער פון אַ יאָר 50. ער האָט געגעבן נעכליודאָוון צו פאַרשטיין, אַז מ׳האָט זיי אַלעמען אַרויסגעשיקט און איינגעזעצט אין תּפיסה, ווייל זיי האָבן נישט קיין פּעסער. זיי האָבן אָבער יאָ געהאַט פּעסער, נאָר אויסגעגאַנגענע, צייט אַ וואָכן צוויי. אַלע יאָר פלעגן די פּעסער אַזוי אויסגיין און מ׳האָט גאָרנישט באַשטראָפט, און דאָסמאָל האָט מען גענומען און מ׳האַלט זיי דאָ שוין דעם אַנדערן חודש אַזוי ווי פאַרברעכער.

— מיר זענען אַלע בוי-אַרבעטער, אַלע פון איין אַרטעל. אין דער גובערניע, זאָגט מען, האָט די תּפיסה אָפּגעברענט. מיר זענען דאָך אָבער אין דעם נישט שולדיק. טוט אַ טובה, גאָט וועט אייך העלפן.

נעכליודאָוו האָט געהערט און אַזוי גוט ווי גאָרנישט פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס דער אַלטער בכּבודיקער פּויער האָט גערעדט, ווייל די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט זיינע איז געווען אַריינגעטון אין אַ גרויסער, טונקל-גרויער, פילפיסיקער לויז, וועלכע איז געקראָכן צווישן די האָר אויף דער באַק פון דעם בכּבודיקן בוי-אַרבעטער.

— וואָס הייסט עס אַזוינס ? צי דען בלויז דערפאַר ? — האָט נעכ־ליודאָוו געזאָגט, זיך ווענדנדיק צום געהילף־אינספּעקטאָר.

— יאָ, מ'וואָלט זיי באַדאַרפט אַוועקשיקן אין זייער וווינאָרט אַריין, — האָט דער געהילף געזאָגט.

ווי נאָר דער געהילף האָט געענדיקט, האָט פון דעם רעדל זיך אַרויסגערוקט אַ קליין מענטשעלע, אויך אין אַן אַרעסטאַנטן־כאַלאַט, גע־נומען רעדן, מאָדנע קרימענדיק מיטן מויל, ווי אַזוי מ'פּייניקט זיי דאָ פאַר אומזיסט־אומנישט.

— ערגער ווי די הינט... — האָט ער אָנגעהויבן.

— נו, נו, קיין איבעריקע זאַכן רעד נישט, שווייג דו, אַנישט ווייס־טו דאָך...

— וואָס ווייס איך, — האָט דאָס קליינע מענטשעלע פאַרצווייפלט זיך אָנגערופן, — האָבן מיר זיך דען אין עפּעס פאַרזינדיקט.

— שווייג ! — האָט דער אינספּעקטאָר אַ געשריי געטון, און דאָס קליינע מענטשעלע איז אַנטשוויגן געוואָרן.

„וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס ?" האָט נעכליודאָוו געזאָגט פאַר זיך, בשעת ער איז אַרויס פון די קאַמערן, געטריבן אַזוי ווי „דורך שפּיצ־רוטן" דורך הונדערטער אויגן פון אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון די טירן אָדער זיך אָנגעגעגנט אין וועג.

— צי דען האַלט מען באמת טאַקע גאָר אומשולדיקע מענטשן, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, אַז זיי זענען אַרויס פון קאָרידאָר.

— וואָס קאָן מען טון ? אָבער זיי האַקן אויך גענוג ליגנט. מ'זאָל הערן, וואָס זיי רעדן, — זענען זיי אַלע גאָט די נשמה שולדיק, — האָט דער געהילף־אינספּעקטאָר זיך אָנגערופן.

— אָבער די זענען דאָך טאַקע אין קיין זאַך נישט שולדיק.

— נו, די יאָ. אָבער זייער פאַרדאָרבענע מענטשן, אָן שטרענגקייט קאָן מען נישט. פאַראַן אַזעלכע דורכגעטריבענע טיפּן, מ'דאַרף זיי קיין פינגער אין מויל נישט אַריינלייגן. — אָט האָט מען נעכטן צוויי פון זיי געמוזט באַשטראָפן.

— וואָס הייסט באַשטראָפן ? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— מיט ריטער באַשטראָפט לויט דער פאָרשריפט.

— לייבשטראָף איז דאָך שוין אָפּגעשאַפט ?

— נישט פאר די, וואס האבן פארלוירן די רעכט. אויף זיי איז חל.

נעכליודאוו האט זיך דערמאנט, וואס ער האט נעכטן געזעען, ווארטנ־דיק אין פירהויז, און האט פארשטאנען, אז די באשטראפונג איז פארגע־קומען גראד דאן, ווען ער האט געווארט; און אויף אים איז מיט א באזונדערער קראפט ארויף יענץ געמישטע געפיל פון נייגיריקייט, אומעט, פארוואונדערונג און מאראלישער, שיער נישט פיזישער נישט גוטקייט, א געפיל, וואס האט אים אויך פריער באהערשט, אבער קיינמאל נישט מיט אזא קראפט.

נישט הערנדיק דעם געהילף־אינספעקטאר און נישט קוקנדיק ארום זיך, איז ער אויף גיך ארויס פון די קארידארן און זיך געלאזט גיין צו דער קאנצעלאריע. דער אינספעקטאר איז געווען אין קאנצעלאריע און, פארנומען מיט אן אנדערער זאך, האט ער פארגעסן ארויסצורופן באגא־דוכאווסקען. ער האט זיך דערמאנט, אז ער האט צוגעזאגט זי ארויסצורופן, ערשט דאן, ווען נעכליודאוו איז אריין אין קאנצעלאריע.

— איך וועל גלייך שיקן נאך איר, זיצט א ווייל, — האט ער געזאגט.

LIV.

די קאנצעלאריע איז באשטאנען פון צוויי צימערן. אין דעם ערשטן צימער, מיט א גרויסן ארויסגעשטארצטן אפגעקראכענעם אויוון און צוויי שמוציקע פענצטער, איז אין איין ווינקל געשטאנען א שווארצע מאס צו מעסטן די וואקס פון די ארעסטאנטן; אין א צווייטן ווינקל איז געהאנגען א גרויס קריסטוס־בילד — די געוויינלעכע צוגעהעריקייט פון א פייניקונגס־ארט. אין דעמדאזיקן ערשטן צימער זענען געשטאנען עטלעכע אויפזעער. אין דעם צווייטן צימער זענען געזעסן ארום די ווענט גרופעסווייז אדער פארנווייז א מאן צוואנציק מענער און פרויען און געשמועסט צווישן זיך שטילערהייט. באם פענצטער איז געשטאנען א שרייב־טיש.

דער אינספעקטאָר האָט זיך געזעצט צום שרייבטיש און פאָרגעלייגט נעכליודאָוון א שטול, וואָס איז געשטאַנען דערלעבן. נעכליודאָוו האָט זיך אוועקגעזעצט און גענומען באַטראַכטן די מענטשן, וואָס זענען געווען אין דעם צימער.

קודם־כל האָט זיין אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן אַ יונגערמאַן אין אַ קורץ זשאַקעטל, מיט אַן אָנגענעם פּנים, וועלכער איז געשטאַנען פאַר א שוואַרצבּרעמיקער פרוי, שוין נישט קיין יונגער, און האָט צו איר עפּעס גערעדט מיט א ברען, זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט. דערלעבן איז געזעסן אַן אַלטער מאַן אין בלויע ברילן און האָט אומבאַוועגלעך זיך צוגעהערט, האַלטנדיק פאַר דער האַנט אַ יונגע פרוי אין אַן אַרעס־טאַנטיש מלבּוש, וועלכע האָט אים עפּעס דערציילט. אַ ייִנגל, אַ שילער פון דער רעאַל־שול, מיט א פאַרגליווערטן דערשראָקענעם אויסדרוק פון פּנים, האָט געקוקט אויף דעם אַלטן, נישט אַראָפּנעמענדיק פון אים די אויגן. נישט ווייט פון זיי, אין אַ ווינקל, איז געזעסן אַ פּאָרל פאַר־ליבטע: זי איז געווען מיט קורצע האָר און מיט אַ ענערגיש פּנים, אַ העל־בלאָנד, חנעוודיק, נאָך גאָר יונגעטשקע מיידל אין אַ מאָדיש קלייד; ער — מיט פיינע שטריכן פון פּנים און געכוואַליעטע האָר, אַ שיינער בחור אין אַ גוטאַפּערטשענער קורטקע. זיי זענען געזעסן אין ווינקל און זיך געשושקעט, ווייזט אויס — אויסגייענדיק פון ליבע. אָבער נעענטער פאַר אַלע צום טיש איז געזעסן אַ גרייז־גרויע פרוי אין אַ שוואַרץ קלייד, ווייזט אויס — אַ מוטער: זי האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אויף אַ יונגנמאַן פון שווינדזוכטיקן אויסזען, אָנגעטון אויך אין אַזאַ קורטקע, און האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר האָט נישט געקאָנט אויס־רעדן צוליב די טרערן; האָט זי אָנגעהויבן און פלעגט שטיין בלייבן. דער יונגערמאַן האָט אין דער האַנט געהאַלטן אַ פּאַפּיר און, משמעות נישט ווויסנדיק וואָס צו טון דערמיט, האָט ער עס צונויפגעבויגן און געקנייטשט מיט אַ כּעסדיק פּנים. לעבן זיי איז געזעסן אַ דיק שיין מיידל מיט רויטע באַקן און זייער אַרויסגעשפּאַרטע אויגן, אין אַ גרוי קלייד און אַ פּעלערינע. זי איז געזעסן לעבן דער וויינענדיקער מוטער און זי צערטלעך געגלעט איבער דער פּלייצע. אַלץ איז געווען שיין אין דעמדאָזיקן מיידל: סיי די גרויסע ווייסע הענט, סיי די כוואַליעדיקע גע־שוירענע האָר, סיי די פעסטע נאָז און ליפּן; אָבער דער גרעסטער חן פון איר פּנים זענען געווען די ברוינע, שאָפענע, גוטע, אמתדיקע אויגן.

די שיינע אויגן אירע האָבן זיך אָפּגעריסן פון איר מוטערס פּנים אין דעם מאָמענט, ווען נעכליודאָוו איז אריין, און זיך באַגעגנט מיט זיין בליק. אָבער זי האָט זיך גלייך אָפּגעקערט און האָט עפּעס גיזאָגט דער מוטער. נישט ווייט פון דעם פאַרליבטן פּאָרל איז געזעסן א שוואַרצער, צעפּודלטער מאַן מיט א פינצטער פּנים און האָט מיט כעס גערעדט עפּעס צו א באַזוכער, וואָס איז געווען אָן א סימן פון באָרד, ענלעך אויף א „סקאָפּעץ".

נעכליודאָוו האָט זיך צוגעזעצט לעבן דעם אינספּעקטאָר און מיט א געשפּאַנטער נייגיריקייט געקוקט אַרום זיך.

אים צעשטרייט האָט א גלאַט געשוירן יינגעלע, וואָס איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט אים מיט א דין קעלעכל געפרעגט:

— און אויף וועמען וואַרט איר?

נעכליודאָוו האָט זיך פאַרוואונדערט איבער דער פראַגע, אָבער א קוק געטון אויף דעם יינגל און דערזעען אַן ערנסט, קלוג פּנים מיט אויפמערקזאַמע לעבעדיקע אויגן, האָט ער אים ערנסט געענטפערט, אַז ער וואַרט אויף א באַקאַנטער פרוי.

— איז זי אייער שוועסטער אָדער עפּעס אַנדערש? — האָט דאָס יינגל געפרעגט.

— ניין, נישט קיין שוועסטער, — האָט נעכליודאָוו פאַרוואונדערט געענטפערט. — און דו ביסט דאָ מיט וועמען? — האָט ער געפרעגט דאָס יינגל.

— איך בין דאָ מיט דער מאַמען. זי איז א פּאָליטישע, — האָט דאָס יינגל געזאָגט.

— מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ, — נעמט צו קאָליען, — האָט געזאָגט דער אינספּעקטאָר, וועלכער האָט משמעות איינגעפונען, אַז דער שמועס נעכליודאָווס מיט דעם יינגל איז אומגעזעצלעך.

מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ, אָט יענע שיינע מיידל מיט די שאָפּענע אויגן, וועלכע האָט צוגעצויגן נעכליודאָווס אויפמערקזאַמקייט, איז אויפגעשטאַנען, ווי הויך זי איז געווען, און מיט א פעסטן, ברייטן, שיער נישט מאַנסבילשן גאַנג צו צו נעכליודאָוון און צו דעם יינגל.

— וואָס פרעגט ער אייך, ווער איר זענט? — האָט זי געפרעגט נעכליודאָוון, לייכט שמייכלענדיק און מיט צוטרוי אַריינקוקנדיק אים אין די אויגן אַזוי פּשוט, גלייך ווי עס האָט גאָר קיין ספק נישט געקאָנט זיין

אין דעם, אַז זי איז מיט אַלעמען געווען, איז און דאַרף זיין אין פּשוטע, פריינטלעכע, ברידערלעכע באַציונגען.

— איך דאַרף עס וויסן, האָט זי געזאָגט און האָט זיך ברייט צע־שמייכלט דעם יינגל אין פּנים אריין מיט אַזאַ גוטן, ליבן שמייכל, אַז סיי דאָס יינגל, סיי נעכליודאָוו — ביידע האָבן זיי נישט ווילנדיק צוריקגע־שמייכלט אויף איר שמייכל.

— ער האָט מיך געפרעגט, צו וועמען בין איך געקומען.

— מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ, מ׳טאָר נישט רעדן מיט זייטיקע פּערזאָנען. איר ווייסט דאָך, — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט.

— גוט, גוט! — האָט זי געזאָגט און, מיט איר גרויסער ווייסער האַנט אָנגענומען פּאַר אַ העפטל קאַליען, וועלכער האָט פון איר קיין אויג נישט אַראָפּגענומען, האָט זי זיך אומגעקערט צו דעם שווינדזיכטיקנס מוטער.

— וועמענס יינגל איז דאָס? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט שוין באַם אינספּעקטאָר.

— איינער אַ פּאָליטישערס, טאַקע אין טורמע געבוירן געוואָרן, — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט מיט אַ שטיקל פּאַרגעניגן, גלייך ווי ווייזנדיק די זעלטנקייט פון זיין אַנשטאַלט.

— וואָס רעדט איר?

— יאָ, עס פאָרט איצט קיין סיביר מיט דער מ־־־ער.

— און דאָס מיידל?

— כ׳קאָן אייך נישט ענטפערן, — האָט דער אינספּעקטאָר גע־זאָגט, ציִענדיק מיט די אַקסלען. — אָט איז שוין באָגאָדוכאָווסקאָ אויך געקומען.

LV.

פון דער הינטערשטער טיר איז רירעוודיק ארויס די קליינע, גע־שוירענע, דארע, געלע ווערא יעפרעמאָווגא, מיט אירע מאָדנע, גרויסע, גוטע אויגן.

— נו, א דאנק, וואָס איר זענט געקומען, — האָט זי געזאָגט, דריקנדיק נעכליודאָוון די האנט. — זיך דערמאנט אין מיר? לאָמיר זיך זעצן.

— כ'האָב נישט דערוואַרט צו טרעפן אייך אין אזא צושטאנד.

— אָ, מיר איז גוט ווי די וועלט, אזוי גוט, אז בעסער דארף מען גאָרנישט, — האָט ווערא יעפרעמאָווגא געזאָגט, דערשראָקן קוקנדיק, ווי תמיד, מיט אירע מאָדנע גרויסע, גוטע, קיילעכדיקע אויגן אויף נעכליו־דאָוון און דרייענדיק מיטן געלן, דינינקן, אָדערדיקן האלז, וואָס האָט ארויסגעשטאַרצט פון צווישן די אָרימע, צעקנייטשטע און שמוציקע קראַ־געלעך פון דעם יאקל.

נעכליודאָוו האָט זי אָנגעהויבן אויסצופרעגן וועגן דעם, ווי אזוי זי איז געקומען אין אזא לאגע. ענטפערנדיק אים, האָט זי אים מיט גרויס באַלעבאטקייט געגומען אויסדערציילן וועגן איר פראָצעס. איר דערציילונג איז געווען מלא וגדוש מיט פרעמדווערטער וועגן פראָפּאגאנדירן, וועגן דעזאָרגאניזאציע, וועגן גרופּעס און סעקציעס, און אונטערסעקציעס, וואָס פון זיי האָבן אלע געוווּסט, — אזוי איז זי קענטיק געווען זיכער, — אָבער פון וועלכע נעכליודאָוו האָט קיינמאָל אפילו נישט געהערט.

זי האָט אים דערציילט, זייענדיק, ווייזט אויס, גאנץ זיכער, אז אים איז זייער אינטערעסאנט און אָנגענעם צו וויסן אלע סודות פון נאראָדאָ־וואָליזם. נעכליודאָוו אָבער האָט געקוקט אויף איר נעבעכדיקן האלז, אויף די שיטערע צעפּלאָנטענע האָר און האָט זיך געוווּנדערט, צו וואָס זי האָט עס אלץ געטון און דערציילט. מער פאר אלץ האָט זי אויסגעזעען גע־בעכדיק צוליב יענעם באשיינפּערלעכן פלאָנטער, וואָס איז בא איר געווען

אין קאָפּ. זי האָט, ווייזט אויס, זיך געהאַלטן פאַר אַ העלדין, וואָס איז גרייט מקריב צו זיין דאָס לעבן פאַר דעם דערפאָלג פון איר זאַך, און פון דער אַנדערער זייט וואָלט זי אפשר גאַרנישט געקאָנט דער־קלערן אין וואָס דידאָזיקע זאַך איז באַשטאַנען און אין וואָס — זיין דערפאָלג.

דער ענין, וועגן וועלכן ווערא יעפרעמאָוונא האָט געוואָלט רעדן מיט נעכליודאָוון, איז באַשטאַנען אין דעם, אַז איר חברטע, שוסטאָווא, וועלכע האָט אפילו נישט געהערט צו איר סובגרופּע, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, האָט מען מיט 5 חדשים צוריק געכאַפּט צוזאַמען מיט איר און אַריינגעזעצט אין פּעטראָפּאַוולער פעסטונג בלויז דערפאַר, וואָס מ׳האָט בײַ איר געפונען ביכער און פּאַפּירן, וועלכע מ׳האָט איר איבערגעגעבן צו באַהאַלטן. ווערא יעפרעמאָוונא האָט זיך טיילווייז געהאַלטן פאַר שולדיק אין שוסטאָוואָס זיצן און זי האָט נעכליודאָוון געבעטן רחמים, אַז ער, האָבנדיק אַזעלכע פאַרבינדונגען, זאָל טון אַלץ וואָס נאָר מעגלעך צו באַפרייען זי. אַ צווייטע זאַך, וואָס באָגאָדוכאָווסקאַיאַ האָט אים געבעטן, איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ער זאָל פאַר דעם אַרעסטירטן פון דער פּעטראָפּאַוולער פעסטונג גורעוויטש אויספּועלן אַ דערלויבעניש אויף זיך צו זעען מיט די קרובים און אויף באַקומען וויסנשאַפטלעכע ביכער, וואָס זענען אים נייטיק פאַר זיינע וויסנשאַפטלעכע שטודיען.

נעכליודאָוו האָט צוגעזאָגט פּרווון טון אַלץ, וואָס איז מעגלעך, ווען ער וועט זיין אין פּעטערבורג.

איר געשיכטע האָט ווערא יעפרעמאָוונא דערציילט אַזוי: נאָכן ענדיקן די אַקושער־קורסן איז זי זיך צונויפגעגאַנגען מיט דער פּאַרטיי פון די „נאַראָדאָוואָליסטן" און האָט צוזאַמען מיט זיי געאַרבעט. לכתחילה איז אַלץ געגאַנגען כשורה, מ׳האָט געשריבן פּראָקלאַמאַציעס, פּראָפּאַגאַנדירט אויף די פאַבריקן, נאָר דערנאָך האָט מען געכאַפּט זייער אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט, האָט מען פאַרנומען פּאַפּירן און מ׳האָט אָנגעהויבן צו אַרעסטירן אַלעמען.

— האָט מען מיך אויך אַרעסטירט און איצט שיקט מען מיך אַרויס... — האָט זי פאַרענדיקט איר געשיכטע. — אָבער דאָס איז גאָרנישט. איך פיל זיך אויסגעצייכנט, — מיין זעלבסטגעפיל איז ממש אָלימפּיש, — האָט זי געזאָגט און געגעבן אַ רחמנות־שמייכל.

נעכליודאָוו האָט זיך געפרעגט אויף דעם מיידל מיט די שאָפּענע

אויגן; ווערא יעפרעמאָוונא האָט דערציילט, אַז דאָס איז אַ גענעראַלס אַ טאָכטער, געהערט שוין לאַנג צו דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי און איז אַריינגעפאַלן דערפאַר, וואָס זי האָט גענומען אויף זיך דעם שאָס אויף אַ זשאַנדאַרם. זי האָט געוווינט אויף אַ קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר, ווו ס'איז געווען אַ דרוקעריי. איינמאָל באַנאַכט איז מען געקומען אויף אַ רעוויזיע, האָבן די באַוווינער פון דער קוואַרטיר באַשלאָסן זיך צו פאַרטיידיקן, האָבן פאַרלאָשן דאָס פייער און גענומען פאַרניכטן די שפּורן. די פּאָליציאַנטן האָבן זיך אַריינגעריסן אינעווייניק, דאַן האָט איינער פון די רעוואָלוציאָנערן אויסגעשאָסן און שטערבלעך פאַרוווּנדעט אַ זשאַנדאַרם. אַז מ'האָט גענומען אויספרעגן, ווער עס האָט געשאָסן, האָט זי געזאָגט, אַז זי האָט עס געשאָסן, הגם זי האָט קיינמאָל קיין רעוואָלווער אין האַנט נישט גענומען און וועט קיין שפין אפילו נישט הרגענען. און אַזוי איז געבליבן. גייט זי איצט אויף קאַטאָרגע.

— אַן אַלטרויִסטישע שיינע פּערזענלעכקייט... — האָט ווערא יעפרעמאָוונא געזאָגט מיט אַ טאָן פון הסכמה.

אַ דריטער ענין, וואָס וויערא יעפרעמאָוונא האָט געוואָלט וועגן דעם רעדן, איז געווען שייך צו מאַסלאָווען. זי האָט געוווּסט, אַזוי ווי אַלע אין טורמע האָבן עס געוווּסט, מאַסלאָוועס געשיכטע און נעכליודאָווס באַציונגען צו איר, האָט זי אים געגעבן אַן עצה, ער זאָל זיך משתדל זיין, מ'זאָל זי אַריבערפירן צו די פּאָליטישע אָדער לכל הפּחות — אַלס וועכטערין אין שפּיטאָל, ווו ס'זענען איצטער אַזוי פיל קראַנקע און מ'נייטיקט זיך אין הענט.

נעכליודאָוו האָט איר באַדאַנקט פאַר דער עצה און געזאָגט, אַז ער וועט זעען טון אין דעם.

LVI.

דער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם אינספּעקטאָר, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבן און געמאָלדן, אַז די צייט פון דער זעונג האָט זיך געענדיקט און מ'דאַרף זיך שוין צעגיין. נעכליודאָוו איז אויפגעשטאַנען, זיך געזעגנט מיט ווערא יעפרעמאָוונען און איז אָפּגעגאַנגען צו דער טיר, באַ וועלכער ער איז שטיין געבליבן, אָבסערווירנדיק, וואָס פאַר אים איז פאָרגעקומען.

— מיינע הערן, שוין צייט, שוין צייט, — האָט דער אינספּעקטאָר אַלע ווײַלע געזאָגט, דאָ אויפשטייענדיק, דאָ זיך ווידער צוגעזעצט.

דעם אינספּעקטאָרס פאָדערונג האָט באַ די אַרעסטירטע און באַ די באַזוכער, וואָס האָבן זיך געפונען אין צימער, אַרויסגערופן מער נישט ווי אַ גרעסערע באַלעבונג, אָבער קיינער האָט אפילו נישט געטראַכט זיך פונאַנדערצוגיין. אייניקע זענען אויפגעשטאַנען און גערעדט שטייענדיקערהייט. אייניקע זענען געבליבן זיצן און רעדן. אייניקע האָבן זיך אָנגעהויבן צו געזעגענען און וויינען. זייער רירנדיק איז געווען די מוטער מיטן שווינדזיכטיקן זון. דער יונגערמאַן האָט געהאַלטן אין איין דרייען דאָס פּאַפּירל, און דאָס פּנים איז אים געוואָרן אַלץ בייזער, — אַזוי גרויס זענען געווען די אָנשטרענגונגען, וואָס ער האָט געמאַכט, אַבי זיך נישט אָנצושטעקן מיט דער מוטערס געפיל. די מוטער ווידער, דערהערנדיק, אַז מען דאַרף זיך געזעגענען, האָט אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אים אויפן אַקסל און האָט געיאָמערט, סאָפּענדיק מיט דער נאָז. דאָס מיידל מיט די שאָפענע אויגן — נישט ווילנדיק האָט נעכליודאָוו איר נאָכגעקוקט — איז געשטאַנען פאַר דער כליפּענדיקער מוטער און עפּעס גערעדט צו איר באַרויִקנדיקע ווערטער. דער אַלטער אין די בלויעברילן האָט שטייענדיקערהייט געהאַלטן זיין טאָכטער פאַר דער האַנט און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף דעם, וואָס זי האָט גערעדט. די יונגע פאַרליבטע זענען אויפגעשטאַנען און זיך געהאַלטן פאַר די הענט, קוקנדיק שווייגנדיקערהייט איינס דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין.

— בלויז זיי איז פריילעך, — האָט, ווייזנדיק אויף דעם פאַרליבטן

פּאַרל, געזאָגט דער יונגערמאַן אין דעם קורצן זשאַקעט, וועלכער איז געשטאַנען לעבן נעכליודאָוון און האָט אויך אַזוי געקוקט אויף דער געזעגעניש.

שפּירנדיק אויף זיך נעכליודאָווס און דעם יונגנמאַנס בליקן — האָט דער יונגערמאַן אין דער גוטאָפּערטשענער קורטקע און דאָס העל־בלאָנדע חנעוודיקע מיידל אויסגעצויגן די פאַרפלאָכטענע הענט, צוריקגעטרעטן אַהינטער און מיט אַ געלעכטער אָנגעהויבן זיך צו דרייען.

— היינט אין אָוונט האָבן זיי חתונה דאָ, אין טורמע, און זי גייט מיט אים אין סיביר, — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט.

— ווער איז ער דען?

— אַ קאַטאָרזשאַנער. כאָטש זיי מאַכן זיך לוסטיק, פונדעסטוועגן איז ממש אַ צער צו הערן, — האָט דער יונגערמאַן אין דעם זשאַקעט צוגעגעבן, זיך צוהערנדיק צו דעם שווינדזיכטיקנס מוטערס יללות.

— מיינע הערן, איך בעט אייך זייער! נישט צווינגט מיך אָנצונעמען מיטלען פון שטרענגקייט, — האָט דער אינספּעקטאָר געזאָגט, איבערחזרנדיק צו עטלעכע מאָל די זעלבע זאַג. — איך בעט אייך, נו, איך בעט אייך, — האָט ער גערעדט שוואַך און אומאַנטשלאָסן. — וואָס איז דאָס אַזוינס? שוין דאָך לאַנג צייט. אַזוי איז דאָך אוממעגלעך. איך זאָג אייך דאָס לעצטע מאָל, — האָט ער פאַראומערט גערעדט, דאָ פאַררייכערט, דאָ פאַרלאָשן זיין מאַרילאַנדישן פּאַפּיראָס. מ'האָט געזעען באַשיינפּערלעך, אַז ווי קונציק און אַלט און אָנגענומען עס זענען געווען די מאָטיוון, וואָס דערלויבן די מענטשן צו טון שלעכטס אַנדערע און נישט פילן זיך פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר, האָט דער אינספּעקטאָר דאָך געמוזט זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אַז ער איז איינער פון די שולדיקע אין דעם צער, וואָס האָט זיך אין דעמדאָזיקן צימער אַנטפּלעקט; און אים איז געווען שרעקלעך שווער, מ'האָט עס געזעען באַשיינפּערלעך.

ענדלעך האָבן די אַרעסטירטע און די באַזוכער אָנגעהויבן זיך פונאַנדערצוגיין: טייל אין דער אינעווייניקסטער טיר אַריין, טייל אין דער דרויסנדיקער. ס'זענען פאַרביי די מענער אין דער גוטאָפּערטשענער קורטקע, און דער שווינדזוכטיקער, און דער שוואַרצער דער צעשויבערטער; שוין אויך אָוועק מאַריאַ פּאַוולאָווגאַ מיטן יינגל, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין תּפיסה.

אויך די באַזוכער האָבן זיך גענומען פונאַנדערגיין. מיט אַ שווערן

טריט איז אוועק דער אַלטער אין די בלויע ברילן. נאָך אים האָט זיך אויך נעכליודאָוו געלאָזט גיין.

— אַזוי, אַזוי, מאָדנע אָרדנונגען, — האָט דער באָרעדטער יונגער־מאַן ווי פאַרגעזעצט דעם איבערגעריסענעם שמועס, אָראָפּגייענדיק צוזאַ־מען מיט נעכליודאָוון פון די טרעפּ. — אַ גליק נאָך, וואָס דער קאַפּיטאַן איז אַ גוטער מענטש, האַלט זיך נישט אין די כּללים, קאָנען אַלע אויס־רעדן דאָס האַרץ.

בשעת נעכליודאָוו איז שמועסנדיק מיט מעדינצעוון, — אַזוי האָט דער באָרעדטער יונגערמאַן זיך פאָרגעשטעלט, — אַראָפּ אין פאָרהויז — איז דער אינספּעקטאָר מיט אַ מיד פּנים צו זיי צו.

— איז אויב איר ווילט זעען מאַסלאָווען, זייט אַזוי גוט צו קומען מאָרגן, — האָט ער געזאָגט, ווייזט אויס — געוואָלט זיין ליבנסווירדיק מיט נעכליודאָוון.

— זייער גוט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט און איז אויף גיך אַרויס.

שרעקלעך זענען, ווייזט אויס, געווען די אומשולדיקע ליידן מענ־שאָווס, — און נישט אַזוי זיינע פיזישע ליידן, ווי יענץ פאַרווונדערונג, יענער אומצוטרוי צו גוטס און צו גאָט, וואָס ער האָט געמוזט איבער־לעבן, צוזעענדיק דאָס אַכזריות פון מענטשן, וועלכע פייניקן אים אומ־זיסט־אומנישט; שרעקלעך זענען געווען די בזיונות און די יסורים, וואָס מ'האָט אַרויפגעלייגט אויף דידאָזיקע הונדערטער גאַנץ אומשולדיקע מענטשן נאָר דערפאַר, וואָס אין דעם פּאַפּיר שטייט נישט אַזוי פאַר־שריבן. שרעקלעך דידאָזיקע דול געוואָרענע אויפזעער, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט פייניקן זייערע ברידער, און זענען זיכער, אַז זיי טוען אַ גוטע און אַ וויכטיקע זאַך. אָבער שרעקלעכער פאַר אַלץ איז אים פאַרגעקו־מען דער שוין באַיאָרטער און נישט גאָר געזונטער און גוטער אינספּעק־טאָר, וועלכער דאַרף צעשיידן אַ מוטער מיט אַ זון, אַ פאָטער מיט אַ טאָכטער, פּונקט אַזעלכע מענטשן, ווי ער אַליין און זיינע קינדער.

„צי וואָס איז עס נייטיק?" האָט נעכליודאָוו זיך געפרעגט, איבער־לעבנדיק איצטער אין העכסטן גראַד יענץ געפיל פון מאָראַלישער, שיער נישט פיזישער נישט־גוטקייט, וואָס ער האָט אַלעמאָל געשפּירט אין טורמע, — און נישט געפונען קיין ענטפער.

LVII.

אויף צומארגנס איז נעכליודאָוו אוועקגעפאָרן צום אַדוואָקאַט און אים מיטגעטיילט דעם ענין פון די מענשאָוס און געבעטן, ער זאָל אויף זיך נעמען די פאַרטיידיקונג. דער אַדוואָקאַט האָט אויסגעהערט און געזאָגט, אַז ער וועט אַ קוק טון דעם ענין, און אויב אַלץ איז אַזוי, ווי נעכליודאָוו זאָגט, וועט ער — קאָן זייער מעגלעך זיין — נעמען אויף זיך די פאַרטיידיקונג אָן שום האָנאָראַר. אגב האָט נעכליודאָוו דערציילט דעם אַדוואָקאַט וועגן די 130 מאַן, וואָס זענען אַרעסטירט צוליב אַן אומפאַרשטענדעניש, און האָט געפרעגט: אָן וועמען ווענדט זיך עס? ווער איז שולדיק? דער אַדוואָקאַט האָט אַ ווײַלע געשוויגן, ווייזט אויס — געוואָלט ענטפערן פּינקטלעך.

— ווער איז שולדיק? קיינער נישט, — האָט ער אַנטשלאָסן געזאָגט. — וועט איר זאָגן דעם פּראָקוראָר, וועט ער זאָגן, אַז דער גובערנאַטאָר איז שולדיק; וועט איר זאָגן דעם גובערנאַטאָר, וועט ער זאָגן, אַז שולדיק איז דער פּראָקוראָר. קיינער איז נישט שולדיק.

— איך פאָר באַלד צו מאַסלעניקאָוון און וועל אים זאָגן.

— נו, דאָס איז אַרויסגעוואָרפן, — האָט דער אַדוואָקאַט מיט אַ שמייכל זיך אָפּגערופן. — דאָס איז אַזאַ... — איז ער נישט אייערס אַ קרוב אָדער אַ פרײַנט? — דאָס איז אַזאַ האָלץ, איך בעט איבער אייער כבוד, און גלײַכצײַטיק — אַ דורכגעטריבענער כּלב.

נעכליודאָוו האָט זיך דערמאָנט, וואָס מאַסלעניקאָוו האָט געזאָגט אויף דעם אַדוואָקאַט, האָט ער גאָרנישט געענטפערט, זיך אָפּגעזעגנט און אוועקגעפאָרן צו מאַסלעניקאָוון.

נעכליודאָוו האָט געדאַרפט בעטן מאַסלעניקאָוון וועגן צוויי זאַכן: וועגן אַריבערפירן מאַסלאָוואַ אין שפּיטאָל און וועגן די 130 אומשולדיק אײַנגעזעצטע אין טורמע צוליב די פּעסער. ווי שווער אים איז נישט געווען צו בעטן אַ מענטש, וואָס ער האָט אים נישט געאַכט, — איז דאָס אָבער געווען דאָס אייציקע מיטל צו דערגרייכן דעם ציל, און מ׳האָט עס געמוזט דורכמאַכן.

צוגעפאָרן צו מאַסלעניקאָווס הויז, האָט נעכליודאָוו דערזעען באַם גאַניק עטלעכע עקיפּאַזשן: דראָזשקעס, קאַלאַמאַסקעס און קאָטשן, און האָט זיך דערמאַנט, אַז גראָד היינט איז געווען דער אויפנאַם-טאָג באַ מאַסלעניקאָווס פרוי, וואָס אין דעם טאָג האָט ער אים געבעטן קומען. בשעת נעכליודאָוו איז צוגעפאָרן צום הויז, איז אַ קאָטש געשטאַנען באַ דער פראָנט-טיר און דער לאָקיי אין אַ קאַפּעלוש מיט אַ קאָקאַרדע און אין אַ פּעלערינע האָט געהאָלפן איינשטייגן אויף דער שוועל פון גאַניק אַ דאַמע, וועלכע האָט אײַנטערגעכאַפּט דעם שלייף אירן און אַנטבלעקט די שוואַרצע, דינע קנעכלעך אין די לאַטשן. צווישן די עקיפּאַזשן האָט ער אויך דערקענט דאָס פאַרמאַכטע לאַנדאָ פון די קאָרטשאַגינס. דער גרויער קוטשער מיט די רויטע באַקן האָט מיט דרך-ארץ און פריינטלעכקייט אַראָפּגענומען דעם הוט ווי פאַר אַ גאָר באַקאַנטן הער. איידער נעכליודאָוו האָט נאָך צייט געהאַט צו פרעגן דעם שווייצאַר, ווו איז מיכאַיל איוואַנאָוויטש (מאַסלעניקאָוו), האָט יענער זיך באַוויזן אויף די טרעפּ מיט די טעפּיכער, באַגלייטנדיק זייער אַ וויכטיקן גאַסט, אַזאַ גאַסט, וואָס ער פלעגט באַגלייטן שוין נישט ביז צו די טרעפּ בלויז, נאָר ביזן סאַמע אונטן. דערדאָזיקער זייער וויכטיקער מיליטערישער גאַסט האָט, אַראָפּגייענדיק, גערעדט אויף פראַנצויזיש וועגן אַ לאָטעריע לטובת די קינדער-הייזער, וואָס מ׳גייט עפענען אין שטאָט, אַרויסגעזאָגט דערביי אַ מיינונג, אַז דאָס איז אַ גוטע אַרבעט פאַר די דאַמען: „אַז זיי איז פריילעך, אַז מ׳מאַכט געלט!" Qu'elles s'amusent et que le bon Dieu les benisse *). —

— אַ, נעכליודאָוו, גוט מאָרגן. וואָס זעט מען עס אייך אַזוי לאַנג נישט? — האָט ער באַגריסט נעכליודאָוון. — Allez presenter vos devoirs à madame **), די קאָרטשאַגינס זענען אויך דאָ. St Nadin Bukshevden. Toutes les jolies femmes de la ville ***), — האָט ער געזאָגט, אונטערשטעלנדיק און עטוואָס אונטערהייבנדיק זיינע מיליטערישע אַקסלען אַנצוטון דעם שינעל, וואָס זיין אייגענער גרויסאַרטיקער לאָקיי מיט גאָלדענע גאַלאָנען האָט אים דערלאַנגט.

---

*) זאָלן זיי זיך אַמוזירן און גאָט זאָל זיי בענטשן.

**) גייט פּרעזענטירן אייער אַכטונג די דאַמען.

***) און נאַדינאַ בוקסהעוודען. אַלע שיינע פרויען פון דער שטאָט.

— Au revoir mon cher*), — ער האָט אַ דריק געטון מאָסלעניקאָוון די האַנט.

— נו, לאָמיר אַרויפגיין אויבן, איך בין אַזוי צופרידן, — האָט מאַסלעניקאָוו אַן אויפגעלעבטער געזאָגט, אַ כאַפּ געטון אונטער דער האַנט נעכליודאָוון און טראָץ זיין קאָרפּולענץ אים האַסטיק מיטגעשלעפּט אַרויפצו. מאַסלעניקאָוו איז געווען גאָר פרייליך אויפגעלעבט, מחמת דער אויפמערקזאַמקייט, וואָס די וויכטיקע פּערזאָן האָט אים אַרויסגעוויזן. יעדע אויפמערקזאַמקייט פון דעם מין פלעגט אַריינברענגען מאַסלעניקאָוון אין פּונקט אַזאַ התפּעלות, אין וועלכער עס קומט אַריין אַ הינטל, נאָכדעם ווי דער באַלעבאָס גיט עס אַ גלעט, אַ קיצל, אַ קראַץ הינטער די אויערן. דאָס הינטל דרייט מיטן עק, שרומפּט זיך איין, ציט זיך אויס, דריקט צו די אויערן און טראָגט זיך משוגענערווייז אין אַ רעדל אַרום. דאָס נעמלעכע איז מאַסלעניקאָוו גרייט געווען צו טון. ער האָט נישט באַמערקט דעם ערנסטן אויסדרוק אויף נעכליודאָווס פּנים, נישט געהערט, וואָס ער זאָגט און אָן אַ פּאַהאַלט געשלעפּט אים אין גאַסטצימער אַריין, אַזוי, אַז מ'האָט זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן, און נעכליודאָוו איז מיטגעגאַנגען.

— וועגן געשעפטן שפּעטער; וואָס דו וועסט זאָגן, וועל איך אַלץ טון, — האָט מאַסלעניקאָוו געזאָגט, דורכגייענדיק מיט נעכליודאָוון איבערן זאַל. — דערלייגט דער גענעראַלשע, אַז פירשט נעכליודאָוו איז דאָ, — האָט ער גייענדיק אַ זאָג געטון צום לאָקיי. דער לאָקיי האָט, פאַרלויפנדיק זיי דעם וועג, זיך אַ לאָז געטון פאָרויס. — Vous n'avez qu'a ordonner**). אָבער די פרוי מוזסטו זעען אומבאַדינגט. אַזוי האָב איך אויך גענוג געקריגן דערפאַר, וואָס איך האָב דיך דאָס פאָריקע מאָל נישט געבראַכט.

דער לאָקיי האָט שוין באַוויזן צו מעלדן, בשעת זיי זענען אַריין, און אַננאַ איגנאַטיעוונאַ, די וויצעגובערנאַטאָרין, די גענעראַלשע, ווי זי האָט זיך אַליין גערופן, האָט זיך שוין מיט אַ שיינענדיקן שמייכל אַרויסגעבויגן צו נעכליודאָוון, פון הינטער די היטלעך און קעפּ, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט באַם דיוואַן. אין צווייטן עק גאַסטצימער באַם

*) צום ווידערזעען, מיין טייערער.

*) איר דאַרפט נאָר באַפעלן.

טיי-טיש זענען געזעסן די דאַמען און געשטאַנען די מענער — מיליטער-לייט און ציווילע, און ס׳האָט זיך געהערט דער אומאויפהערלעכער קנאַל פון מאַנסבילשע און וויבערישע שטימען.

— Enfin (*! וואָס ווילט איר אונז גאָרנישט קענען? מיט וואָסהאָבן מיר אייך באַליידיקט?

מיט אַזעלכע ווערטער, וועלכע האָבן פּאַראויסגעזעצט אַן אינטימיטעט צווישן איר און נעכליודאָוו, וואָס דאָס איז גאָר קיינמאָל נישט געווען, האָט אַננאַ איגנאַטיעוונאַ באַגעגנט דעם אריינגעקומענעם.

— איר זענט באַקאַנט? באַקאַנט? מאַדאַם ביעלאַווסקאַיאַ, מיכאַיל איוואַנאָוויטש טשערנאָוו. — זעצט זיך נענטער. — מיסי, venez donc à notre table. On vous apportera votre thé... (** און איר... — האָט זי זיך געווענדט צו דעם אָפיציר, וואָס האָט גערעדט מיט מיסין, וואָס זי האָט באַשיינפּערלעך פאַרגעסן זיין נאָמען: — זייט מוחל אַהער. טיי, פירשט, וועט איר הייסן דערלאַנגען?

— בשום אופן נישט, בשום אופן נישט וועל איך נישט מסכים זיין; זי האָט פּשוט נישט ליב געהאַט, — האָט געזאָגט אַ פרויען-שטימע.

— נאָר ליב געהאַט פּוטערקוכן.

— די אייביק נאַרישע וויצלעך, — האָט מיט אַ געלעכטער זיך אָנגענומען אַ צווייטע דאַמע אין אַ הויכן הוט, וועלכע האָט געבלאַנקט מיט זייד, גאָלד און בריליאַנטן.

— C'est excellent (*** — אָט די וואַפעלעך און עסן זיך אַזוי גרינג. דערלאַנגט אַהערצו נאָך אַ ביסל.

— נו, וואָס, איר פאָרט אינגיכן?

— יאָ, היינט שוין דעם לעצטן טאָג. דערפאַר טאַקע זענען מיר געקומען צו פאָרן.

*) ענדלעך.

**) מיסי, קומט צו צו אונזער טיש. מ׳וועט אייך דערלאַנגען אייער טיי אַהערצו.

***) דאָס איז גרויסאַרטיק.

— אַזאַ הערלעכער פרילינג, ס'איז איצט אַזוי גוט אין דאָרף.

מיסי, אין אַ קאַפּעלוש און אין אַזאַ טונקל־געשטרייפט קלייד, וואָס האָט אָן איין פעלבעלע אַרומגענומען איר דינע טאַליע, גלייך ווי זי איז אין דעמדאָזיקן קלייד געבוירן געוואָרן, איז געווען זייער שיין. זי איז רויט געוואָרן, דערזעענדיק נעכליודאָוון.

— אַבי איך האָב געמיינט, אַז איר זענט אַוועקגעפאָרן, — האָט זי צו אים געזאָגט.

— אַזוי גוט, ווי אַוועקגעפאָרן, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט. — ענינים האָבן מיך פאַרהאַלטן. אַהער בין איך אויך געקומען וועגן אַן ענין.

— פאָרט אַריין צו דער מאַמאַ! זי וויל אייך זייער זען, — האָט זי געזאָגט און, פילנדיק, אַז זי ליגט און ער פאַרשטייט עס, איז זי נאָך מער רויט געוואָרן.

— איך ווייס נישט, צי וועל איך צייט האָבן, — האָט נעכליודאָוו פינצטער געענטפערט, זיך באַמיענדיק צו מאַכן אַ מינע, אַז ער באַמערקט נישט, ווי זי איז רויט געוואָרן.

מיסי איז ברוגז געוואָרן, אַ צי געטון מיט די אַקסלען און זיך געווענדט צו דעם עלעגאַנטן אָפיציר, וועלכער האָט אַרויסגעכאַפּט בײַ איר פון דער האַנט דאָס ליידיקע טעצל און, זיך פאַרטשעפּענדיק מיט דער שאַבלע אָן די שטולן, האָט ער עס העלדיש אַריבערגעטראָגן אויף אַן אַנדערן טיש.

— איר מוזט אויך מנדב זיין פאַרן קינדערהויז.

— איך זאָג זיך גאָרנישט אָפּ, אָבער איך וויל די ברייטקייט מיינע אָפּשפּאָרן אויף דער לאָטעריע. דאָרט וועל איך זיך שוין אַרויסווייזן מיט דער גאַנצער קראַפט.

— נו, געדענקט־זשע, האָט זיך דערהערט אַ שטימע מיט אַ בפירוש געמאַכט געלעכטער.

דער אויפנאַם־טאָג איז געווען אַ גלענצנדער, און אַננאַ איגנאַטיעוונאַ איז געווען אַנטציקט.

— מיר האָט מיקאַ געזאָגט, אַז איר זענט פאַרנומען אין די טורמעס. איך פאַרשטיי דאָס זייער גוט, — האָט זי געזאָגט צו נעכליודאָוון. — מיקאַ (דאָס איז געווען איר דיקער מאַן, מאַסלעניקאָוו) קאָן אפשר האָבן אַנדערע חסרונות, איר ווייסט דאָך אָבער, סאַראַ גוטער ער

איז. דידאָזיקע אַלע אומגליקלעכע אַרעסטאַנטן זענען זיינע קינדער. ער קוקט גאָר אַנדערש נישט אויף זיי Il est d'une bonté...(*

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, נישט געפינענדיק קיין ווערטער, וועלכע זאָלן אויסדריקן די bonté פון יענעם מאַן אירן, וואָס לויט זיין פאַראַרד-נונג האָט מען געשמיסן מענטשן, און תיכף ומיד האָט זי זיך מיט אַ שמייכל געווענדט צו אַן אַריינקומענדיקער אַלטער צעקנייטשטער זקנה אין לילאַ-בענדער.

אַ שמועס געטון, וויפיל ס'איז נייטיק געווען, און אַזוי אינהאַלטס-לאָז, ווי ס'איז אויך נייטיק געווען, נאָר פון יוצא ווענן, איז נעכליודאָוו אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו מאַסלעניקאָוון.

— איז, אַלזאָ, קאָנסטו מיך איצטער אויסהערן?

— אַך, יאָ! נו, אדרבא! קום, לאָמיר אַריינגיין אַהערצו.

זיי זענען אַריין אין דעם קליינעם יאַפּאַנישן קאַבינעטל און זיך געזעצט באַם פענצטער.

LVIII.

— נו, je suis à vous(**. ווערסט רייכערן? נאָר וואַרט, לאָמיר אַקאָרשט דאָ נישט אָנמאַכן, — האָט ער געזאָגט און געבראַכט אַן אַש-בעכער, — אַלזאָ!

— איך האָב צו דיר צוויי ענינים.

— אַזוי גאָר.

מאַסלעניקאָווס פּנים איז געוואָרן פינצטער און פאַראומערט. אַלע שפּורן פון יענער אויפגעלעבטקייט פון אַ הינטל, וואָס דער באַלעבאָס האָט עס אַ קראַץ געטון הינטער די אויערן, איז לגמרי פאַרשוווּנדן. פון גאַסטצימער האָבן זיך דערטראָגן שטימען, איין פרויען-שטימע האָט גע-

---

*) ער איז די גוטסקייט אַליין.

**) איך בין אין אייער רשות.

זאָגט: jamais, jamai je ne croirais (*, און אַן אַנדערע שטימע פון דעם אַנדערן עק צימער, אַ מאַנסבילישע, האָט עפּעס דערציילט, כסדר איבערחזרנדיק: Victor Apraksine און la comtesse Voronzoff (**. פון דער דריטער זייט האָט זיך געהערט בלויז אַ הוהאַ פון שטימען און אַ געלעכטער. מאַסלעניקאָוו האָט זיך צוגעהערט צו דעם. וואָס איז פאָרגעקומען אין גאַסטצימער; אויך נעכליודאָוו האָט צוגעהערט.

— איך בין ווידער געקומען וועגן יענער פרוי, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— יאָ, די אומשולדיק פאַרמשפּטע. איך ווייס, איך ווייס.

— איך וואָלט געבעטן זי איבערפירן אַלס דינסט אין שפּיטאָל. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז מ'קאָן דאָס מאַכן.

מאַסלעניקאָוו האָט פאַרדריקט די ליפּן און זיך פאַרטראַכט.

— אַ ספק, צי ס'איז מעגלעך, — האָט ער געזאָגט. — איבעריקנס, וועל איך זיך מיישב זיין און וועל דיר מאָרגן טעלעגראַפירן.

— מ'האָט מיר געזאָגט, אַז דאָרט זענען דאָ אַ סך חולאים און מ'דאַרף האָבן וואַרטערינס.

— נו יאָ, נו יאָ. איך וועל דיר אַלנפאַלס געבן צו וויסן.

— איך בעט דיך זייער, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

פון גאַסטצימער האָט זיך געלאָזט הערן אַן אַלגעמיין און אפילו אַ נאַטירלעך געלעכטער.

— דאָס איז אַלץ וויקטאָר, — האָט מאַסלעניקאָוו מיט אַ שמייכל געזאָגט, — ער איז זעלטן שאַרפזיניק, ווען ער איז אין דער שטימונג.

— און נאָך עפּעס, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, — עס זיצן איצט אין טורמע 130 מאַן נאָר דערפאַר, וואָס זייערע פּעסער זענען אויסגעגאַנגען. מ'האַלט זיי דאָ אַ חודש צייט.

און ער האָט דערציילט, פאַרוואָס מ'האַלט זיי.

— ווי אַזוי זשע ביסטו דערפון געוווּיר געוואָרן? — האָט מאַסלעניקאָוו געפרעגט, און אויף זיין פּנים האָט זיך פּלוצלינג אויסגעדריקט אַן אומרויקייט און אַן אומצופרידנקייט.

---

*) קיינמאָל, קיינמאָל וואָלט איך עס נישט געטראַכט.

**) גרעפין וואָראָנצאָוו און וויקטאָר אַפּראַקסין.

— איך בין געגאַנגען צו אַ באַשולדיקטן, האָבן מיך אין קאָרידאָר דידאָזיקע מענטשן אַרומגערינגלט און געבעטן...

— צוואָס פאַר אַ באַשולדיקטן ביסטו געגאַנגען?

— צו אַ פויער, וועלכער ווערט אומשולדיק באַשולדיקט, האָב פאַר אים איינגעלאַדן אַ פאַרטיידיקער. אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. אָט די מענטשן, וואָס זענען אין גאָרנישט נישט שולדיק, האַלט מען דען אין טורמע נאָר דערפאַר, וואָס בא זיי זענען אויסגעגאַנגען די פּע־סער און...

— דאָס איז די זאַך פון דעם פּראָקוראָר, — האָט מאַסלעניקאָוו מיט פאַרדראָס איבערגעשלאָגן נעכליודאָוון, — דו זאָגסט: אַ גיכער און אַ גערעכטער משפט. די פליכט פון אַ געהילף־פּראָקוראָר איז צו באַזוכן די טורמע און געוויר ווערן, צי די אַרעסטאַנטן זיצן על פי דין. זיי טוען קיין זאַך נישט: שפּילן אין ווינט.

— קאָנסטו אַלזאָ גאָרנישט נישט טון? — האָט נעכליודאָוו פינצ־טער געפרעגט, דערמאַנענדיק זיך אין דעם אַדוואָקאַטס ווערטער, אַז דער גובערנאַטאָר וועט אַרויפוואַרפן אויפן פּראָקוראָר.

— ניין, איך וועל טון. איך וועל זיך באַלד אינפאָרמירן.

— איז פאַר איר נאָך ערגער.

— C'est un souffre douleur*), — האָט זיך פון גאַסטצימער געהערט אַ שטים פון אַ פרוי, וועלכע איז באַשיינפּערלעך געווען גלייכ־גילטיק צו דעם, וואָס זי האָט גערעדט.

— איז נאָך בעסער. וועל איך די אויך נעמען, — האָט זיך פון דעם אַנדערן עק דערטראָגן אַ קאָקעטישע שטים פון אַ מאַנסביל און אַ קאָקעטיש געלעכטער פון אַ פרוי, וועלכע האָט אים עפּעס נישט דערלויבט.

— ניין, ניין, בשום אופן נישט, — האָט די פרויענשטים געזאָגט.

— אַלזאָ, איך וועל טון אַלצדינג, — האָט מאַסלעניקאָוו ווידער געזאָגט, לעשנדיק דעם פּאַפּיראָס מיט זיין ווייסער האַנט מיט דעם טור־קעסענעם רינג, — איצט קום צו די דאַמען.

— און נאָך עפּעס, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, נישט אַריינגייענ־

---

*) דאָס איז אַ מאַרטירער.

דיק אין גאַסטצימער און שטיין בלייבנדיק בײַ דער טיר. — מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז מ׳האָט נעכטן אין טורמע געשמיסן מענטשן, איז דאָס אמת?

מאַסלעניקאָוו איז רויט געוואָרן.

— אַך, אַט וואָס דו ווילסט זאָגן? ניין, mon cher, מ׳טאָר דיך בפירוש נישט לאָזן אַהינצו, אַלץ איז דיך נוגע. קום, לאָמיר גיין, Anette רופט אונז, — האָט ער געזאָגט, נעמענדיק אים אונטער דער האַנט און ווידער אַרויסווייזנדיק אַזאַ אויפגעלעבטקייט, ווי באַלד נאָך דער אויפמערקזאַמקייט פון דער וויכטיקער פּערזענלעכקייט, אָבער דאָס מאָל שוין נישט קיין פרייליכע אויפגעלעבטקייט, נאָר אַן אומרויקע.

נעכליודאָוו האָט אַרויסגעריסן די האַנט פון מאַסלעניקאָווס, און, קיינעם נישט גריסנדיק און קיין זאַך נישט זאָגנדיק, מיט אַ פינצטער פּנים אַדורך דורך דעם גאַסטצימער, דורך דעם זאַל און, פאַרביי די אַרויסגעשפּרונגענע לאַקייען, אין פאָרהויז אַריין און אויף דער גאַס אַרויס.

— וואָס איז מיט אים געשען? וואָס האָסטו אים געטון? — האָט Anette געפרעגט דעם מאַן.

— דאָס איז à la française *), — האָט עמעצער געזאָגט.

— וואָס פאַר אַ à la française, דאָס איז גאָר à la zoulou **).

— נו יאָ, ער איז אַלעמאָל געווען אַזאַ.

עמעץ האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, עמעץ איז געקומען צו פאָרן, און דאָס פּיפּסערײַ איז ווידער אַוועק ווי געווען: די געזעלשאַפט האָט דעם נעכליודאָוו־עפּיזאָד אויסגענוצט אַלס באַקוועמע טעמע פאַר די שמועסן פון דעמדאָזיקן זשור־פיקס.

אויף מאָרגן האָט נעכליודאָוו באַקומען פון מאַסלעניקאָוון אַ בריוו אויף דיק גלאַנציק פּאַפּיר מיט אַ הערב און מיט זיגלען; אין דעם בריוו איז מיט אַ גרויסאַרטיק פעסט כתב געשטאַנען, אַז ער האָט אָנגעשריבן צו דעם אַרצט וועגן אַריבערפירן מאַסלאָווען אין שפּיטאָל אַריין און עס איז צו דערוואַרטן, אַז זיין פאַרלאַנג וועט דערפילט ווערן. ס׳איז געווען אונטערגעשריבן:

---

*) אויפן פראַנצויזישן שטייגער.

**) אויפן זולוסישן שטייגער.

דיין דיך ליבנדער „עלטערער חבר“ און אונטער דער חתימה „מאַסלעניקאָוו“ איז געווען געמאַכט אַ זעלטן קונציקער, גרויסער און פעסטער צוק.

— אַ שוטה! — האָט נעכליודאָוו זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, דערהויפּט דערפאַר, וואָס אין דעמדאָזיקן וואָרט „חבר“ האָט ער געפילט, אַז מאַסלעניקאָוו לאָזט זיך צו אים אַרונטער, ד. ה. אַז הגם ער האָט אויסגעפירט זייער אַ מאָראַליש-שמוציקן און שענדלעכן אַמט, האָט ער זיך פונדעסטוועגן געהאַלטן פאַר זייער אַ וויכטיקן מאַן און האָט געגלייבט, אַז אָנרופנדיק אים „חבר“, איז אויב ער חנפעט אים דערמיט נישט, ווייזט ער אים לכל-הפחות, אַז ער נעמט זיך צופיל נישט איבער מיט זיין גדולה.

LIX.

איינע פון די געוויינלעכסטע און פאַרשפּרייטסטע איינרעדענישן איז, אַז יעדער מענטש האָט זיך זיינע באַשטימטע אייגנשאַפטן, אַז פאַראַן מענטשן גוטע, שלעכטע, קלוגע, נאַרישע, אַפּאַטישע א. אַז. וו. נישטאָ אַזעלכע מענטשן. מיר קאָנען אויף אַ מענטש זאָגן, אַז ער איז אָפטער גוט, ווידער שלעכט, אָפטער קלוג ווידער נאַריש, אָפטער ענער-גיש ווידער אַפּאַטיש, און פאַרקערט; ס'וועט אָבער זיין נישט אמת, אַז מיר וועלן אויף איין מענטש זאָגן, אַז ער איז אַ קלוגער אָדער אַ נאַר, און אויף אַן אַנדערן — אַז ער איז אַ שלעכטער אָדער אַ גאַר. אָבער מיר טיילן אַלעמאָל אַזוי די מענטשן. און דאָס איז נישט ריכטיק. די מענטשן זענען ווי טייכן: דאָס וואַסער איז אין אַלע איינס און אומעטום דאָס זעלביקע, נאָר יעדער טייך איז דאָ שמאָל, דאָ האַסטיק, דאָ ברייט, דאָ שטיל, דאָ ריין, דאָ קאַלט, דאָ טריב, דאָ וואַרעם. מענטשן זענען אויך אַזוי. יעדער מענטש טראָגט אין זיך די עמבריאָנען פון אַלע מענטשלעכע אייגנשאַפטן און אַמאָל ווייזט ער אַרויס די אייגנשאַפטן און אַמאָל — יענע און איז אָפט גאָרנישט ענלעך אויף זיך, אָבער איינדראַמתן בלייבט ער דער זעלבער, טריי זיך אַליין. בא געוויסע מענטשן זענען דידאָזיקע ענדערונגען שאַרף ביז גאָר. און צו אַזעלכע

מענטשן האָט געהערט נעכליודאָוו. דידאָזיקע ענדערונגען זענען אין אים פאָרגעקומען סיי פון פיזישע סיבות סיי פון גייסטיקע. און אָט אַזאַ ענדערונג איז עס אין אים איצטער פאָרגעקומען.

יענץ געפיל פון פייערלעכקייט און פרייד פון דער באַנייונג, וועלכעס ער האָט געפילט נאָכן פראָצעס און נאָך דער ערשטשער זעונג מיט קאַטיושען, איז אינגאַנצן אַריבער און איז נאָך דער לעצטער זעונג פאַרביטן געוואָרן אויף שרעק, אפילו אויף דערווידערקייט צו איר. ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט זי נישט פאַרלאָזן, אַז ער וועט נישט ענדערן זיין באַשלוס חתונה צו האָבן מיט איר, אויב נאָר זי וועט עס וועלן; דאָס איז אים אָבער געווען שווער און פיינלעך.

אויף מאָרגן נאָך זיין באַזוך בא מאַסלעניקאָוון איז ער ווידער אַוועקגעפאָרן אין טורמע זיך צו זען מיט איר.

דער אינספעקטאָר האָט דערלויבט די זעונג, אָבער נישט אין דער קאַנצעלאַריע און נישט אין דעם אדוואָקאַטנצימער, נאָר אין דעם ווייבערישן באַזוכער-צימער. טראָץ זיין גוטמוטיקייט איז דער אינספעקטאָר מיט נעכליודאָוון געווען צוריקגעהאַלטענער ווי פריער: קענטיק די שמועסן מיט מאַסלעניקאָוון האָבן געהאַט אַלס פועל-יוצא די פאָרשריפט פון מער פאָרזיכטיקייט מיט דעמדאָזיקן באַזוכער.

— זען זיך קאָן מען, — האָט ער געזאָגט, — אָבער איך בעט אייך, אַ ן הילכות געלט איז ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט... וואָס איז שייך צום איבערפירן זי אין שפיטאָל אַריין, ווי זיין עקסעלענץ האָט געשריבן, קאָן מען דאָס יאָ און אויך דער דאָקטאָר איז מסכים. אָבער זי אַליין וויל נישט, זי זאָגט: אויף וועלכע קלאָגן דאַרף איך אַרויסטראָגן די טעפּלעך פון די מנוולים... דאָס איז דאָך, פירשט, אַזאַ אימה, — האָט ער צוגעגעבן.

נעכליודאָוו האָט גאָרנישט געענטפערט און געבעטן צולאָזן אים צו דער זעונג. דער אינספעקטאָר האָט געשיקט דעם אויפזעער, און נעכליודאָוו איז אים נאָכגעגאַנגען אין דעם ליידיקן ווייבערישן באַזוכער-צימער אַריין.

מאַסלאָוואַ איז שוין געווען דאָרטן, און זי איז אַרויס פון הינטער דער קראַטע אַ שטילע און אַ שעמעוודיקע. זי איז נאָענט צוגעגאַנגען צו נעכליודאָוון און, קוקנדיק פאַרביי אים, האָט זי שטיל געזאָגט:

— זייט מיר, דמיטרי איוואַנאָוויטש, מוחל, איך האָב אייערגעכטן גערעדט אַ סך שלעכטע זאַכן.

— נישט איך דאַרף אייך מוחל זיין... — האָט נעכליודאָוו געוועזט אָנגעהויבן.

— אָבער פונדעסטוועגן לאָזט מיך פּאַרט צורו, — האָט זי צוגעגעבן, און אין די שרעקלעך צעשיקלטע אויגן, מיט וועלכע זי האָט אים אָנגעקוקט, האָט נעכליודאָוו ווידער איבערגעלייענט אַן אָנגעשטרענגטן און בייזן אויסדרוק.

— צוואָס זאָל איך אייך עפּעס לאָזן?

— אָט אַזוי.

— פאַרוואָס אַזוי.

זי האָט אים ווידער אָנגעקוקט מיט דעם זעלבן — אַזוי האָט זיך אים אויסגעדאַכט — בייזן בליק.

— נו, איז אָט וואָס, — האָט זי געזאָגט. — איר לאָזט מיך צו רו, איך זאָג דאָס אייך אויף אַן אמת. איך קאָן נישט. וואַרפט דאָס אוועק אינגאַנצן, — האָט זי געזאָגט מיט ציטערנדיקע ליפּן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. — אויף אַן אמת. ליבערשט וועל איך זיך הענגען.

נעכליודאָוו האָט געפילט, אַז אין דעמדאָזיקן אָפּזאָג אירן איז געווען שנאה צו אים, נישט פאַרגעבענע באַליידיקונג, אָבער געווען אויך עפּעס אַנדערש — גוטס און וויכטיקס. דידאָזיקע באַשטעטיקונג פון איר פריערדיקן אָפּזאָג אין אַ גאַנץ רויקן צושטאַנד האָט מיטאַמאָל אויסגעמעקט אין נעכליודאָווס נשמה אַלע זיינע ספקות און אים צוריקגעבראַכט צו דער פריערדיקער ערנסטער, פייערלעכער און גערירטער שטימונג לגבי קאַטיושען.

— קאַטיושאַ, ווי איך האָב געזאָגט, בלייבט עס, — האָט ער אַרויסגערעדט באַזונדערס ערנסט. — איך בעט דיך, זאָלסט מיט מיר חתונה האָבן. אויב דו ווילסט אָבער נישט און כּל-זמן דו ווילסט נישט, וועל איך, פּונקט ווי פריער, זיין דאָרטן, ווו דו וועסט זיין, און וועל פאָרן אַהינצו, וווהין מ׳וועט דיך אַוועקפירן.

— דאָס איז אייער זאַך, איך וועל מער נישט רעדן, — האָט זי געזאָגט, און ווידער האָבן אירע ליפּן אַ ציטער געטון.

ער האָט אויך געשוויגן, פילנדיק, אַז ער איז נישט בכוח צו רעדן.

— איך פאָר איצט אין דאָרף אַריין, דערנאָך וועל איך פאָרן קיין פּעטערבורג, — האָט ער געזאָגט, ענדלעך זיך באַהערשנדיק. — איך וועל זיך משתדל זיין וועגן אייער, וועגן אונזער פּראָצעס, און מ׳וועט מיט גאָטס הילף אָפּשאַפן דעם פּסק-דין.

— מ'וועט גאַרנישט אָפּשאַפן — סיי-ווי-סיי. אויב נישט דערפאַר, איז פאַר עפּעס אַנדערש בין איך עס ווערט... — האָט זי געזאָגט, און ער האָט געזעען, וואָס פאַר אַ גרויסע אָנשטרענגונג זי האָט געמאַכט אויף איינצוהאַלטן די טרערן.

— נו, מענשאָוון האָט איר געזעען? — האָט זי פּלוצלינג געפרעגט צו באַהאַלטן איר אויפרעגונג. — עס איז דאָך אמת, אַז זיי זענען נישט שולדיק?

— יאָ, איך גלייב אַזוי.

— אַזאַ וווּנדערלעכע אַלטיטשקע, — האָט זי געזאָגט.

ער האָט איר דערציילט, װאָס ער איז געוווּיר געוואָרן באַ מענשאָוון, און האָט געפרעגט, אפשר דאַרף זי עפּעס האָבן; זי האָט געענטפערט, אַז זי דאַרף גאַרנישט.

זיי האָבן ווידער אַ ווײַלע געשוויגן.

— נו, און מכּוח דעם שפּיטאָל, — האָט זי פּלוצלינג געזאָגט, דער־ביי אַ קוק געטון אויף אים מיט איר שיקלדיקן בליק, -- װעל איך גיין, אויב איר ווילט, און טרינקען וועל איך אויך מער נישט.

נעכליודאָוו האָט שווייגנדיק איר אַרײַנגעקוקט אין די אויגן. אירע אויגן האָבן געשמייכלט.

— דאָס איז זייער גוט, — מער האָט ער גאַרנישט געקאָנט זאָגן און האָט זיך געזעגנט מיט איר.

— יאָ, זי איז גאָר אַן אַנדער מענטש, האָט נעכליודאָוו געטראַכט. נאָך די פריערדיקע ספקות האָט ער איבערגעלעבט אַ גאַנץ ניי, נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט געפיל פון בטחון אין דער אומבאַזיגלעכ־קייט פון דער ליבע.

נאָך דערדאָזיקער זעונג זיך צוריקגעקערט אין איר שטינקעדיקער קאַמער אַרײַן, האָט מאַסלאָוואַ אויסגעטון דעם כאַלאַט און זיך געזעצט אויף איר אָרט אויף די נאַרעס, אַראָפּגעלאָזט די הענט אויף די קני. אין קאַמער זענען מער נישט געווען ווי די שווינדזיכטיקע וולאַדימיר־סקאַיאַ מיטן זייגקינד, די אַלטע מענשאָוואַ און די באַן-וועכטערין מיט די צוויי קינדער. דעם דיאַקלס טאָכטער האָט מען נעכטן אָנערקענט פאַר פּסיכיש-קראַנק און אַוועקגעשיקט אין אַ שפּיטאָל. די איבעריקע פרויען האָבן געוואַשן וועש. די אַלטיטשקע איז געלעגן אויף די נאַרעס און גע־

שלאָפן; די קינדער זענען געווען אין קאָרידאָר (די טיר אין קאָרידאָר אַרויס איז געווען אָפן). וולאַדימירסקאַיאַ מיטן קינד אויף דער האַנט און די וועכטערין מיט אַ זאַק, וואָס זי האָט נישט אויפגעהערט צו שטריקן מיט די שנעלע פינגער, זענען צו צו מאַסלאָווען.

— נו, וואָס, זיך געזעען? — האָבן זיי געפרעגט.

מאַסלאָווא איז, נישט ענטפערנדיק, געזעסן אויף די הויכע נאַרעס, באָמבלענדיק מיט די פיס, וואָס האָבן נישט געגרייכט ביז צום דיל.

— וואָס האָסטו אַראָפּגעלאָזט די נאָז? — האָט די וועכטערין געזאָגט. — נאָר נישט פאַל באַ זיך אַראָפּ. — עך, קאַטיושאַ! נו! — האָט זי געזאָגט, האַסטיק מאַכנדיק מיט די פינגער.

מאַסלאָווא האָט נישט געענטפערט.

— און אונזערע ווייבער זענען אַוועק וועש וואַשן. זיי האָבן געזאָגט, אַז מ'וועט היינט טיילן חלקים. מ'האָט היינט אָנגעבראַכט אין טורמע פון אַלדאָס גוטס, — האָט וולאַדימירסקאַיאַ געזאָגט.

— פינאַשקאַ! — האָט די וועכטערין אַריינגעשריגן אין דער טיר, — וווהין ביסטו אַוועקגעלאָפן, קונדס דו איינער!

און זי האָט אַרויסגענומען אַ שפּיזל, אַריינגעשטעקט עס אין קנייַלעכל און אין זאַק און איז אַרויס אויפן קאָרידאָר.

אין ד ע ר רגע האָט זיך דערהערט אַ רעש פון טריט און ווייבערישע שטימען אין קאָרידאָר, און די קאַמער־זיצערינס אין שקראַבעס אויף די באָרוועסע פיס זענען אַריין אין דער קאַמער, טראָגנדיק צו קוילעטשן, און אייניקע — צו צוויי. פעדאָסיע איז תּיכף צוגעגאַנגען צו מאַסלאָווען.

— נו, וואָס הערט זיך, עפּעס נישט גלאַט, האַ? — האָט פעדאָסיע געפרעגט, מיט ליבשאַפט קוקנדיק אויף מאַסלאָווען מיט אירע לויטערע, בלויע אויגן. — אָט האָבן מיר צו דער טיי, — און זי האָט אָנגעהויבן אויסצולייגן די קוילעטשן אויף דער פּאָליצע.

— וואָס, האָט אוודאי חרטה, וויל נישט חתונה האָבן? — האָט קאָראַבליאָווא געזאָגט.

— ניין, ער האָט נישט קיין חרטה, איך אָבער וויל נישט, — האָט מאַסלאָווא געענטפערט.

— ביסט אַ נאַר, — האָט קאָראַבליאָווא געזאָגט מיט איר באַס.

— אוודאי, אז נישט לעבן צוזאַמען, נאָך וואָס טויג עס חתונה צו האָבן, — האָט פעדאָסיע געזאָגט.

— אָט גייט דאָך דיין מאַן מיט דיר, — האָט די וועכטערין זיך אָפּגערופן.

— נו, יאָ, מיר זענען דאָך אָבער מיט אים געזעצלעכע, — האָט פעדאָסיע געזאָגט. — און צוואָס זאָל ער מיט איר האָבן חופה, וויבאַלד אויף נישט לעבן צוזאַמען.

— אָט איז אַ נאַר! צוואָס? אַז ער וועט חתונה האָבן, וועט ער דאָך זי אָפּגילטן!

—ער האָט געזאָגט: ווהין מ'זאָל דיך נישט שיקן, וועל איך דיר נאָכפאָרן, — האָט מאַסלאָווא זיך אָפּגערופן. — וועט ער פאָרן, וועט ער פאָרן, טאָמער נישט, וועל איך אים נישט בעטן. איצט פאָרט ער קיין פּעטערבורג זיך משתדל זיין. אַלע מיניסטאָרן דאָרטן זענען זיינע קרובים, — האָט זי ווייטער גערעדט, — אָבער איך בייטיק זיך פאָרט נישט אין אים.

— אוודאי אַזוי! — האָט קאָראַבליאָווא פּלוצלינג מסכים געווען, פונאַנדערקלויבנדיק איר זעקל און, ווייזט אויס, טראַכטנדיק וועגן עפּעס אַנדערש. — נו, מיר ווען נעמען אפשר אַ — קאַפּעלע?

— איך נישט. — האָט מאַסלאָווא געענטפערט, — טרינקט אַליין.

צווייטער טייל

I.

אין צוויי וואָכן אַרום האָט דער פּראָצעס געקאָנט באַטראַכט ווערן אין סענאַט, און צו דער צייט האָט נעכליודאָוו געהאַט בדעה צו פאָרן קיין פּעטערבורג, און, אין פאַל פון אַ דורכפאַל אין סענאַט, אָנגעבן אַ בקשה אויפן אַלערהעכסטן נאָמען, ווי ס'האָט געראָטן דער אַדוואָקאַט, וואָס האָט אָנגעשריבן די בקשה. אין פאַל פון פאַרשפּילן די אַפּעלאַציע, וואָס דאָס האָט לויט דעם אַדוואָקאַטס מיינונג זייער געקאָנט געמאָלט זיין, ווייל די קאַסאַציע-מאָטיוון זענען געווען זייער שוואַכע, האָט די פּאַרטיע פאַרמשפּטע אויף קאַטאָרגע, וואָס צווישן זיי איז אויך מאַסלאָוואַ געווען, געקאָנט אָוועקגעשיקט ווערן אין די ערשטע טעג פון חודש יוני, און דעריבער, כדי צוצוגרייטן זיך צו דער נסיעה קיין סיביר צוזאַמען מיט מאַסלאָווען, וואָס דאָס האָט נעכליודאָוו פעסט באַשלאָסן, האָט ער געמוזט תיכף צופאָרן אין זיינע גיטער, איינצואָרדנען דאָרט זיינע געשעפטן.

קודם-כל איז נעכליודאָוו אַוועקגעפאָרן אין דעם דאָרף קוזמינסקאָיע, דאָס נאָענטסטע, גרויסע, שוואַרצערדיקע גוט, וואָס האָט געטראָגן די הויפּט-הכנסה. ער האָט פון צייט-צו-צייט געלעבט אין דעמדאָזיקן גוט קינדווייז און ייִנגלווייז, שפּעטער — שוין אַלס דערוואַקסענער געווען דאָ צוויי מאָל און איינמאָל, אויף דער מאַמעס בקשה, געבראַכט אַהינצו דעם פאַרוואַלטער, אַ דייטש, און רעווידירט מיט אים די ווירטשאַפט, אַזוי אַז ער האָט געקענט זיי לאַגע פון דעם גוט און די באַציונגען פון די פויערים צו דער קאָנטאָר, ד. ה. צו דעם גוטבאַזיצער. די באַציונגען פון די פויערים צו דעם גוטבאַזיצער זענען געווען אַזעלכע, אַז די פויערים האָבן

זיך געפונען אין פולער אָפּהענגיקייט בײַ דער קאָנמאַר. נעכלױדאָוו האָט עס געוווּסט נאָך אַלס סטודענט, ווען ער האָט געהאַלטן און געפּריידיקט די לערע פון הענרי דזשאָרדזש, און אויפן סמך פון דערדאָזיקער לערע האָט ער אָפּגעגעבן דעם פּאָטערס נחלה די פּויערים. אמת, נאָכן מיליטער־דינסט, אַז ער האָט זיך אײַנגעוווינט צו פאַרלעבן אַ 20 טויזנט רובל אַ יאָר, האָבן דידאָזיקע אַלע קענטעניש זײַנע אויפגעהערט צו זײַן אַבליגאַטאָריש פאַר זײַן לעבן, זענען פאַרגעסן געוואָרן, און לא די וואָס ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשטעלט די פראַגע וועגן דעם, פונוואַנען נעמט זיך דאָס געלט, וואָס די מוטער פלעגט אים געבן. האָט ער זיך געפּלייסט אפילו נישט צו טראַכטן דערפון. אָבער דער מוטערס טויט, די ירושה און די נויטווענדיקייט צו שאַפן איבער זײַן פאַרמעגן, ד. ה. איבער דער ערד, האָבן ווידער אויפגעהויבן פאַר אים די פראַגע וועגן זײַן באַציונג צו ערד־באַזיץ. מיט אַ חודש צוריק וואָלט נעכלױדאָוו זיך געזאָגט, אַז ענדערן די עקזיסטירנדיקע אָרדנונג איז ער נישט ביכולת, אַז אדמיניסטרירן דאָס גוט אַדמיניסטרירט נישט ער, — און וואָלט זיך מער־ווייניקער באַרויִקט, לעבנדיק ווײַט פון דעם גוט און באַקומענדיק דערפון געלט. איצט אָבער האָט ער באַשלאָסן, אַז הגם אים שטייט טאַקע פאַר אַ נסיעה קיין סיביר און אַ קאָמפּליצירטע און שווערע באַציונג צו דער וועלט פון די תּפיסות, וועלכע פאָדערט אַ סך געלט, קאָן ער פונדעסטוועגן דעם ענין נישט איבערלאָזן ווי געווען, נאָר ער מוז אים ענדערן, זיך צום שאָדן. דעריבער האָט ער באַשלאָסן די ערד נישט אַליין צו באַאַרבעטן, נאָר פאַרדינגען זי אויף אַ ביליקן פרייז די פּויערים און געבן זיי די מעגלעכקייט צו זײַן אומאָפּהענגיק פון גוטבאַזיצער בכלל. נישט איינמאָל פאַרגלײַכנדיק די לאַגע פון אַ גוטבאַזיצער מיט אַ באַזיצער פון לייב־אייגענע, פלעגט נעכלױדאָוו דאָס אָפּגעבן די ערד די פּויערים, אָנשטאָט צו באַאַרבעטן זי דורך אַרבעטער, צוגלײַכן צו דעם, וואָס די שקלאַפן־אייגנטימער פלעגן טון, אַריבערפירנדיק די פּויערים פון פּאַנשטשינע אויף צינזן. דאָס איז נישט געווען קיין לייזונג פון דער פראַגע, אָבער דאָס איז געווען אַ שריט צו דער לייזונג: דאָס איז געווען אַן איבערגאַנג פון אַ ברוטאַלער פאָרם פון געוואַלט צו אַ ווייניקער ברוטאַלער. אָט אַזוי האָט ער אויך בדעה געהאַט צו האַנדלען.

נעכלױדאָוו איז געקומען צו פאָרן קיין קוזמינסקאָיע אַרום האַלבן טאָג. פאַרײַנפאַכנדיק זײַן לעבן אין אַלע אופנים, האָט ער נישט טעלעגראַפירט, נאָר האָט גענומען פון דער סטאַציע אַ טאַראַנטאַס מיט אַ

פּאָר פערד. דער פורמאַן איז געווען אַ יונגער שייגעץ אין אַ נאַנקענער בורקע, פאַרגאַרטלט איבער די פּאָלבן אונטער דער לאַנגער טאַליע, וועלכער איז מעשה פורמאַן געזעסן אויף דער קעלניע מיט אַ זייט און האָט מיט גרויס חשק געשמועסט מיטן פריץ, בפרט, אַז כּל-זמן זיי האָבן גערעדט, האָט דאָס חרובע הינקענדיקע ווייסע מיטלסטע פערד און דאָס מאָגערע נבלהדיקע צוגעשפּאַנטע פערד געקאָנט גיין טריט בּאַ טריט, צו וואָס זיי האָבן אַלעמאָל געהאַט גרויס חשק.

דער פורמאַן האָט דערציילט וועגן דעם פּאַרוואַלטער אין קוזמינס-קאָיע, נישט וויסנדיק, אַז ער פירט דעם באַלעבאָס. נעכליודאָוו האָט אים מיט אַ כּיוון נישט געזאָגט.

— אַ גרויסאַרטיקער דייטש, — האָט געזאָגט דער פורמאַן, וואָס האָט אַ שטיקל צייט געלעבט אין שטאָט און געלייענט ראָמאַנען. ער איז געזעסן, האַלב אויסגעדרייט צו דעם פּאַסאַזשיר, זיך געשפּילט מיט דער לאַנגער בייטש, אָנכאַפּנדיק דאָ פון אונטן דאָ פון אויבן, און האָט, ווייזט אויס, זיך איבערגענומען מיט זיין בילדונג. — ער האָט איינגע-פירט אַ דריי-געשפּאַן, איז אַז ער טוט אַ פאָר אַרויס מיט דער מאַדאַם — איז פאַראַן וואָס אָנצוקוקן! — האָט ער ווייטער גערעדט. — ווינטער-צייט, אויף ניטל-חגא האָט מען אָנגעצונדן אַ יאָלקע אין דעם גרויסן הויז, איך האָב געסט אהינגעפירט; אַ יאָלקע מיט עלעקטריע, אין כּרך אַזוינס נישט צו געפינען! האָט זיך אָנגעשטאָפּט מיט געלט, אַ גרויל! וואָס פעלט אים: האָט די גאַנצע דעה. ער האָט געקויפט, זאָגט מען, אַ גוטן מאַיאָנטעק.

נעכליודאָוו האָט געמיינט, אַז ער איז גאַנץ גלייכגילטיק צו דעם, ווי אַזוי דער פּאַרוואַלטער אַדמיניסטרירט זיין גוט און ווי אַזוי ער נוצט עס אויס. אָבער די דערציילונג פון דעם פורמאַן מיט דער לאַנגער טאַליע איז אים געווען נישט אָנגענעם. ער האָט געהאַט הנאה פון דעם שיינעם טאָג, פון די געדיכטע טונקלענדיקע וואָלקנס, וועלכע האָבן צווויילנס פאַרדעקט די זון און פון די זומער-פעלדער, ווו פּויערים זענען אומעטום געגאַנגען נאָכן אַקער, איבערגעאַקערט דעם האָבער, און פון די געדיכט גרינענ-דיקע גרינסן, איבער וועלכע עס האָבן זיך אויפגעהויבן די לאַרכן, און פון די וועלדער, וואָס זענען שוין, אַ חוץ דעם שפּעטיקן דעמב, געווען באַדעקט מיט פרישן גרינס, און פון די לאָנקעס, ווו עס האָבן ווי בונטע פלעקן זיך געפיטערט טשערעדעס און פערד, און פון די פעלדער, ווו ס'האָבן זיך געזעען די אַקערבויער. און נאָך אַלעמען פלעגט אים דאָך

קומען אויפן זינען עפּעס אומאָנגענעמס, און אַז ער פּלעגט זיך פרעגן: וואָס אַזוינס? — פּלעגט ער זיך דערמאַנען אין דעם פּורמאַנס דערציילונג וועגן דעם, ווי אַזוי דער דייטש האָט געבאַלעבאַטעוועט אין קוזמינסקאָיע.

געקומען קיין קוזמינסקאָיע און זיך פאַרנומען מיט די געשעפטן, האָט נעכליודאָוו פאַרגעסן אין דעמדאָזיקן געפיל.

דורכגעקוקט די קאַנטאָר־ביכער און דורכגעשמועסט זיך מיט דעם פּאַרוואַלטער, וועלכער האָט נאַיווערהייט אַרויסגעשטעלט די מעלות פון דער פּויערישער ערדאָרימקייט און פון דעם פּאַקט, וואָס זיי, די פּויערים, זענען אַרומגערינגלט מיט פּריצישער ערד, איז נעכליודאָוו פעסטער געוואָרן אין זיין דעה אָפּצושיידן פון זייןווירטשאַפט און אָפּגעבן די גאַנצע ערד די פּויערים. פון די קאַנטאָר־ביכער און פון די שמועסן מיטן פּאַרוואַלטער איז ער געוויר געוואָרן, אַז אַזוי ווי אַלע מאָל זענען צוויי דריטל פון דער בעסטער אַקערערד באַאַרבעט געוואָרן דורך אייגענע אַרבעטער מיט פאַרפאָלקאָמטע מכשירים, און דאָס איבעריקע דריטל ערד איז באַאַרבעט געוואָרן דורך די פּויערים אויף די יסודות פון אַרענדע צו פינף רובל פאַר אַ דעסיאַטינע, ד. ה. פאַר פינף רובל האָט דער פּויער זיך מתחייב געווען דריי מאָל איבעראַקערן, דריי מאָל אויסבראָנעווען און פאַרזייען די דעסיאַטינע, דערנאָך אָראָפּקאָשען און צונויפבינדן אָדער אָפּשניידן און אַוועקפירן אין שייער אַריין, ד. ה. אָפּטון אַזעלכע אַרבעטן, וואָס ווען מ׳זאָל עס דורכפירן מיט פריי געדונגענע ביליקע אַרבעטער, דאַרף עס לכל הפחות קאָסטן צען רובל אַ דעסיאַטינע. אָבער פאַר אַלץ, וואָס די פּויערים האָבן באַדאַרפט פון דער קאַנטאָר, האָבן זיי געצאָלט מיט אַרבעט לויט די טייערסטע פּרייזן. זיי האָבן געאַרבעט פאַר באַנוצן די לאָנקעס, פאַר געהילץ, פאַר קאַרטאָפל און זריעה. כמעט אַלע זענען זיי געווען פאַרחובעט באַ דער קאָנטאָר. אַזוי־אַרום האָבן די פּויערים פאַר די אַרענדירטע פעלדער געדאַרפט צאָלן פיר מאָל אַזוי פיל, ווי דער אַנטשפּרעכנדיקער קאַפּיטאַל וואָלט אַריינגעטראָגן אויף 5 פּראָצענט.

דאָס אַלץ האָט נעכליודאָוו פריער אויך געוווסט. איצטער אָבער איז ער עס געוויר געוואָרן ווי אַ ביי־עס און האָט זיך נאָר געחידושט, ווי אַזוי האָט ער עס געקאָנט און ווי אַזוי קאָנען אַלע מענטשן, וואָס געפינען זיך אין זיין לאַגע, נישט זעען די גאַנצע אומנאָרמאַליטעט פון אַזעלכע באַציונגען. די אַרגומענטן פון דעם פּאַרוואַלטער, אַז באַם איבערגעבן די ערד די פּויערים וועט גיין לאיבוד דער גאַנצער אינווענטאַר,

וועלכן מ׳וועט נישט קאָנען פאַרקויפן אפילו פאַר א פערטהלק פון זיין ווערט, אַז די פויערים וועלן איבערפירן די ערד, אַז בכלל וועט נעכליו־דאָוו אַזוי פיל פאַרלירן פון דעם איבערגעבן, — האָבן נאָך מער איבער־צייגט נעכליודאָוון, אַז ער טוט אַ גוטע זאַך, אָפּגעבנדיק די פויערים די ערד און אַוועקנעמענדיק בײַ זיך אַ גרויסע טייל פון זיין הכנסה. ער האָט באַשלאָסן צו פאַרענדיקן די זאַך תיכף־ומיד, בשעת דעמדאָזיקן באַזוך זיינעם טאַקע. צונויפנעמען און פאַרקויפן די פאַרזייטע תבואה, אויס־פאַרקויפן דעם אינווענטאַר און די אומנייטיקע געביידן — דאָס אַלץ האָט דער פאַרוואַלטער געדאַרפט אָפּטון שוין נאָך זיין אַוועקפאָרן. איצט אָבער האָט ער געבעטן דעם פאַרוואַלטער צונויפרופן אויף מאָרגן אַן אסיפה פון די פויערים פון די דריי דערפער, וואָס די ערד פון קוזמינס־קאָיע האָט זיי אַרומגערינגלט, כדי זיי צו מעלדן וועגן זיין פּלאַן און דורכקומען וועגן דער פּרייז.

מיט דעם אָנגענעמען באַוווּסטזיין, אַז ער איז פעסט קעגן דעם פאַרוואַלטערס מאָטיוון און אַז ער איז גרייט אויף אַ קרבן פאַר די פויערים, איז נעכליודאָוו אַרויס פון קאַנטאָר און, באַקלערנדיק דאָס פאַרשטייענ־דיקע עסק, איז ער זיך דורכגעגאַנגען אַרום הויז, איבער דעם בלומען־גערטל, וואָס איז הייער געווען פאַרוואָרלאָזט (דאָס בלומען־גערטל איז געווען אויפגעשלאָגן קעגנאיבער דעם פאַרוואַלטערס הויז), איבער דעם לאָון־טעניס, וואָס איז פאַרוואַקסן מיט ציקאָריע, און איבער דער לינדן־אַלעע, וווּ זיין שטייגער איז געווען צו גיין אויסרייכערן אַ ציגאַר און וווּ מיט דריי יאָר צוריק האָט מיט אים געפלירטעוועט די שיינע קירי־מאָווא, וועלכע איז דאָ געווען צו גאַסט. באַקלערט אין קורצן די רעדע, וואָס ער וועט מאָרגן האַלטן צו די פויערים, איז נעכליודאָוו אַוועק צום פאַרוואַלטער, בײַ דער טיי מיט אים נאָכאַמאָל זיך מיישב געווען וועגן דעם, ווי אַזוי צו ליקווידירן די ווירטשאַפט און אַ פולקאָם רויקער און צופרידענער פון דער גוטער זאַך, וואָס ער גייט טון פאַר די פויערים, איז ער אַריין אין דעם לכבוד אים צוגעגרייטן צימער פון דעם גרויסן הויז, דאָס צימער, וואָס איז אַלעמאָל באַשטימט געווען אויפצונע־מען געסט.

אין דעמדאָזיקן נישט איבעריקס גרויסן ריינעם צימער, מיט ביל־דער פון וועניציאַנער פּייזאַזשן און מיט אַ שפּיגל צווישן די צוויי פענצטער, איז געשטאַנען אַ ריין בעט אויף ספּרוזשינעס און אַ טישל מיט אַ גראַפין וואַסער, מיט שוועבעלעך און מיט אַ ליכט. אויפן גרויסן

טיש באַם שפּיגל איז געלעגן זיין אָפענער טשעמאָדאַן, פונוואַנען עס האָבן זיך אַרויסגעזעען זיין טואַלעט־נעסעסער און ביכער, וואָס ער האָט מיטגענומען: אַ רוסיש בוך — „אַ פּרווו אויסצופאָרשן די געזעצן פון פאַרברעכערישקייט", אַ דייטש בוך אויך וועגן דעם און אַן ענגליש. ער האָט זיי געוואָלט לייענען אין די פרייע מינוטן בשעת זיין נסיעה איבער די דערפער, אָבער היינט איז שוין קיין צייט נישט געווען און ער האָט זיך געקליבן לייגן שלאָפן, כדי מאָרגן וואָס פריער זיך צוצוגרייטן צו די אונטערהאַנדלונגען מיט די פויערים.

אין צימער אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ פאַרצייטיקע פאָטער־שטול פון רויט האָלץ מיט אינקרוסטאַציעס, און דער אָנבליק פון דער־דאָזיקער שטול, וועלכע ער האָט געדענקט פון דער מאַמעס שלאָפצימער, האָט פּלוצלינג אויפגעהויבן אין דער נשמה זיינער אַ גאַנץ אומגעריכט געפיל. אים איז פּלוצלינג געוואָרן אַ שאָד סיי דאָס הויז, פון וועלכן עס וועט ווערן אַ תל, סיי דער סאָד, וועלכער וועט פאַרוואַרלאָזט ווערן, סיי די וועלדער, וועלכע וועלן אויסגעהאַקט ווערן, סיי די אַלע הויפן פאַרן פיך, די פערד־שטאַלן, די אינסטרומענט־שייערן, די מאַשינען, די פערד, די קי, וואָס הגם נישט ער האָט עס אַלץ איינגעשאַפט און אונ־טערגעהאַלטן, אָבער — ער האָט עס געוווּסט — עס איז געטון געוואָרן מיט אַזעלכע אָנשטרענגונגען. פריער איז אים אויסגעקומען לייכט אָפּצו־זאָגן זיך פון דעם אַלעם, איצט אָבער איז אים געוואָרן אַ שאָד נישט נאָר דאָס, נאָר די ערד, און די העלפט הכנסה, וואָס האָט אים איצט אַזוי גוט געקאָנט צונויץ קומען. און תיכף זענען געקומען אים אונטער־צוהעלפן ראיות, פון וועלכע עס איז געווען געדרונגען, אַז ס'איז נישט קיין שכל און מ'דאַרף נישט אָפּגעבן די ערד די פויערים און חרוב מאַכן זיין ווירטשאַפט.

„די ערד דאַרף איך נישט באַזיצן. און נישט באַזיצנדיק די ערד, קאָן איך נישט אויפהאַלטן דידאָזיקע גאַנצע באַלעבאַטישקייט. דערצו נאָך וועל איך אַוועקפאָרן קיין סיביר און דעריבער דאַרף איך נישט דאָס הויז נישט דאָס גוט", — האָט גערעדט איין שטים, „ס'איז טאַקע אַזוי, — האָט זיך אָפּגערופן אַן אַנדערע שטים. — אָבער ערשטנס וועסטו דאָך נישט דאָס גאַנצע לעבן פאַרברענגען אין סיביר. אויב אָבער דו וועסט חתונה האָבן, קאָנסטו דאָך האָבן קינדער. און פונקט ווי דו האָסט באַקומען די נחלה אין אָרדנונג, אַזוי דאַרפסטו זי איבערגעבן אין אָרד־נונג. פאַראַן פליכטן לגבי דער ערד. אָפּגעבן, מאַכן אַ תל פון אַלץ —

איז זייער גרינג, אָבער דאָס אַלץ איינשאַפן — איז זייער שווער. דער עיקר אָבער — דאַרפסטו באַטראַכטן דיין לעבן און באַשליסן, וואָס דו וועסט טון מיט זיך, און בהסכם דערמיט וועסטו איינאָרדנען דיין אייגנ־טום. און צי ד'ען איז דיין באַשלוס פעסט בא דיר? און דאַן — צי טוסטו עס באמת פאַר דיין געוויסן אָט דאָס, וואָס דו טוסט, אָדער דו טוסט עס פאַר מענטשן, כדי זיך איבערצונעמען פאַר זיי?" האָט נעכליודאָוו זיך געפרעגט און האָט געמוזט מודה זיין, אַז דאָס, וואָס מענטשן וועלן זאָגן, האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף זיין באַשלוס. און וואָס מער ער האָט געטראַכט, אַלץ מער און מער שאלות זענען אויפגעשטאַנען און אַלץ האַרבער איז געווען זיי צו באַשיידן. כדי פטור צו ווערן פון די דאָזיקע רעיונות, האָט ער זיך געלייגט אין דעם פרישן בעט אַריין און געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן, כדי מאָרגן מיט אַ פרישן מוח צו באַשיידן די פראַגן, אין וועלכע ער האָט זיך איצט פאַרפּלאָנטערט. אָבער ער האָט לאַנג נישט געקאָנט איינשלאָפן. אין די אָפענע פענצטער אַריין האָט זיך צו־זאמען מיט דער פרישער לופט און די שיין פון דער לבנה געגאָסן דאָס קוואַקען פון די פרעש, איבערגעריסן דורך דעם געזאַנג און פייפן פון נאַכטיגאַלן, ווייטע — פון פאַרק אַרויס, און איינעם נאָענט — הינטערן פענצטער, אין אַ קוסט פון צעלאָזטן בעז. הערנדיק די נאַכטיגאַלן און די פרעש, האָט נעכליודאָוו זיך דערמאַנט אין דער מוזיק פון דעם אינספּעקטאָרס טאָכטער; זיך דערמאַנט אין דעם אינספּעקטאָר, האָט ער זיך דערמאַנט אין מאַסלאָווען, ווי אַזוי בא איר האָבן, פּונקט ווי דאָס קוואַקען פון די פרעש, געציטערט די ליפּן, ווען זי האָט געזאָגט: „לאָזט עס אינגאַנצן צורו". דערנאָך דער דייטש דער פאַרוואַלטער האָט אָנגע־הויבן אַראָפּצוגידערן צו די פרעש. מ'האָט אים באַדאַרפט איינהאַלטן, ער איז אָבער נישט נאָר אַראָפּגעקראָכן אונטן, נאָר איז געוואָרן מאַסלאָוואַ און האָט אים גענומען פאָרהאַלטן: „איך בין אַ קאַטאָרזשאַניכע און איר זענט אַ פירשט". — „ניין, איך וועל זיך נישט אונטערגעבן" — האָט נעכליודאָוו זיך אויפגעכאַפּט, און ער האָט זיך געפרעגט: „אַלזאָ, טו איך גוט אָדער שלעכט? איך ווייס נישט, אָבער מיר איז סיי ווי אַלצאיינס. אַלצאיינס. מ'דאַרף נאָר שלאָפן". און ער האָט אַליין גענומען נידערן אַהינצו, וווהין דער פאַרוואַלטער איז אַוועקגעקראָכן און מאַסלאָוואַ, און דאָרטן האָט זיך אַלץ געענדיקט.

II.

אויף מאָרגן האָט נעכליודאָוו זיך אויפגעכאַפּט 9 אַ זייגער אינדערפרי. דער יונגער קאָנטאָריסט, וואָס האָט באַדינט דעם פּריץ, דערהערנדיק, אַז ער רירט זיך, האָט אים געבראַכט די שיך, אַזעלכע גלאַנציקע, ווי זיי זענען נאָך קיינמאָל נישט געווען, און קאַלט ריין קוואַל וואַסער און האָט געמאָלדן, אַז די פּויערים פאַרזאַמלען זיך. נעכליודאָוו איז אויפגעשפּרונגען פון בעט און געקומען צו זיך. פון די נעכטיקע געפילן פון באַדויערונג, וואָס ער גיט אָפּ די ערד און מאַכט חרוב די ווירטשאַפט, איז קיין זכר נישט געבליבן. ער האָט מיט פאַרוווּנדערונג זיך דערמאַנט אָן זיי איצטער. איצטער האָט ער זיך געפרייט איבער דער זאַך, וואָס ער גייט טון, און נישט ווילנדיק געווען שטאָלץ דערמיט. פון די פענצטער פון זיין צימער אַרויס האָט זיך געזען דער מיט ציקאָריע באַוואַקסענער לאָון-טעניס-פּלאַץ, וווּהין די פּויערים האָבן זיך, לויט דעם פאַרוואַלטערס אָנווייזונג, געקליבן. די פרעש האָבן נישט אומזיסט געקוואַקעט פון אָוונט אָן. דאָס וועטער איז געווען אַ טריבס. פון פרימאָרגן איז געגאַנגען אַ שטיל וואַרעם רעגנדל, אָן אַ ווינט, וואָס איז טראָפּנווייז געהאָנגען אויף די בלעטער, אויף די צווייגן, אויף דעם גראָז. אַ חוץ דעם ריח פון גרינס האָט זיך אין פענצטער נאָך געשפּירט דער ריח פון ערד, וואָס גאַרט נאָך רעגן. נעכליודאָוו האָט, אָנטועענדיק זיך, עטלעכע מאָל אַרויסגעקוקט פון פענצטער און באַטראַכט, ווי די פּויערים קלייבן זיך צונויף אויפן פּלעצל. איינער נאָכן אַנדערן זענען זיי צוגעגאַנגען, אַראָפּגענומען פאַראַנאַנד די היטלען און זיך געשטעלט אין אַן עיגול, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן שטעקלעך. דער פאַרוואַלטער, אַן אָנגעגאָסענער, מוסקולדיקער, שטאַרקער יונגערמאַן, אין אַ קורצן פּידזשאַק, מיט אַ גרין שטייענדיק קראַגעלע און משונה-גרויסע קנעפּ, איז געקומען זאָגן נעכליודאָוון, אַז אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט, נאָר זיי וועלן צווואַרטן — זאָל נעכליודאָוו פריער טרינקען קאַווע אָדער טיי; ביידע זאַכן זענען פאַרטיק.

— ניין, איך וועל שוין בעסער אַרויסגיין צו זיי, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט און גאַנץ אומגעריכט פאַר זיך דערשפירט אַ געפיל פון אימזיכערקייט און בושה בײַ דעם געדאַנק. וועגן זיין פאַרשטייענדיקן שמועס מיט די פויערים.

ער איז געגאַנגען טון יענעם באַגער פון די פויערים, וואָס זיי האָבן גאָרנישט געהאַט צו טראַכטן, אַז דערדאָזיקער באַגער קאָן מקוים ווערן, — אָפּגעבן זיי פאַר אַ ביליקער פרייז די ערד, — ד. ה. ער איז געגאַנגען זיי באַגליקן, און ער האָט זיך עפּעס גאָר געשעמט. אַז נעכליודאָוו איז צוגעגאַנגען צו די פאַרזאַמלטע פויערים און עס האָבן זיך אַנטבלויזט בלאָנדע, געקרייזלטע, פּליכיקע, גרויע קעפּ, האָט ער זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז אַ לאַנגע ווײַלע האָט ער גאָרנישט געקאָנט זאָגן. דאָס רעגנדל האָט נישט אויפגעהערט צו טריפן קליינע טראָפּנדלעכווייז און איז געבליבן הענגען אויף די האָר, בערד און אויף די פעדעם פון די פויערישע קאַפּטנס. די פויערים האָבן געקוקט אויפן פריץ און געוואַרט, וואָס וועט ער זיי זאָגן, און יענער האָט זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז ער האָט גאָרנישט געקאָנט זאָגן. די פאַרלעגנהייט און דאָס שווייגן האָט צעשלאָגן דער רויקער זעלבסטזיכערער פאַרוואַלטער דער דייטש, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ קענער פון דעם רוסישן פויער און האָט גרויסאַרטיק, ריכטיק גערעדט אויף רוסיש. דערדאָזיקער שטאַרקער, איבערגעפרעסענער מענטש האָט פונקט ווי נעכליודאָוו פאַרגעשטעלט אַן איבעראַשנדן קאָנטראַסט לגבי די דאַרע, צעקנייטשטע פּנימער און די פון די קאַפּטנס אַרויסשטאַרצנדיקע מאָגערע פּלייצעס פון די פויערים.

— דער פירשט וויל אייך, אַלזאָ, באַגליקן — אָפּגעבן די ערד, אָבער איר זענט עס נישט ווערט, — האָט דער פאַרוואַלטער געזאָגט.

— ס'טייטש נישט ווערט, וואַסילי קאַרליטש, האָבן מיר פאַר דיר דען נישט געהאָרעוועט? מיר זענען זייער שיין צופרידן פון דער פּריצהטע, אַ ליכטיק גן-עדן זאָל זי האָבן, און דער יונגער פירשט, זאָל לעבן, פאַרלאָזט אונז אויך נישט, — האָט אָנגעהויבן אַ פויער מיט רויטלעכע האָר, מיט אַ כּוח-הדיבור.

— אָט דערפאַר טאַקע האָב איך אייך צונויפגערופן, ווייל איך וויל אייך אָפּגעבן די גאַנצע ערד, אויב איר ווילט, — האָט נעכליודאָוו אַרויסגערעדט.

די פויערים האָבן געשוויגן, גלייך ווי נישט פאַרשטייענדיק אָדער נישט גלייבנדיק.

— וואָס מיינט איר דאָס דערמיט, אָפּגעבן די ערד ? — האָט זיך אָפּגערופן א מיטליעריקער פויער אין א בורקע.

— אָפּגעבן אייך אין ארענדע, איר זאָלט זי נוצן נישט פאר קיין טייערן פרייז.

— א שיינעם דאנק, — האָט זיך אָפּגערופן א זקן.

— מ׳זאָל כאָטש ביכולת זיין צו צאָלן, — האָט געזאָגט א צווייטער.

— פארוואָס זאָל מען נישט נעמען קיין ערד ?

— פאר אונז איז ערד קיין נאָווינע נישט, — ערד איז אונזער ברויט !

— פאר אייך איז נאָך בעסער, איר באַקומט זיך דאָס געלט און אראָפּ פון מארק און אזוי איז דאָך צרות צרורות ! — האָבן זיך דער־הערט שטימען.

— צרות צרורות פון אייך, — האָט דער דייטש געזאָגט, — ווען איר וואָלט געאַרבעט און געהאַלטן אָרדנונג.

— אונזער אייגער איז נישט אימשטאנד, וואסילי קארליטש, — האָט זיך אָפּגערופן א שארפזיניקער, אויסגעדאַרטער אַלטער. — דו זאָגסט, פארוואָס האָסטו דאָס פערד אריינגעלאָזט אין דער תבואה, אָבער ווער האָט אים דען אריינגעלאָזט : איך האָב א גאנצן טאָג, א טאָג א יאָר, זיך אָנגעאַרבעט מיט דער קאָסע, אָדער אזוי זיך אָנגעהאָרעוועט, געכאַפּט א דרימל אין פעלד, איז ער אריין אין האָבער, און דו שינדסט די הויט פון מיר.

— טאָ האַלט אָרדנונג !

— דיר איז גוט צו זאָגן אָרדנונג, אָבער עס קלעקט אונז נישט קיין כוח, — האָט געענטפערט א הויכער שווארצהאָריקער באַיאָרטער פויער, איינגאנצן א פארוואקסענער מיט האָר.

— האָב אייך דאָך געזאָגט, צוימט אָפּ.

— פארוואָס זשע גיסטו נישט קיין געהילץ, — האָט זיך פון די הינטערשטע רייע אריינגעמישט א גלייכער עלנטער פויער. — איך האָב פאראיאָרן געוואָלט אָפּצוימען, אָנגעהאַקט פלעקער, האָסטו מיך אויף דריי חדשים אריינגעהאַקט אין שלאָס האָדעווען ליין. אָט האָסטו דיר אָפּ־געצוימט.

— וואָס רעדט ער עס אזויגס ? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט דעם פאַרוואַלטער.

— דער ערשטער גנב אין דאָרף, — האָט דער פּאַרוואַלטער געזאָגט אויף דייטש. — אַלע יאָר פּאַקט מען אים אין וואַלד האַקנדיק. דו לערן זיך פריער אויס צו אַכטן פרעמד אייגנטום, — האָט דער פּאַרוואַלטער געזאָגט.

— צי דען אַכטן מיר דיך נישט ? — האָט דער אַלטער געזאָגט. — מיר מוזן דיך אַכטן, וואָרים מיר זענען בא דיר אין די הענט, דו פלעכסט פון אונז שטריק.

— נו, ברודער-לעבן, אייך באַעוולען איז שווער, וואָלט איר אַזוי נישט באַעוולט.

— אוודאי, באַעוולען ! האָסט מיר פאַראַיאָרן צעהרגעט די צורה, איז בא מיר געבליבן. מיט א גביר וועסטו זיך נישט גיין לאָדן, געוויינלעך.

— און דו טו על פּי געזעץ.

ס'איז געגאַנגען, קענטיק, א ווערטער-טורניר, אין וועלכן די אָנטיילנעמער האָבן נישט אַזוי גוט פאַרשטאַנען, וואָס און צוליב וואָס זיי רעדן. עס איז בלויז קענטיק געווען פון איין זייט א פאַרביטערונג, וואָס מ'האַלט איין פאַר מורא, פון דער אַנדערער — דאָס באַוווּסטזיין פון העכערקייט און מאַכט. נעכליודאָוו איז געווען שווער צו הערן און מ'האָט זיך געגעבן מי צוריקצוקערן זיך צו דעם ענין : איינשטעלן די פּרייזן און די צאָלונגס-טערמינען.

— איז וואָס, אַלזאָ, בלייבט מכוח דער ערד ? ווילט איר ? און וואָס פאַר א פּרייז וועט איר באַשטימען, אַז מ'וועט אייך אָפּגעבן די גאַנצע ערד ?

— אייער סחורה, דאַרפט איר באַשטימען דעם מקח.

נעכליודאָוו האָט באַשטימט דעם פּרייז ווי תּמיד, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דער פּרייז נעכליודאָווס איז געווען נישט דער ערך נידעריקער, ווי מ'האָט געצאָלט אין דער סביבה, האָבן די פּויערים זיך אָנגעהויבן צו דינגען און איינגעפונען, אַז ס'איז א צו הויכער פּרייז. נעכליודאָוו האָט זיך גערעכנט, אַז זיין אָנבאָט וועט מען אָננעמען מיט א שמחה, אָבער ס'איז גאָרנישט קענטיק געווען, עמעצער זאָל אַרויסווייזן צופרידנקייט. נאָר דערפאַר האָט נעכליודאָוו זיך געקאָנט אָנשטויסן, אַז זיין אָנבאָט לוינט פאַר זיי, ווייל אַז ס'איז אַוועק א רייד וועגן דעם, ווער עס נעמט די ערד: צי די גאַנצע געמיינדע אָדער א קאָלעקטיוו, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרביסענע קריגערייען צווישן די-יעניקע פּויערים, וועלכע

האָבן די שוואַכקרעפטיקע און שלעכטע צאָלער געוואָלט אויסשליסן פון דעם אָנטייל אין דער ערד, און די־יעניקע, וועלכע מ׳האָט געוואָלט אויסשליסן. ענדלעך האָט מען אַ דאַנק דעם פּאַרוואַלטער איינגעשטעלט דעם פּרייז און די צאָלונגס־טערמינען, און די פּויערים, טומלענדיק און רעדנדיק, זענען אַוועק באַרג אַרויף, צום דאָרף צו, און נעכליודאָוו איז אַוועק אין קאַנטאָר צונויפשטעלן מיט דעם פּאַרוואַלטער אַ פּראָיעקט פון דעם אָפּמאַך.

אַלץ איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַזוי, ווי נעכליודאָוו האָט עס געוואָלט און דערוואַרט: די פּויערים האָבן באַקומען די ערד מיט אַ 30 פּראָצענט ביליקער, ווי מ׳פלעגט פאַראַרענדירן ערד אין דער געגנט; זיין הכנסה פון דער ערד איז קלענער געוואָרן כמעט אויף אַ העלפט, אָבער איז נאָך געווען גענוג פאַר נעכליודאָוון עד בלי די, בפרט נאָך צורעכענענדיק די סומע, וואָס ער וועט באַקומען פאַר דעם פאַרקויפטן וואַלד און וואָס מ׳האָט באַדאַרפט אָפּלייזן פאַרן פאַרקויפטן אינווענטאַר. אַלץ איז, דאַכט זיך, געווען בעסער ווי געווונטשן. נעכליודאָוו אָבער האָט זיך די גאַנצע צייט עפּעס ווי געשעמט. ער האָט געזען, אַז די פּויערים, הגם אייניקע פון זיי האָבן אים געזאָגט דאַנק־ווערטער, זענען געווען אומצופרידן און האָבן זיך גערעכנט אויף מערערס. ס׳איז אויסגעקומען, אַז ער האָט באַ זיך אַ סך אַוועקגענומען, אָבער די פּויערים האָט ער נישט געטון, וואָס זיי האָבן דערוואַרט.

אויף מאָרגן איז דער היימישער אָפּמאַך אונטערגעשריבן געוואָרן, און באַגלייט פון די געקומענע אַלטע פּויערים־דעלעגאַטן, האָט נעכליודאָוו מיט אַ נישט־אָנגענעם געפיל פון עפּעס נישט דערטוענס זיך אַרייגעזעצט אין דעם דריי־געשפּאַן, וועגן וועלכן דער פורמאַן פון דער סטאַציע האָט אים נאָך געהאַט דערציילט, און איז אַוועקגעפאָרן צו דער סטאַציע, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט די פּויערים, וועלכע האָבן פאַרווונדערט און אומצופרידן געשאָקלט מיט די קעפּ. נעכליודאָוו איז געווען נישט צופרידן מיט זיך. מיט וואָס ער איז געווען נישט צופרידן, האָט ער נישט געוווסט, אָבער די גאַנצע צייט איז אים עפּעס געווען טרויעריק אויפן האַרץ און ער האָט זיך עפּעס געשעמט.

III.

פון קוזמינסקאָיע איז נעכליודאָוו אוועקגעפאָרן אין דעם גוט, וואָס איז אים אָנגעקומען בירושה פון די מומעס — אין דעם גוט, ווו ער האָט דערקענט קאַטיושען. אין דעם גוט האָט ער געוואָלט איינאָרדנען דאָס עסק מיט דער ערד פונקט אַזוי, ווי ער האָט עס איינגעאָרדנט אין קוזמינסקאָיע; אויסער דעם דערגיין אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך נאָך, וועגן קאַטיושען און וועגן זיין און איר קינד: איז עס אמת, אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן און ווי אַזוי איז עס געשטאָרבן? ער איז אָנגעקומען קיין פּאַנאָווע פאַרטאָג און דאָס ערשטע, וואָס אים האָט איבערראַשט, אַז ער איז אַריינגעפאָרן אין הויף, איז געווען דער אָנבליק פון פאַרוואָרלאָזטקייט און אַלטקייט, וואָס אַלע בנינים און בפרט דאָס הויז האָבן באַקומען. דער בלעכענער אַמאָל גרינער דאַך, שוין לאַנג נישט געפאַרבט, האָט זיך גערויטלט פון ראָסט און עטלעכע בויגן בלעך זענען געווען פאַרריסן אַרויפצו, מסתמא — פון אַ שטורעמווינט; די ברעטער, מיט וועלכע דאָס הויז איז אויסגעפאַנירט געווען, — זענען ערטערווייז אָפּגעריסן געוואָרן דורך מענטשן, וועלכע פלעגן אָפּרייסן דאָרט, ווו דאָס האָט זיך צום לייכטסטן געלאָזט, אַרויסדרייענדיק די פאַרראָסטעטע טשוועקעס. די גאַניקעס — ביידע, דער פאָדערשטער און בפרט דער הינטערשטער, וואָס איז אים באַזונדערס געלעגן אין זכרון, זענען געוואָרן צעפוילט און צעבראָכן. אייניקע פענצטער זענען אָנשטאָט שויבן געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער און דאָס הויז, ווו עס האָט געוווינט דער פאַרוואַלטער און די קיך און די פערדשטאַלן — אַלץ איז געווען אַלט און גרוי. בלויז דער גאָרטן איז נישט נאָר אַלט געוואָרן, נאָר ער האָט זיך צעוואַקסן, זיך צונויפגעוואַקסן און איצט איז ער געווען אינגאַנצן אין בליעכץ; פון הינטערן פאַרקאַן אַפּער האָבן זיך, אַזוי ווי ווייסע וואָלקנס, געזען בליענדיקע ווײַנשלבּיימער, עפּלביימער און פלוימענביימער. דאָס גערטל פון בעז האָט געבליט פונקט אַזוי ווי יענץ יאָר, פאַר צוועלף יאָר, בשעת נעכליודאָוו האָט הינטער דעם בעז זיך געשפּילט אין יאָגעניש מיט דער טרויעריקער קאַטיושען און האָט, פאַלנדיק, זיך אָפּגע־

בריט מיט קראָפּעווע. דער לאַרכנבוים, וואָס סאָפיאַ איוואַנאָוונאַ האָט פאַרפלאַנצט לעבן הויז און איז דאַן געווען די הייך ביזן פאַרקאַן, איז איצט געווען אַ גרויסער בוים מיט אַ דיקן שטאַם, פון אונטן ביז אַרויף אָנגעקליידט אין געל־גרינע צאַרט־פּוכיקע נאָדלען. דער טייך איז שוין געווען צוריק אין די ברעגן און האָט גערוישט בײַ דער מיל דורך די שליוזן. אויף דער לאָנקע, הינטערן טייך, האָט זיך געפּיטערט אַ בינטע, געמישטע פויערישע טשערעדע. דער פאַרוואַלטער, אַ סעמינאַריסט, וואָס האָט נישט געענדיקט זיין שטודיום, האָט שמייכלענדיק באַגעגנט נעכליודאָוון אויפן הויף. גישט אויפהערנדיק צו שמייכלען אים פאַרבעטן אין קאַנטאָר אַריין און ווייטער שמייכלענדיק, גלייך ווי מיט דעמדאָזיקן שמייכל צוזאָגנדיק עפּעס אַ באַזונדערע זאַך, איז ער אַוועק הינטער דעם פאַראַוואַן. הינטערן פאַראַוואַן האָט מען זיך געשושקעט און מ׳איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער פורמאַן, באַקומען טרינק־געלט, איז אַוועקגעפאָרן פון הויף, און ס׳איז געוואָרן גאָר שטיל. גלייך נאָך דעם איז פאַרביי פענצטער דורכגעלאָפן אַ באָרוועס מיידל אין אַן אויסגענייט העמד מיט אויערינגלעך, נאָך דעם מיידל איז דורכגעלאָפן אַ פויער, קלאַפּנדיק מיט טשוועקעס פון די גראָבע שטיוול איבער דעם אויסגעטרעטענעם שטעגל.

נעכליודאָוו האָט זיך געזעצט בײַם פענצטער, קוקנדיק אין גאָרטן אַרויס און האָרכנדיק. אין דעם קליינעם צווייפליגלדיקן פענצטער אַריין האָט געצויגן מיט פרישע פרילינגס־לופט און מיטן ריח פון אויפגעגראָבענער ערד, לייכט באַוועגנדיק די האָר אויף זיין שווייסיקן שטערן, און די פּאַפּירלעך, וואָס זענען געלעגן אויפן פענצטער, דאָס פענצטער־ברעט איז געווען אויסגעשניטן מיט אַ מעסער. אויפן טייך האָבן „טראַ־פּאַ־טאַפּ, טראַ־פּאַ־טאַפּ“ — געקלאַפּט די ווייבערישע פּראַניקעס, איבערשלאָגנדיק איינס דעם אַנדערן, און דידאָזיקע קלאַנגען זענען זיך צעלאָפן איבער דעם זון־באַגלאַנצטן שפּיגל פון דעם פאַרצוימטן טייך, און עס האָט זיך געהערט דאָס רעגלמעסיקע פאַלן פון דעם וואַסער אויף דער מיל, און פאַרביי דעם אויער איז אַדורכגעפלויגן אַ פליג, זשוזשענדיק דערשראָקן און הילכיק.

און פּלוצלינג האָט נעכליודאָוו זיך דערמאָנט, אַז פּונקט אַזוי האָט ער אַמאָל, שוין זייער לאַנג, ווען ער איז נאָך געווען יונג און אומשולדיק, געהערט דאָ אויפן טייך דידאָזיקע קלאַנגען פון פּראַניקעס איבער באַס געוועש פון הינטער דעם רעגלמעסיקן גערויש פון דער מיל, און

פונקט אַזוי האָט אַ פרילינגס־ווינט באַוועגט זיינע האָר אויפן פייכטן שטערן און בלעטלעך פּאַפּיר אויפן פענצטער־ברעט, וואָס איז געווען אויסגעשניטן מיט אַ מעסער און פונקט אַזוי דערשראָקן איז דורכגעפלויגן אַ פליג פאַרביי אויער, און נישט אַזוי האָט ער זיך דערמאָנט אַלס 18-יעריק ייִנגל, ווי ער איז דעמאָלט געווען, נאָר ער האָט זיך דערשפּירט פונקט אַזאַ ווי דאַן, מיט דער זעלבער פרישקייט, ריינקייט און מיט אַ צוקונפט, וואָס איז פול געווען די גרעסטע מעגלעכקייטן, און צוגלייך דערמיט, ווי דאָס טרעפט אין חלום, האָט ער געוווּסט, אַז דאָס איז שוין נישטאָ; און אים איז געוואָרן שרעקלעך אומעטיק.

— ווען וועט איר באַווייליקן צו עסן? — האָט דער פאַרוואַלטער געזאָגט שמייכלענדיק.

— ווען איר ווילט, — איך בין נישט הונגעריק. איך וועל זיך דורכגיין אַ ביסל איבערן דאָרף.

— אפשר וועט איר אַריינגיין אין שטוב, בּאַ מיר איז אינעווייניק אַלץ אין אָרדנונג. זייט אַזוי גוט און גיט אַ קוק, צי אינעווייניק. . .

— ניין, שפּעטער, און איצטער זאָגט מיר, איך בעט אייך, צי איז דאָ בּאַ אייך פאַראַן איינע אַ פרוי מאַטרענאַ כאַרינאַ? (דאָס איז געווען קאַטיושעס אַ מומע).

— ווי זשע דען, אין דאָרף. — איך קאָן זיך מיט איר בשום אופן קיין עצה נישט געבן. זי האַלט אַ שענק. איך ווייס און מוסר זי און זידל זי, אָבער מאַכן אַן אַקט — איז אַ רחמנות: אַן אַלטע, האָט אייניקלעך, — האָט דער פאַרוואַלטער געזאָגט אַלץ מיט דעם זעלביקן שמייכל, וואָס האָט אויסגעדריקט אי דעם פאַרלאַנג צו געפינען לייטזעליקייט באַם באַלעבאָס אין די אויגן, אי די זיכערקייט, אַז נעכליודאָוו פאַרשטייט אַן עסק פונקט ווי ער.

— וווּ וווינט זי? איך וואָלט אַריבערגאַנגען צו איר.

— אין עק דאָרף, פון יענער זייט, דאָס דריטע שטיבל. צו דער לינקער האַנט אַ געמויערטע שטוב, און באַלד הינטער דער געמויערטער שטוב איז איר הייזקע. נאָר איך וועל אייך ליבערשט אונטערפירן, — האָט דער פאַרוואַלטער גערעדט, שמייכלענדיק מיט שמחה.

— ניין, איך דאַנק אייך, איך וועל געפינען, און איר זייט אַזוי גוט צו וויסן טון די פויערים, אַז זיי זאָלן זיך פאַרזאַמלען, איך בעט אייך; איך דאַרף זיך מיט זיי דורכרעדן וועגן דער ערד, — האָט נעכ־

ליודאָוו געזאָגט, האָבנדיק בדעה צו פאַרענדיקן מיט די פויערים פּינקט אַזוי ווי אין קוזמינסקאָיע און אויב מעגלעך — טאַקע היינט אײַנאָוונט.

IV.

אַרויס פון טויער, האָט נעכליודאָוו אויף דעם האַרט איינגעטרעטענעם שטעגל באַגעגנט דאָס פויערישע מיידל מיט די אויערינגלעך, וועלכע האָט שנעל געשפּרייזט מיט די גראָבע באָרוועסע פיס איבער דעם געמויזעכץ, פאַרוואַקסן מיט וועג-גראָז און ראָזמאַרין. אומקערנדיק זיך שוין צוריק, האָט זי שנעל געפאָכט מיט דער לינקער האַנט באַם גיין און מיט דער רעכטער פעסט צוגעדריקט צום בויך אַ רויטן האָן. דער האָן מיט זיין וויגעדיקן רויטן קאַם האָט אויסגעזעען זייער רויק און האָט נאָר פאַרגלייסט די אויגן, דאָ אויסגעשטרעקט, דאָ אויפגעהויבן אַ שוואַרצן פיס, אָנכאַפּנדיק זיך מיט די נעגל אין דעם מיידלס פאַטשיילע. אַז דאָס מיידל איז צוגעקומען נענטער צום פּריץ, האָט זי לכתחילה פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג, אָנשטאָט לויפן אָנגעהויבן צו גיין, און ווען זי האָט געגרייכט צו אים, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און צעשאָקלט דעם קאָפּ אויף אַהינטער, זיך אים אַ נייג געטון, און ערשט ווען ער איז אַדורכגעגאַנגען, איז זי מיטן האָן אַוועק ווייטער. אַראָפּלאָזנדיק זיך צום ברונעם, האָט נעכליודאָוו באַגעגנט נאָך אַן אַלטע פויערטע, וואָס האָט אויף דעם איינגעהויקערטן רוקן פון דעם ברודיקן פּראָסטן העמד געטראָגן שווערע פולע עמערס. די אַלטע האָט פאָרזיכטיק אַוועקגעשטעלט די עמערס און האָט פונקט אַזוי, מיט אַ צעוויגונג, זיך אים אַ נייג געטון.

הינטערן ברונעם האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דאָרף. ס'איז געווען אַ קלאָרער הייסער טאָג, און צו 10 אַ זייגער האָט שוין געפּאַרעט, די צוזאַמענציענדיקע וואָלקנס האָבן פון צייט צו צייט פאַרדעקט די זון. איבער דער גאַנצער גאַס איז געשטאַנען אַ שאַרפער, בייסנדיקער און אומאַנגענעמער ריח פון מיסט, וואָס איז געגאַנגען פון די פורן, וועלכע האָבן זיך געצויגן באַרג-אַרויף איבער דעם גלאַנציק איינגעפאָרענעם וועג, דערהויפּט אָבער פון דעם אויפגעגראָבענעם מיסט פון די הויפן, וואָס נעכליודאָוו איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי זייערע צעעפנטע טויערן. די

פויערים זענען באַרג-אַרויף נאָכגעגאַנגען די פורן, באַרוועסערהייט, אויס-געשמירט די פלודערן און העמדער אין דער מיסט-יויך, און זיך אומגע-קוקט אויף דעם הויכן דיקן פריץ, וועלכער איז געגאַנגען אַרויפצו אין דאָרף אין אַ גרויען קאַפּעלוש, וואָס האָט געגלאַנצט אויף דער זון מיט זיין זיידענער באַנד, און האָט אַ טריט איבער אַ טריט באַרירט די ערד מיט דעם פּאַלירט געקנעכלטן שטעקל מיט אַ בלישטשענדיקער גאַלקע. די פויערים, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון פעלד, און זיך געטרייסלט אויף די ברעטלעך פון די ליידיקע וועגענער, האָבן אַראָפּגענומען די היטלען, מיט פאַרוואונדערונג נאָכגעקוקט דעם אומגעוויינלעכן מאַן, וואָס איז געגאַנגען איבער זייער גאַס; די פויערטעס זענען אַרויסגעקומען פאַר די טויערן און אויף די גאַניקעס און אָנגעוויזן אויף אים איינע דער אַנדערער, באַגלייטנדיק אים מיט די אויגן.

באַם פערטן טויער, וואָס פאַרביי אים איז נעכליודאָוו פאַרבייגע-גאַנגען, האָבן אים באַגעגנט וועגענער, וואָס זענען מיט אַ סקריפּ אַרויס-געפאָרן פון די הויפן, אָנגעפּאַקטע מיט הויך אָנגעטרעטענעם מיסט, אויף וועלכן ס'איז געלעגן אַ שטיקל ראָגוזשע צום זיצן. אַ זעקסיעריק יינגל, אויפגערעגט פון דער דערוואַרטונג דורכצופאָרן זיך, איז נאָכגעגאַנגען דעם וואָגן. אַ יונגער פויער אין לאַפּטשעס האָט ברייט שפּרייזנדיק גע-טריבן דאָס פערד פון טויער אַרויס. אַ לאַנגפיסיק גרוי לאָשעקל איז אַרויסגעשפּרונגען פון טויער, אָבער זיך דערשראָקן פאַר נעכליודאָוון, האָט עס זיך צוגעטוליעט צום וואָגן און, אָפּקלאַפּנדיק די פיס אָן די רעדער, אַדורכגעשפּרונגען אויף צופריער פון זיין מאַמען, וועלכע האָט אַרויסגעפירט דעם שווערן וואָגן און האָט זיך אומרויק צעהירזשעט. דאָס נאָכפאָלגנדיקע פערד האָט אַרויסגעפירט אַ דאַרער מונטערער אַלטער, אויך אַ באָרוועסער, אין פאַסקודנע פלודערן, אין אַ לאַנג שמוציק העמד מיט אַרויסגעשטאַרצטע דאַרע קרייצביינער אויפן רוקן.

אַז די פערד זענען אַרויסגעפאָרן אויף דעם אויסגעפאָרענעם וועג, אויסגעשפּרייט מיט גרוי, ווי פאַרשרפּעטע שטיקער מיסט, האָט דער אַל-טער זיך צוריקגעקערט צום טויער און זיך פאַרנייגט פאַר נעכליודאָוון.

— ביסט אַ פּלימעניק פון אונזערע פריילינס.

— יאָ, יאָ.

— אָן אָנגעלייגטער גאַסט. וואָס, געקומען אונז געוויר ווערן? — האָט דער אַלטער באַרעדעוודיק אָנגעהויבן.

— יאָ, יאָ... נו, ווי לעבט זיך אייך עפּעס ? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, נישט ווּיסנדיק וואָס צו זאָגן.

— אומשטיינס געזאָגט, אונזער לעבן ! פון אונזער לעבן איז שוין גאָר קיין ערגערס נישטאָ, — האָט דער באַרעדעוודיקער אַלטער אויסגעצויגן מיט אַ ניגון, גלייך ווי האַבנדיק הנאה.

— פאַרוואָס עפּעס ? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט, אַרייַנגייענדיק אין טויער.

— ס'איז גאָר קיין לעבן נישט ! דאָס ערגסטע, וואָס עס קאָן געבן, — האָט דער אַלטער געזאָגט, נאָכגייענדיק נעכליודאָוון אויף דעם שטיקל פּלאַץ אונטערן אָפּדעכל, וואָס איז שוין געווען אָפּגערייניקט פון מיסט ביז צו דער ערד.

נעכליודאָוו איז מיט אים מיטגעגאַנגען אונטערן אָפּדעכל.

— אָט האָב איך אַ געזינדל פון 12 נפשות, — האָט דער אַלטער ווייטער גערעדט, אָנווייזנדיק אויף צוויי פרויען, מיט אַראָפּגעפּאַרעטע טיכלעך ; פאַרשוויצט, פאַרקאַשערט אַריבער די הוילע ליטקעס, וואָס זענען האַלב איינגערעכט געווען אין מיסט-יויך, זענען זיי מיט מיסט-גאָפּלען געשטאַנען אויף אַ בערגל פון נאָך נישט אויסגערוימטן מיסט. — אַלע חודש מוז מען צוקויפן 6 פוד, און ווו זאָל מען עס נעמען.

— עס קלעקט דען נישט ?

— קלעקט ? ! — האָט דער אַלטער איבערגעפרעגט מיט אַ פאַראַכטלעכן געלעכטערל. — איך האָב ערד אויף 3 נפשות, און הייער האָט מען אַראָפּגענומען בסך-הכל אַכט סטויגן, ביז ניטל האָט נישט געסטייעט.

— טאָ וואָס זשע טוט איר ?

— אָט אַזוי טוען מיר ; איינעם אַוועקגעגעבן פאַר אַ פאַראַבעק, און באַ אייער ווילגעבוירן אויך גענומען אַ ביסעלע געלט. נאָך פאַר די פאַסט-חגאות האָט מען אַלץ צוגענומען, און די שטייערן נישט באַצאָלט.

— וויפיל שטייערן ?

— פון מיין הויף אַ 17 רובל אַ דריטל יאָר. אַך, גאָט זאָל שומר ומציל זיין, אַ לעבן, אַז מ'ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי זיך אויסצוקערעווען.

— קאָן מען אַריין צו אייך אין שטוב ? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, רוקנדיק זיך פאַרויס איבערן הייפל און אַריבערגייענדיק פון דעם

אָפּגערייניקטן אָרט אויף נאָך נישט גערירטע און מיט די גאָפּלען אויס-געגראָבלטע זאַפּראַן-געלע, שטאַרק שמעקעדיקע שיכטן מיסט.

— פּאַרוואָס נישט, גיי אַריין, — האָט דער אַלטער געזאָגט און מיט האַסטיקע טריט פון די באָרוועסע פיס, וואָס האָבן אַדורכגעקוועטשט מיסט-יויך פון צווישן די פינגער, האָט ער אַריבערגעיאָגט נעכליודאָוון און אים געעפנט די טיר אין שטיבל אַריין.

די ווייבער, צורעכט געמאַכט די טיכלעך אויפן קאָפּ און אַראָפּגע-לאָזט די קליידלעך, האָבן מיט נייגיריקער אימה געקוקט אויף דעם ריינעם פּריץ מיט די גאָלדענע שפּאַנגעס אויף די אַרבל, וועלכער איז אַריינגעקו-מען צו זיי אין הויז.

פון שטוב זענען אַרויסגעשפּרונגען צוויי מיידלעך אין העמדלעך. איינגעבויגן זיך און אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש, איז נעכליודאָוו אַריין אין פּאַרהויז און אין דער שמוציקער ענגער, פון צוויי וועבשטולן פאַר-נומענער שטוב, וועלכע האָט געשמעקט מיט זויערן עסנוואַרג.

אין שטוב באַם אויוון איז געשטאַנען אַן אַלטע מיט פאַרקאַשערטע אַרבל פון די דאַרע אָדערדיקע אָפּגעברענטע הענט.

— אָט איז אונזער האַר צו אונז צו גאַסט געקומען, — האָט דער אַלטער געזאָגט.

— אדרבא, זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט, קומט אַריין, — האָט די אַלטע פריינדלעך געזאָגט, אַפּשאַרצנדיק די פאַרקאַשערטע אַרבל.

— כ'האָב געוואָלט אַ קוק טון, ווי איר לעבט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— אָט אזוי, ווי דו זעסט. די שטוב שיער וואָס זי פאַלט נישט איין, קאָן נאָך חס ושלום דערהרגענען ווערן. און דער אַלטער זאָגט, אַז אזא איז נאָך אויך גוט. איז אָט אזוי לעבן מיר ווי אין אַ מלוכה, — האָט די האַפּערדיקע אַלטע גערעדט, נערוועיש צוקנדיק מיטן קאָפּ. — אָט וועל איך רופן וואַרעמעס עסן, אַנקאַרמענען דעם עולם האַרעפּאַשני-קעס אונזערע.

— און וואָס וועט איר עסן וואַרעמעס?

— וואָס מיר וועלן עסן וואַרעמעס? אונזערע מאכלים זענען אין לשער. אַן ערשט געריכט איז ברויט מיט קוואַס, און דאָס צווייטע גע-ריכט — קוואַס מיט ברויט, — האָט די אַלטע געזאָגט, אַרויסווייזנדיק די האַלב אָפּגעגעסענע ציין.

— ניין, אָן אַ שפּאַס, ווייזט מיר, וואָס איר וועט היינט עסן?

— עסן? — האָט דער אַלטער לאַכנדיק געזאָגט. — אונזער עסן איז נישט אַבי־װאָס. װײַז אים, אַלטע!

די אַלטע האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— זיך פאַרגלוסט אָנקוקן אונזער פּויעריש עסן. אַ נײַגיריקער פּריץ ביסטו, װי איך קוק דיך אָן. אַלץ דאַרף ער װיסן. כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט — ברױט מיט קװאַס, און באָרשט נאָך, נעכטן האָבן די װײַבער געבראַכט שטינקעס, האָבן מיר באָרשט, און דערנאָך — בולבעס.

— און מער גאָרנישט?

— װאָס נאָך זאָל זײַן? מ׳װעט נאָך פאַרװײַסן מיט מילך אַ ביסעלע, — האָט די אַלטע געזאָגט, אונטערלאַכנדיק און קוקנדיק אויף דער טיר.

די טיר איז געװען אָפן, און דאָס פאַרהױז איז פול געװען מיט מענטשן, און קינדער, מײדעלעך, װײַבער מיט זײג־קינדער האָבן זיך געשטופּט בײַ דער טיר, קוקנדיק אויף דעם מאָדנעם פּריץ, װעלכער האָט באַטראַכט דאָס פּויערישע עסן. די אַלטע האָט קענטיק זיך געגרײסט מיט איר קענטשאַפט צו באַנעמען זיך מיט אַ פּריץ.

— יאָ, אַ שלעכט, זײער אַ שלעכט לעבן אונזערס, מײַן האַר, װאָס איז דאָ צו רעדן, — האָט דער אַלטער געזאָגט. — װוּהין קריכט איר! — האָט ער אַ געשריי געטון אויף די, װאָס זענען געשטאַנען אין דער טיר.

— נו, זײַט געזונט, — האָט נעכליודאָװ געזאָגט, פילנדיק זיך אין אַ פאַרלעגנהײט און פאַרשעמט, װאָס אין די סיבות דערפון האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קײן דין וחשבון.

— מיר דאַנקען גיטיקס, װאָס ביסט אונז געװויר געװאָרן, — האָט דער אַלטער געזאָגט.

אין פאַרהױז האָט דער עולם, שטופּנדיק אײנס דאָס אַנדערע, געמאַכט אים אַ װעג. ער איז אַרױס און אַװעק מיט דער גאַס אַרויף. גלײַך נאָך אים זענען פון פאַרהױז אַרױסגעגאַנגען צװײ באָרװעסע ייִנגעלעך: אײנס, דאָס עלטערע, אין אַ שמוציק העמד, װאָס איז אַמאָל געװען װײַס, און דאָס צװײטע — אין אַ שמאָלינקע, אָפּגעבלאַקירט ראָזן העמדל. נעכליודאָװ האָט זײ אָנגעקוקט.

— און איצטער װוּהין װעסטו גײן? — האָט געפרעגט דאָס ייִנגל אין דעם װײַסן העמד.

— צו מאַטרענאַ כאַרינאַ, — האָט ער געזאָגט. — איר קענט זי?

— דאָס קלײנע ייִנגל אין דעם ראָזן העמדל האָט זיך ווי פֿון עפּעס פֿונאַנדערגעלאַכט, דאָס עלטערע אָבער האָט ערנסט איבערגע־פֿרעגט:

— וועלכע מאַטרענאַ? די אַלטע?

— יאָ, די אַלטע.

— אַהאַ, — האָט ער געזאָגט אױסציענדיק. — דאָס איז די סע־מיאָניכע, אין עק דאָרף. מיר וועלן דיך אונטערפֿירן. העי נאָר, פֿעדקע־לאָמיר אים אונטערפֿירן.

— און וואָס וועט זײַן מיט די פֿערד?

— אָן ביין!

פֿעדקע האָט אײַנגעשטימט, און אַלע דרײַ זענען זײ אַוועק אַרויפֿצו אין דאָרף.

V.

נעכליודאָוון איז געווען לײַכטער מיט די ייִנגלעך, ווי מיט די גרויסע, און אויפֿן וועג האָט ער זיך מיט זײ צעדעדט. דער קלײנער אין ראָזן העמד האָט שוין אויפֿגעהערט צו לאַכן און האָט גערעדט פּונקט אַזוי קלוג און פֿאַרשטענדיק, ווי דער עלטערער.

— נו, און ווער איז דאָ באַ אײַך דער אָרימסטער? — האָט נעכליודאָוו געפֿרעגט.

— ווער איז אַן אָרימער? מיכאַילאָ איז אַן אָרימער, סעמיאָן מאַקאַראָוו, און מאַרפֿאַ איז אַ גרויל סאַר אַן אָרימע.

— אָבער אַניסיע, די איז נאָך אַ סך אָרימער. אַניסיע האָט אפֿילו נישט קײן קו, זײ גײען איבער די הײַזער, — האָט געזאָגט דער קלײנער פֿעדיאַ.

— זי האָט נישט קײן קו. אָבער דערפֿאַר זענען זײ נאָר זאַלבע־דריט, און מאַרפֿאַ איז זאַלבעפֿינף, — האָט אָפּגעענטפֿערט דאָס עלטסטע ייִנגל.

— פֿונדעסטוועגן איז זי אַן אַלמנה, — האָט זיך דאָס ראָזע ייִנגל אײַנגעשטעלט פֿאַר אַניסיען.

— דו זאָגסט, אַז אַניסיע איז אַן אלמנה, אָבער מארפאַ איז דאָך אויך אַלצאיינס ווי אַן אלמנה, — האָט איינגעטענהט דאָס עלטערע ייִנגל. — זי האָט דאָך סיי־ווי־סיי נישט קיין מאַן.

— ווו איז איר מאַן ? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— אין טורמע שפּייזט ער די לייז, — האָט געזאָגט דאָס עלטערע ייִנגל, באַנוצנדיק דאָס געוויינלעכע ווערטל.

— פאַראַיאָרן האָט ער אין פּריצישן וואַלד אויסגעהאַקט צוויי בערעזעס, האָט מען אים איינגעזעצט, — האָט זיך דער קלענער דער ראָזער געאיילט צו דערציילן. — איצט איז שוין באַלד זעקס חדשים ווי ער זיצט, און זיין ווייב מוז גיין בעטלען. דריי קינדער און אַן אַלטע מאַמע, — האָט דער קלענער מעשה גרויסער דערציילט.

— ווו וווינט זי ? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— אָט אויף דעם זעלבן הויף, — האָט דאָס ייִנגל געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף אַ שטוב, פאַרביי וועלכער זיי זענען דורכגעגאַנגען. נישט ווייט פון שטוב אויפן שטעגעלע, ווו נעכליודאָוו איז געגאַנגען, איז געשטאַנען אַ ברעקל קינד מיט העלע אייגעלעך און האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די אויסגעקרימטע פיסעלעך מיט די אויף אַרויס אויסגעבויגענע קנעכלעך.

— וואַסקאַ, קונדס דו איינער, ווו ביסטו עס אַנטלאָפן, — איז מיט אַ געשריי אַרויסגעלאָפן אַ פרויערטע פון שטוב. זי איז געווען אין אַ שמוציק גרוי העמד, וואָס האָט אויסגעזעען ווי מיט אַש באַשיט. מיט אַ צעשראָקן פנים האָט זי זיך געלאָזט לויפן נעכליודאָוון פאַרויס, האָט אַ כאַפּ געטון דאָס קינד אויף די הענט אין עס אַוועקגעטראָגן צוריק אין הויז. גלייך ווי זי האָט מורא געהאַט, אַז נעכליודאָוו וועט עפּעס טון שלעכטס איר קינד.

דאָס איז געווען די זעלבע פרוי, וואָס איר מאַן איז געזעסן אין תפיסה פאַר די בערעזעס פון נעכליודאָווס וואַלד.

— נו, און מאַטרענאַ איז אַן אָרימע ? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט, בעת זיי זענען שוין צוגעגאַנגען צו מאַטרענעס שטיבל.

— וואָס פאַר אַן אָרימע איז זי : זי האַנדלט מיט בראָנפן. — האָט פעסט געזאָגט דאָס ראָזע דאַרינקע ייִנגל.

צוגעגאַנגען צו מאַטרענעס שטיבל, האָט נעכליודאָוו אָפּגעלאָזט די ייִנגלעך, איז אַריין אין פאַרהויז, דערנאָך אין שטיבל. די הייזקע פון דער אַלטער מאַטרענע איז געווען אויף זעקס אַרשין, אַזוי אַז אויפן בעט, וואָס איז געשטאַנען הינטערן אויוון, וואָלט זיך אַ גרויסער מענטש

נישט געקאָנט אויסציען: „אויף דעם זעלבן בעט, — האָט נעכליודאָוו אַ טראַכט געגעבן: האָט קאַטיושאַ געהאַט דאָס קינד און איז דערנאָך געלעגן קראַנק". דאָס גאַנצע שטיבל איז כמעט געווען פאַרנומען מיט אַ וועבשטול, וועלכע די אַלטע מיט אַן אייניקל האָבן אָנגעצויגן, בעת נעכליודאָוו איז אַריין, אָפּשלאָגנדיק דעם קאָפּ אָן דער נידעריקער טיר. נאָך נעכליודאָווס אַריינגיין זענען געקומען צו לויפן נאָך צוויי אייניקלעך, זענען שטיין געבליבן הינטער אים אין טיר, אָנהאַלטנדיק זיך מיט די הענט אָן דעם ברעט פון דער טיר.

— וועמען דאַרפט איר? — האָט די אַלטע געפרעגט. זי איז געווען שלעכט געשטימט, ווייל די אַרבעט אויף דער וועבשטול איז עפּעס נישט גוט געגאַנגען. און בכלל, האַנדלענדיק בגנבה מיט בראָנפן, האָט זי געהאַט מורא פאַר יעדן פרעמדן מענטש.

איך בין דער גוטבאַזיצער. איך האָב געוואָלט זיך אַדורכרעדן מיט אייך.

די אַלטע איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אים שאַרף אָנגעקוקט; און מיטאַמאָל איז זי אינגאַנצן ווי אַן אַנדערע געוואָרן.

— אָך, מיין טייערער, און איך, דער נאַר, האָב נישט דערקענט: האָב געמיינט עפּעס אַ דורכגייער, — האָט די אַלטע זיך צערעדט מיט אַ געמאַכטער פריינטלעכער שטימע. — אַזאַ גאַסט, אַזאַ גאַסט!

— איך האָב זיך מיט אייך געוואָלט דורכרעדן, אַז קיינער זאָל דערביי נישט זיין, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, קוקנדיק אויף דער אָפענער טיר, ווו עס זענען געשטאַנען די קינדער און אַ דאַרע פרוי מיט אַן אויסגעמאַגערט קרענקלעך-בלייך און שמייכלענדיק קינד אין אַ קאָפּ-טערל פון שטיקלעך.

— וואָס האָט איר דאָ נישט געזעען. איך וועל אייך ווייזן! גיט מיר אָקאָרשט די קוליע אַהער, — האָט זי זיך גענומען בייזערן אויף די, וואָס זענען געשטאַנען באַ דער טיר. — פאַרמאַכט די טיר.

די קינדער זענען זיך צעלאָפן, און די פויערטע מיטן קינד אויף דער האַנט האָט צוגעמאַכט די טיר.

— און איך קלער באַ זיך, ווער האָט עס געקאָנט קומען? ערשט אַזאַ גאַסט! דער פריץ אַליין, דו גאָלדענער מיינער, דו שיינער און גוטער — אַזאַ גאַסט, — האָט די אַלטע גערעדט. — אָנגעשטאַנען אַריינ-צוקומען צו מיר! אוי, וואָס פאַר אַ דימענט דו ביסט! זעץ זיך דאָ,

אייער דורכלויכט, אָט-דאָ אויף דער באַנק, — האָט זי געזאָגט און אויסגעווישט די באַנק מיט דעם פאַרהענגל. — און איך קלער, וואָס פאַר אַ טייוול קריכט עס דאָ, ערשט ער אַליין, אייער דורכלויכט, דער פּריץ דער גוטער, אונזער בעל-טובה, אונזער שפּייזער. האָב נישט קיין פאַריבל אויף מיר, אַלטער נאַר — שוין בלינד געוואָרן אויף דער עלטער.

נעכליודאָוו האָט זיך געזעצט. די אַלטע האָט זיך פאַר אים געשטעלט, האָט מיט דער רעכטער האַנט אונטערגעשפּאַרט די באַק, מיט דער לינקער האַנט אונטערגעלענט דעם שאַרפן עלנבויגן פון דער רעכטער, און האָט אָנגעהויבן מיט אַ זינגענדיקער שטים:

— איי, האָסטו זיך געעלטערט, אייער דורכלויכט; ביסט געווען שיין ווי אַ ריבן, און איצטער שוין נישט דאָס! האָסט, קענטיק, אויך זאָרג.

— איך בין אָט וואָס באַ דיר געקומען פרעגן: געדענקסטו קאַטיושאַ מאַסלאָווען?

— קאַטערינען? וואָס הייסט צי איך געדענק? — זי איז מיינס אַ פּלימעניצע. וואָס הייסט צי איך געדענק? און וויפיל טרערן האָב איך צוליב איר פאַרגאָסן. איך ווייס דאָך אַלץ. ווער, מיין טייערער, איז פאַר גאָט נישט זינדיק און דעם קייסער נישט שולדיק. ביידע יונגע. צוזאַמען געגעסן, צוזאַמען געטרונקען, האָט דאָס שוואַרציאַר אָנגערעדט, און ס'האָט זיך געטראָפן אַ צרה. וואָס קאָן מען מאַכן! ווען דו זאָלסט זי געווען אוועקוואַרפן! אָבער דו האָסט דאָך זי אַזוי באַגליקט: האָסט איר הונדערט רובל אָפּגעציילט. אָבער וואָס האָט זי געטון? האָט קיין שכל נישט געהאַט. ווען זי זאָל מיך געווען פאָלגן, וואָלט זי געווען אַ לייט. הגם זי איז מיינס אַ פּלימעניצע, אָבער איך וועל זאָגן דעם אמת — אַ גאָרנישט אַ מיידל. איך האָב זי דאָך דערנאָך אוועקגעשטעלט אויף אַזאַ גילדערנעם אָרט, האָט זי נישט געוואָלט זיין קיין נכנע, האָט אָפּגעזידלט דעם באַלעבאָס. צי דען קאָנען מיר זיך פאַרגינען אָפּצוזידלען די הערשאַפטן? נו, האָט מען זי בעקינדיקט. און דערנאָך באַ דעם וואַלד-פאַרוואַלטער האָט מען זיך אויך געקאָנט דורכלעבן, אָבער זי האָט נישט געוואָלט.

— איך האָב געוואָלט וויסן וועגן קינד. זי האָט דאָך באַ אייך געבוירן? ווו איז דאָס קינד?

— דאָס קינד, טייערער מיינער, האָב איך דאַן גוט איינגעאָרדנט. זי איז געווען דעמאָלט אַ גרויסער חולה, איך האָב נישט געהאָפט, אַז

זי וועט אַרויסקריכן. איך האָב געטויפט דאָס ייִנגעלע, אַלץ ווי עס דאַרף צו זיין, און אַוועקגעשיקט אין פּריוט. נו, וואָס דאַרף מען מאַטערן אַ כשר בשמהלע, ווען די מאַמע שטאַרבט נעבעך אַוועק. אַנדערע טוען אַזוי, וואָס זיי לאָזן דאָס קינד אָן דער מוטערס ברוסט, — און עס גייט אויס; אָבער איך האָב באַ זיך אַזוי געטראַכט — איך וועל מיין טרחה נישט זשאַלעווען. איך וועל אָפּגעבן אין פּריוט. געלט איז געווען, האָט מען עס אָפּגעפירט.

— און אַ נומער איז געווען?

— אַ נומער איז געווען. אָבער דאָס קינד איז גלייך געשטאָרבן. זי האָט דערציילט: ווי נאָר איך האָב עס געבראַכט, איז עס גלייך אויסגעגאַנגען.

— ווער איז די זי?

— אָט די־דאָזיקע זעלבע פרוי, אין סקאָראָדנע האָט זי געוווינט. זי האָט זיך דערמיט פּאַרנומען. מען האָט זי גערופן מאַלאַניע. זי איז שוין איצט טויט. אַ קלוגע פרוי געווען, — אָט ווי זי פלעגט טון. אַז מען פלעגט איר ברענגען אַן עופעלע, פלעגט זי עס האַלטן באַ זיך אין הויז, פלעגט עס צוקאָרמענען, און צוקאָרמענען פלעגט זי אַזוי לאַנג, ביז זי פלעגט צוזאַמענקלייבן אויף אַוועקצושיקן. און ווי זי פלעגט צוזאַמענקלייבן אַ דריי־פיר, פלעגט זי זיי גלייך אָפּפירן. באַ איר איז געווען אַזוי קלוג געמאַכט: אַזאַ מין גרויסע וויג — ווי פאַר צווייען, מען האָט געקאָנט אַריינלייגן אין איין זייט און אין דער צווייטער. און צו דער וויג איז געווען צוגעמאַכט אַ הענטל. פלעגט זי אַריינלייגן אין וויג אַ פיר עופעלעך מיטאַמאָל, נאָר מיט די קעפּעלעך בישט אין איין זייט, אַז זיי זאָלן זיך נישט שלאָגן מיט די פיסלעך, און אַזוי פלעגט זי פיר מיטאַמאָל אַוועקפירן. פלעגט זיי געבן אַ פּיפּקע אין מויל און זיי, די שוועלבעלעך, פלעגן נעבעך שווייגן.

— נו, איז בכן?

— און אויף אַזאַ מין אופן האָט זי קאַטערינעס קינד אויך אָפּגעפירט, אָבער אַ וואָך צוויי געוויסע האָט זי עס באַ זיך אָפּגעהאַלטן. אָבער באַ איר אין שטוב איז עס איינגעגאַנגען.

— געווען אַ שיין קינד? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— אַזאַ שיין קינד, אַז קיין בעסערס האָט מען נישט באַדאַרפט. פּונקט אין דיר געראָטן, — האָט צוגעגעבן די אַלטע און האָט אַ פינטל געטון מיט אַן אייגל.

— איז פון וואָס איז עס געוואָרן שלאָף: מסתמא האָט מען עס שלעכט דערנערט?

— וואָס פאַר אַ דערנערונג? אימשטיינס געזאָגט. געוויס איז עס נישט ווי אַן אייגן קינד. אַבי לעבעדיקערהייט אין פריוט צו דערפירן. זי האָט דערציילט, אַז זי האָט עס נאַר־וואָס געבראַכט קיין מאָסקווע — און דאָ איז עס גלייך געשטאָרבן. זי האָט געבראַכט אַ קוויטל, אַז ס'קינד איז געשטאָרבן. אַלץ ווי עס באַדאַרף צו זיין. אַ קלוגע פרוי געווען.

מער האָט נעכליודאָוו גאָרנישט געקאָנט דערגיין וועגן זיין קינד.

VI.

נאָכאַמאָל אָפּגעקלאַפּט דעם קאָפּ אָן די ביידע טירן אין שטוב און אין פאָרהויז, איז נעכליודאָוו אַרויס אויף דער גאַס. די קינדער: דאָס ווייס־גרויע און דאָס ראָזע, האָבן אים אָפּגעוואַרט. צו זיי זענען צוגעקומען נאָך עטלעכע יינגלעך. ס'האָבן אים אויך אָפּגעוואַרט אייניקע פרויען מיט עופּהלעך אויף דער האַנט. צווישן זיי איז אויך געווען יענע דאַרע פרוי, וואָס האָט אַזוי לייכט געהאַלטן אויף דער האַנט דאָס בלייכע עופּעלע אין דעם קאַפּטערל פון שטיקלעך. דאָסדאָזיקע עופּעלע האָט אָן אויפהער עפּעס אַזוי מאָדנע געשמייכלט מיט זיין גאַנץ זקניש פּנימל און האָט נאָכאַנאַנד געשאָקלט אָנגעשטרענגט מיט די אויסגעקרימטע גרויסע פינגער.

נעכליודאָוו האָט געוווּסט, אַז דאָס איז געווען דער שמייכל פון פּיין. ער האָט געפרעגט, ווער איז דידאָזיקע פרוי.

— דאָס איז די אַניסיע, איך האָב דיר דערציילט וועגן איר, — האָט געזאָגט דאָס עלטערע יינגל.

נעכליודאָוו האָט זיך געווענדט צו אַניסען.

— ווי אַזוי לעבסטו? — האָט ער געפרעגט. — מיט וואָס קומסטו דורך?

— ווי אַזוי איך לעב? איך בעטל, — האָט אַניסע געזאָגט און האָט זיך צעוויינט.

דאָס עופּעלע מיטן אויסזען פון אַן אַלטן האָט זיך איינגאַנצן

צעגאָסן אין אַ שמייכל, אויסבייגנדיק זיינע קליינינקע פיסעלעך, ווי ווערעמלעך.

נעכליודאָוו האָט אַרויסגענומען דעם טייסטער און האָט געגעבן דער פרוי צען רובל. ער האָט נישט באַוויזן צו מאַכן אַ פּאָר טריט, איז צו אים צוגעגאַנגען אַ צווייטע פרוי מיט אַ קינד, דערנאָך אַן אַלטע, דערנאָך נאָך פרויען, אַלע האָבן דערציילט וועגן זייער נויט און געבעטן זיי העלפן. נעכליודאָוו האָט צעטיילט די זעכציק רובל אין קליינע אַסיגנאַציעס, וואָס ער האָט געהאַט בײַ זיך אין טייסטער, און מיט אַ שרעקלעכן אומעט אין האַרץ האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים, דאָס הייסט אין דעם הויז פון דעם פּאַרוואַלטער.

דער פּאַרוואַלטער האָט שמייכלענדיק באַגעגנט נעכליודאָוון און אים איבערגעגעבן, אַז די פּויערים וועלן זיך צונויפקלייבן אין אָוונט. נעכליודאָוו האָט אים אָפּגעדאַנקט און, נישט אַרײַן אין די צימערן, איז ער אַוועק אין גאָרטן, איבער די שטעגעלעך, וואָס זענען געווען באַשאָטן מיט ווייס בליעכל פון עפּלביימער. ער איז געגאַנגען און איבערגעטראַכט וועגן אַלעם דעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען.

פריער איז אַרום הויז געווען שטיל, אָבער דערנאָך האָט נעכליודאָוו דערהערט בײַם פּאַרוואַלטער צוויי פרויען-שטימען, וואָס האָבן גערעדט מיט כּעס, איבערשטייגנדיק איינע די אַנדערע. פון צייט-צו-צייט פלעגט זיך צווישן זייערע שטימען הערן דעם פּאַרוואַלטערס קול. נעכליודאָוו האָט זיך איינגעהערט.

— ס'איז נישט מיינע כּוחות! — האָט גערעדט אַ בייזע פרויען-שטימע.

— זי איז דאָך נאָר אַרײַנגעלאָפן, — האָט געטענהט אַ צווייטע. גיב אַרויס, זאָג איך דיר. און וואָס פּאַרפּייניקסטו אי די בהמה אי די קינדער, אָן מילך דאַרפן זיין.

— אָדער באַצאָל. אָדער אַרבעט אָפּ, — האָט געענטפערט דעם פּאַרוואַלטערס רויקע קול.

נעכליודאָוו איז אַרויס פון גאָרטן און איז צו צום גאַניק, ווו עס זענען געשטאַנען צוויי צעשויבערטע פּויערטעס, פון וועלכע איינע איז געווען קענטיק מעוברת אין די לעצטע חדשים. אויף די טרעפלעך פון גאַניק, די הענט פאַרלייגט אין די קעשענעס פון דעם ליוונטענעם מאַנטל, איז געשטאַנען דער פּאַרוואַלטער. דערזעען דעם פּריץ, זענען די פּויערטעס שטיל געוואָרן און גענומען פאַרריכטן די טיכלעך, וואָס האָבן זיך אַראָפּ-

בעגליטש פון קאָפּ, און דער פּאַרוואַלטער האָט אַרויסגענומען די הענט פון די קעשענעס און האָט גענומען שמייכלען.

די זאַך איז באַשטאַנען דערין, וואָס די פּויערים, ווי דאָס האָט דערציילט דער פּאַרוואַלטער, האָבן מיט אַ כּיוון געלאָזט זייערע קעלבער און אפילו די קי אויף דער פּריצישער לאָנקע. און אַט האָט מען פון דיביידע פּויערטעס געכאַפּט אויף דער לאָנקע צוויי בהמות און מ׳האָט זיי פאַרנומען. דער פּאַרוואַלטער האָט געפאָדערט 30 קאָפּיקעס פון אַ קו, אָדער צוויי טעג אָפּאַרבעטן. די פּויערטעס האָבן אָבער געטענהט, אַז ערשטנס, זענען זייערע בהמות נאָר־וואָס אַרויפגעגאַנגען, צווייטנס, האָבן זיי נישט קיין געלט, און דריטנס, האָבן זיי געפאָדערט, אַז פאַר צוואָגן אָפּצואַרבעטן, זאָל מען גלייך זיי אַרויסלאָזן די קי, וואָס זענען געשטאַנען פון פרי אָן אויף ברייע און אָן געפיטער און האָבן טרויעריק געמעקעט.

— וויפיל מאָל האָב איך אייך געבעטן מיט גוטן, — האָט גערעדט דער שמייכלענדיקער פּאַרוואַלטער, אומקוקנדיק זיך אויף נעכליודאָוון, ווי ער וואָלט אים געמאַכט פאַר אַן עדות. — אויב איר פאַרטרייבט דאָס פיך אויף מיטאָג, דאַרפט איר השגחה געבן.

— אַ לויף געטון אויף אַ רגע צום קינד, אָבער נישט אַוועק.

— גיי נישט אַוועק, אַז האָסט זיך גענומען היטן.

— און דעם עופעלע ווער וועט עסן געבן? דו וועסט אים די ברוסט נישט געבן.

— עס וואָלט נישט געווען פאַרדראָסיק, אַז זי וואָלט אינדערראַמתן זיך אָנגעפיטערט אויף דער לאָנקע, וואָלט דאָס האַרץ נישט ווי געטון, אָבער זי איז דאָך נאָר־וואָס אַרויפגעגאַנגען, — האָט געטענהט די צווייטע.

— די גאַנצע לאָנקעס צעפרעסן, — האָט דער פּאַרוואַלטער זיך געווענדט צו נעכליודאָוון. — אַז מען זאָל זיי אַזוי לאָזן, וועט קיין היי גאָרנישט זיין.

— זינדיק נישט, — האָט אויסגעשריגן די מעוברתטע. — מיינע זענען נאָך קיינמאָל נישט אַריינגעפאַלן.

— אָבער ווי באַלד זיי זענען אַריינגעפאַלן, — איז אָדער באַצאָל אָדער אַרבעט אָפּ.

— נו, איז גוט, וועל איך אָפּאַרבעטן — גיב אַרויס די קו, נישט מאַטער מיט הונגער, — האָט זי מיט צאָרן אויסגעשריגן. — אַזוי איז אויך קיין רו נישטאָ סיי טאָג סיי נאַכט. די שוויגער איז קראַנק, דער

מאַן איז נעלם געוואָרן. אײנע אַלײן אויף אַלע סטראַזשן; און קײן כוחות זענען נישטאָ. ווערג זיך מיט דײן אָפּאַרבעטן.

נעכלודאָוו האָט געבעטן דעם פּאַרוואַלטער אָפּלאָזן די בהמות, און אַלײן איז ער ווידער אַוועק אין גאָרטן צו דערטראַכטן זײנע מחשבות. אָבער טראַכטן איז שוין איצט נישט געווען וועגן וואָס.

איצט איז אים אַלץ געווען אַזוי קלאָר, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּחידוּשן, ווי אַזוי עס זעען נישט די מענטשן, און ווי אַזוי האָט ער עס אַזוי לאַנג נישט געזעען דאָס, וואָס איז אַזוי באַשײנפּערלעך קלאָר. דאָס פֿאָלק שטאַרבט אויס, און עס האָט זיך צוגעוווינט צו זײן אויסשטאַרבונג; בײַ אים האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ לעבנס־שטײגער, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם פּראָצעס פֿון אויסשטאַרבן. עס שטאַרבן אויס די קינדער, די פֿרויען אַרבעטן איבער די כוחות, אַלע האָבן נישט גענוג נאַרונג, איבערהויפּט די אַלטע לײט. און אַזוי ביסלעכווײז איז דאָס פֿאָלק געקומען צו דער דאָזיקער לאַגע, אַז עס זעט שוין אַלײן נישט דעם גאַנצן גרויל און באַקלאָגט זיך שוין נישט אפילו. און דעריבער מײנען מיר אויך, אַז די דאָזיקע לאַגע איז אַ נאַטירלעכע און אַזאַ באַדאַרף זי צו זײן. איצט איז אים געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז די הויפּט־סיבה פֿון דער פֿאָלקס־נויט, וואָס דאָס פֿאָלק אַלײן באַטאָנט שטענדיק, איז באַשטאַנען דערין, וואָס די גוטבאַזיצער האָבן אָפּגענומען בײַם פֿאָלק די ערד, פֿון וועלכע זײ האָבן זיך געקאָנט שפּײַזן. און מען זעט דאָך באַשײנפּערלעך, אַז די קינדער און די אַלטע לײט שטאַרבן דערפֿון, וואָס זײ האָבן נישט קײן ביסל מילך, און קײן מילך האָבן זײ נישט דערפֿאַר, ווײַל זײ האָבן נישט קײן ערד, ווו צו פֿירן דאָס פֿיך און אויפֿזאַמלען תּבֿואה און הײ. ס'איז אינגאַנצן קלאָר, אַז אַלע צרות פֿון פֿאָלק, אָדער, לכל הפּחות, די וויכטיקסטע, די נאָענטסטע סיבה פֿון פֿאָלקס אומגליק איז די, וואָס די ערד, וועלכע שפּײַזט אים, געפֿינט זיך נישט אין זײנע הענט, נאָר אין די הענט פֿון די לײט, וואָס באַנוצנדיק זיך מיט זײער רעכט אויף דער ערד, לעבן זײ פֿון דער פּראַצע פֿון דעמדאָזיקן פֿאָלק. און די ערד, וועלכע איז אַזוי נײטיק די מענטשן, אַז זײ שטאַרבן אויס, ווען זי פֿעלט זײ, ווערט באַאַרבעט דורך דידאָזיקע מענטשן טאַקע, וועלכע זענען דערפֿירט צו דער לעצטער מדרגה פֿון נויט, ווערט באַאַרבעט דערפֿאַר, אַז די תּבֿואה זאָל מען אַרויספֿירן קײן אויסלאַנד און אַז די באַזיצערס פֿון דער ערד זאָלן זיך קאָנען אײַנקויפֿן היטן, שטעקלעך, קאַרעטן, בראָנזע און דאָס גלײַכן. דאָס איז איצט פֿאַר אים גע־

וועט אזוי קלאָר, ווי ס'איז פאַר אים געווען קלאָר, אַז די פערד, וואָס זענען
פאַרשפּאַרט אין אַ גאָרטן, ווו זיי האָבן אויפגעגעסן דאָס גאַנצע גראָז פון אונ-
טער די פיס, וועלן זיין אויסגעדאַרט און וועלן פּגרן פאַר הונגער, כל-זמן
מ'וועט זיי נישט געבן קיין מעגלעכקייט זיך צו באַנוצן מיט דער ערד, אויף
וועלכער זיי זאָלן קאָנען זיך געפינען געפיטער... און דאָס איז שרעקלעך,
און עס קאָן און עס דאַרף אַזוי נישט זיין. און מען באַדאַרף אויסזוכן
מיטלען, אַז דאָסדאָזיקע זאָל נישט זיין, אָדער, לכל הפחות, אַליין נישט
נעמען אין דעם קיין אָנטייל. „און איך וועל זיי באַשטימט געפינען“, האָט
ער געטראַכט, גייענדיק הין און צוריק איבער דער נאָענטסטער בערעזע-
ווער אַלעע. „אין די וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפטן, אין די מלוכה-אַמטן,
אין די צייטונגען רעדן מיר איבער די סיבות פון אָרימקייט פון דעם
פאָלקס-אָרימקייט און איבער די מיטלען, ווי אים צו העלפן, מיר דער-
מאַנען אָבער נישט דאָס וויכטיקסטע מיטל, וואָס באַשטייט אין אָפּגעבן
דעם פאָלק די ערד, וואָס איז בײַ אים צוגענומען געוואָרן און וועלכע
איז פאַר אים נייטיק ווי לעבן. דאָס מיטל וועט אויף זיכער דערהייבן
דאָס פאָלק“. און ער האָט זיך קלאָר דערמאָנט אָן די הויפּט-פּרינציפּן
פון הענרי דזשאָרדזש און אָן זיין באַגייסטערן זיך מיט אים און ער האָט
זיך געחידושט אויף דעם, וואָס ער האָט דאָס אַלץ פאַרגעסן. „ערד קאָן
נישט זיין קיין אייגנטום, קאָן נישט זיין קיין זאַך פון קויפן און פאַרקויפן,
פּונקט ווי וואַסער, ווי לופט, ווי די שטראַלן פון דער זון. אַלע האָבן
גלייכע רעכט אויף ערד און אויף אַלץ, וואָס זי גיט די מענטשן“. און
ער האָט פאַרשטאַנען איצט, פאַרוואָס ער האָט זיך געשעמט דערמאַנען
אָן זיינע געשעפטן אין קוזמינסקאָיע. ער האָט זיך אַליין גענאַרט.
וויסנדיק, אַז אַ מענטש קאָן נישט האָבן קיין רעכט אויף ערד, האָט ער
זיך גענומען דאָס רעכט און געשאָנקען די פּויערים אַ טייל דערפון.
אויף וואָס ער האָט געוווסט טיף אין האַרץ, אַז ער האָט דערויף גאָר
קיין רעכט נישט. איצט וועט ער אַזוינס נישט טון און וועט ענדערן
דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעטון אין קוזמינסקאָיע. און ער האָט געשאַפן אין
קאָפּ אַ פּראָיעקט, וואָס איז באַשטאַנען אין אָפּגעבן די פּויערים די ערד
אין אַרענדע פאַר אַ רענטע און די רענטע אָנערקענען אַלס אייגנטום פון
די זעלבע פּויערים, כּדי זיי זאָלן צאָלן דערמיט שטייערן און אויסגעבן
אויף געזעלשאַפטלעכע צוועקן. דאָס איז נישט געווען קיין Single-tax*).

*) איינהייטלעכ ר שטייער.

באַר בא דער איצטיקער אָרדנונג איז דאָס געווען די איינציק מעגלעכע דערנענטערונג דערצו. דאָס וויכטיקסטע איז געווען, וואָס ער האָט זיך אָנטזאָגט פון זיין רעכט פון ערד־באַזיץ.

ווען ער איז געקומען אהיים, האָט דער פּאַרוואַלטער, שמייכלענדיק מיט אַ באַזונדערער שמחה, פאָרגעלייגט צו עסן מיטאָג, און האָט אויסגעדריקט זיין מורא, אַז די מאכלים, וואָס זיין פרוי מיט דער הילף פון דעם מיידל מיט די אויערינגלעך, האָט צוגעגרייט, קאָנען זיך איבערקאָכן אָדער איבערבראָטן.

דער טיש איז געווען געדעקט מיט אַ גראָב לייוונטן טישטוך, אַן אויסגענייט האַנטוך איז געווען אָנשטאָט אַ סערוועטל, און אין אַ וואַזע פון אַלטן זאַקסישן פאָרצעליי מיט אַן אָפּגעבראָכן הענטל איז געווען אַ קאַרטאָפל־זופּ מיט דעם זעלביקן האָן, וואָס האָט פריער אויסגעשטרעקט דעם שוואַרצן פוס. איצטער איז ער געווען צעשניטן, זאָגאַר צעהאַקט אויף שטיקלעך און אין אייניקע ערטער איז ער געהען באַדעקט מיט האָר. נאָך דער זופּ האָט מען דערלאַנגט דעם האָן מיט צוגעבראָטענע האָר און קעז־קנישעס מיט אַ סך פּוטער און צוקער. ווי ווייניק טעם דאָס אַלץ האָט געהאַט, האָט נעכליודאָוו געגעסן, נישט מערקנדיק, וואָס ער עסט. אַזוי איז ער געווען פאַרטון אין זיינע געדאַנקען, וואָס האָבן מיטאַמאָל פאַריאָגט זיין טרויער, מיט וועלכן ער איז געקומען פון דאָרף.

דעם פּאַרוואַלטערס פרוי האָט געקוקט דורך דער טיר, בעת דאָס דערשראָקענע מיידל מיט די אויערינגלעך האָט דערלאַנגט די געריכטן, און דער פּאַרוואַלטער אַליין, גרויסנדיק זיך מיט זיין פרויס בריהשאַפט, האָט אַלץ פרייליכער און פרייליכער געשמייכלט.

נאָך מיטאָג האָט נעכליודאָוו מיט אָנשטרענגונג אוועקגעזעצט דעם פּאַרוואַלטער, און כדי זיך אַליין צו קאָנטראָלירן, און צווייטנס כדי עמעצן אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס האָט אים אַזוי פאַרכאַפּט, האָט ער איבערגעגעבן זיין פּראָיעקט וועגן אָוועקשענקען די פּויערים די ערד און האָט געפרעגט דעם פּאַרוואַלטער זיין מיינונג וועגן דעם. דער פּאַרוואַלטער האָט געשמייכלט, געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז דאָס זעלבע האָט ער שוין אַליין לאַנג געטראַכט, און איז זייער צופרידן דאָס צו הערן, אָבער אין תּוך האָט ער גאָרנישט פאַרשטאַנען, קענטיק אָבער נישט דערפאַר, ווייל נעכליודאָוו האָט נישט קלאָר זיך אויסגעדריקט, נאָר דערפאַר, וואָס לויט דעמדאָזיקן פּראָיעקט איז אויסגעקומען, אַז נעכליודאָוו האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיינע נוצן לטובת אַנדערע, בשעת ווען דער אמת, אַז יעדער מענטש זאָרגט

באַר וועגן זיין אייגענעם נוצן צום שאָדן די אינטערעסן פון אַנדערע מענטשן, — דערדאָזיקער אמת האָט זיך אַזוי איינגעוואָרצלט אין דעם פּאַרוואַלטערס באַוווסטזיין, אַז ער האָט גערעכנט — עפּעס פאַרשטייט ער דאָ נישט, ווען נעכליודאָוו האָט גערעדט וועגן דעם, אַז די גאַנצע הכנסה פון דער ערד דאַרף אַריינפליסן אין דעם קהלישן קאַפּיטאַל פון די פּויערים.

— איך פאַרשטיי. הייסט עס, אַז איר וועט באַקומען אַ פּראָצענט פון דעמדאָזיקן קאַפּיטאַל, — האָט ער געזאָגט און זיך אינגאַנצן צעשטראַלט.

— ניין, נישט דאָס מיין איך. איר פאַרשטייט, איך שענק אינגאַנצן אַוועק די ערד.

— וועט איך דאָך נישט האָבן קיין הכנסה? — האָט דער פּאַר-וואַלטער געפרעגט און האָט שוין מער נישט געשמייכלט.

— ווייל איך זאָג זיך אָפּ.

דער פּאַרוואַלטער האָט שווער אָפּגעזיפצט און דערנאָך האָט ער ווידער גענומען שמייכלען. איצטער האָט ער פאַרשטאַנען. ער האָט פאַר-שטאַנען, אַז נעכליודאָוו איז אַ מענטש נישט גאָר באַם זינען, און האָט אין דעם פּראָיעקט פון נעכליודאָוון, וועלכער זאָגט זיך אָפּ פון דער ערד, גענומען זוכן די מעגלעכקייטן פון פּערזענלעכע נוצן און האָט דורכויס געוואָלט פאַרשטיין דעם פּראָיעקט אַזוי, אַז ער זאָל זיך קאָנען באַנוצן מיט דער ערד, וואָס ווערט אָפּגעגעבן.

און ווען ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויך דאָס איז אוממעגלעך, איז ער געוואָרן טרויעריק און האָט זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט דעם פּראָיעקט, און בלויז צו האַווירן דעם באַלעבאָס, האָט ער ווייטער געשמייכלט. דערזעען, אַז דער פּאַרוואַלטער פאַרשטייט אים נישט, האָט אים נעכליודאָוו אָפּגעלאָזט, און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט בײַ אַ טיש, וואָס איז געווען אויסגעשניטן און פאַרגאָסן מיט טינט. ער האָט זיך גענומען אָנוואַרפן זיין פּראָיעקט אויפן פּאַפּיר.

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט הינטער דעם צעבליטן לינדנבוים, און מוקן גאַנצע מחנותווייז זענען געקומען צו פליען אין צימער און געביסן נעכליודאָוון. ווען ער האָט אין דער זעלבער צייט געענדיקט שרייבן זיין צעטל און דערהערט פון דאָרף די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך צו אים דערטראָגן, דאָס מעקען פון דער טשערעדע, דאָס סקריפּען פון די אויפגעעפנטע טויערן און די שטימען פון די פּויערים, וואָס האָבן זיך

פאַרזאַמלט אויף דער אסיפה, האָט נעכליודאָוו געזאָגט זיין פאַרוואַלטער, אַז מען דאַרף נישט רופן די פויערים אין קאַנטאָר אַריין, און אַז ער וועט אַליין גיין אין דאָרף, צו דעם הויף, וווּ מען וועט זיך פאַרזאַמלען. אויסגעטרונקען אויף דער גיך דאָס גלאָז טיי, וואָס דער פאַרוואַלטער האָט אים צוגעטראָגן, איז נעכליודאָוו אַוועק אויפן דאָרף.

VII.

איבער דעם עולם באַם סטאַראָסטעס הויף האָט זיך געהערט אַ גערעדעריי, אָבער ווי נאָר נעכליודאָוו איז צוגעקומען, איז דאָס גערעדעריי שטיל געוואָרן, און די פויערים פּונקט ווי אין קוזמינסקאָיע האָבן איינער נאָכן אַנדערן אַראָפּגענומען די היטלען. די פויערים פון דערדאָזיקער געגנט זענען געווען נישט דער ערך גרויער איידער די פויערים פון קוזמינסקאָיע; פּונקט ווי די מיידן און ווייבער האָבן געטראָגן אויערינגלעך, אַזוי זענען כמעט אַלע פויערים געגאַנגען אין לאַפּטשעס, אַליין געמאַכטע העמדער און קאַפּטנס. טייל זענען געווען באָרוועס, אין בלויזע העמדער, אַזוי ווי זיי זענען געקומען פון דער אַרבעט.

נעכליודאָוו האָט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג איבער זיך און אָנגעהויבן די רעדע זיינע דערמיט, וואָס ער האָט געמאָלדן די פויערים וועגן זיין כוונה זיי אָפּצוגעבן די ערד גאָר אינגאַנצן. די פויערים האָבן געשוויגן, אין דעם אויסדרוק פון זייערע פּנימער איז נישט פאָרגעקומען קיין שום פאַרענדערונג.

— וואָרים איך האַלט, — האָט נעכליודאָוו, רויט ווערנדיק, גערעדט, — אַז יעדער איינער דאַרף זיך באַנוצן מיט דער ערד.

— אוודאי אַזוי. עס איז דאָך פּונקט אַזוי, ווי עס איז, — האָבן זיך געהערט פויערישע שטימען.

נעכליודאָוו האָט ווייטער גערעדט וועגן דעם, אַז די הכנסה פון דער ערד דאַרף פאַרטיילט ווערן צווישן אַלע און דעריבער האָט ער זיי פאָרגעלייגט נעמען די ערד און צאָלן פאַר איר אַ פּרייז, וואָס זיי וועלן באַשטימען, אויף אַ געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל, וואָס זיי טאַקע וועלן

זיך מיט אים באַנוצן. עס האָבן זיך ווייטער געהערט ווערטער פון הסכמה און צושטימונג, אָבער די ערנסטע פּנימער פון די פּויערים זענען געוואָרן אַלץ ערנסטער און ערנסטער, און די אויגן, וואָס האָבן פריער געקוקט אויף דעם פּריץ, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, גלייך ווי זיי וואָלטן אים נישט געוואָלט פאַרשעמען אין דעם, אַז זיין געשייטקייט איז אַלעמען פאַרשטענדלעך און ער וועט קיינעם נישט אָפּנאַרן.

נעכליודאָוו האָט גערעדט גאַנץ קלאָר און די פּויערים זענען געווען מענטשן פאַרשטאַנדיקע; נאָר זיי האָבן אים נישט פאַרשטאַנען און נישט געקאָנט פאַרשטיין צוליב דער זעלביקער סיבה, צוליב וועלכער דער פאַרוואַלטער האָט אַ לאַנגע צייט נישט פאַרשטאַנען. זיי זענען געווען אויף זיכער איבערצייגט אין דעם, אַז די טבע פון יעדן מענטש איז אויסצוקוקן זיין אייגענעם נוצן. און וועגן די פּריצים האָבן זיי שוין לאַנג פון דערפאַרונג צייט עטלעכע דורות געוווּסט, אַז דער פּריץ קוקט תּמיד אויס זיין אייגענעם נוצן צום שאָדן די פּויערים. און דעריבער, אַז דער פּריץ רופט זיי און לייגט זיי פאָר עפּעס אַ נייעס, איז דאָך באַשיינפּערלעך צוליב דעם, ער זאָל זיי קאָנען נאָך געשייטער ווי-עס-איז אָפּנאַרן.

— נו, אַלזאָ, וויפיל רעכנט איר צו באַשטייערן די ערד? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט.

— וואָס האָבן מיר צו באַשטייערן? מיר קאָנען דאָס נישט. אייער ערד און אייער מאַכט, — האָט מען אים געענטפערט פון עולם.

— אָבער ניין, איר וועט דאָך אַליין זיך באַנוצן מיט דידאָזיקע געלטער אויף די באַדערפענישן פון דער געמיינדע.

— מיר קאָנען נישט. געמיינדע איז זיך געמיינדע, און דאָס איזווידער גאָר אַ באַזונדערע זאַך.

— איר פאַרשטייט, — האָט שמייכלענדיק געזאָגט דער פאַרוואַלטער, וועלכער איז געקומען נאָך נעכליודאָוון, כדי צו געבן זיי פאַרשטיין די זאַך, — דער פירשט גיט אייך אַוועק די ערד פאַר געלט, און דאָס געלט ווידער ווערט אַוועקגעגעבן אויף אייער קאַפּיטאַל טאַקע, אויף דער געמיינדע.

— מיר פאַרשטייען זייער גוט, — האָט זיך אָפּגערופן אַן אַנצייגערדיקער בייזער אַלטער, נישט אויפהייבנדיק די אויגן. — אַזאַ מין ווי אין באַנק, נאָר מיר וועלן דאַרפן צאָלן צום טערמין. מיר ווילן דאָס

נישט, וואָרים אַזוי איז אונז אויך גענוג שווער, און דאַן וועלן מיר גאָר בדיל הדל ווערן.

— צו וואָס טויג עס. בעסער זאָל זיין ווי געווען, — האָבן זיך דערהערט אומצופרידענע און אפילו האַרבע שטימען.

מיט אַ באַזונדערן ברען האָט מען זיך אָנגעהויבן אָפּצוזאָגן, ווען נעכליודאָוו האָט אַ זאָג געטון, אַז ער וועט מאַכן אַן אָפּמאַך, אויף וועלכן ער וועט זיך אונטערשרייבן און זיי וועלן זיך אויך דאַרפן חתמענען.

— וואָס איז זיך דאָ צו חתמענען? ווי מיר האָבן געאַרבעט, אַזוי וועלן מיר אויך ווייטער אַרבעטן. צו וואָס טויג עס די גאַנצע מעשה? מיר זענען בלינדע מענטשן.

— מיר זענען נישט מסכים, וואָרים דער ענין איז עפּעס נישט קיין געוויינלעכער. ווי ס'איז געווען, אַזוי זאָל זיין. אָט ווען מ'וואָלט אָפּשאַפן די זריעה, — האָבן זיך געהער"ט שטימען.

אָפּשאַפן די זריעה, האָט באַטייט אָט וואָס: בײַ דעם איצטיקן סדר האָבן די פּויערים באַדאַרפט געבן זריעה צו פאַרזייען די פעלדער, האָבן זיי געבעטן, אַז די זריעה זאָל זיין דעם פּריצס.

— איר זאָגט זיך אָלזאָ אָפּ, איר ווילט די ערד נישט נעמען? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט, זיך ווענדנדיק צו אַ באַאָרטן באָרוועסן פויער אין אַן אָפּגעריסענעם קאַפּטן, מיט אַ שיינענדיק פּנים; אויף זיין צונויפגעבויגענער לינקער האַנט האָט ער מאָדנע גלייך געהאַלטן זיין צעריסן היטל, אַזוי ווי סאָלדאַטן האַלטן זייערע היטלען, ווען זיי טוען זיי אויס לויט קאָמאַנדע.

— יאָ, אַזוי, — האָט אַרויסגערעדט דער פויער, וועלכער האָט זיך נאָך קענטיק נישט באַפרייט פון דעם היפּנאָטיזם פון סאָלדאַטנשאַפט.

— איר האָט אָלזאָ גענוג ערד? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— ניין, גאָר, — האָט דער געוועזענער סאָלדאַט געענטפערט מיט אַ קינסטלעך פריילעכער מינע, פלייסיק האַלטנדיק פאַר זיך דאָס צעריסענע היטל, גלייך ווי ער וואָלט עס יעדערן פאָרגעלייגט, ווער עס וואָלט נאָר געוועזן אַ בעלן אויף דעם.

— פונדעסטוועגן באַקלערט, וואָס איך האָב אייך געזאָגט, — האָט דער פאַרוואונדערטער נעכליודאָוו געזאָגט און האָט איבערגעחזרט זיין אָנבאָט.

— מיר האָבן נישט וואָס צו באַקלערן: ווי אַזוי מיר האָבן געזאָגט,

אזוי וועט זיין. — האט מיט כעס ארויסגערעדט דער פינצטערער אלטער אן צייך.

— איך וועל מארגן פארברענגען דא דעם טאג. — אויב איר וועט זיך מיישב זיין, וועט איר מיר שיקן זאגן.

די פויערים האבן גארנישט געענטפערט.

אט אזוי האט נעכליודאוו גארנישט געקאנט פועלן און איז אוועק צוריק אין קאנטאר.

— און איך, פירשט, וויל אייך מעלדן, — האט דער פארוואלטער געזאגט, ווען זיי זענען צוריקגעקומען אהיים, — אז איר וועט זיך מיט זיי נישט צונויפרעדן; דאס איז אן איינגעשפארטע אומה. און ווי נאר אויף אן אסיפה — שפארט ער זיך איין, אז וועסט אים פון ארט נישט א ריר טון, ווייל ער האט פאר אלץ מורא. אט די זעלביקע פויערים, לאמיר זאגן — אט יענער דער גרויער אדער דער שווארצלעכער, וואס האט נישט געוואלט מסכים זיין — זענען דאך קלוגע פויערים. אז ער קומט צו גיין אין קאנטאר און דו ביסט אים מכבד מיט א גלאז טיי, — האט דער פארוואלטער שמייכלענדיק געזאגט, — און רעדסט זיך מיט אים פונאנדער, איז דאס א פקח פשוט, א מיניסטער, — וועט אלץ באטראכטן ווי עס געהער צו זיין. אבער אויף אן אסיפה איז דאס גאר אן אנדערער מענטש, האט ער זיך עפעס אריינגעהאקט...

— איז אפשר קאן מען פארבעטן אהערצו אט אזעלכע גאר פארשטענדיקע פויערים, עטלעכע מענטשן, — האט נעכליודאוו געזאגט: — איך וואלט זיי עס גענוי געגעבן צו פארשטיין.

— דאס קאן מען, — האט דער שמייכלענדיקער פארוואלטער געזאגט.

— איז, אלזא, גיט זיי א רוף אויף מארגן, איך בעט אייך.

— דאס איז מעגלעך, כ'וועל זיי אויף מארגן צונויפרופן, — האט דער פארוואלטער געזאגט און זיך צעשמייכלט נאך מיט מער שמחה, דערזעענדיק צוויי ווייבער, וואס זענען געשטאנען באם גאניק.

ער האט געמאכט עפעס א צייכן צו די ווייבער און באגלייט פון זיי איז ער אוועק צו דעם הינטערשטן גאניק. און נעכליודאוו האט, נישט אריינגייענדיק אין קאנטאר אריין, זיך געזעצט אויף די טרעפלעך פון גאניק, באטראכטנדיק זיין פראיעקט און מיטביידע הענט טויטנדיק אויף גיך מחנותווייז די מוקן, וועלכע האבן זיך געקלעפט צו אים ערב געוויטער.

— זע סאַראַ חכם ער איז! — האָט, וויגנדיק זיך אויף אַן אָפּגע-פּרעסענער קליאַטשע, געזאָגט אַ שוואַרצער פּויער מיט אַ צעקודלטער, קיינמאָל נישט געקעמטער באָרד, צו אַ צווייטן אַלטן דאַרן פּויער, אין אַ צעריסענעם קאַפטן, וועלכער איז געפאָרן לעבן אים און געקלונגען מיט די אייזערנע פּענטעס. די פּויערים זענען געפאָרן אויף באַנאַכט אין פעלד אַנצופּיטערן די פערד אויפן ברייטן וועג און בגנבה אין פּריצישן וואַלד. — איך שענק אייך אַוועק די ערד. — נאָר שרייב זיך אונטער, קנאַפּ האָבן זיי נאָך אונזערע לייט אַריינגעכאַפּט. ניין, פּעטערקע, מען רוקט זיך נישט! איצטער ווייסן מיר אַליין, וואָס מיר האָבן צו טון! — האָט ער צוגעגעבן און האָט גענומען רופן אַ קליין לאָשעקל, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון זיי.

— לאָשעקל, לאָשעקל, — האָט ער געשריגן, אָפּשטעלנדיק דאָס פערד און אַרומקוקנדיק זיך אויף הינטער, אָבער דאָס לאָשעקל איז נישט געווען הינטער, נאָר בּאַ אַ זייט און איז אַנטלאָפן אויף דער לאָנקע.

— זעסט אַ ביסל, ווי עס האָט זיך איינגעניאַדזעט די הינטישע פּעל אין די פּריצישע לאָנקעס, — האָט אַרויסגערעדט דער שוואַרצער פּויער מיט דער צעקודלטער באָרד, דערהערנדיק פון די טוויקל מיט פייכטקייט שמעקנדיקע לאָנקעס דאָס געררויש פון דעם פערדישן שטשאַוו, איבער וועלכן דאָס אָפּגעשטאַנענע לאָשעקל איז געשפּרונגען.

— דו זעסט, די לאָנקעס ווערן באַוואַקסן, מען וועט דאַרפן יום-טוב אַרויסשיקן די ווייבער, זיי זאָלן אויסיעטן, — האָט געזאָגט דער דאַרער פּויער אין דעם צעריסענעם קאַפטן. — אַנישט וועט מען פטרן די קאָסעס.

— שרייב זיך אונטער, זאָגט ער, — האָט ווייטער גערעדט דער צעקודלטער פּויער וועגן דעם פּריצס דרשה. — שרייב זיך אונטער, וועט ער דיך אַ לעבעדיקן איינשלינגען.

— דאָס איז ריכטיק, — האָט דער אַלטער געענטפערט, און מער האָבן זיי צווישן זיך נישט גערעדט. ס'האָט זיך נאָר געהערט דאָס טראָמפּלען פון די פערדישע פיס איבער דעם האַרטן וועג.

VIII.

צוריקגעקומען אַהיים, האָט נעכליודאָוו געפונען אין קאַנטאָר אַן אויסגעבעט הויך בעט מיט פּערענעס, צוויי קישנס און אַ רויט־באָרדענער צוויי־לאַגיקער זיידענער, קליינער און מיט מוסטערן געשטעפּטער דעקע, — ווייזט אויס, דער פּאַרוואַלטערינס אויסשטייער. דער פּאַרוואַלטער האָט פאָרגעלייגט נעכליודאָוון די שיריים פון מיטאָג, אָבער באַקומענדיק אַן אָפּזאָג און זיך אַנטשולדיקט פאַר דעם שלעכטן כּיבוד און איינריכטונג, איז ער אַוועק, איבערלאָזנדיק נעכליודאָוון אַליין.

דער אָפּזאָג פון די פויערים האָט נעכליודאָוון נישט געאַרט. אדרבא, הגם דאָרט אין קוזמינסקאָיע האָט מען זיין אָנבאָט אָנגענומען און געהאַלטן אים אין איין דאַנקען און דאָ האָט מען אים אַרויסגעוויזן אומצוטרוי און אפילו פיינטלעכקייט, האָט ער זיך געפילט רויק און מלא פרייד. אין דער קאַנטאָר איז געווען דומפּיק און אומריין. נעכליודאָוו איז אַרויס אויפן הויף און געוואָלט אַריין אין סאָד, ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אין יענער נאַכט, דאָס פענצטער אין דער מיידלשטוב, דעם הינטערשטן גאַניק — און אים איז געווען נישט אָנגענעם צו גיין איבער ערטער, וואָס זענען פאַרשוועכט דורך זינדיקע זכרונות. ער האָט זיך ווידער צוגעזעצט אויפן גאַניקל און, איינאָטעמענדיק דעם שטאַרקן ריח פון די יונגע בערעזע־בלעטער, וועלכער האָט אָנגעפולט די וואַרעמע לופט, האָט ער לאַנג געקוקט אויף דעם טונקלענדיקן סאָד און געהאָרכט די מיל, די נאַכטיגאַלן און עפּעס נאָך אַ פויגל, וועלכער האָט איינטאָניק געצוויטשערט אין קוסט סאַמע לעבן גאַניק. אין דעם פאַרוואַלטערס פענצטער האָט מען אויסגעלאָשן דאָס פייער, אין מזרח־זייט, הינטערן שייער, האָט זיך אָנגעצונדן דער אָפּשיין פון דער אויפגייענדיקער לבנה, די אָפּבליצונגען האָבן אַלץ העלער און העלער באַלויכטן דעם פאַרוואַקסענעם בליענדיקן סאָד און דאָס צעפאַלנדיקע הויז. עס האָט זיך דערהערט אַ ווייטער דונער, און אַ דריטל הימל האָט זיך איינגעהילט אין אַ שוואַרצער כמאַרע. די נאַכטיגאַלן און פייגל זענען אַנטשוויגן געוואָרן. פון הינטערן מיל־גערויש האָט זיך דערטראָגן דאָס ראַהאָטשען פון די

געגנו, און דערנאָך האָבן אויפן דאָרף און אין פּאַרוואַלטערס הויף אָנגעהויבן צו קרייען די פּאַרטאָגיקע העגער, ווי זיי טוען געוויינלעך קרייען פאַר דער צייט אין הייסע געוויטער-נעכט. פאַראַן אַ שפּריכוואָרט, אַז העגער קרייען פריער אין אַ פריילעכער נאַכט. פאַר נעכליודאָוון איז די דאָזיקע נאַכט געווען נאָך מער ווי אַ פריילעכע. דאָס איז פאַר אים געווען אַ פריידפולע, גליקלעכע נאַכט. דער כוח-הדמיון האָט באַנייט פאַר אים דעם איינדרוק פון יענעם גליקלעכן זומער, וועלכן ער האָט דאָ פאַרברענגט אַלס אומשולדיקער בחור. און ער האָט זיך איצטער דערפילט אַזאַ, ווי ער איז געווען נישט נאָר דעמאָלט, נאָר אין אַלע בעסערע מינוטן פון זיין לעבן. ער האָט זיך נישט נאָר דערמאַנט, נאָר האָט זיך אויך דערפילט אַזאַ, ווי ער איז געווען דעמאָלט, בשעת ער האָט אַלס 14 יעריק ייִנגל מתפלל געווען צו גאָט, אַז גאָט זאָל אים מגלה זיין די וואָרהייט, בשעת ער האָט אַלס קינד געוויינט בײַ דער מאַמען אויפן שויס, זיך געזעגענענדיק מיט איר און צוזאָגנדיק איר אַלעמאָל צו זיין אַ גוטער און קיינמאָל זי נישט מצער צו זיין, — האָט זיך דערפילט אַזאַ, ווי ער איז געווען, בשעת ער האָט מיט ניקאָלינקע אירטיעניעוו באַשלאָסן, אַז זיי וועלן תמיד שטיצן איינער דעם אַנדערן צו פירן אַ רעכטפאַרטיק לעבן און וועלן זיך באַמיען צו מאַכן אַלע מענטשן גליקלעך.

ער האָט זיך איצט דערמאַנט, ווי אַזוי אין קוזמינסקאָיע האָט ער געהאַט בייצושטיין אַ נסיון און עס איז אים געוואָרן אַ שאָד אי דאָס הויז, אי דער וואַלד, אי די ווירטשאַפט, אי די ערד, און ער האָט זיך איצט געפרעגט: צי איז אים אַ שאָד? און אים איז אפילו געווען גאָר קשה, אַז ס'האָט אים געקאָנט זיין אַ שאָד. ער האָט זיך דערמאַנט אַלץ, וואָס ער האָט היינט געזען: אי די פויערטע מיט די קינדער אָן דעם מאַן, וועלכן מ'האָט אַריינגעזעצט אין געפענגעניש פאַר האַקן האָלץ אין זיין, נעכליודאָווס, וואַלד; אי די שרעקלעכע מאַטרענע, וועלכע האָט געהאַלטן אָדער לכל-הפחות אַזוי געזאָגט, אַז פרויען פון זייער שטאַנד דאַרפן ווערן קעפּס-ווייבער בײַ די פּריצים; האָט זיך דערמאַנט אָן אירע באַציונגען צו די קינדער, די אופנים פון אַוועקפירן זיי אין אַ דערציונגס-הויז און יענץ אומגליקלעך זקניש, שמייכלענדיק, פון נישט-דערעסן גוססדיק קינד אין קאַפּטערל; זיך דערמאַנט יענע מעוברתע שוואַכע פרוי, וועלכע מ'האָט געמוזט צווינגען צו האָרעווען אויף אים דערפאַר, ווייל אַן איבערגעהאָרעוועטע האָט זי נישט גענוג אַכטונג געגעבן אויף איר הונגעריקער קו. און דאָ האָט ער זיך אויך דערמאַנט אין דער תפיסה,

אין די געגאָלטע קעפּ, אין די קאָמערן, אין דעם עקלדיקן ריח, אין די קייטן און צוגלייך דערמיט אין דעם ווילדן לוקסוס פון זיין און דעם גאַנצן שטאָטיש־רעזידענציש פריציש לעבן. אַלץ איז געווען גאָר קלאָר און אָן שום ספקות.

די ליכטיקע לבנה, כמעט אַ פולע, איז אַרויס פון הינטערן שייער, איבערן הויף לענגאויס האָבן זיך צעלייגט שוואַרצע שאָטנס און די בלעך אויפן דאַך פון דעם חרובן הויז האָט זיך צעפינקלט.

און גלייך ווי נישט וועלנדיק דורכלאָזן דידאָזיקע שיין, האָט דער אַנטשטימטער נאַכטיגאַל זיך צעפייפט און צעקנאַלט פון גאָרטן אַפּער.

נעכליודאָוו האָט זיך דערמאַנט, ווי אַזוי ער האָט אין קוזמינסקאָיע אָנגעהויבן צו באַקלערן זיין לעבן; באַשיידן די פראַגן וועגן דעם, וואָס און ווי אַזוי ער וועט טון, און ער האָט זיך דערמאַנט, ווי אַזוי ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין דידאָזיקע פראַגן און זיי נישט געקאָנט פאַרענט־פערן: אַזוי פיל אומשטענדן האָט יעדע פראַגע געהאַט. ער האָט זיך איצט אויפגעגעבן דידאָזיקע פראַגן און האָט זיך געחידושט, ווי איינפאַך זיי זענען. ס'איז געווען איינפאַך, וואָרים ער האָט איצט נישט געטראַכט וועגן דעם, וואָס וועט מיט אים זיין, און דאָס האָט אים אפילו נישט אינטערעסירט, נאָר ער האָט געטראַכט בלויז וועגן דעם, וואָס ער דאַרף טון. און אַ מאָדנע זאַך: וואָס ער אַליין האָט נייטיק, האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט באַשליסן, אָבער וואָס מ'דאַרף טון פאַר אַנדערע, האָט ער געוווסט אויף זיכער. ער האָט איצטער געוווסט אויף זיכער, אַז מ'דאַרף אָפּגעבן די ערד די פויערים, וואָרים האַלטן זי איז געווען נישט גוט. געוווסט אויף זיכער, אַז מ'טאָר נישט אַוועקוואַרפן קאַטיושען, אַז מ'דאַרף איר העלפן, זיין גרייט אויף אַלץ, כדי אויסצוקויפן זיין שולד לגבי איר. געוווסט אויף זיכער, אַז מ'דאַרף אויסשטודירן, פונאַנדער־קלויבן, זיך קלאָר מאַכן, באַנעמען די אַלע פּראָצעסן פון געריכטן און פון שטראָפן, אין וועלכע ער האָט געפילט, אַז ער זעט עפּעס אַזוינס, וואָס אַנדערע זעען נישט. וואָס פון דעם אַלעם וועט אַרויסקומען — האָט ער נישט געוווסט, האָט אָבער געוווסט אויף זיכער, אַז דאָס איינע און דאָס אַנדערע און דאָס דריטע מוז ער טון. און דידאָזיקע פעסטע זיכער־קייט איז אים געווען אַ פרייד.

די שוואַרצע כמאַרע האָט זיך שוין אינגאַנצן אָנגערוקט, און ס'האָבן זיך שוין געזעען נישט קיין אָפּבליצונגען, נאָר בליצן, וואָס האָבן באַ־

לויכטן דעם גאַנצן הויף און דאָס חרובע הויז מיט די אָפּגעבראָכענע גאַניקעס, און אַ דונער האָט זיך שוין דערהערט סאַמע איבערן קאָפּ. אַלע פייגל זענען שטיל געוואָרן, דערפאַר אָבער האָבן זיך די בלעטער צע־פּאָרפּלט און דער ווינט איז צוגעלאָפן אַזש צו דעם גאַניק, אויף וועלכן נעכליודאָוו איז געזעסן, באַוועגנדיק זיינע האָר. ס'איז געפאַלן איין טראָפּן, אַ צווייטער, ס'האָט אָנגעהויבן צו פּויקן איבער די וואַסער־רויזן און איבער דער בלעך פון דאַך, און העל האָט זיך אָנגעצונדן די גאַנצע לופט; אַלץ איז אַנטשוויגן געוואָרן, און איידער נעכליודאָוו האָט צייט געהאַט אָפּצוציילן דריי, האָט עפּעס אַ שרעקלעכן קנאַל געטון סאַמע איבערן קאָפּ און זיך אַוועקגעקייקלט איבערן הימל.

נעכליודאָוו איז אַריין אין שטוב.

„יאָ, יאָ, — האָט ער געטראַכט. — די זאַך, וואָס אונזער לעבן טוט אָפּ, די גאַנצע זאַך, דער גאַנצער זין פון דערדאָזיקער זאַך איז נישט פאַרשטענדלעך און קאָן מיר נישט זיין פאַרשטענדלעך: צוואָס זענען געווען די מומעס, צוואָס איז ניקאָלינקע אירטיעניעוו געשטאָרבן, און איך לעב? צוואָס איז געווען קאַטיושאַ? און מיין משוגעת? צוואָס איז געווען אָט די מלחמה? און מיין גאַנץ ווייטערדיק אויסגעלאַסן לעבן? דאָס אַלץ פאַרשטיין, פאַרשטיין די גאַנצע זאַך פון דעם ה א ר איז נישט אין מיין מאַכט. אָבער טון ז י י ן ווילן, וועלכער איז אָנגעשריבן אין מיין געוויסן, — דאָס איז יאָ אין מיין מאַכט, און דאָס ווייס איך אויף זיכער. און ווען איך טו דאָס, בין איך אויף זיכער רויק".

דאָס רעגנדל איז שוין געגאַנגען ווי פון אַ צאַפּן און ריזלענדיק אַראָפּגערונען פון די דעכער אין כּלי אַריין; דער בליץ האָט זעלטענער באַלויכטן דעם הויף און דאָס הויז. נעכליודאָוו האָט זיך צוריקגעקערט אין צימער, זיך אויסגעטון און געלייגט זיך אין בעט נישט אָן מורא פאַר וואַנצן, וואָס מ'האָט געקאָנט חושד זיין זייער אָנוועזנהייט צוליב די אָפּגע־ריסענע שמוציקע פּאַפּירן פון די ווענט.

„יאָ, זיך פילן נישט ווי אַ באַלעבאָס, נאָר ווי אַ דינער", האָט ער געטראַכט און זיך געפרייט איבער דעמדאָזיקן געדאַנק.

זיין מורא האָט זיך באַרעכטיקט. קוים האָט ער אויסגעלאָשן דאָס ליכט, האָבן אים גענומען בייסן די אינזעקטן, אַרומגעקלעפּט זיך אַרום אים.

„אָפּגעבן די ערד, פאָרן קיין סיביר, — פליי, וואַנצן, מיאוסקייטן... נו, איז וואָס, אויב מ'דאַרף דאָס אַריבערטראָגן, וועל איך אַריבערטראָגן".

אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, האָט ער עס נישט געקאָנט אַריבערטראָגן און זיך אַוועקגעזעצט באַם אָפענעם פענצטער, אָנקוועלנדיק פון דער אַנטלויפנדיקער כמאַרע און פון דער לבנה, וועלכע איז ווידער נתגלה געוואָרן.

IX.

פאַרטאָג־צו איז נעכליודאָוו איינגעשלאָפן און דעריבער האָט ער זיך אויף מאָרגן אויפגעוועקט שפּעט.

אום האַלבן טאָג זענען זיבן אויסגעוויילטע פויערים, וואָס דער פאַרוואַלטער האָט זיי פאַרבעטן, געקומען אין דעם עפּל־גאָרטן אונטער די עפּלביימער, ווו דער פאַרוואַלטער האָט געלאָזט מאַכן אַ טישל און בענקלעך אויף קלעצלעך, וואָס זענען געווען אַריינגעשלאָגן אין דער ערד. אַ גאַנץ היפּשע צייט האָט געדויערט, ביז מ׳האָט איינגערעדט די פויערים אָנצוטון די היטלען און זעצן זיך אויף די בענק.

באַזונדערס האָט זיך איינגעשפּאַרט צו האַלטן פאַר זיך דאָס היטל, לויטן אוסטאַוו, אַזוי ווי בשעת לוויה, דער געוועזענער סאָלדאַט, וואָס איז דאַסמאָל געגאַנגען אָנגעטון אין ריינע פוס־טיכער און לאַפּטשעס.

בשעת אָבער איינער פון זיי, אַ ברייטער זקן פון בכבודיק געשטאַלט, מיט אַ האַלב־גרויער באָרד אין לאָקן, אַזוי ווי באַ מיקעלאַנדזשעלאָס משה רבינו, און גרויע געדיכטע געקרייזלטע האָר אַרום דעם אָפּגעבערענטן און אַנטבלויזטן ברוינעם שטערן, האָט אָנגעטון זיין גרויס היטל און, פאַרשפּיליענדיק דעם נייעם היימיש־געמאַכטן קאַפטן איז אַדורכגעקראָכן אויף דער באַנק און זיך אַוועקגעזעצט, האָבן די איבעריקע נאָכגעטון זיין ביישפּיל. אַז אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט, האָט נעכליודאָוו זיך אַוועקגעזעצט זיי קעגנאיבער און, זיך אַריבערגעלענט אויפן טיש איבער די פּאַפּירן, ווו ס׳איז באַ אים געווען אָנגעשריבן אַ קאָנספּעקט פון זיין פּראָיעקט, האָט ער אָנגעהויבן אים צו דערקלערן.

צי דערפאַר, ווייל פויערים איז געווען ווינציקער, אָדער דערפאַר, ווייל ער איז געווען פאַרנומען נישט מיט זיך, נאָר מיט דער זאַך, נעכליודאָוו האָט דאַסמאָל נישט געפילט קיין שום פאַרלעגנהייט. נישט ווילנדיק האָט ער דערהויפּט זיך געווענדט צו דעם ברייטן זקן מיט דער ווייסער געלאָקטער באָרד, דערוואַרטנדיק פון אים הסכמה אָדער דערווידע־

רונג. אָבער די פאָרשטעלונג, וואָס נעכליודאָוו האָט וועגן אים געהאַט, איז געווען אַ פאַלשע. דער בכבודיקער זקן האָט טאַקע צושטימענדיק געשאָקלט מיט זיין שיינעם פּאַטריאַרכאַלישן קאָפּ אָדער אומצופרידן געטרייסלט אים אויף נישט, בשעת אַנדערע האָבן אָפּגעענטפערט נעכליודאָוון, אָבער עס איז געווען באַשיינפּערלעך, אַז ער פאַרשטייט קוים מיט צרות, וואָס נעכליודאָוו האָט גערעדט, און נאָר דאַן פאַרשטייט ער עס, ווען אַנדערע פויערים זאָגן עס איבער אויף זייער לשון. אַ סך בעסער האָט נעכליודאָווס ווערטער באַנומען אַ קליינער קרומער אַלטיטשקער אויף איין אויג, כמעט אָן אַ באָרד, וועלכער איז געזעסן לעבן דעם פּאַטריאַרכאַלישן זקן, אָנגעטון אין אַ געלאַטעטער נאַנקענער בורקע און אַלטע אויסגעקרומטע שטיוול — אַ מוליער, ווי נעכליודאָוו איז שפּעטער געוויר געוואָרן.

דערדאָזיקער מענטש האָט שנעל געדרייט די ברעמען, מאַכנדיק אָנשטרענגונגען פון אויפמערקזאַמקייט, און האָט באַלד אויפן אָרט איבערדערציילט אויף זיין שטייגער, וואָס נעכליודאָוו האָט געזאָגט. פּונקט אַזוי פלינק האָט אויך באַנומען אַ ברייטבייניקער נישט קיין הויכער אַלטער מיט אַ ווייסער באָרד און פינקלענדיקע קלוגע אויגן, וועלכער האָט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט אויף אַריינצושטעלן וויציקע איראָנישע באַמערקונגען צו נעכליודאָווס רייד און האָט קענטיק דערמיט זיך איבערגענומען. דער געוועזענער סאָלדאַט, ווי ס'האָט אויסגעזעען, האָט אויך געקאָנט פאַרשטיין אַן עסק, ווען ער וואָלט נישט פאַרדולט געוואָרן מיט סאָלדאַטישקייט און וואָלט זיך נישט געפּלאָנטערט אין די געוווינהייטן פון דעם אומזיניקן זעלנערישן דיבור. ערנסטער פון אַלע האָט זיך באַצויגן צו דעם ענין אַ הויכער מענטש, מיט אַ לאַנגער נאָז, מיט אַ קליין בערדל, אָנגעטון אין אַ ריינעם היימיש־געמאַכטן בגד און אין נייע לאַפּטשעס, דערדאָזיקער מענטש, וועלכער האָט גערעדט מיט אַ געדיכטן באַס, האָט אַלץ פאַרשטאַנען און געקומען אַ וואָרט בלויז דאַן, ווען דאָס איז געווען נייטיק. די איבעריקע צוויי אַלטע — איינער אָט יענער אָנצייַנערדיקער, וועלכער האָט נעכטן אויף דער אסיפה געשריגן אַ קאַטעגאָרישן ניין אויף אַלע נעכליודאָווס פאָרשלאָגן, דער אַנדערער — אַ הויכער, ווייסער, הינקענדיקער אַלטער מיט אַ גוטמוטיק פּנים, אין האַלבע שטיוול און שטייף אַרומגעוויקלטע ווייסע טיכער אויף די דאַרע פיס, — האָבן ביידע כמעט די גאַנצע צייט געשוויגן, הגם זיי האָבן געהערט מיט קאָפּ.

נעבליודאַוו האָט קודם-כּל אַרויסגעזאָגט זיין קוק אויף ערד-אייגנטום.

— לויט מיין מיינונג, טאָר מען ערד נישט פאַרקויפן און נישט קויפן, ווארים אז מ׳זאָל זי יאָ קאָנען פאַרקויפן, וועלן די, וואָס האָבן געלט, זי צונויפקויפן אינגאַנצן און דאַן וועלן זיי באַ די, וואָס האָבן נישט קיין ערד, נעמען וואָס זיי ווילן: פאַר די רעכט צו נוצן ערד וועט מען נעמען געלט.

— דאָס איז ריכטיק, — האָט דער לאַנגנאָזיקער געזאָגט מיט אַ געדיכטן באַס.

— יאָ, ריכטיק, — האָט געזאָגט דער געוועזענער סאָלדאַט.

— דאָס ווייבעלע האָט פאַרן בהמהלע גראָז אָנגעריסן, האָט מען זי געכאַפּט און אין טורמע אַריינגעזעצט, — האָט געזאָגט דער באַשיידענער, גוטמוטיקער אַלטער.

— די אייגענע ערד איז פינף ווערסט ווייט, און דינגען איז נישט צוצוטרעטן, מ׳האָט די פּרייזן אַזוי געהעכערט, אַז ס׳לוינט נישט, — האָט צ געגעבן דער אָנצייגערדיקער בייזער אַלטער.

— מ׳פלעכט פון אונז שטריק, ווי דאָס האַרץ זיי גלוסט, ערגער ווי פאַנשטשינע, — האָט דער בייזער צוגעגעבן.

— איך מיין אויך אַזוי, ווי איר, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, — און איך האַלט פאַר אַ זינד צו באַזיצן ערד, וויל איך זי אָוועקגעבן.

— אדרבא, אַ פיינע זאַך, — האָט געזאָגט דער אַלטער מיט משה רבינוס לאָקן, פאַרשטייענדיק עס אַזוי, אַז נעכליודאָוו וויל די ערד אָוועקגעבן אין אַרענדע.

— אָט דערצו בין איך געקומען צו פאָרן, איך וויל מער נישט באַזיצן קיין ערד, מ׳דאַרף אָבער באַטראַכטן, ווי אַזוי פון איר פּטור צו ווערן.

— גיב אָוועק די פּויערים, און אַ סוף, — האָט געזאָגט דער אָנצייגעדיקער, בייזער אַלטער.

נעכליודאָוו איז אין דער ערשטער רגע געבליבן פאַרווירט, דערפילנדיק אין די דאָזיקע ווערטער אַ ספק אין דער אויפריכטיקייט פון זיין כּוונה. ער האָט זיך אָבער באַלד געפונען און די דאָזיקע באַמערקונג אויסגענוצט אויף אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן.

— איך וואָלט אַליין וועלן אָפּגעבן, — האָט ער געזאָגט. אָבער וועמען און ווי אַזוי? וועלכע פּויערים? פאַרוואָס עפּעס אייער געמיינדע

און נישט דער דעמינסקער? (דאָס איז געווען דאָס שכנישע דאָרף מיט קבצנישע נחלאות).

אַלע האָבן געשוויגן. בלויז דער געוועזענער סאָלדאַט האָט געזאָגט „יאָ, ריכטיק“.

— אַלזאָ, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט — זאָגט מיר, איך בעט אייך, אַז מ'זאָל די ערד צעטיילן די פּויערים... ווי וואָלט איר געטון?

— ווי וואָלטן מיר געטון? מיר וואָלטן צעטיילט די גאַנצע ערד לויט נפשות — אַלעמען גלייך, — האָט זיך אָפּגערופן דער ערשטער, שנעל אויפהייבנדיק און אַראָפּלאָזנדיק די ברעמען.

ווי זשע דען אַנדערש? אוודאי צעטיילן לויט נפשות, — האָט דער גוטמוטיקער הינקעדיקער אַלטער אין די ווייסע פוס־טיכער באַשטעטיקט.

אַלע האָבן מסכים געווען אויף דעמדאָזיקן אופן, געהאַלטן אים פאַר נישקשה.

— וואָס הייסט, צעטיילן לויט נפשות? — האָט נעכליודאָוו געפרעגט, — דעם הויזגעזונט אויך געבן חלקים?

— ניין, גאָר, — האָט געזאָגט דער געוועזענער סאָלדאַט, פּלייסנדיק זיך אויסצודריקן אויף זיין פּנים פריילעכע מונטערקייט. אָבער דער מיושבדיקער הויכער פּויער האָט מיט אים נישט מסכים געווען.

— אויב טיילן, איז אַלעמען גלייך, — האָט ער געזאָגט מיט זיין געדיכטן באַס נאָך אַ קורצן ישוב.

— אוממעגלעך, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, שוין האָבנדיק פון פריער צוגעגרייט זיין דערווידערונג. — אויב מ'זאָל אַלעמען צעטיילן גלייך, וועלן די אַלע, וואָס אַרבעטן אַליין נישט, אַקערן נישט, נעמען זייערע חלקים און פאַרקויפן זיי די רייכע. און בא די רייכע וועט זיך ווידער צונויפקלייבן ערד. און בא די, וואָס באַאַרבעטן זייער חלק, וועלן געבוירן ווערן קינדער, אָבער די ערד איז שוין צענומען. וועלן די רייכע ווידער אַריינגעמען אין זייערע הענט די יעניקע, וואָס דאַרפן האָבן ערד.

— יאָ, ריכטיק, — האָט דער סאָלדאַט געאײַלט צו באַשטעטיקן.

— פאַרווערן די ערד צו פאַרקויפן, סיידן דער וואָס באַאַרבעט אַליין, — האָט דער מוליער זיך אָפּגערופן, איבערשלאָגנדיק מיט כעס דעם סאָלדאַט.

דערויף האָט נעכליודאָוו געענטפערט, אַז מ'קאָן נישט פאַרהיטן, צי איינער וועט באַאַרבעטן פאַר זיך אָדער פאַר אַ צווייטן.

דאַן האָט דער היכער מיושבדיקער פויער פאַרגעלייגט צו מאַכן אַזוי, אַז אַלע זאָלן באַאַרבעטן אין אַן אַרטעל. — און װער עס אַקערט, יענעם זאָל מען געבן אַ חלק. און װער עס אַקערט נישט, יענעם גאָר־נישט, — האָט ער אַרויסגערעדט מיט זיין אַנטשלאָסענעם באַס.

אויף דעמדאָזיקן קאָמוניסטישן פּראָיעקט האָט נעכליודאָװ אויך געהאַט שוין גרייט אַרגומענטן, און ער האָט געענטפערט, אַז דערצו איז נייטיק, אַלע זאָלן האָבן פלוגן און די פערד זאָלן זיין אַלצאַיינס, און איינער זאָל נישט בלייבן הינטערשטעליק לגבי דעם אַנדערן, אָדער אַז אַלץ — סיי די פערד, סיי די פלוגן, סיי די דרעש־מאַשינען און דאָס גאַנצע באַלעבאַטישקייט — זאָל זיין שותפות, און אַז כדי דאָס איינצו־פירן, איז נייטיק, אַז אַלע מענטשן זאָלן זיין איינשטימיק.

— אונזער עולם װעסטו קיינמאָל אין לעבן נישט איינשטימען, — האָט דער בייזער אַלטער געזאָגט.

— מ'װעט זיך האַלטן אין איין שלאָגן, — האָט געזאָגט דער אַל־טער מיט דער װייסער באָרד און די לאַכנדיקע אויגן.

— װייטער: װי אַזוי זאָל מען צעטיילן די ערד לויט איר קוואַ־ליטעט, — האָט נעכליודאָװ געזאָגט. — איינעם װעט אָנקומען שוואַרצ־ערד און די אַנדערע ליים מיט זאַמד.

— דאַרף מען צעטיילן אויף קליינע חלקימלעך, אַז ס'זאָל אַלעמען אויסקומען גלייך, — האָט דער מוליער געזאָגט.

דערויף האָט נעכליודאָװ אָפּגעענטפערט, אַז ס'האַנדלט זיך נישט אום דער צעטיילונג אין איין געמיינדע, נאָר עס האַנדלט זיך אום דער צעטיילונג פון דער ערד בכלל איבער פאַרשידענע גובערניעס. אויב מ'זאָל די ערד אָפּגעבן די פויערים אומזיסט, פאַרוואָס־זשע זאָלן אייניקע האָבן זייער אייגנס גוטע ערד און אַנדערע זאָלן האָבן שלעכטע ערד. װעלן אַלע װעלן אויף דער גוטער ערד.

— יאָ, ריכטיק, — האָט געזאָגט דער סאָלדאַט.

די איבעריקע האָבן געשוויגן.

— װי איר זעט, אַלזאָ, איז עס נישט אַזוי פשוט, װי עס דאַכט זיך, — האָט נעכליודאָװ געזאָגט. — און װעגן דעם טראַכטן נישט נאָר מיר אַליין, נאָר אַ סך מענטשן. איז פאַראַן, אַלזאָ, איינער אַן אַמעריקאַ־נער, דזשאָרדזש, איז אָט װי אַזוי ער האָט צוגעטראַכט, און איך בין מיט אים מסכים.

— דו ביסט דאָך באַלעבאָס, טאָ גיב אָפּ. ווער קאָן דיר איינזאָגן. טו ווי דו ווילסט, — האָט דער בייזער אַלטער געזאָגט.

דערדאָזיקער איבעררייס האָט געבראַכט נעכליודאָוון אין אַ פאַר־לעגנהייט ; אָבער צו זיין פארגעניגן האָט ער באַמערקט. אַז נישט נאָר ער איינער איז געווען אומצופרידן פון דעמדאָזיקן איבעררייס.

— וואָרט אַ ווײַלע, פעטער סעמיאָן, לאָז אים אַ פריער דער־ציילן, — האָט דער מיושבדיקער פויער געזאָגט מיט זיין איבערצייגנ־דיקן באַס.

דאָס האָט נעכליודאָוון צוגעגעבן מוט, און ער האָט זיי אָנגעהויבן צו דערקלערן על פי הענרי דזשאָרדזש דעם פּראָיעקט פון איינהייטלעכן שטייער.

— די ערד איז קיינעמס נישט, די ערד איז גאָטס, — האָט ער אָנגעהויבן.

— דאָס איז ריכטיק. יאָ, ריכטיק, — האָבן זיך אָפּגערופן עטלעכע שטימען.

— די גאַנצע ערד איז אַ שותּפישע. אַלע האָבן אויף איר גלייכע רעכט. פאַראַן אָבער בעסערע ערד און ערגערע. און יעדער איינער וויל נעמען די בעסערע. ווי אַזוי זשע זאָל מען אויסגלייכן ? — איז אָט ווי אַזוי : יעדער, וועלכער וועט האָבן אין זיין באַזיץ גוטע ערד, זאָל צאָלן די, וואָס האָבן נישט קיין ערד, דאָס, וואָס זיין ערד איז ווערט, — האָט נעכליודאָוו זיך אַליין געענטפערט. — אַזוי ווי ס'איז אָבער שווער אויס־צורעכענען ווער וועמען עס דאַרף צאָלן, און אַזוי ווי מ'דאַרף דאָך פאַרט קלויבן געלט אויף קהלשע באַדערפענישן, איז דאַרף מען מאַכן אַזוי, אַז יענער, וואָס באַזיצט ערד, זאָל צאָלן דער געמיינדע אויף די פאַרשיי־דענע נויטן אַזוי פיל, וויפיל זיין ערד איז ווערט. וועט אַלעמען אויסקו־מען גלייך. ווילסט האָבן ערד — טאָ צאָל פאַר בעסערע ערד מערער, פאַר ערגערע — ווייניקער. ווילסטו נישט האָבן קיין ערד אין דיין באַזיץ, וועסטו גאָרנישט צאָלן, און דעם שטייער אויף די קהלישע נויטן וועט פאַר דיר צאָלן דער, וועלכער באַזיצט די ערד.

— דאָס איז ריכטיק, — האָט דער מוליער געזאָגט, באַוועגנדיק מיט די ברעמען, — ווער עס האָט בעסערע ערד, דאַרף מערער צאָלן.

— אַ קאָפּ־מענטש געווען אָט דער זשאָרזשע, — האָט געזאָגט דער שטאַטלעכער אַלטער מיט די לאָקן.

— אַבי דאָס געצאָלט זאָל זיין נישט איבער די כוחות, — האָט דער הויכער געזאָגט מיט זיין באַס; ער האָט קענטיק שוין פאַרשטאַנען, וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך.

— און דאָס געצאָלט דאַרף זיין אַזאַ, אַז עס זאָל זיין נישט טייער און נישט ביליק. אויב טייער, וועט מען נישט אויסצאָלן און ס'וועלן זיין היזקות, און אויב ביליק — וועלן אַלע נעמען קויפן איינער באַ דעם אַנדערן, מ'וועט האַנדלען מיט ערד. איז אָט דאָס טאַקע האָב איך געוואָלט מאַכן באַ אייך.

— דאָס איז ריכטיק, דאָס איז אמת. נו, איז וואָס, דאָס מאַכט נישט אויס, — האָבן די פּויערים געזאָגט.

— איי אַ קאָפּ-מענטש, -- האָט דער ברייטער אַלטער מיט די לאָקן איבערגעזאָגט, — דער זשאַרזשע האָט עס צוגעטראַכט אַ ביסל!

— נו, און ווי איז, אַז איך וועל וועלן נעמען אַ חלק? — האָט דער פּאַרוואַלטער געזאָגט שמייכלענדיק.

— אויב ס'איז פאַראַן אַ פריי חלק, נעמט און באַאַרבעט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— צוואָס דאַרפסטו עס האָבן? דו ביסט סיי ווי זאַט, — האָט געזאָגט דער אַלטער מיט די לאַכנדיקע אויגן.

דערויף האָט זיך די באַראַטונג געענדיקט.

נעכליודאָוו האָט איבערגעחזרט זיין פאַרשלאַג, האָט אָבער נישט געפאָדערט אַן ענטפער תּיכּף-ומיד, נאָר האָט געעצהט זיך מיישב צו זיין מיט דער געמיינדע אין דאַן קומען און געבן אים אַ תּשובה. די פּויערים האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן איבעררעדן מיט דער געמיינדע און וועלן געבן אַ תּשובה און, אַפּגעזעגנט זיך, זענען זיי אַוועק אין אַן אויפגערו-דערטן צושטאַנד. איבער דעם וועג האָבן זיך געהערט זייערע הויכע אַלץ מער דערוויטערטע רייד. און ביז שפּעטן אָוונט האָבן געזשומעט זייערע שטימען און זיך צעטראָגן איבערן טייך פון יענער זייט דאָרף.

אויף מאָרגן האָבן די פּויערים נישט געאַרבעט, נאָר באַטראַכט דעם פּריצס פאָרשלאַג. די געמיינדע האָט זיך צעטיילט אויף צוויי צדדים: איין צד האָט דעם פּריצס פאָרשלאַג געהאַלטן פאַר גינסטיק און אומשעד-לעך, דער אַנדערער האָט דערין געזען אַ שפּיצל, וואָס זיין תּוך האָבן זיי נישט געקאָנט פאַרשטיין און דערפאַר נאָך מער מורא געהאַט. אויפן דריטן טאָג האָבן פונדעסטוועגן אַלע מסכּים געווען אָנצונעמען די פאָרגע-לייגטע באַדינגונגען און זענען געקומען צו נעכליודאָוון מיטטיילן דעם

באַשלוס פון דער גאַנצער געמיינדע. אויף דערדאָזיקער הסכּמה האָט געהאַט אַ ווירקונג דאָס, וואָס איינע אַ זקנה האָט דעם פּריצס האַנדלונג דערקלערט דערמיט, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דער נשמה און האַנדלט אַזוי, כּדי זי אויסצולייטערן. דידאָזיקע דערקלערונג, וואָס אויך די זקנים האָבן זי אָנגענומען, האָט אינגאַנצן באַזייטיקט יעטוועדער מורא, אַז מ'נאַרט זיי אָפּ: די דערקלערונג איז אויך באַשטעטיקט געוואָרן דורך די גרויסע געלט-נדבות, וואָס נעכליודאָוו האָט געטיילט בשעת זיין פאַרווײלן אין פּאַנאָוואָ. דידאָזיקע נדבות, וואָס נעכליודאָוו האָט דאָ געטיילט, זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורכדעם, וואָס ער איז דאָ צום ערשטן מאָל געוווּיר געוואָרן די מדרגה פון אָרימקייט און שווערן לעבן, צו וועלכער די פּויערים זענען געקומען, און איבערראַשט פון דערדאָזיקער אָרימקייט, האָט ער, הגם געוווּסט, אַז ס'איז נישט קיין שכל, געמוזט געבן פון דעם געלט, וואָס ער האָט איצט געהאַט אַזוי פיל, וואָרים ער האָט עס באַקומען פאַר דעם וואַלד אין קוזמינסקאָיע, וואָס מ'האָט נאָך פאַראַיאָרן פאַרקויפט, און אויך האַנטגעלט פאַרן פאַרקויפן אינווענטאַר.

ווי נאָר מ'איז געוווּיר געוואָרן, אַז דער פּריץ גיט געלט ווער עס בעט נאָר, האָבן מחנות מענטשן, בפרט ווייבער, אָנגעהויבן צו קומען צו אים פון דער גאַנצער געגנט, בעטלענדיק שטיצע. ער האָט לחלוטין נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל טון מיט זיי, מיט וואָס ער זאָל זיך רעכענען באַם באַשיידן די פראַגע, וויפיל און וועמען צו געבן. ער האָט געפילט, אַז די אַלע בעטלער, וואָס זענען באַשיינפּערלעך געווען אָרים, נישט געבן קיין געלט, וואָס ער האָט אַ סך, טאָר מען נישט. אָבער צופעליק געבן די, וואָס בעטן, האָט נישט קיין זין.

דעם לעצטן טאָג פון זיין פאַרברענגען אין פּאַנאָוואָ איז נעכליודאָוו אַריין אין שטוב און זיך פאַרנומען מיט איבערקלייבן די זאַכן, וואָס זענען דאָרט איבערגעבליבן. איבערקלייבנדיק זיי, האָט ער אין דעם אונטערשטן שופלאַד פון דער מומעס אַלטער בייכיקער שיפאָניערקע פון רויט האָלץ מיט בראָנזענע רינגען אין די לייבנקעפּ געפונען אַ סך בריוו און צווישן זיינס אַ בילד, וואָס האָט פאָרגעשטעלט אַ גרופּע: סאָפיאַ איוואַנאָוונאַ, מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, ער אַליין אַלס סטודענט און קאַטיושאַ, אַ ריינע, אַ פרישע, אַ פריילעכע און אַ לעבנס-לוסטיקע. פון אַלע זאַכן, וואָס זענען געווען אין הויז, האָט נעכליודאָוו גענומען מער נישט די בריוו און דאָס בילד. אַלדאָס איבעריקע האָט ער איבערגעלאָזט דעם מילנער, וועלכער האָט פאַר אַ צענטהלק פּרייז, לויט דער השתדלות

פון דעם שמייכלענדיקן פאַרהאַלטער אָפּגעקויפט אויף אַראָפּצופירן דאָס הויז און דאָס גאַנצע מעבל פון פּאַנאַהאַ.

דערמאַנענדיק איצט זיין געפיל פון באַדויערן צום פאַרלירן דאָס אייגנטום, וועלכעס ער האָט איבערגעלעבט אין קוזמינסקאָיע, איז נעכליודאָוון געווען אַ חידוש, ווי אַזוי האָט ער געקאָנט האָבן אַזאַ געפיל; איצט האָט ער געפילט אַן אומאויפהערלעכע פרייד פון באַפרייונג און אַ געפיל פון נייקייט, ענלעך אויף דעם געפיל, וואָס עס דאַרף איבערלעבן אַ רייזנדער, וועלכער אַנטדעקט נייע לענדער.

X.

די שטאָט האָט דאָס מאָל באַזונדערס מאָדנע און ניי איבערראַשט נעכליודאָוון. ער איז געקומען פון וואָקזאַל אַהיים אין אָוונט, בײַ דער שיין פון לאַמטערנס. אין אַלע צימערן האָט נאָך געשמעקט מיט נאַפטאַלין, און אַגראַפענע פעטראָוונאַ מיט קאָרנייען האָבן ביידע געפילט זיך פאַרמאַטערט און אומצופרידן און האָבן זיך אפילו צעקריגט צוליב צוקלויבן די זאַכן, וואָס זייער געברויך איז, דאַכט זיך, באַשטאַנען בלויז אין דעם, אַז מ'זאָל זיי אויסהענגען, לופטערן און באַהאַלטן. נעכליודאָווס צימער איז געווען נישט פאַרנומען, אָבער נישט צוגעקליבן, און צוליב די קופערטס איז שווער געווען אַהינצו צוצוטרעטן, אַזוי אַז נעכליודאָווס קומען איז, ווייזט אויס, געווען אַ שטער פאַר יענע עסקים, וועלכע זענען צוליב עפּעס אַ מאָדנער איבערציע אָנגעגאַנגען אין דערדאָזיקער דירה. נאָך די איינדרוקן פון דער דאָרפישער דחקות איז דאָס אַלץ אויסגעקומען נעכליודאָוון אַזוי אומאָנגענעם, מיט דעם באַשיינפערלעכן אומזין דערפון, אַן אומזין, וועלכן ער האָט דאָך אַמאָל אַליין מיטגעמאַכט, אַז ער האָט באַשלאָסן שוין מאָרגן אַריבערצופאָרן אין אַ האָטעל, איבערלאָזן אַגראַפענאַ פעטראָוונען אויפצורוימען די זאַכן, ווי זי האָט עס געפונען פאַר נייטיק, ביז עס וועט קומען צו פאָרן די שוועסטער, וועלכע וועט שוין ענדגילטיק באַזאָרגן אַלץ, וואָס איז געווען אין דעם הויז.

אינדערפרי איז נעכליודאָוו אַרויס פון שטוב, זיך אויסגעקליבן אַ דירה פון צוויי נומערן נישט ווייט פון טורמע אין די ערשטע בעסטע

זייער באַשיידענע און שמוציקלעכע מעבלירטע צימערן, פאַראַרדנט, אַז מ׳זאָל אַהין איבערפירן די זאַכן, וואָס ער האָט אָפּגעקליבן אינדערהיים, און איז אַוועק צום אַדוואָקאַט.

דרויסן איז געווען קאַלט. נאָך די געוויטערס און רעגנס זענען צוגעפאַלן די קעלטן, וואָס קומען געוויינטלעך אָן פרילינגס-צייט. ס׳איז געווען אַזוי קאַלט און אַזאַ דורכדרינגענדיקער ווינט, אַז נעכליודאָוו איז דערפרוירן געוואָרן אין דעם לייכטן מאַנטל און איז געגאַנגען אַלץ גיכער, זיך צו דערוואַרעמען.

אין זיין זכרון זענען געווען די דאָרפישע מענטשן, ווייבער, קינדער, אַלטע לייט, אָרימקייט און איבערגעהאָרעוועטקייט, וואָס ער האָט עפּעס ווי דערזעען איצט צום ערשטן מאָל, איבערהויפּט דאָס שמייכלענדיקע עופּהלע, מיט דעם פּנים פון אַ זקן, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט די פיסלעך ווי שפּענדלעך, און ער האָט נישט ווילנדיק פאַרגליכן מיט זיי דאָס, וואָס איז געווען אין שטאָט. גייענדיק פאַרביי די קראָמען, די יאַטקעס, די פיש-האַלעס און די קליידער-געשעפטן, איז ער געווען איבעראַשט, — גלייך ווי ער וואָלט עס דערזעען צום ערשטן מאָל, מיט דער זאַטקייט פון אַזאַ גוזמא אַזעלכע ריינע און פעטע קרעמער, וואָס קיין איין מענטש אַזעלכער איז נישטאָ אין דאָרף. דידאָזיקע מענטשן זענען, ווייזט אויס, געווען פעסט איבערצייגט אין דעם, אַז זייערע באַמיונגען אָפּצונאַרן מענטשן, וואָס פאַרשטייען זיך נישט אויף זייער סחורה, איז נישט קיין פוסטע באַשעפטיקונג, נאָר דווקא זייער אַ נוצלעכע. אַזעלכע זאַטע זענען אויך געווען די קוטשערס מיט די משונה-גרויסע הינטנס און קנעפּ אויפן רוקן; אַזעלכע זאַטע זענען אויך די שווייצאַרן אין היטלען, באַנייט מיט גאַלאָנען, אַזעלכע — אויך די שטוב-מיידלעך אין די פאַרטוכער און לעקעלעך, — און בפרט די פורמאַנעס די „ליכאַטשעס״ מיט די אונטערגעגאָלטע פּאַטילניצעס, וועלכע זענען געזעסן צעלייגט אין זייערע דראָזשקעס, באַטראַכטנדיק די דורכגייער מיט ביטול און אויסגעלאַסנקייט. אין דידאָזיקע אַלע מענטשן האָט ער נישט ווילנדיק איצטער געזען די זעלביקע דאָרפישע מענטשן, וואָס מ׳האָט בא זיי אַוועקגענומען די ערד און דורך דעמדאָזיקן אַוועקנעמען צוגעטריבן זיי אין שטאָט אַריין. טייל פון דידאָזיקע מענטשן האָבן באַוויזן אויסצונוצן די שטאָטישע באַדינגונגען און געוואָרן אַזעלכע, ווי די האַרן, און זיך געפרייט מיט זייער לאַגע; די אַנדערע ווידער זענען אין שטאָט אַריי-

געפאַלן נאָך אין ערגערע באַדינגונגען ווי אין דאָרף און זענען געוועזן נאָך מער עלנט. אַזוי עלנט האָבן נעכליודאָוו אויסגעוויזן יענע שוסטערס, וואָס נעכליודאָוו האָט געזען אַרבעטן אין דעם פענצטער פון אַ קעלערשטוב; אַזוי זענען אויך געווען די דאַרע, צעשויבערטע וועשינס, וואָס האָבן מיט דאַרע אַנטבלויזטע הענט געפּרעסט פאַר די אָפענע פענצטער, פונוואַנען עס האָט געזעצט אַ זייפענער דאַמף. אַזוי זענען געווען צוויי פאַרבער, וואָס נעכליודאָוו האָט אָנגעגעגנט, אין פאַרטוכער און כאַדאַקעס אויף די באָרוועסע פיס, פון קאָפּ ביז די פּיאַטעס אויסגעשמירט אין פאַרב, אין די אַריבער די עלנבויגנס פאַרקאַשערטע אָפּגעבערענטע, אָדערדיקע שוואַכע הענט האָבן זיי געטראָגן אַן עמער פאַרב און זיך געהאַלטן אין איין זידלען. די פּנימער זענען געווען אויסגעמאַטערטע און בייזע. פּונקט אַזאַ אויסזעען האָבן אויך געהאַט די פאַרשטויבטע שוואַרצע פּנימער פון די באַלעגאָלעס, וואָס האָבן זיך געטרייסלט אויף זייערע קאַרעס. פּונקט אַזעלכע פּנימער האָבן אויך געהאַט די אָפּגעריסענע פאַרשוואָלענע מענער און פרויען מיט קינדער, וועלכע זענען געשטאַנען אויף די ראָגן גאַס און געבעטלט. אַזעלכע פּנימער האָט מען אויך געזען אין די אָפענע פענצטער פון שענקען, וואָס נעכליודאָוו איז אויסגעקומען פאַרבייצוגיין. בײַ די שמוציקע, מיט פלעשלעך און טיי-געשיר באַשטעלטע טישלעך, צווישן וועלכע עס האָבן וויגנדיק זיך אַרומגעפּאַרעט ווייסע קעלנער, זענען געזעסן שווייסיקע צעפלאַמטע מענטשן מיט צעדולטע פּנימער און געשריגן און געזונגען. איינער איז געזעסן בײַם פענצטער, אויפהייבנדיק די ברעמען, און אַרויסגעשטעלט די ליפּן, געקוקט שטאַר, גלייך ווי ער האָט זיך באַמיט עפּעס צו דערמאַנען.

„און נאָך וואָס האָבן זיי זיך דאָ אַלע צונויפגעקליבן?" האָט נעכליודאָוו געטראַכט, נישט-ווילנדיק איינעטעמענדיק דעם אומעטום פאַרשפּרייטן ריח פון ביטערן אייל פון דער פרישער פאַרב, צוזאַמען מיטן שטויב, וואָס דער קאַלטער ווינט האָט אויף אים אָנגעטראָגן.

אויף אַ גאַס ערגעץ האָט אים אָנגעיאָגט אַן אָבאָז פון קאַרעס, וועלכע האָבן געפירט אייזנוואַרג און אַזוי שרעקלעך געדונערט איבער דעם אומגלייכן ברוק מיט זייער אייזן, אַז די אויערן און דער קאָפּ האָבן אים גענומען ווי טון. ער האָט פאַרגיכערט די טריט, כדי אַריבערצויאָגן דעם אָבאָז, ערשט פון הינטער דעם געדונדער פון דעם אייזנוואַרג האָט ער דערהערט, ווי מ'רופט אים. ער איז שטיין געבליבן און אַ ביסל

פאַרויס פאַר זיך האָט ער דערזעען אַ מיליטערמאַן מיט שאַרפשפּיציקע צוגויפגעקלעפּטע וואָנסעס, מיט אַ שיינענדיק גלאַנציק פּנים. וועלכער איז געזעסן אויף אַ דראָזשקע פון אַ „ליכאַטש“, אים גריסנדיק געמאַכט מיט דער האַנט, אַנטפּלעקנדיק דורך אַ שמייכל די אויסערגעוויינלעך ווייסע ציין.

— נעכליודאָוו! דאָס ביסטו?

דאָס ערשטע געפיל נעכליודאָווס איז געווען פאַרגעניגן.

— אַ! שענבאָק, — האָט ער מיט פרייד אַרויסגערעדט, אָבער גלייך האָט ער פאַרשטאַנען, אַז צו פרייען זיך איז נישטאָ פון וואָס.

דאָס איז געווען דערזעלביקער שענבאָק, וועלכער איז דעמאָלט פאַרפאָרן צו די מומעס. נעכליודאָוו האָט אים שוין לאַנג פאַרלוירן פון אויג, האָט אָבער געהערט וועגן אים, אַז טראָץ זיינע חובות האָט ער נאָכן פאַרלאָזן דאָס פּאָלק, בלייבנדיק אין רעזערוו בּאַ דער קאַוואַלעריע, ווי עס איז בּאַ געוויסע מיטלען נאָך אַלץ זיך געהאַלטן אין דער וועלט פון רייכע מענטשן. דאָס צופרידענע, פרײלעכע אויסזעען האָט עס באַשטעטיקט.

— איי, גוט, וואָס איך האָב דיך געכאַפּט! ס'איז דאָך גאָר קיינער אין שטאָט נישטאָ. נו, ברודער, ביסט נישקשהדיק אַלט געוואָרן, — האָט ער געזאָגט, אַרויסגייענדיק פון דער דראָזשקע און אויסגלייכנדיק די אַקסלען. איך האָב דיך דערקענט נאָר אָן דיין גאַנג. אַלזאָ, עסן מיר צוזאַמען מיטאָג? ווו גיט מען דאָ בּאַ אייך רעכט אָפּצועסן?

— איך ווייס נישט, צי איך וועל האָבן צייט, — האָט נעכליודאָוו געענטפערט, טראַכטנדיק בלויז וועגן דעם, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דעם חבר, אים נישט צו באַליידיקן.

— וואָס טוסטו דען דאָ? האָט ער געפרעגט.

— געשעפטן, ברודער. אַפּוטרופּסישע געשעפטן. איך בין דאָך אַן אַפּוטרופּוס. פאַרוואַלטער פון סאַמאַנאָווס געשעפטן, ווייסט דאָך, דעם גביר. ער איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַ פאַרשווענדער, פאַרמאָגט איבער 54 טויזנט דעסיאַטינעס ערד, — האָט ער געזאָגט עפּעס מיט אַ באַזונ־דערן שטאָלץ, גלייך ווי ער אַליין האָט געמאַכט די אַלע דעסיאַטינעס. — די געשעפטן זענען געווען אָפּגעלאָזט אַ גרויל. די גאַנצע ערד איז געווען בּאַ די פּויערים. זיי האָבן גאָרנישט געצאָלט, פאַרלעגענע שטייערן איז געווען איבער 80 טויזנט. איך האָב פאַר איין יאָר צייט אַלץ געענדערט

און געגעבן דער אפוטרופוס אויף 70 פראָצ. מער. נישקשה, הא ? — האָט ער שטאָלץ געפרעגט.

נעכליודאָוו האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געהערט, אַז דערדאַ־זיקער שענבאָק איז דווקא דערפאַר, וואָס ער האָט פארלעבט זיין גאַנץ פארמעגן און אָנגעמאַכט אַן אַ שיער חובות, באַשטימט געוואָרן אַ דאַנק עפּעס אַ ספּעציעלער פראָטעקציע אַלס אפּוטרופּוס איבער דעם פאַרמעגן פון אַן אַלטן גביר, וועלכער האָט אויך פאַרשווענדט זיין פאַרמעגן, און איצט האָט ער קענטיק געלעבט פון דערדאָזיקער אפּוטרופּסות.

„ווי ווערט מען פטור פון אים, נישט צו באַליידיקן אים ?" האָט נעכליודאָוו געטראַכט, קוקנדיק אויף זיין גלאַנציק פולן פּנים מיט די אָנגעפּיקסאָטוירטע וואָנסעס און הערנדיק זיין גוטמוטיק־חברישע פּלוידעריי וועגן דעם, ווו מ'גיט רעכט אָפּצועסן, און די באַרימעריי וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט איינגעאָרדנט די אפּוטרופּסישע געשעפטן.

— איז, אַלזאָ, וווּ עסן מיר היינט מיטאָג ?

— איך האָב דאָך קיין צייט נישט, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט, אַ קוק געבנדיק אויפן זייגער.

— איז, אַלזאָ, הער. היינט אָוונט איז פערד־אויסשטעלונג. דו וועסט זיין ?

— ניין, איך וועל נישט זיין.

— קום צו פאָרן. קיין אייגענע פערד האָב איך שוין נישט. אָבער איך שטעל אויף גרישינס פערד. געדענקסט — ער האָט אַ גוטע פערד־שטאַל. איז, אַלזאָ, קום צו פאָרן, וועלן מיר עסן אָוונטברויט.

— איך קאָן אויך אָוונטברויט אויך נישט קומען, — האָט נעכליו־דאָוו שמייכלענדיק געזאָגט.

— וואָס איז דאָס אַזוינס ? וווהין גייסטו איצט ? ווילסט — וועל איך דיך צופירן.

— איך גיי צו אַן אַדוואָקאַט. ער וווינט דאָ דערביי הינטערן ראָג, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— יאָ, וואָס טוסטו עפּעס אין די טורמעס ? ביסט געוואָרן אַ טורמע־שתדלן ? די קאָרטשאַגינס האָבן מיר געזאָגט, — האָט שענבאָק לאַכנדיק אָנגעהויבן. — זיי זענען שוין אָוועקגעפאָרן. וואָס איז געשען ? דערצייל !

— יאָ, יאָ, דאָס איז אַלץ אמת, — האָט נעכליודאָוו געענטפערט, — אָבער אויף דער גאַס שטעלן זיך דערציילן.

— נו יאָ, נו יאָ, ביסט דאָך אַלעמאָל געווען אַן אָריגינאַל. איז וועסטו קומען אויף די פערד-יאָגענישן?

— ניין, נישט איך קאָן, נישט איך וויל. זיי נאָר נישט אין כעס, איך בעט דיך.

— נאָך אין כעס ווערן? ווו שטייסטו איין? — האָט ער געפרעגט, און פּלוצלינג איז זיין פּנים געוואָרן ערנסט. די אויגן זענען שטיין געבליבן, די ברעמען האָבן זיך אויפגעהויבן. ער האָט, ווייזט אויס, עפּעס געוואָלט זיך דערמאָנען, און נעכליודאָוו האָט אויף אים דערזען פּונקט אַזאַ טעמפּן אויסדרוק, ווי בײַ יענעם מענטש מיט די אויפגעהויבענע ברעמען און אויסגעשטאַרצטע ליפּן, וואָס האָט אים איבערראַשט אין דעם פענצטער פון שענק.

— נו, אַ קעלט אַ ביסל! האַ?

— יאָ, יאָ!

— האָסט די פּעקלעך? — האָט ער זיך געווענדט צו דעם פורמאַן.

— נו, איז אַ גוטן דיר! כ'בין זייער, זייער צופרידן, וואָס איך האָב דיך באַגעגנט, — האָט ער געזאָגט, און שטאַרק אַ דריק געטון נעכליודאָוון די האַנט, איז ער אַריינגעשפּרונגען אין דער דראָזשקע, פאָכענדיק פאַרביי דעם גלאַנציקן פּנים מיט דער ברייטער האַנט אין דער נייער זייער שיינער הענטשקע, און שמייכלענדיק אויף זיין געוויינטן שטייגער מיט זיינע אויסערגעוויינלעך ווייסע ציין.

„צי דען בין איך אויך געווען אַזעלכער? — האָט נעכליודאָוו געטראַכט, גייענדיק ווייטער זיין וועג צום אַדוואָקאַט. — יאָ, הגם נישט איגגאַנצן אַזעלכער. האָב אָבער געוואָלט זיין אַזאַ און האָב געמיינט, אַז אַזוי וועל איך אָפּלעבן אַ לעבן".